DAVID AND SYLVIA STEINER YIZKOR BOOK COLLECTION

STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 13969

Rubiazhėvichy Memorial Book

Sefer Rubiz'evits', Derevnah, ṿeha-sevivah

THE NEW YORK PUBLIC LIBRARY – NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
YIZKOR BOOK PROJECT

NEW YORK, NEW YORK AND AMHERST, MASSACHUSETTS

•

MAJOR FUNDING FOR THE
YIZKOR BOOK PROJECT WAS PROVIDED BY:
Harry and Lillian Freedman Fund
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
David and Barbara Margulies
The Nash Family Foundation
Harris Rosen
David and Sylvia Steiner
Ruth Taubman

•

Original publication data

TITLE	Sefer Rubiz'evits', Derevnah, veha-sevivah / [ha-'orekh, David Shtokfish].
IMPRINT	880-04 Tel Aviv : Arzi, 1968.
DESCRIPT	423 p. : ill., facsims., maps, ports. ; 25 cm.
SUBJECT	Jews -- Belarus -- Rubi͡azhevichy. Rubi͡azhevichy (Belarus) -- Ethnic relations. Holocaust, Jewish (1939-1945) -- Belarus -- Rubi͡azhevichy.
ADD'L NAME	Sztokfisz, David.
ADD'L TITLE	Yizker-bukh Rubizshevitsh, Derevne un svive

THIS BOOK MEETS A.N.S.I. STANDARDS FOR
PAPER PERMANENCE AND LIBRARY BINDING.

PRINTED IN THE U.S.A.

ספר רוביז'ביץ',
דרבנה והסביבה

יזכור־בוך רוביזשעוויטש, דערעוונע און סביבה

ספר רוביז'ביץ', דרבנה והסביבה

RUBIEŻEWICZE AND SURROUNDINGS BOOK

העורך : רעדאַקטאָר :

דוד שטוקפיש

Printed in Israel

נדפס בישראל, 1968

דפוס „ארזי" — תל־אביב

הקדמה

מה שאירע לעם היהודי בארצות אירופה בימי מלחמת העולם השנייה, אין דוגמתו בתולדות העמים. עם תום המלחמה, נחשפו פצעינו ונחלי דם ניגר מהם. עת כל העמים חגגו את נצחונם הגדול על החיה הנאצית האכז־רית והשמחה שטפה זקן ונער בכל אתר ואתר שהשתחררו מקלגסי הרוצחים הגרמניים — אפף אבל ויגון מאין כמוהו את בית ישראל כולו. קול נהי ובכי בקע מכל בית יהודי. העם הוצמת ועלה בעשן כבשני המוות. תפארת האדם, פאר היהדות — אבדה ונמחקה מעל פני הארץ ולא נשאר מהם תקומה על אדמת הנכר שספגה ורוותה דם קדושים וטהורים.

נותרו אך אודים מוצלים מאש, בודדים — אחד משבט ושניים ממשפחה. יתומים, אלמנות ואלמנים, בלי בית ובלי מחסה. אז החלה שארית הפליטה לחתור בכל כוחותיה לארץ־ישראל — לחוף מבטחים. כל אחד מהם נשא בלבו בית־קברות משלו, בו חרותים דמויותיהם של יקיריו־יחידיו שאין תנחומים ליגונם וצערם. איש־איש וקינתו ובכיו על אבידות בנפש, על אשר ראו עיניו, ואשר חזה מבשרו. אכן, ניצלו ממוות — אך בכל אשר יפנו, ביום ובליל, לא ימושו מעיניהם מחזות הזוועה, הרצח, האכזריות וההתעללות של הרוצחים הנאציים בבני־ביתם ועמם. והם עמדו חסרי ישע וחסרי אונים להצילם.

ימים חלפו, שנים נקפו ושארית הפליטה החלה להתאושש אט־אט. שוב הקימו בית ומשפחה ואף שורשים היכו במולדתם העתיקה־החדשה — ישראל. אך זכרון ימי האימים לא מש מנגד עיניהם. אז נולד בקרבם הרצון והכורח להנציח למענם ולמען בניהם אחריהם, כל אשר עבר עליהם ועל אבותיהם על אדמת הגויים בימי הזוועה והאימים של שלטון הנאצים.

חובה מצפונית ולאומית זו — לרשום לזכרון נצח את זכר קהילת רוביז'ביץ' והסביבה, רבצה עלינו מאז תום המלחמה, אך מנייננו היה דל והאמצעים שעמדו לרשותנו היו מצומצמים ביותר, מכדי שנוכל לבצע את המשימה הזאת. למטרה זו באנו בדברים עם יוצאי העיירה בכל ארצות פזוריהם ובישראל, וקראנום לעזור לנו למלא מצווה וחובה לקדושינו הנספים, להנציח את חייהם ואת מותם ולספר לבנינו אחרינו כל אשר קרה לאבותיהם בימי השואה.

דרכנו במילוי מצווה ומשימה זו לא היתה קלה. לא מעט ספיקות כירסמו בנו ועל מכשולים רבים צריך היה להתגבר. במשך חמש שנים רתו־מים היינו בעול משימתנו ובמשך כל השנים הללו לא חדלנו לפנות ולבקש

את בני עירנו לספק לנו מאמרים, רשימות, זכרונות, תמונות וכן תרומות כספיות למען הגשם מטרתנו זו. ואפילו שהספר היה כבר תחת מכבש הדפוס — מיאנו עוד להאמין, כי אכן הגשמנו את משימתנו.

*

רב־פנים הוא הספר: הועלו בו פרקי זכרונות על חיי אבותינו בדורות עברו, דפי גבורה וענות של יחידים וקבוצות בימי השואה, דמויות מבני העיירה, רשימות קצרות על מוסדות ואירגונים שונים — חיי קהילת יהודים במשך דורות, עד אשר עלה עליה הכורת. רבים מדפיו כתובים בעצב, דמעות ודם...

משימתנו הוגשמה הודות לעזרתם ועידודם של בני עיירתנו בארץ ובגולה — ועל כך יבואו על התודה והברכה.

הוקרתנו ותודתנו נתונה בזה לעורך הספר מר **דוד שטוקפיש** על עמלו הרב בעריכת הספר ועל הרוח החברית שליוותה אותו בעיצוב והוצאת ספר זכרון זה. וכן שלוחה תודתנו למר **נחמן ברמן**, איש גריאן, על ציוריו ועיטוריו לספר זה ולדפוס „ארזי" ועובדיו, על שהוציאו מתחת ידם מלאכה נאה בצורת ספר זה. וכן נתונה תודתנו לצינקוגרפיה „הר־ציון" בעד הכנת הגלו־פות לשביעת רצוננו.

ואחרון אחרון חביב — תודה וברכה לגב' **גיסיה פאלייס**, שלא ידעה לאות בהמריצה אותנו להנציח זכר עיירתנו ואשר ביזמתה הוקמה המצבה במרתף השואה בהר־ציון לקדושי קהילתנו. והיא היא הרוח החיה באירגון ערבי־זכרון השנתיים לקהילתנו ובהקמת אירגון בני עיירתנו, שבעזרתו הוצא „ספר יזכור" זה לאור.

ועד הספר

תל־אביב, דצמבר 1968

פאָרוואָרט

דאָס וואָס האָט פּאַסירט מיטן יידישן פאָלק אין אייראָפּע בעת דער צווייטער וועלט־מלחמה, האָט ניט קיין ביישפּיל אין דער געשיכטע פון פעלקער. מיטן ענדיקן די קריג, האָבן זיך אַנטבלויזט אונדזערע בלוטיקע ווונדן. בעת אַלע פעלקער האָבן געפייערט זייער גרויסן נצחון איבער דער אכזריותדיקער נאַצישער בעסטיע און די פרייד האָט באַהערשט יונג און אַלט אומעטום, ווו מ׳איז פּטור געוואָרן די נאַצישע געשפּענסט — האָט טרויער און צער באַהערשט דאָס גאַנצע יידישע פאָלק. פון יעדער יידישער היים האָט זיך געהערט אַ קרעכץ און געוויין. דאָס פאָלק איז אומגעקומען אין די קרעמאַטאָריעס. די פּראַכט פונעם מענטש, דער שטאָלץ פונעם יידנטום — איז אַוועקגעקומען, איז אָפּגעווישט געוואָרן פון דער ערד. ניט געבליבן פון זיי קיין תקומה אויף פרעמדער ערד, וועלכע האָט אין זיך איינגעזאַפּט און געוואָרן דורכגעווייקט מיטן בלוט פון די קדושים און טהורים.

געבליבן זענען נאָר איינצלנע האַלאָוועשקעס פונעם פייער, איינזאַמע — איינער פון אַ שבט, צוויי פון אַ משפּחה. יתומים, אלמנות און אלמנס, אָן אַ היים, אָן שוץ. האָט די שארית הפּליטה אָנגעהויבן מיט אַלע כוחות זיך רייסן קיין ארץ־ישראל — צו אַ זיכערן ברעג. יעדער איינער האָט אין האַרצן געטראָגן אַ בית־הקברות, מיט איינגעקריצטע געשטאַלטן פון די טייערסטע, פאַר וועלכע ס׳איז ניטאָ קיין טרייסט אין זייער פּיין און טרויער. יעדער מיט זיינע קנות און טרערן פאַר די פאַרלוסטן, פאַר דעם וואָס זיינע אויגן האָבן געזען און וואָס ער גופא האָט איבערגעלעבט. יאָ, זיי זענען ניצול געוואָרן פון טויט — אָבער ווו זיי זאָלן זיך ניט ווענדן, בייטאָג און ביינאַכט, זענען פון זייערע אויגן ניט פאַרשוווּנדן די גרויל־בילדער פון מאָרד, אכזריות און דאָס איזדעקעווען זיך פון די נאַצישע מערדער איבער זייערע נאָענטע און דעם גאַנצן פאָלק, בעת זיי זענען געווען הילפלאָז און מאַכטלאָז צו העלפן.

טעג זענען פאָריבער, יאָרן זענען פאַרגאַנגען און די שארית־הפּליטה האָט ביסלעכווייז אָנגעהויבן קומען צו זיך. מ׳האָט ווידער אויפגעשטעלט אַ היים און אַ משפּחה און אפילו געשלאָגן וואָרצלען אין דעם אַלט־נייעם פאָטערלאַנד — מדינת ישראל. אָבער די זכרונות פון יענע שרעקלעכע טעג זענען תמיד געשטאַנען פאַר די אויגן. דעמאָלט איז געבוירן געוואָרן דער געדאַנק און נויטווענדיקייט צו פאַרייביקן — פאַר זיך און פאַר די צוקונפטיקע דורות — אַלץ וואָס זיי און זייערע עלטערן האָבן דורכגעמאַכט אויף דער ערד פון פרעמדע פעלקער אין די טעג פון דער נאַצישער גרויל־הערשאַפט.

דעם דאָזיקן נאַציאָנאַלן און מאָראַלישן חוב — צו פאַרייביקן דעם אָנדענק פון רוביזשעוויטש און די אַרומיקע שטעטלעך — האָט אונדז ניט געלאָזט רוען זינט דעם ענדיקן די מלחמה, נאָר אונדזערע מיטלען און כוחות זענען געווען צו אָרעם אויף צו פאַרווירקלעכן אַזאַ אויפגאַבע. דערפאַר האָבן

מיר זיך פאַרבונדן מיט אונדזערע שטעטישע אין אַלע לענדער און אין ישראל, גערופן זיי העלפן פאַרייביקן אונדזערע קדושים און דערציילן קינדס־קינדער דאָס אַלץ וואָס האָט געטראָפן אין דער תקופה פון חורבן.

אונדזער וועג צו רעאַליזירן די דאָזיקע אויפגאַבע איז ניט געווען קיין לייכטער. ניט ווייניק ספיקות האָבן אונדז באַהערשט און מ׳האָט באַדאַרפט בייקומען אַ סך שטרויכלונגען. אין משך פון פינף יאָר זענען מיר געווען איינגעשפּאַנט אין דער אויפגאַבע, געטראָגן דעם עול און פאַר דער גאַנצער צייט ניט אויפגעהערט ווענדן זיך און בעטן ביי אונדזערע לאַנדסלייט זיי זאָלן צושטעלן פאַרן בוך אַרטיקלען, זכרונות, פאַרצייכענונגען, בילדער און אויך... געלט, כדי צו פאַרווירקלעכן דעם ציל.

אַלזייטיק איז אונדזער ספר : עס זענען אין אים אַרויסגעברענגט געוואָרן זכרונות וועגן לעבן פון אונדזערע עלטערן און די פאַרגאַנגענע דורות, בלעטער פון גבורה און פּיין פון יחידים און גרופן אין די טעג פון אומקום, געשטאַלטן פון די שטעטלעך, קורצע אָפּהאַנדלונגען וועגן אינסטיטוציעס און פאַרשי־דענע אָרגאַניזאַציעס — אַ יידיש קהילה־לעבן אין משך פון דורות, ביז אַלץ איז פאַרשניטן געוואָרן. פיל בלעטער זענען געשריבן געוואָרן אין טרויער, מיט טרערן און בלוט...

אונדזער אויפגאַבע איז רעאַליזירט געוואָרן. אַ דאַנק דער הילף און דערמוטיקונג פון די לאַנדסלייט אין לאַנד און אין די תפוצות — און דערפאַר אונדזער דאַנק און ברכה — זיי.

אנערקענונג און דאַנק קומט דעם רעדאַקטאָר פון בוך, ה׳ דוד שטאָק־פיש פאַר זיין גרויסער מי ביים צונויפשטעלן און רעדאַגירן דעם מאַטעריאַל און פאַר דעם חברישן צוגאַנג וואָס האָט אים באַגלייט ביים אויספאָרמירן און אַרויסגעבן אונדזער ספר יזכור. מיר דאַנקען אויך אונדזער לאַנדסמאַן, ה׳ נחמן בערמאַן פון גראַן, פאַר זיינע צייכענונגען פאַרן בוך, און אויך די אייגנטימער און אַרבעטער פון דער דרוקעריי ,,ארזי״ פאַר דער שיינער אַרבעט וועלכע זיי האָבן אַריינגעלייגט אינעם ספר. אַ דאַנק אויך דער צינקאָגראַפיע ,,הר־ציון״ פאַרן צוגרייטן די קלישעס.

און אחרון אחרון חביב — אונדזער דאַנק דער פרוי גיסא פּאַלייעס, וועלכע האָט ניט געוווּסט קיין אָפּהאַלט אין דערמוטיקן אונדז צו פאַרייביקן דעם אָנדענק פון אונדזער שטעטל און די סביבה און וואָס אַ דאַנק איר איניציאַטיוו איז אין ,,מרתף השואה״ אין ירושלים אויפגעשטעלט געוואָרן די מצבה פאַר אונדזערע קדושים. זי איז עס געווען דער לעבעדיקער גייסט ביים צוגרייטן די יערלעכע אזכרה־אָוונטן און אינעם אויפשטעלן אונדזער לאַנדסמאַנשאַפט אין ישראל, מיט וועמענס הילף דער ספר האָט דערזען די ליכטיקע שיין.

בוך־קאָמיטעט

תל־אביב, דעצעמבער 1968 (טבת תשכ״ט)

תוכן הספר / אינהאַלט פון בוך

א. העיירה עד ספטמבר 1939 / דאָס שטעטל ביז סעפּטעמבער 1939


ב. מדמויותיה / פון אירע געשטאַלטן


בהגנת המולדת / אין פאַרטיידיקונג פון פאָטערלאַנד

ג. הסביבה : דרבנה, וולמה, גראן / די סביבה : דרעוונע, וואַלמע, גראן

ד. השואה והמאבק / אומקום און קאַמף

ה. דפי־זכרון / געדענק־בלעטער



קבר אחים
רח' סטולפצי
ב"ס עממי פולני
הגמינה
בית הסוהר
כנסיה קטולית
טחנת קמח


יער אושיפוביץ
בית מטבחיים
בית הקברות
משמר הגבול
כנסיה קתולית
השוק
באר
באר
בית הכנסת
בית המדרש
בית המרחץ
כפר זרצויה
מז.
מע.
צ.
ד.
ת רוביזביץ
שרטוט לפי זכרון של פורטא.
ע"י נחמן ברמן

א

העיירה עד ספטמבר 1939

דאס שטעטל ביז סעפטעמבער 1939



מאַפּע פון רוביזשעוויטשער קרייז

מפת מחוז רוביז'ביץ'

תולדות רוביז'ביץ' RUBIEŻEWICZE

שמעון אושרוביץ' / רמת־גן

העיירה רוביז'ביץ' בנויה היתה על רכס מאורך של גבעה ומשני צדדיה זרמו נהרות: ממערב — הסולה וממזרח העיירה — פאראקול. במרחק־מה מהעיירה התאחדו שני הנהרות וזרמו כנהר אחד עד לנימאן.

העיירה נמצאת במרחק 58 ק"מ ממינסק, 18 ק"מ מתחנת הרכבת ניעגורילויה ו־20 ק"מ מקוידאנוב. הסביבה יפה היתה, מלאת גבעות ויערות ועשירה במים חיים.

בסביבת מינסק ישב השבט הסלבי — קריביצי. לשבט זה היו 3 נסיכויות: דרוצק ויטבסק ומינסק. הליטאים ניהלו מלחמות עם נסיכויות אלה וניסו לכבוש אותן ואת אדמת בילורוסיה.

במחציתה הראשונה של המאה ה־13, נמשך הגבול של ליטה דאז בקו ישר כמעט מסביבות בראסט־נובוגרודאק־מינסק לכיוון פסקוב. מצידו השני של גבול זה, על אדמת אזור מינסק, נמצא הגבול הסלאבי, (Słowianske Rubieży—Kresy) ולארכו נבנו ביצורי גבול, כדי לשמור נגד פלישת הליטאים.

רוביז'ביץ' היתה ללא ספק מבצר גבול נכבד (Gród Pograniczny). על כך מעידים הגבעה הגבוהה על מדרונותיה התלולים, עליה בנויה היתה העיירה ושני הנהרות אשר הפכוה למבצר גבול חזק — לפי המושגים של התקופה ההיא. נראה, שגם קרבות התנהלו מסביב למבצר זה ועדות לכך — שלדי האדם הרבים שהתגלו כל אימת שהיו חופרים באדמה.

הפלישה הטאטרית לרוסיה הקלה על ליטה בכבוש בילורוסיה.

לאחר השתלטותה על בילורוסיה, כשגבולות ליטה הועברו מזרחה, איבדו ביצורי הגבול הנ"ל את ערכם הצבאי וכך נשארה רוביז'ביץ' חלק מנסיכות ליטה, ונכללה ביחידה האדמיניסטרטיבית הקוידאנובית.

ב־1548 הוכתר זיגמונט אוגוסט למלך פולין ולנסיך ליטה (מלך זה היה אוהד יהודים, הגן עליהם מעלילות דם ונתן ליהודי פולין את הזכות לבחור ברב או בשופט דתי. הוא החליף מכתבים גם עם דון יוסף נשיא).

בשנת 1550 מסר המלך את קוידאנוב ורוביז'ביץ' למתנת עולם לנסיך מיקולאי ראדז'יביל־רודי (אשתו של המלך זיגמונט אוגוסט, שמתה בצעירותיה, היתה ממשפחת ראדז'יביל — ומכאן החסד שנטה לראדז'יבילים).

ב־1652 הסתבך הנסיך בוגוסלב ראדזי'ביל בחובות ומישכן את רוביז'ביץ' לחורונז'י פאקאשיב, תמורת 92.000 זהובים.

בתחילת המאה ה־18 מישכן שוב הנסיך האַרונים פלוריאן ראדז׳יביל, את העיירה לסטפן אובורסקי ולאשתו הלנה דומוסלאבסקה, תמורת 40,000 זהובים.

אובורסקי הנ״ל מסר ב־1736 את העיירה בחכירה במחיר של 4,000 זהובים לשנה. לא ידוע מי היה החוכר ואפשר רק להניח, שהיה זה יהודי, כיוון שממשלת פולין עודדה את התיישבותם של אלמנטים ידידותיים, היינו פולנים ויהודים — בבילורוסיה, כדי שיהוו כעין מחסום נגד שאיפתה של רוסיה להתפשט ולהשתלט על בילורוסיה.

בשנת 1761 נתן הנסיך מיכאל ריבנקה את רוביז׳ביץ׳ כמתנת נישואין לבתו החורגת טאופיליה רדז׳יביל, שנישאה לסטאניסלאב ברוסטובסקי.

לזוג היה ברוביז׳ביץ׳ בית מפואר והם היו באים לעיירה לעתים קרובות ושהו בה תקופות ארוכות. יש לשער, שביתם לא היה בעיירה עצמה, אלא מחוצה לה וישנה השערה שביתם נמצא כחצי ק״מ מהעיירה, במקום שנמצאת עתה האחוזה של וויצאכוביץ׳ (בסוף המאה ה־19 גר שם קצין רוסי בשם סרגייאֶב). לא רחוק מהאחוזה, על הגבעה, נמצאות כמה מצבות־אבן מכוסות אזוב ועליהן חקוקים צלב ואותיות שחוקות, שאינן ניתנות כבר לקריאה.

גם משפחת ברוסטובסקי הסתבכה בחובות ומישכנה בשנת 1769 את העיירה לפרנצישק ראטינסקי, תמורת 1,550 דוקטים ו־30,455 זהובים. בינתיים מת ברוסטובסקי ואלמנתו (נישאה בשנית לפולקובניק רוסי בשם פאֶרזאֶן) לא עמדה בהתחייבותיותיה ולא יכלה לפדות את המשכנתא. הענין הגיע עד למלך פולין, שייעץ לצדדים להתפשר. לבסוף, בשנת 1775, הכיר בית המשפט בזכותו של רטינסקי לכפרים: זדאנוביץ, דולנא־רובשצינה, טרשצ׳ינה וזוהי. נוסף לכפרים הנ״ל, היתה לו הכנסה שנתית בסך 967 זהוב מהחכרת 6 פונדקים וטחנת־קמח ברוביז׳ביץ׳. מצב זה נמשך עד סוף המאה ה־18.

ב־1793 סופחה מינסק וסביבתה לרוסיה ואחד מקרובי משפחת ראדז׳יביל, לופטוב, שילם את החוב שרבץ על רוביז׳ביץ׳ והעיירה עם הכפרים עברו לרשותו. גם הוא הסתבך בחובות גדולים, הן למדינה והן לפרטים, והשלטון הרוסי מינה ב־1811 כאפוטרופוס על הרכוש, את קוזאקביץ, מודד מוסמך ממוז׳ירסק. הוא ניצל את מישרתו לרעה, נהג ביד קשה כלפי האיכרים, גבה מסים בלתי־חוקיים ולקח שוחד.

בשנת 1814 הוקמה ועדה שחקרה בתלונות הללו וכתוצאה מכך פוטר קוזאקביץ. הכפרים הוחכרו תמורת 12,150 רובל בנייר, לרודולף פישצלה אך רוביז׳ביץ׳ עצמה, נשארה ברשותה של הנסיכה סטפאניה רדזיביל, אשר לבסוף מכרה את העיירה לנסיך ויטגנשטיין.

במחצית המאה ה־19 מנתה העיירה 200 בתי־עץ ולמעלה מ־2000 תושבים, מרביתם יהודים. עד שנת 1740, היתה בעיירה כנסיה אוניאטית, אך באותה שנה פרצה ברוביז׳ביץ׳ דליקה גדולה והכנסיה נשרפה ולא הוקמה מחדש. ב־1831, לאחר המרד הפולני, ביטל ניקולאי ה־1 את ה„אוניה״ של בריסק והכריח את הנוצרים שברוסיה הלבנה לקבל את הדת הפרווסלבית. מאידך, היתה בעיירה כנסיה קתולית וקפליצה בכפר סולה. ב־1866 עבר הכומר הקתולי עם מרבית מאמיניו לדת הפרווסלבית.

„הקוסצ׳יול״, נהפך ל„צאֶרקוב״ והבישוף המינסקאי, מיכל קולובוביץ בכבודו ובעצמו בא לרוביז׳ביץ׳ כדי לקדש את הצאֶרקוב והצאר אלכסנדר ה־2 שלח ב־1867 לצאֶרקוב מתנה יקרת ערך — את תמונתה של „הבתולה הקאַזאַנית״ משובצת בזהב ואבני חן.



מראה כללי של רוביז'ביץ'

אַלגעמיינער אויסבליק פון רוביזשעוויטש

למרות הרדיפות והנגישות, גדלה האוכלוסיה הקתולית וב־1889 הגיע מספרה ל־2060 נפש ועליה השתייכו הכפרים: סימקוביץ, ליחצי, מיקוליץ, קוליקי, טלשעביץ, פטרושביץ, פדזיערנא, נסאָלי, רודניה, זוהי, הריניובקה, אוקולובו, יוזפינוב וינושקי. במרבית הכפרים הנ״ל גרו משפחות יהודים שעסקו בחקלאות, בחלבנות ובחכירת פונדקים או טחנות קמח.

ברוביז׳ביץ׳ היה גם בית־ספר עממי בן ארבע כתות לילדי הנוצרים, שהיה סגור בימי האביב והקיץ, עת ילדי האיכרים היו עוזרים להוריהם בעבודות השדה. למדו בו רק בסתיו ובחורף.

בעיירה היו מתקיימים ירידים גדולים, אשר אליהם היו באים סוחרים גם מרוסיה („מוסקלים״). הירידים היו מתקיימים בזמנים קבועים: ב־9 למאי, ב־29 ליוני, ב־15 לאוגוסט, ב־8 לספטמבר וב־6 לדצמבר.

הגמינה, שקיימת מאז 1866, היתה מורכבת מ־9 אזורים כפריים אשר מנו 1,089 בתי־אב, 5,137 נפשות ועיבדו שטח של 14,873 הקטר אדמה.

את עניני היהודים בעיירה ייצג ראש העדה היהודית (מאֶשצאַנסקי סטאַרוֹסטה) שנבחר ע״י העדה בבחירות סודיות, בהשתתפות נציג הממשלה. הוא היה מנהל את רשימת הלידות והפטירות, מוציא פספורטים ומגיש לשלטונות את רשימות חייבי גיוס לצבא. הוא היה מקבל משכורת לא גדולה מאוצר המדינה.

ההסטוריון הפולני אשר אסף את החומר על רוביז׳ביץ׳ ב־1888, מסיים את סקירתו במלים פטטיות — „רוביז׳ביץ׳ שהיתה בימי הרדז׳יבילים והברסטובסקים עיירה יפה ומשגשגת, ירדה פלאים ולא השאירה אחריה כל סימן מעברה היפה והזוהר...״ (Słownik Geograficzny — B. Chlebowski i W. Walewski, Warszawa, 1888).

כקילומטר מרוביז׳ביץ׳ לכיוון קוידאנוב, נמצא בית־קברות טאטארי עתיק יומין. רבים מאנשי העיירה אפילו לא ידעו על קיומו, אך הטאטארים ידעו על כך וכל שנה, בשלהי הקייץ, היו רבים מהם באים לקבר אבותיהם.

מי קבור בבית קברות זה שמשך את הטאַטרים לבקר בו במשך דורות? על כך אין תשובה ברורה, אך ישנה סברה האומרת שקבורים בו מנהיגים טאטרים מפורסמים, אשר נפלו בקרב בזמן פלישתם לרוסיה בשנים 1241—1249. בשנת 1241 נערך בסביבות המקום הנקרא כעת בשם קוידאַנוב, קרב גדול ועקוב מדם בין סקירמונט נסיך ליטא והפולשים הטאַטרים. בקרב זה נהרג מנהיג הטאַטרים — בלקלאי.

ב־1249 שוב נערך בסביבת קוידאנוב קרב בין הליטאים והטאטרים ובקרב זה נפל מנהיג הטאטרים קוידאן. סבורים, שהשם קוידאנוב ניתן למקום זה ע״י הטאטרים, כדי להנציח את זכרו של מנהיגם המהולל קוידאן. שם זה נשאר עד היום.

היכן, איפוא, נקברו שני המנהיגים הנ״ל שנפלו בקרב? אין לשער, שקברו אותם בשדה הקרב, במקום שנפלו, ללא טכס ומצבה. לא היה להם גם פנאי לכך, כיוון שניגפו בקרב ולאחר מות מנהיגם נאלצו לסגת. מתקבלת לכן ההשערה, שאת גופותיהם של המנהיגים לקחו איתם הלוחמים בשעת נסיגתם לכיוון רוביז׳ביץ׳, ושמה קברו את מנהיגיהם.

רוביז׳ביץ׳, בגלל יתרונותיה המשיכה כנראה לשמש מבצר לכובשים הטאטרים. הכפר טטרשצינה, שבקירבת העיירה מעיד על מקום ריכוז של הטאטרים. צאצאיהם חיים עד היום הזה באוזדה, מיר, קוידאנוב ומינסק.

*

מי היו היהודים הראשונים שהגיעו לרוביז'ביץ', מאין באו ומתי? — דבר זה לוט בערפל. הידיעות על יהודי העיירה הן מסוף המאה ה־19.*

בסוף המאה ה־19 רכש יהודי מוולוז'ין בשם קריניס, את שלוש טחנות הקמח בעיירה ולאחר מכן מכרן ליהודי רוביז'ביץ'. לפי השמועות, רכש אותן במכירה פומבית שהתקיימה במינסק, אך לא ידוע מי היה בעליהן, לא ידוע גם ממי ומתי רכשו יהודי העיירה את מגרשיהם, כי הרי עוד מלפני מאה שנים הם שילמו מס חכירה לבעל העיירה.

אחדים מבעלי הבתים רכשו אז, נוסף למגרשיהם, גם אדמה חקלאית. אך חיש מהר נאלצו להיפטר ממנה בגלל החוק שבעלי קרקעות חקלאיות בערים, חייבים לשרת כ„שרי מאה" („סוטסקי"). האפשר לדמות שיהודי בר־אוריין יתהלך בימי השוק ברחובות העיר ועל חזהו פחית נוצצת עם הנשר הרוסי, ויפקח על הסדר, או שיסחוב שיכור לבית הכלא? קמה ביניהם בהלה והזניחו את הקרקעות.

ב־1937 התחילה ממשלת פולין לתכנן הסדר חדש בקשר לאדמות העיירה, ותוך עיון במפות הישנות, גילו 80 הקטר (800 דונם) אדמה חקלאית שהשתייכו ליהודים (כעת ללא בעלים) ומעובדים ע"י נוצרים.

כנראה שאלה הם חלק מהאדמות הנ"ל שהיהודים נטשו אותן.

בעיירה היו הרבה למדנים ובעלי השכלה, ביניהם אריה־לייב הכהן, בנו של „חפץ־חיים", שהתחתן עם בתו של ר' אברהם־אלי הלפרין ונשאר לגור בעיירה. הוא יסד תלמוד־תורה לילדי העניים ולימד אותם תנ"ך ואף דקדוק. הוא הקים בשבילם בית־תמחוי. הוא יסד גם קופת גמילות־חסדים ופעל רבות למען אנשי המקום.

עם גמר מלחמת העולם הראשונה, היו ברוביז'ביץ' כ־200 משפחות, שמנו כ־1000 נפשות. יהודי העיירה התפרנסו ממסחר זעיר ומלאכה. המסחר היה ברובו בתוצרת חקלאית, כגון: תבואה, פשתן, זיפי חזיר, פירות, ביצים, חמאה, פטריות יבשות ועורות. סחורות אלה נשלחו למינסק. החל מ־1921, כשהעיירה נכללה בשטח פולין והגבול (כק"מ אחד מהעיירה) הפריד אותה ממינסק, היו מוכרים את הסחורה לסוחרי הסביבה. בעלי מלאכה יהודים היו מכל הסוגים, פרט לפועלי בנין. כדי לסייד בית או לתקנו, היה צריך להזמין פועלים נוצריים לאחר מלחמת העולם הראשונה, הופיעו בעיירה נפח נוצרי, סנדלר וספר. נפתחו גם כמה חנויות של נוצרים והאנטישמים ניהלו תעמולה בין האיכרים לא לקנות אצל יהודים. לאחרונה נפתח במקום אף בנק נוצרי.

רחוב ארוך אחד חצה את העיירה לאורכה: החלק הדרומי נקרא רחוב סטולפצי והחלק הצפוני — רחוב ראקוב, ובאמצע העיירה — השוק שהיה מוקף חנויות. הרחובות שהובילו אל הנהרות, נקראו רח' איבניץ ורח' קוידאנוב, (זה האחרון הוביל לגבול הרוסי). היו בעיירה עוד שתי סימטאות — האחת, קטנה, בת 8 בתים, בה התגוררו המלמד ר' נח־חיים ז"ל, שבחדרו למדו מרבית ילדי העיירה. הסימטה השניה — סימטת בית הכנסת, בה היה בית־קברות עתיק יומין, בית־כנסת ובית־מדרש. בבית־הכנסת התפללו רק בחודשי הקיץ, בסתיו ובחורף היה סגור. היה זה מיבנה גבוה מאוד, בעל צורה

---

* במיפקד האוכלוסין בשנת 1897 היו בה 1,482 תושבים, מהם 912 יהודים. במיפקד האוכלוסין משנת 1816, היו בה יהודים: 156 גברים ו־181 נשים.

ארכיטקטונית מוזרה, חסרת תקרה. בסימטה זו היה ההקדש, ועל שפת הנהר — בית המרחץ.

בקצה רחוב ראקוב היו חולות שנמשכו קילומטרים רבים וקראו לחלק זה של הרחוב — „החולות". בקצה רחוב זה היה בית היראה הקתולי, בנין אבנים גבוה ויפה. מאחוריו ע"י הנהר היו הקסרקטינים של משמר הגבול הפולני. ברחוב זה היה גם בית הדואר. התושבים היו מעורבים, יהודים ונוצרים, והרחוב היה מרוצף אבנים. מרחוב זה הוביל שביל לבית הקברות היהודי שנמצא על שפת הנהר פרקול.

בקצה רחוב סטולפצי עמד בית הכלא העירוני, בנין עץ קטן וישן, בקרבתו משרדי הרשות המקומית וכן בית הספר העממי־הפולני בן שתי קומות. ברחוב זה היתה גם כנסיה רוסית קטנה ועתיקה. מרבית תושבי הרחוב היו נוצרים. כנסיה רוסית שניה היתה בקירבת השוק, בין בתיהם של חיים־מרדכי הפחח ואושרוביץ. כנסיה זאת היתה מוקפת דשא ירוק ובימי הקייץ החמים היו צעירי העיירה היהודיים משתטחים על הדשא הרענן, קוראים ספרים או הוזים ורוקמים חלומות לעתיד...

רח' איבניץ היה מאוכלס ברובו יהודים ובקצהו נמצאו גשר וטחנת קמח. אף רח' קוידאנוב היה מאוכלס ברובו יהודים ובקצהו גשר ושתי טחנות קמח. מאחורי הגשר היה בנין ששימש פעם כבית ספר עממי־רוסי. מאחוריו, על הגבעה, נמצא בית הקברות הרוסי. מאחורי הגשר, בדרך לסימקוביץ, גר ר' אברהם הנפח, יהודי נכה בשתי רגליו, ולא רחוק מביתו ניכרה קבר האחים של יהודי העיירה.

תחנת הרכבת הקרובה היתה קוידאנוב, ולאחר שנקבע הגבול הרוסי־פולני היתה סטולפצי התחנה הקרובה (28 ק"מ). לרכבת היו נוסעים בעגלות רתומות לסוסים ומזה התפרנסו מספר משפחות יהודיות. בשנת 1932 בערך, הפעילה חברה פולנית אוטובוסים בקו סטולפצי—רוביז'ביץ'—איביניץ.

לאחר מלחמת העולם הראשונה, התחילה תסיסה בקרב הנוער היהודי בעיירה והתחילו לנדוד למרחקים: אחדים חצו את הגבול ועברו לרוסיה, אחרים היגרו לאר־גנטינה, קובה, אפריקה, ארצות הברית, חלק עלה לישראל ורבים עברו לעיירות שכנות ללמוד תורה. הנוער שנשאר עדיין בעיירה, לא קפא על שמריו. התחילו להתארגן ולהקים מועדונים מפלגתיים כמו „גורדוניה" „בית"ר", „גרוסמניסטים" ובנות „אגודת ישראל". נערכו הצגות וערבי תרבות ולמדו עברית. ההצגות היו באידיש ובהן ביקרו גם נוצרים רבים אשר הבינו אידיש. היו מציגים בצריף מכבי האש. מאוחר יותר הוקם בית־עם קתולי והכומר טרסביץ הירשה גם ליהודים להשתמש במועדון זה — ללא תשלום. בין המוסדות הציבוריים היהודיים כדאי להזכיר את הבנק להלוואות שעזר לא מעט לבעלי המלאכה ולסוחרים הזעירים, וכן את גן־הילדים, בית־הספר והספריה. כמו כן היה קיים „ועד" שדאג לצרכי אלמנות ועניים והיה מספק להם קמח ותפודים וכן עצים להסקה. הכנסות הועד היו מבוססות על תשלומים שבועיים של יהודי המקום המבוססים. לפעמים היו גם מציגים הצגה ואת ההכנסה מהצגה זו היו מקדישים לצרכי ה„ועד".

בספירת האוכלוסיה שנערכה ע"י השלטון הפולני בשנת 1931, היו ברוביז'ביץ' — 908 יהודים, בכפרים וישובים בסביבה — 207 יהודים, כדלקמן: רודניא — 4, זדאנוביץ' — 6, חוטובה — 16, גילובקה — 4, רוסאקי — 8, וויקי — 3, גריאן — 13, וולמה — 153.

כך חייתה העיירה את חייה השקטים, המנומנמים, שנמשכו עד 22.6.41, עת פרצה המלחמה בין גרמניה ורוסיה. נחשולי שנאה ונהרות דם הציפו את העולם ובדרכם בלעו ומחקו מעל פני הארץ עיירה שקטה זו. רק זכרונות נשארו ממנה ו... קבר אחים גדול ועמוק...

מתוך 900 יהודים שהיו בה עם פרוץ מלחמת העולם השנייה, נותרו כ־75 איש בלבד !...

אַ שפּאַציר איבערן שטעטל

(דערינערונגען, פּאַסירונגען, געשטאַלטן)

אריה פורת (ל. פורט) / תל־אביב

אוממעגלעך צו שווייגן, ווען עס וועבט זיך אַ יזכור־בוך וועגן אונדזער שטעטל. די איינצלנע פון דער שארית־הפליטה, די איבערגעבליבענע „אחד מעיר ושנים ממשפחה" ווילן זיך מיטבאַטייליקן אינעם ספר־מאָנומענט וואָס דאַרף פאַראייביקן די יידישע רוביזשעוויטש. אויך די וואָס האָבן זיך געראַטעוועט פון לעצטן טויטן־מאַרש, צי אַרויס־געקראָכן פונעם ברידער־קבר — ווילן דערציילן וועגן אונטערגאַנג פון אַ יידישער קהילה.

ס'איז שווער צו בלייבן שטום! האָב איך דאָך מער ווי צוויי צענדליק יאָר געלעבט אין שטעטל, ווו מ'האָט געטראַכט, געבענקט און געהאָפט אויף בעסערע צייטן. קאָן מען דאָס אַלץ פאַרגעסן?

דערפאַר ווילט זיך, אויף וויפל דער זכרון וועט דערמעגלעכן, אַדורכפירן (אויפן פּאַפּיר), אַ שפּאַציר איבערן שטעטל, פאַרצייכענען ווי עס האָט אויסגעזען אַמאָל, ווען מיר זענען נאָך יונג געווען, געמיטלעך געלעבט זיך מיט טאַטע־מאַמע און שוועסטער־ברידער, געלערנט אין חדר און שול, געשפּילט זיך, פריי געאָטעמט די ריינע לופט, וועלכע איז געווען דורכגעזאַפּט, ווי מיר האָבן געמיינט, מיט אַלע אונדזערע טרוימען, שטרעבונגען און פאַרלאַנגען.

פיר מיך דעריבער, פעדער, אויף מיין לעצטן שפּאַציר איבער די רוביזשעוויטשער גאַסן און געסלעך, וועגן און שטעגן, הייזער און היימען. העלף מיר אויפלעבן די פאַר־שידענע געשטאַלטן פון שטעטל, וועלכע זענען שוין מער נישטאָ...

גאַסן, געסלעך, היימען, מענטשן

איך שטיי אויף דער בריק וואָס אויף דער קוידאַנאָווער גאַס, וואַרף אַ בליק לענג־אויס דעם טייך פערעקול, וועלכער שלענגלט זיך אַרום דעם שטעטל, פאַראַלעל צו דער ראַקאָווער גאַס — ביז אונדזער בית־הקברות, נישט ווייט פון דער רוסישער גרענעץ.

אָט זע איך איצט שטיין אין קאַלטן וואַסער די באַלעבאָסטעס — באָרוועסע, ווי

זיי קלאַפּן מיטן הילצערנעם פּראַניק די וועש, וואָס ווערט דערנאָך אויסגעדרייט און צונויפגעלייגט אין פּעקלעך.

זומער, אין די גרויסע היצן, קומען די חדר־יינגלעך צום טייך, טוען אויס די שיך, וואַרפן פון זיך אַראָפּ די קליידער, שפּרונגען אין וואַסער, פאַרברענגען די פרייע שעה נאָכן לערנען.

אָט זע איך דעם טייך ווינטער — אַ פאַרפרוירענעם, פאַרשאָטן מיט שניי. בלויז ערטערווייז זענען אין אים אויסגעהאַקט לעכער (אויף אונדזער שפּראַך — „פּראָרובקעס”), פון וועלכע די איינוווינער, נאָענטע צום טייך, האָבן געשעפּט וואַסער. פון די דאָזיקע לעכער האָט אויך משה דער וואַסערטרעגער געשעפּט זיין פּרנסה, געבראַכט מים־חיים פאַר אונדזערע באַלעבאָסטעס, וועלכע האָבן געוווינט ווייט פון טייך.

סיי זומער, סיי ווינטער, האָט דער טייך געדינט פאַר אַן אָרט פון פריילעכן צייט־פאַרטרייב. אין די פרייע טעג און שעהן פון לערנען, האָבן אונדזערע חדר־יינגלעך זיך אַוועקגעלאָזט צום טייך גליטשן אויפן אייז — ווער אויף קאָנקעס, ליזשוועס, ווער אויף די בלויזע שיך. מען פלעגט אַהיים קומען מחיהדיק־דורכגעפרוירן — נאָר דערוואַרעמטע, פאַררויטלטע, פאַרשוויצטע.

אויך היינט פליסן אין טייך די רויִקע וואַסערן, אויך היינט באָדט מען זיך דאָרט זומער־צייט און ווינטער גליטשן זיך קינדער אויפן שניי. כ׳זוך צווישן זיי אַן אייגן פּנים, אַ היימיש יינגל, אַ באַקאַנטע פרוי, וואָס קלאַפּט די וועש מיטן פּראַניק — אָבער נישטאָ! בלויז פרעמדע פּנימער זע איך. קיינער פון אונדזערע טייערע און געליבטע. אין שימקעוויטשער וועלדל זענען באַהאַלטן, אָדער צעשפּרייט איבער פעלדער די ביינער פון די אַלע, וועלכע איך זוך און געפין נישט מער: טאַטע־מאַמע, ברידער און שוועסטער, קרובים און חברים הי״ד.

איך דריי זיך אום מיטן פּנים צום „קליינעם טייכל”, ווי מיר פלעגן עס רופן. פון ביידע זייטן זענען געשטאַנען צוויי וואַסער־מילן, אויסגעווייסטע מיט מעל־שטויב. די מילן האָבן אַמאָל געהערט צו דער באַוווסטער משפּחה קריינעס, שפּעטער זענען זיי פאַרקויפט געוואָרן צו ר׳ שמואל גארמיזע און נאָך זיין טויט זענען זיי אַריבער צו זיינע קינדער.

אָט זע איך מיינע חברים פון חדר, ווי זיי קריכן אין וואַסער, צווישן די סלופּיקלעך, וועלכע האַלטן אונטער די מילן און אירע רעדער און זוכן מיט פּרימיטיווע מיטלען צו כאַפּן אַ פּאָר פישעלעך. אַ טייל לאָזן זיך נאָך ווייטער, דאָרט ווו דאָס וואַסער פליסט לאַנגזאַם פאַרביי די יידישע גערטנער, ביז די לאָנקעס, — אַ גרויסער שטח, באַדעקט מיט גרינעם גראָז און הויכעביימער. זומער, אין די היצן, פלעגן אַהער קומען פרויען און מיידלעך זיך באָדן לכבוד שבת.

די לאָנקעס האָבן געהערט צו יידן. דאָ האָבן מיר געקענט פאַרברענגען אומגע־שטערט מצד די אָרטיקע קריסטן.

אָט זע איך דאָרט שמריהו איידלמאַן, דעם רבס זון. ער זיצט אונטער אַ בוים, לייענט פּוילישע ביכלעך. ער איז געווען אַ בלאָנדער, שיינער בחור, ליב געהאַט שטענדיק צו געפינען זיך אין פריילעכע חברות פון יוגנט. ביז בערך 19 יאָר, האָט ער געלערנט אין פאַרשידענע ישיבות. שפּעטער האָט זיך אים פאַרגלוסט שטודירן. אָבער ווי אַזוי

מען מאַכט דאָס — האָט ער נישט געוווּסט. אין יענע טעג פּלעגט ער אָפט קומען צו מיר, בכדי צוזאַמען לערנען פּויליש און מאַטעמאַטיק, אָן דער הילף פון אַ לערער. ער האָט געוואָלט דערגרייכן גימנאַזיע־בילדונג און אַפילו פאָרזעצן אין אוניווערסיטעט. ליידער האָט ער דאָס נישט דערגרייכט. פּלוצלינג קראַנק געוואָרן און געשטאָרבן אין זיינע בליענדע יאָרן, 27 יאָר...

דאָרט, אַראָפּ־צו ביים קליינעם טײַכל, צווישן די ביימער, ליגט אויפן גרינעם גראָז איטשקע קאַנטאָראָוויטש. ווי שטענדיק, זינגט ער חזנישע ניגונים, תפילות פון ימים־נוראים און פון אַ גאַנץ יאָר. דרימלט אַ ביסל אויפן ווייכן גראָז, כאַפּט זיך אויף און זעצט פאָר זיין זינגען — עפּעס אַ ניגון פון אַ שבתדיקער קדושה. און מיט דעם שפּאַצירט ער זיך לאַנגזאַם צוריק אין זיין שטוב.

*

איך פאַרלאָז די בריק און גיי אין דער ריכטונג צום שטעטל. שטעל זיך אָפּ ביים ערשטן הויז. דאָ וווינט ר׳ וועלוול פונט — דער מעבל־סטאָליער. אַ גאַנצע וואָך האָט זיין שטוב געדינט אַלס וואַרשטאַט, אָבער שבת האָט זי אויסגעזען גאַנץ אַנדערש — פאַרפּוצט און פאַרוואַנדלט אין אַ קליין, חנעוודיק שולעכל. דאָ פלעגט מען דאַווענען נאָר שבת. אין דער זיידענער קאַפּאָטע און שטריימל, מיט דער לאַנגער, געזילבערטער באָרד, די הויכע גלייכע פיגור — האָט ר׳ וועלוול אויסגעזען ווי אַ פּאַטריאַרכאַלע געשטאַלט פון תנ״ך. ער איז געווען אַ ייד אַ בעל תורה, אַ גוטמוטיקער און קלוגער. זיין דאַווענען און יראת־שמים זענען געווען נאַטירלעכע, מיט אמתער אמונה, אָן אָנשטעל.

פון אַלע מתפללים, וועלכע פלעגן קומען אַהער, האָט זיך אויסגעצייכנט ר׳ שאול קאַסאָוער. אַ ייד, וועלכער האָט שוין געזען אַ שטיק וועלט, פאַרבראַכט עטלעכע יאָר אין דרום־אַפריקע, געפאָרן איבער ימים. זיינע דערציילונגען און איינדרוקן פון זיינע נסיעות איבער אַפריקע, דאָס לעבן פון די דאָרטיקע מענטשן, די ניסים פון טייך סמבטיון און די עשרת השבטים, וועלכע זענען, לויט זיין מיינונג, צעשפּרייט איבער אַפריקע. ער האָט געשילדערט, ווי אַזוי די וואָלקנס לאָזן זיך אַרונטער אין ים, טרינקען זיך אָן מיט ים־וואַסערן — דאָס האָט ער אַליין געזען, בעתן איבערפאָרן דעם עקוואַטאָר, וועלכער טיילט דעם וועלט־קיילעך אויף צוויי טיילן, צפון און דרום. ער פלעגט פאַרענדיקן זיינע דערציילונגען מיט שרעקלעכע מעשיות פון שדים, וועלכע האָבן אים אַליין געטראָפן. איינע פון זיי איז מיר נאָך געבליבן אין זכרון ביז היינט:

ווען ער איז צוריק געקומען פון אַפריקע, האָט ער מיטגעבראַכט אַ שיינע ליולקע. צופעליק האָט ער אין אָשיפּאָוויצער וואַלד געטראָפן אַ שוואַרצן מענטש, וועלכער איז געשטאַנען אָנגעשפּאַרט ביי אַ בוים. ער האָט געמאַכט מיט אים אַ געשעפט: אויסגעטוישט די ליולקעס. ערשט שפּעטער האָט ער זיך געכאַפּט, אַז אָנשטאָט זיין קינסטלעכע ליולקע, האָט ער באַקומען אַ געוויינלעך שטיקל האָלץ...

...איך דריי זיך אום און דערזע קעגנאיבער אַ קליין, נידעריק און לאַנג הייזל, מיט אַ גערטנדל פון עטלעכע פרוכט־ביימער. דאָ וווינט ר׳ עוזר קאָסעווער דער דאַמען־שניידער. געניית בלויז פאַר קריסטן. אַן ערלעכער און פרומער ייד געווען. קיין מאָל נישט פאַרפעלט זיין דאַווענען בציבור. שטאַרק געליטן אין דער ערשטער וועלט־קריג

אַלס סאָלדאַט. כדי זיך צו באַפרייען פון מיליטער, האָט ער עטלעכע מאָל געטרונקען עסיק, וואָס האָט אים פאַרברענט זיין האַרץ, און נאָך עטלעכע יאָר איז ער אַוועק פון דער וועלט.

אין דער צווייטער העלפט הויז האָבן געוווינט מיינע עלטערן. דאָ האָב איך מיינע קינדער־יאָרן פאַרברענגט אין דחקות און אין נויט.

מיינע עלטערן האָבן געשטאַמט פון מיוחסדיקע משפחות, שרייבער און רבנים. מיינע פעטערס — מענדעלע מוכר ספרים (שלום־יעקב אַבראַמאָוויטש), דער ברודער פון מיין זיידן — ר׳ לייב אַבראַמאָוויטש, קוידאַנאָווער רב, ר׳ רפאל אליעזר גאָרדאָן און אַנדערע. אָבער פרנסה האָט דאָס נישט געגעבן און מיר האָבן געלעבט זייער אָרעם און געדריקט.

אין אַ קורצער צייט נאָך דער ערשטער וועלט־מלחמה, איז מיין פאָטער געשטאָרבן. מיר, פיר ברידער און איין שוועסטער, זענען געבליבן אָן מיטלען צום לעבן. כמעט אַלע נאָך קינדער, האָבן מיר געמוזט נעמען דעם וואַנדער־שטאָק אין האַנט. אייניקע — אין ישיבות, איך צו וועלטלעכער בילדונג. צוויי פון מיינע ברידער האָב איך נישט געזען זינט די קינדער־יאָרן.

מיין מוטער איז געשטאָרבן פון שרעק. מען האָט געזאָגט, אַז די דייטשע רוצחים קומען אין שטעטל אַ סוף מאַכן מיט אַלע יידן. אירע לעצטע ווערטער זענען געווען: „קינדערלעך, ראַטעוועט זיך, אַנטלויפט אין וואַלד" — און אויסגעהויכט איר נשמה. זי האָט זוכה געווען צו קומען צו קבר־ישראל.

✶

איך גיי ווייטער איבערן שטעטל, שטעל זיך אָפּ ביי אַ גרויסן קיילעכיקן שטיין. פאַרביי אים פירט דער וועג צו אַ ברייטן הויף, אויסגעזעצט מיט הויכע בעריאָזעס, אויף דער לינקער זייט באַרג, צו לוקאָשעוויטשן. עס דערמאָנט מיר אַמאָליקע צייטן, ווי מיר פלעגן אין די פרילינג־חדשים אַרויסצאַפּן פון דיביימער אַ זיסן זאַפּט און אים טרינקען מיט גרויס הנאה.

רעכטס פון שטיין פירט דער וועג צו אַ הויכן גאַניק — דער אַריינגאַנג צו ר׳ משה לונגען. נישט געטראַכט קיין סך — און כ׳בין שוין אינעווייניק, אין גרויסן צימער, וואָס האָט געדינט אויפצונעמען געסט, איינאָרדענען חתונות אָדער סתם אָוונטן. אַנטקעגן דעם צימער איז אַ ריזיקע קיך מיט צוויי אויוונס צו וואַרעמען די שטוב אין ווינטער. ביי די זייטן — עטלעכע קליינע צימערלעך. אין שטוב איז זייער שטיל. איך זע דאָ קיינעם נישט. נאָר אין אַ קליין צימערל באַמערק איך מיין מומען הדסה, ביי אַ גרויסן אָפענעם סידור. זי דאַוונט, שטייט איצט „שמונה עשרה". זי באַמערקט מיך און מיט דער האַנט גיט זי אַ צייכן, אַז איך זאָל וואַרטן. געענדיקט דאַווענען, אַראָפּ גענומען די ברילן פון נאָז און געבליבן שטיין פאַרטראַכט עטלעכע מינוטן, אָן ווערטער. בלויז שווערע זיפצן האָבן זיך אַרויסגעריסן פון איר האַרץ. ענדלעך איז זי געקומען צו זיך און געזאָגט:

— יאָ, מיין קינד. דאָ איז אומעטיק. נישטאָ קיינער. געדענקסט דאָך וואָס פאַראַ פריילעך הויז ס׳איז געווען. געהאַט אַ שטוב מיט קינדער. ווו זענען זיי היינט? צעשפּרייט איבער דער גאַנצער וועלט. מיין לייבל און איטע זענען פאַרבליבן אין רוסלאַנד,

חיימקע איז נישט צוריק געקומען פון ערשטן וועלט־קריג. איך האָב באַשלאָסן צו פאַרקויפן דאָס הויז. ס׳מאַכט זיך אַ גוטער קונה. איצקע גוריאַן וויל קויפן. איך אַליין וועל אַריבערפאָרן קיין פינסק, צו מיין טאָכטער שרה־לאה. איר מאַן, חיים שמיד, איז דאָך שטאָט־חזן. איך האָף, אַז זיי וועלן אין גיכן אַוועק קיין אַמעריקע, ווייל מען פאָדערט אים אַהין אַלס חזן. אפשר וועט מיר געלונגען צו פאָרן צו מיין טאָכטער חיה־פריידע קיין ארץ־ישראל.

ערשט נישט לאַנג האָט דאָ געוווינט די בכבודיקע משפחה לונגען. ר׳ משה לונגען איז געווען אַ ייד אַ פיקח און אַ מיוחס. געהאַט די רעכט צו וווינען אין אַלע שטעט, אין רוסלאַנד, אַ זאַך, וואָס יעדער ייד האָט זיך עס דעמאָלט געוווּנטשן. ער איז געווען אַ דעה־זאָגער איןְ אַלע קהלישע ענינים, אַ שטאַרקער אָנהענגער און גוטער חבר פון הרב איידלמאַן. פלעגט אָפט זיך באַטייליקן אין דין־תורהס אַלס בורר. אין אַלע סיכסוכים, האָט יעדער צד זיך געוווּנטשן, אַז ר׳ משה זאָל זיין בורר.

נישט געקוקט וואָס ער האָט אין די יונגע יאָרן געפירט גרויסע געשעפטן, איז ער אויף דער עלטער געבליבן אָן פרנסה — און פון עגמת־נפש אַוועק פון דער וועלט פאַר דער צייט.

איך פאַרלאָז דאָס הויז אַ פאַרזאָרגטער און מאַך שנעלע טריט באַרג אַרויף, לינקס פון דער קוידאַנאָווער גאַס. פון ביידע זייטן — ליימיקע בערגלעך. אָט זע איך ווי יעקב גרויער קוקט אַרויס פון פענצטער. ער בעט מיך אַריין צו זיך. אין שטוב זעט אַלץ אויס חוּשכדיק, די קינדער — בלייכע, אָרעם געקליידעט, הגם יעקב איז אַן ערשטקלאַסיקער שניידער, און אַרבעט פון פרי ביז שפּעט אין דער נאַכט.

— וואָס זאָגסטו? — פרעגט ער מיך. — ווען איך, אַ פאַכמאַן, אַרבעט אין אַן אַנדער לאַנד, וואָלט איך דאָך געוווּסט פון אַ לעבן. מיר איז נישט געבליבן קיין אַנדערער אויסוועג, ווי אָפּשפּאָרן אַ פּאָר גראָשן אויף הוצאות און פאָרן קיין אַפריקע. איך קאַרג ממש דאָס ביסל עסן פאַר מיינע קינדער. וואָס וועלן דערלעבן מיינע קינדער דאָ, אינעם קליינעם שטעטעלע? אונדזער יוגנט דרייט זיך אַרום פּוסט־און־פּאַסט, אָן אַ צוקונפט. אַלע ווילן אַנטלויפן. די פראַגע איז נאָר: ווו נעמט מען געלט אויף רייזע־הוצאות?!

זיינע שיינע, קליינע יינגעלעך הערן זיך צו צום פאָטערס רייד און פרעגן: „טאַטע, ווען וועלן מיר שוין פאָרן?"

איך זעץ פאָר מיין שפּאַציר. אויפן וועג באַגעגן איך מיין חבר לייבע סעגאַלאָוויטש. ווי שטענדיק, אַן אויסגעפּוצטער אין זיין אַנצוג מיטן פאַרביקן שניפּס און ווייסן קאָלנער. אין האַנט — זיין גראָבער שטעקן, און די טעקע אין דער צווייטער האַנט. „דאָ, אין טעקע" — זאָגט ער — „ליגן אַ סך צרות. דאָס זענען די וועקסלען פון אונדזערע קרעמער, וועלכע האָבן נישט קיין געלט זיי אויסצולייזן. יעדן טאָג באַזוך איך זיי און פאָדער דאָס געלט. איך פאַרשטיי, אַז זיי האָבן נישט. איי, ווילט זיך פאַרלאָזן רוביזשעוויטש. איך האָב שאַנסן צו זיין בוכהאַלטער אין אַ גרעסערע שטאָט, מיט מער געהאַלט און ווייניקער צרות. מען מוז אויך טראַכטן וועגן אַ תכלית אין לעבן. ווי לאַנג קען מען זיין אַליין? דו קענסט דאָך איר, מיין בחורטע הינדע שאַפּיראָ, אַ העברעיִשע לערערין. פאַרדינט נישט שלעכט. איך גלויב, אַז אונדז ביידע וועט געלונגען צו מאַכן אַ ביסל קאַפּיטאַל און פאָרן קיין ארץ־ישראל. איין זאַך איז מיר אַ שאָד. דעם בית״ר וועלכן

איך האָב געגרינדעט און מיט אים אָנגעפירט אַזוי פיל יאָרן. נאָך מיין אַוועקפאָרן, דוכט זיך מיר, וועט פון אים גאָרנישט ווערן".

צום באַדויערן, זענען אויך זיינע פלענער נישט פאַרווירקלעכט געוואָרן. זיין פרוי הינדע מיטן קינד זענען אומגעקומען בעת דער שחיטה אין שטעטל. ער אַליין איז אומגעקומען אין דוואָרעץ.

עטלעכע הייזער ווייטער — אַ קליינער נידעריקער גאַנעק, וואָס פירט אין הויז פון אליעזר ביילקין. אין דרויסן שטייט תמרה מיט אירעביידע מיידעלעך, ריווע און מימע, ביידע שילערינס אין דער פוילישער פאָלקס־שול. מימע שפּרינגט און טאַנצט. זי איז נאָך אַ ביסל קינדעריש און צעלאָזן, ריווע דאַקעגן מאַכט שוין דעם איינדרוק פון אַ פריילין. זי איז קלוג, שיין און באַגאַבט. דעקלאַמירט שיין, נעמט אָנטייל אין פאַרשידענע פאָרשטעלונגען. תמרה באַציט זיך צו אירע קינדער נישט בלויז ווי אַ מוטער, נאָר אויך ווי אַ געטרייע חברטע. זי גוט אַכטונג זיי זאָלן זיין אָנשטענדיק, זאָרגט פאַר אַ גוטער דערציִונג. זי האָט אָבער נישט דערלעבט צו זען דעם נחת פון זיי — און געשטאָרבן אין אירע מיטעלע יאָרן. אליעזר מיט זיינע צוויי טעכטער זענען אומגעקומען. זייער איינציקער זון מרדכי, האָט זיך געראַטעוועט און געפינט זיך אין ישראל.

✶

פאַרבייגייענדיק, בין איך אַריין צו דוד ראַבינאָוויטש, דער זייגערמאַכער. אַ שטילער ייד. זיין פאָטער איז געווען אַ מופלג בתורה, געלערנט טאָג און נאַכט, בעת זיין מאַמע האָט געזאָרגט פאַר פרנסה. אין שטוב ביי אים איז גאַנץ היימיש. די אַלטיטשקע מוטער שלעפּט זיך קוים איבער דער שטוב. אין אַ ווינקל שטייט אַ קליין טישל מיט פאַרשידענע קליינע און גרויסע זייגערס. דוד זיצט ביים טישל מיט זיין שפּאָקטיוו, פאַרשטעקט אין אויג און איז בודק דעם אינגעווייד פון די זייגערס. פון אַ קליין זייטיק צימערל, רוקן זיך אַרויס זיין פרוי און די צוויי קינדער — אַ ייִנגל און אַ מיידל. דוד רייסט איבער זיין אַרבעט, שטעלט מיר פאָר זיינע קינדער, אָנווייזנדיק אויף זיי, אַז זיי וועלן געוויס זיין גוטע קינדער פאַר ארץ־ישראל. „דו פאָרסט דאָך אַהין" — זאָגט ער צו מיר, — „פאַרגעס נישט אין אונדז, אפשר וועלן מיר זיך נאָך דאָרט טרעפן".

איך בין שוין פאַרמאַטערט פון שפּאַציר. ס'ווילט זיך אַ ביסל אָפּרוען. דאָס בעסטע אָרט — דער האָטעל פון מאיר אָשעראָוויטש (אָפּגעקויפט פון מלכה פאַלייעס), אויף דער וויכער קאַנאַפּע, וועלכע שטייט ביי זיי אין דעם גרויסן פאָרצימער. מאיר און גיטל זענען פיינע, גוטמוטיקע מענטשן. זיי באַגעגענען מיך מיט אַ שמייכלדיק פּנים, זענען מיך מכבד מיט טיי, איינגעמאַכטס און קיכלעך, פאַרפירן אַ שמועס וועגן דער לאַגע פון די יידן אין שטעטל. וואָס וועט זיין מיט אונדז? עס ווערט ערגער פון טאָג צו טאָג. יידישע פרנסות גייען איבער אין גוישע הענט...

אין מיטן שמועס טאַנצן אַריין זייערע קינדער סאָניע און וווליק, שטאַרק פאַרסאַפּעט, קוים זיי כאַפּן דעם אָטעם. אַ לאַכעדיקע דערציילט סאָניע, אַז זי קומט פון דער „בית־יעקב" אָרגאַניזאַציע. „אָך, דאָרט איז גוט" — זאָגט זי, — „דאָרט פאַרברענגען די ישיבה בחורים מיט די מיידלעך פון בית־יעקב". איר מוטער גיטל שרייט, אַז זי זאָל נישט זאָגן דאָס, וואָס ס'איז נישט ריכטיק. אָבער דאָס קינד האַלט אין איין שווערן


זיך, אַז אַלץ איז אמת. זייער טאָכטער סאָניע, הגם קוים 11 יאָר אַלט, איז גענוג דערוואַקסן און אַנטוויקלט. זי לאַכט הויך, מיט הנאה, ווי זי וואָלט שוין עפּעס פאַרשטאַנען.

אין האָטעל האָב איך באַגעגנט די טאָכטער פון גדליהו קיוואָוויטש פון כאָטעווע. זי האָט נאָר וואָס געענדיקט די פּוילישע גימנאַזיע, אָבער נאָך דעם אַלעם, ווייסט זי נישט וואָס צו טאָן. פאַר אַ ייד זענען דאָך די טויערן פון אוניווערסיטעט כמעט געשלאָסן. אַזאַ איז דער גורל פון אונדזער יידישער שטודירנדיקער יוגנט אין פּוילן. עס איז נאָר מקנא צו זיין די, וועלכע פאָרן קיין ארץ־ישראל. אמת, מיין פאָטער איז אַ רייכער ייד, אָבער מיר זענען דאָך נישט זיכער מיטן פאַרמעגן. אונדזער וואַלד וועט אין גיכן אַריבער צו דער רעגירונג. שיקן מיך לערנען אין אויסלאַנד, קומט דערווייל נישט אין באַטראַכט.

איך פאַרלאָז דעם האָטעל, אין דער ריכטונג פון דער איוועניצער גאַס. עס קומט אָן חנה ליבע סעגאַלאָוויטש, אַ שיינע בחורטע מיט געלאָקטע האָר. זי איז געווען זייער אָנגענומען אין איר חברה. געהאַט פעיִקייטן צו שפּילן טעאַטער. אין אַ סך פאָרשטעלונגען אין שטעטל האָט זי געשפּילט די הויפּט־ראָל. לעצטנס האָט זי זיך פאַרנומען מיט געבן לעקציעס אין עברית און פּויליש.

איך באַמערק אויף איר פּנים זאָרג. אַוועק איר אַמאָליקע פריילעכקייט און לעבעדיקייט. זי רעדט מיט אַ פאַריאושטער שטימע: „זעסט דאָך, בלויז איייניקע יאָר זענען אַוועק און פון מיין גאַנצער פריילעכער חברה בין איך דאָ געבליבן אַליין. עס בענקט זיך מיר נאָך אַ פריי לעבן, אַנטלויפן פון גלות, קיין ארץ־ישראל. וועט דאָס אַמאָל פאַרווירקלעכט ווערן?" איך האָב נישט קיין תשובה. איך באַדויער בלויז אונדזער יוגנט, וועלכע לעבט אָן אַ מאָרגן, זייערע פעיִקייטן וואָס גייען פאַרלוירן.

איך איייל זיך. איך רייס איבער דעם שמועס, וועלכער קען קיין זאַך נישט ענדערן



די בריק אויפן טייך סולא — הגשר על נהר סולה

און דערנענטער זיך צום הויז פון ר׳ יהושע נאַכאַמטשיק. אַ ייד אַ בן־תורה, געהאַט סמיכות אויף רבנות. אַ הייסער חסיד, אַ סוחר וואָס פירט געשעפטן — אָבער אָן הצלחה. מיט אים האָב איך ליב צו פירן שמועסן וועגן פרומקייט. איך רעפּרעזענטיר די, וועלכע ווילן רעפאָרמירן די יידישע רעליגיע. איך פאָדער צו רעספּעקטירן די יוגנט וואָס שטודירט, ווייל זיי וועלן ברענגען כבוד דעם יידישן פאָלק. מען דאַרף זיי מקרב זיין, נישט סטעמפּלען אַלס פריידענקער און פאַרטרייבן פון דער יידישער מחנה. ער, ר׳ יהושע נאַכאַמטשיק, ווייזט אויף מיט אַלערליי ראיות פון די חז״ל, אַז מען טאָר נישט אויסמעקן אַפילו אַ „קוצו של יוד״ פון דער תורה. דערביי דערציילט ער מיר, אַז מיט אַ צייט צוריק האָט אים באַזוכט דער חסידישער רבי. האָט ער אויסגענוצט די געלעגנהייט און אַ פרעג געטאָן דעם רבין וועגן זיין טאָכטער רבקה, וועלכע וויל פאָרן קיין ארץ־ישראל. דער רבי האָט זיך פאַרטראַכט, אויפגעהויבן זיין קאָפּ און ווייסע באָרד צום הימל, פאַרקנייטשט דעם שטערן, און שטילערהייט אַרויסגערעדט די עטלעכע ווערטער: „זאָל איר גאָט געבן איר מזל דאָ״. איך האָב מער קיין פירושים נישט געבעטן. איך האָב פאַרשטאַנען, אַז דער רבי איז קעגן דעם, אַז יידישע קינדער זאָלן פאָרן קיין ארץ־ישראל פאַר דער גאולה שלימה...

*

לאַנגזאַם שפּאַציר איך באַרג אַרויף דער איוועניצער גאַס. איך זוך מיינע פריינד און באַקאַנטע פון יענע צייטן... יעדער בליק דערוועקט אַזוי פיל זכרונות. אָט שטיי איך ביי אַ הילצערן הויז, מיט לאַנגע געפאַרבטע פענצטער און אַ סך טרעפּ וואָס פירן צו אַ גרויס געשעפט. דאָ האָט מען געקענט קויפן אַלץ: באַקאַליי, גאַלאַנטעריע, מאַנופאַקטור, טאַבאַק. אַ שמאָלער אַריינגאַנג ביי דער זייט פון דער שטוב פירט אין הויף אַריין. דאָ האָט זיך אויסגעבויט אין די לעצטע יאָרן אַ פיין הויז מיט אַ שיינעם גאָרטן, וואָס האָט זיך געצויגן ביז אונדזער קליין טייכל.

די הייזער און דער גאָרטן האָבן געהערט צו ר׳ בערל־מאיר שימאַנאָוויטש, איינער פון די אָנשטענדיקסטע בעלי־בתים אין שטעטל. אַנטוויקלט האָט זיך זיין געוועלב אַ דאַנק דער ערלעכער און טאַקטישער באַהאַנדלונג פון די קונים, דערוואָרבן זיך דעם צוטרוי פון אַלעמען — יידן און קריסטן. זייערע געשעפטן זענען כסדר געוואַקסן. אַ גרויסער טייל פון דער הצלחה איז צו פאַרדאַנקען זיין געטרייער און קלוגער פרוי פּעסיע, וועלכע האָט זיך אויסגעצייכנט מיט אירע סוחרישע פעיִקייטן און פאַרשטאַנד.

אַזוי האָבן זיך געפירט ביי זיי די געשעפטן — ביז ס׳איז געקומען „גראַבסקיס עגלה״ און זיינע שטייערן האָבן אַ תל געמאַכט פון יידישן האַנדל. ר׳ בערל־מאיר האָט באַשלאָסן צו פירן האַנדלס־ביכער, כדי צו האָבן אַ ביסל פרנסה. דער שרייבער פון די שורות האָט געפירט ביי זיי די ביכער.

אָט זע איך זיך איצט אינעם קליינעם צימערל ביים טישל, ווו איך האָב זייערע ביכער געפירט אין די שפּעטע אָוונט־שעהן, ווען אַלע זענען ביי זיי געשלאָפן. דעמאָלט פלעגט זיך צום טישל צוזעצן ר׳ בערל־מאיר, דערציילן זיין פאַרגאַנגענהייט — ביז דער חתונה האָט ער פאַרברענגט אין פאַרשידענע ישיבות. ביי יעדן שמועס האָט זיך אַרויסגעפילט זיין ליבע צו דער גמרא, צום פּלפּול און אגדה. מען האָט דאָס געקענט

זען דייטלעך, ווען ער איז געזעסן ביים רבס טיש אין בית־המדרש און געלערנט זיין בלאַט גמרא. די שכינה האָט דעמאָלט גערוט אויף אים, זיין פּנים האָט געשטראַלט פאַר פרייד. ער האָט עטלעכע יאָר געדינט אין דער צאַרישער אַרמיי אין קאַווקאַז און אויסגענוצט די צייט צו לערנען די רוסישע שפּראַך, געכאַפּט אַ ביסל בילדונג.

אין קאַווקאַז האָט ער זיך געטראָפן מיט די בוכאַרער יידן און גענומען שטודירן זייער פאַרגאַנגענהייט. ער האָט געמיינט, אַז זיי געהערן צו די עשרת השבטים. די בוכאַרער יידן האָבן געהאַט פאַר אים גרויס דרך ארץ צוליב זיינע טיפע ידיעות אין תלמוד. זיי האָבן אים גערופן „חכם". אויף אונדזער לשון הייסט דאָס „רבי". ער האָט שטאַרק ליב באַקומען די בוכאַרער יידן, ביי פיל פון זיי גענומען אַדרעסן, געוואָלט זיי דערנענטערן צו אונדזערע יידן.

בעתן דערציילן, פלעגן זיך אַרויסרייסן טיפע זיפצן פון זיין האַרץ. ער האָט געליטן דערפון וואָס די זאָרג פון פרנסה רויבט ביי אים אוועק די מעגלעכקייט אַריינצוקוקן אין אַ ספר, ווי אויך אָנהאַלטן קאָנטאַקטן מיט די בוכאַרער יידן.

ער האָט שטאָלצירט מיט זיינע געראָטענע קינדער. איך קוק אָן פריידלען — אַ שיינע בחורטע, אַ הויכע און שלאַנקע פיגור. אירע אויגן, איר שמייכלדיק פּנים — האָבן געפונען חן ביי אַלעמען. איך האָב באַוווּנדערט איר טיפע אַנונג אין מאַטעמאַטיק, איר פענאָמענאַלן זכרון.

אין די לעצטע יאָרן זענען זייערע געשעפטן געווען שוואַכע. זיי האָבן אָבער נישט פאַרלוירן דעם מוט, קיין מאָל נישט געהאַט גרויסע אַספּיראַציעס. דער עיקר איז ביי זיי געווען צו דערפירן די קינדער צו אַ תכלית. זיי וואָלטן געוויס דערלעבט נחת פון זייערע קינדער, ווען נישט דער אונטערגאַנג פון אונדזערע יידן אין שטעטל. צוזאַמען מיט אַלע זענען אומגעקומען ר׳ דב־מאיר מיט זיין פרוי הי״ד.

...פאַרבייגייענדיק, פאַלן מיינע בליקן אויף אַ הויז וואָס שטייט בשכינות מיטן הויז פון אונדזער רב. דאָ וווינט ר׳ מרדכי אייזן, אַ שניידער. ווייניק האָט מען געהערט פון דער משפחה, ווייל לאַנגע יאָרן האָט ר׳ מרדכי פאַרברענגט אין אַמעריקע און זיך צוריק געקערט פון דאָרט מיט אַ ביסל אָפּגעשפּאָרטע דאָלאַרן. ער האָט מיטגעבראַכט אייניקע אַנטיקלעך, מיט וועלכע ער פלעגט שטענדיק רימען אַמעריקע, דאָס גאָלדענע לאַנד. ער האָט באַנייט און פאַרשענערט זיין קליין הייזל. צוגעבויט אַ קליין געוועלב פאַרן יינגסטן זון לייבל, כדי העלפן אים פאַרווירקלעכן זיין חלום צו זען אים אַלס ביזנעסמאַן, ער זאָל, חלילה, נישט דאַרפן זיין אַן אָרעמער שניידער, ווי זיין פאָטער.

דערווייל זענען אונטערגעקומען די יאָרן פון דער ערשטער וועלט־מלחמה — און זיין גאַנץ געלט איז נישט געוואָרן... ר׳ מרדכי און זיינע זין האָבן געמוזט ווייטער אַרבעטן אַלס שניידערס. זיין זון אורי איז נישט צוריק געקומען פון פראָנט, די אַנדערע זענען אומגעבראַכט געוואָרן פון די היטלערישע עמלקים. פון דער גאַנצער משפחה איז נישט געבליבן קיין זכר.

איך דריי זיך אויס. אַנטקעגן איבער דער גאַס, שטייט אַ לאַנג הויז אויף אַ שמאָל בערגל. אַרויף־צו, צווישן צוויי הייזער, פירט אַ ריזיקער שטח הינטער דער שטוב. אויף דער לינקער זייט — אַ סאָד מיט פאַרשידענע פרוכט־ביימער, אַרומגעצוימט מיט שטאַכעטן. רעכטס — אַ גאָרטן מיט אַלערליי גרינסן. דאָ וואַקסן אויך קאַרטאָפל,

פאַרשידענע מינים תבואה. עס מאַכט אַן איינדרוק פון אַ גוט באַאַרבעט פעלד. אַלץ דאָס געהערט דער משפחה אָשעראָוויטש, וועלכע האָט געפירט איר לעבנס־שטייגער ווי די פוילישע פריצים.

פונעם הויכן גאַנעק קומט אַן לאַנגזאַם אַן עלטערער מאַן, אַ הויכער, גלייכער. מיט שטאָלץ שטעלט ער זיינע טריט. זיין אויסזען וועקט כבוד. די ווייסע ברייטע באָרד פאַרדעקט זיין ברוסט. ווי שטענדיק, אויסגעפוצט אין זיין שוואַרצער קאַפּאָטע און גלאַנציקע שיך. ער האַלט אין האַנט זיין זויבער טאַשן־טיכל, מיט וועלכן ער ווישט דעם שווייס פון פּנים. אין שטעטל האָט זיך יעדער געווונטשן צו דערלעבן זיין עלטער, מיט זיין האַלטונג און חכמה.

זינט איך געדענק, האָט ר׳ חיים־לייב געהאַט אַ באַזונדער צימער. דאָרט איז געווען אַ גרויסע שאַנק מיט ספרי־קודש, ביי וועלכע ער פלעגט פאַרברענגען אַ גאַנצן טאָג, טיילמאָל — אויך שפּעט ביינאַכט. ער פלעגט לייענען פאַרשידענע זשורנאַלן אין רוסיש און אין עברית. געהאָפט, ווי אַלע פרומע יידן, אויף משיחן. אין אַלע תפילות, ווען דאָס וואָרט ירושלים פלעגט אַרויף אויף די ליפּן, האָבן זיך טרערן געשטעלט אין זיינע אויגן. ער איז געווען במשך עטלעכע יאָר סטאַראָסטע אין רוביזשעוויטש און דערשינען אַלס פאָרשטייער פון אונדזער געמיינדע ביי דער אָרטיקער רוסישער מאַכט. מיט זיין דעה האָט מען זיך שטאַרק גערעכנט אין אַלע שטאָטישע ענינים. ער האָט דערלעבט אַ טיפן עלטער און נישט פאַרלאָרן זיין שכל ביז די לעצטע מינוטן פון זיין לעבן ת.נ.צ.ב.ה.

דער מאַרק

ביי מיינע ערשטע שריט אין מאַרק, בין איך צוגעגאַנגען צום הויז פון ירוחם און שרהקע, וואָס פלעגט שטענדיק ציען די אויפמערקזאַמקייט צוליבן ספּעציפישן אויסזען. פון מאַרק האָט צום הויז זיך געצויגן אַ לאַנגער גאַנעק מיט צוויי אַריינגענג: איינע — אין קראָם, די צווייטע האָט געפירט אין שטוב. פון ביידע זייטן הויז האָט געפירט צו אַ טיפן טאָל, ביז דער קיידאַנאָווער גאַס. פון דאָרט האָט דאָס הויז אויסגעזען ווי אַ „שלאָס": אַ הויכע, ריזיקע וואַנט, מיט פאַרשידענע טירן און טויערן, אַ קליינער פלאַץ הינטערן שטוב, אַרומגערינגלט מיט אַ הויכן צוים. נאָר פון אויבן האָט מען געקענט זען ווי ווילד־פאַרוואָקסענע גראָזן מיט שטעכיקע שישקעס באַדעקן דעם באַרג־אַראָפּ הינטערן שטוב. קיינער האָט נישט געקענט אַהער צוקומען, אָנקוקן די וואַנט מיט אירע געהיימנישן. צווישן דער שטוב און הויז פון דוד פעלדמאַן, האָט זיך געצויגן אַ שמאָלער באַרג־אַראָפּ, וואָס האָט געדינט אַלס דורכגאַנג פון מאַרק צו דער קיידאַנאָווער גאַס. די וועלכע האָבן געוואָלט זיך פאַרקירצן דעם וועג, האָבן נישט איין מאָל גוט זיך צעקלאַפּט די ביינער, אַראָפּקאָלערנדיק זיך ביז אונטן, בערך אַ 20—15 מעטער. ווינטער האָט דאָס געסל אויסגעזען שרעקלעך. געווען באַדעקט מיט אַ דיקן אייז־שיכט, וואָס האָט געגלאַנצט ווי אויסגעשליפן גלאָז. די וועלכע האָבן זיך איינגעקשנט און נישט געוואָלט גיין פון מאַרק אין דער קיידאַנאָווער גאַס מיטן לאַנגן וועג, האָבן נישט געהאַט קיין אַנדער ברירה, ווי... אַראָפּגליטשן זיך אויפן הינטערשטן.

אין די יאָרן פון דער ערשטער וועלט־קריג, האָט דאָ געוווינט אַ משפחה פון גראָדנע. אין די שפּעטערדיקע יאָרן, נאָכן טויט פון די קינדערלאָזע ירוחם און שרהקע, איז



השוק ברוביז׳ביץ׳ (1917) עת כיבוש עיירתנו ע״י הגרמנים

דער מאַרק אין רוביזשעוויטש (1917)

די שטוב אַריבער בירושה צו דער משפחה חייקין, וועלכע האָט געהאַט אַן אייזן־געוועלב און אַ דערלויבעניש צו פאַרקויפן טאַבאַק און סיגאַרעטן אין שטוב.

ר׳ אברהם חייקין איז געווען אַ ייד אַ למדן. די מערסטע צייט פאַרבראַכט ביי דער גמרא און פלפול. דערצו איז ער געווען אַ צדיק תמים, שטאַרק מדקדק געווען אין אַלע מצוות. זיין איטל, אַ קלוגע פרוי, האָט געפירט די געשעפטן. קיין מאָל נישט פאַרלאַנגט פון ר׳ אברהמן, ער זאָל מפסיק זיין דאָס לערנען און איר צוהעלפן אין געשעפט. זי האָט געגלויבט, אַז אין זכות פון זיין לערנען, האָט זי הצלחה אין האַנדל. אָבער ר׳ אברהם אַליין האָט גאַנץ אָפט געהאָלפן אין קראָם, ווייל ער האָט געוווסט, אַז אויך אַ מאַן דאַרף זאָרגן פאַר פרנסה.

אַ גאַנצע וואָך האָט זיך דאָ געררודערט. שטענדיק זענען די געשעפטן געווען איבער־פולט מיט קונים. דאַקעגן שבת האָט געהערשט דער אמתער עונג. די זמירות פון ר׳ אברהם און זיין מיטהעלפערין, דאָס קליינע טעכטערל רחלע, האָט הויך און שיין געקלונגען אין דער גאַנצער גאַס.

מוצאי־שבת, ווען מ׳האָט אָנגעצונדן די וואַקסענע ליכט צו הבדלה, האָבן זיך די זמירות געטראָגן ווייט איבערן מאַרק — ביז דאָס געזאַנג איז ביסלעכווייז אַנטשוויגן געוואָרן און אָנגעזאָגט, אַז אַ נייע וואָך קומט אָן...

ר׳ אברהם חייקין איז אומגעקומען אויף אַ טראַגישן אופן. זיין פרוי און טאָכטער, אין זייער נע־ונד און זוכעניש נאָך אַ שטיקל ברויט, זענען דערמאָרדעט געוואָרן דורך די פויערים. זייער יינגסטער זון, ישראל־אליעזר, האָט זיך אָפּגעראַטעוועט ביי אַ קריסט־לעכער פאַמיליע, וועלכע האָט אים אויסבאַהאַלטן. דערנאָך איז ער אַוועק אין די וועלדער מיט דער משפחה פון אליהו סעגאַלאָוויטש. היינט געפינט ער זיך אין ישראל.

איך בלייב שטיין אין מאַרק אייניקע מינוטן. איך באַמערק פון ווייטנס ר׳ לייזער פאַלייעס גיין אין שול אַריין. ער איז אַ גרויסער ירא־שמים. אין זיין פרייער צייט געזעסן אין שול און געלערנט. נישט אָנטייל גענומען אין שיחת חולין. געשטאַמט פון אַ סוחרישער משפחה, אָבער צוליב זיין פרומקייט האָט ער זיך דערווייטערט פון האַנדל, כדי, חלילה, נישט נכשל ווערן. דערפאַר האָט ער טאַקע נישט געהאַט קיין פרנסה און דאָס לעבן איז ביי זיי געווען שווער. ער האָט זיך קיין מאָל נישט באַקלאָגט אויף דעם, ווייל לויט זיין גלויבן, איז אַלץ מן השמים — און געהאַט בטחון, אַז „מאן דיהב חיי יהיב מזוני״...

דער מאַרק איז געווען דער צענטער פון אונדזער שטעטל. איך בין אַריין אין געוועלב פון ר׳ יעקב ליפשיץ, אַ לעדער־סוחר. זיין געשעפט איז שטענדיק איבערפולט מיט קונים. זיין פרוי קיילע באַמערקט מיך, בעט אַריין אין שטוב, ר׳ יעקב וויל מיט מיר ריידן.

אין שטוב איז אַן אומאָרדענונג. אַפילו שווער צו געפינען אַן אָרט ווו צו זעצן זיך. אויף אַלע שטולן ליגט איינגעפּאַקטע סחורה פאַר די קונים. ר׳ יעקב שטעלט מיר פאַר זיינע צוויי זין און פרעגט וואָס זאָל ער מיט זיי מאַכן. זיי ווילן פאָרן לערנען אין ישיבה, אַזוי ווי זייערע חברים האָבן געטאָן. אָבער צי איז עס אַ תכלית, קענען דען אַלע זיין רבנים? זייערע חברים האָבן נישט קיין אַנדערן אויסוועג, אָבער ער האָט דאָך די מעגלעכקייט צו שיקן זיינע קינדער שטודירן.

איך באַוווּנדער ר׳ יעקבס פּלאַן און דריק אויס מיין צופרידנקייט, אַז ס׳איז שוין דאָ צווישן אונדז אַ גלויביקער ייד, וואָס פאַרשטייט, אַז דאָס לעבן גייט פאָרויס, אַז

די יוגנט דאַרף זיך צופּאַסן צו נייע אָנשויונגען, מאָדערניזירן דאָס לעבן. נאָר אויך דער פּלאַן און געדאַנקען זענען געגאַנגען צום גרונט, צוזאַמען מיטן חורבן פון אונדזער קהילה. ר׳ יעקב ליפשיץ האָט זיין גאַנץ פאַרמעגן באַהאַלטן ביים קריסט סמאָלסקי פון „פּאָדזשערנע״. ער האָט געוואָלט פאַרן געלט זיך קויפן דאָס לעבן. דער קריסט האָט צוגענומען זיין געלט, צוזאַמען מיטן לעבן.

עטלעכע הייזער ווייטער שטייט אַ גרויס הויז. די פראָנט־טיר איז אָפן. איך זע אַן עלטערן מאַן, דאַר און בלייך, אין אַ ווייסן כאַלאַט. דאָס איז אונדזער אַפּטייקער, ה׳ קאָוואַרסקי, אַ געענדיקטער פּראָוויזאָר. ער זיצט ביי אַ קליין טישל, וואַרט אויף אַ קונה. אָרעם זעט אויס זיין אַפּטייק. די פּאָליצעס — האַלב ליידיק; דער רוב סלאָיקעס — פּוסטע. עס פעלט אונדזער אַפּטייקער דאָס ביסל מזומן איינצוקויפן אַלע מינים רפואות. אין גרעסטן טייל, ווערן באַשטעלונגען צו מאַכן רעצעפּטן געשיקט אין די נאָענטסטע שטעטלעך. געווען ביי אים אַ שטוב מיט קינדער, אָבער פּרנסה איז ניט געווען און דערפאַר ניט געהאַט די מעגלעכקייט צו געבן די קינדער בילדונג. נאָר זיין עלטסטער זון, אבראשקע, האָט אָן אַ שול אויסשטודירט אַדוואָקאַטור.

עטלעכע טריט ווייטער, פאַלט מיין בליק אויף אַ גרויס מאָדערן געשעפט. דאָס איז די דראָגעריי פון שימשע לעוויטאַס און זיין פרוי ראדקע. זיי האָבן געהאַט אַ רעכט צו פאַרקויפן נאָר גרייטע, פּאַטענטירטע רפואות. אָבער פּאַקטיש האָבן זיי אויסגעפירט אַלע באַשטעלונגען, געמאַכט פאַרשידענע רעצעפּטן. ניט אַלע האָבן געהאַט אַ צוטרוי, אַז זייערע רעצעפּטן ווערן געמאַכט ווי מען דאַרף. פּאַקטיש איז דאָס געווען אונדזער אַפּטייק. מען האָט געשמועסט, אַז די משפּחה איז איינע פון די רייכסטע אין שטעטל. דאָס איז געווען אַן אָפּגעשלאָסענע פאַמיליע. געלעבט נאָר פאַר זיך, דערווייטערט זיך פון אַלע געזעלשאַפטלעכע ענינים, ווייניק זיך באַטייליקט אין שפּענדונגען פאַר קהלישע באַדערפעונישן. צום סוף — זיין יאָרנלאַנג געזאַמלט קאַפּיטאַל, אַוועק געגעבן די נאַצישע רוצחים. זיין פרוי און קינדער זענען אומגעקומען אין רוביזשעוויטש. אים אַליין, שימשע לעוויטאַס, האָבן די סאָוויעטן פאַרשיקט קיין סיביר אין יאָר 1940.

איך גיי אַריבער די ראַקאָווער גאַס. דאָ אין ראָג שטייט אַ לאַנג, נידעריק הויז, וווּ ס׳האָט געוווינט ר׳ אליהו אייזנבוד מיט זיין פאַמיליע. זיי האָבן אַ גרויס געשעפט פון פאַרשידענע לאַנדווירטשאַפטלעכע מאַשינען און מכשירים. אַהער פלעגן קומען קויפן די פּריצים און פּויערים פון דער גאַנצער געגנט. זיי האָבן געהאַט רעספּעקט פאַר ר׳ אליהו אייזנבוד, פאַר זיין ערלעכן באַהאַנדלען די קונים.

ר׳ אליהו אייזנבוד איז געווען איינער פון די אָנגעזעענסטע בעלי־בתים אין שטעטל. רעליגיעז, אָבער ניט פאַנאַטיש. זיין חכמה און איינגעבוירענע אינטעליגענץ האָבן אים געגעבן די מעגלעכקייט אָנטייל צו נעמען אין אַלע געזעלשאַפטן און קרייזן. זיין קלוגער קוק און גוט האַרץ, האָבן זיך דערוואָרבן ליבע ביי יונג און אַלט, יידן און קריסטן. ער איז געווען אַ גרויסער בעל־צדקה און מכניס־אורחים, ליב געהאַט אונדזער יוגנט און זי געשטיצט מיט אַלעס מעגלעכן.

לאַנגע יאָרן איז ר׳ אליהו געווען גבאי אין שול און אין דער חברה קדישא, מיטגליד אין דער פאַרוואַלטונג פון באַנק, פּרעזעס פון די פייערלעשער. בשעת גזירות און פּאָגראָמען ביי אונדז, איז ער געשטאַנען בראש פון ווידערשטאַנד, געזוכט און

געפאָדערט הילף ביי דער אָרטיקער מאַכט, כדי פאַרטיידיקן די יידן. בעת דער ערשטער וועלט־קריג, ווען די מאַכט האָט זיך אָפּט געטוישט, פלעגט ר׳ אליהו אייזנבוד, צוזאַמען מיט די קריסטלעכע פאָרשטייער פון דער געגנט, מקבל פנים זיין די נייע מאַכט מיט זאַלץ און ברויט, געווען דער מליץ יושר פאַר יידן. אויך אין דער צייט פון דער דייטשער אָקופּאַציע, איז ער געווען פּרעזעס פון יודענראַט. ביז דער לעצטער מינוט פאַר דער שחיטה, האָט ער ניט געוואָלט רוען, געזוכט אַלע מעגלעכ־קייטן מבטל צו זיין די שווערע גזירה, נאָר ווען ער האָט מער גאָרניט געקענט העלפן, איז ער געגאַנגען בראש פון אַלע קרבנות, אויף דעם לעצטן וועג צום גרוב. ער האָט זיך געקענט ראַטעווען, ווייל דער קשיאָנדז האָט אים געוואָלט נעמען צו זיך און באַהאַלטן, אָבער ער האָט דאָס אָפּגעוואָרפן. ר׳האָט ליב געהאַט זיינע שטעטלשע יידן און בחייהם ובמותם לא נפרדו. הי״ד.

✶

איך דריי זיך אַרום אויף דער ראַקאָווער גאַס. מיר קומט אַקעגן לייבע סלאָבאָדקין, אַ יונגער אויסגעפּוצטער בחור, מיט זיינע גאַליפע־הויזן און אָנגעגלאַנצטע שטיוועלעך. אים האָט דערצויגן זיין באָבע שימקע און די מומע ליבע סאַגאַלאָוויטש. ער האָט געהאַט די פעיִקייט צו לערנען שנעל שפּראַכן. געקענט פּערפעקט רוסיש און פּויליש, באַנוצט זייער אַ שיינע האַנטשריפט. ער פלעגט גאַנץ אָפט אַרבעטן אין גמינע אָדער אין סטאָלפּצער סטאַראָסטע, נאָר סטאַבילע אַרבעט האָט ער, אַלס ייד, ניט געקענט באַקומען. ר׳האָט זיך אויסגעצייכנט מיט שיינע מאַניערן, געמאַכט אַ גוטן איינדרוק אין יעדער געזעלשאַפט. ער איז געפעלן פיל מיידלעך פון שטעטל, אָבער ניט פאַרבינדן זיך מיט קיינעם. ער האָט געליטן צוליב אַן אַנטוישטער ליבע מיט שולע שאַפּיראָ, מחמת דעם ווידערשטאַנד פון איר פרומען פאָטער. ער איז געפאַלן אַלס פּאַרטיזאַן אין דער נאַליבאָקער פּושטשע.

אָט זע איך שולע שאַפּיראָ ביי זיי אין קראָם. אַ הויכע און שלאַנקע, מיט געלאָקטע האָר. שטענדיק שמייכלט זי און פאַררויטלט זיך אַ ביסל. איר פאָטער, ישעיהו שאַפּיראָ, איז באַקאַנט אַלס סוחר און שיינער בעל־הבית אין שטעטל. ער האָט ליב צו לערנען אַ בלאַט גמרא. געווען אַ גוטער בעל־תפילה, בעל תקיעה, ליב געהאַט צו מישן זיך אין קהלישע ענינים. זייער גאַנצער פאַמיליע איז אין די טעג פון דער גרויסער שחיטה געפאַלן אין גאָרטן הינטער זייער שטוב.

...די זון דערנענטערט זיך צום אונטערגאַנג. אירע שטראַלן לעשן זיך לאַנגזאַם אויס. יידן רוקן זיך אַרויס פון אַלע ווינקעלעך, זיי איילן זיך אין בית המדרש צום דאַווענען מנחה־מעריב.

פון דער ווייטנס זע איך איטשע אַברהמס גוריאָן, אַלתר אושר דער שניידער, זיין ברודער טוביה. זיי איילן זיך צום דאַווענען, גייען שנעל און באַוועגן שטאַרק מיט די הענט. אַ פּנים — אַ וויכטיקער שמועס. פון דער צווייטער זייט קומען אָן ר׳ חיים זעליג דער שניידער, שייע וועלוול דער סטאָליער, ר׳ שמואל דער קצב, ר׳ ביירעך דער שניידער. אַלע גוטע, פרומע יידן. פאַרדינען ערלעך זייער שטיקל ברויט מיט מי און שוויס. ניט קיין עשירות, נאָר געזונט, כדי צו קענען אַרבעטן — דאָס איז

זייער בקשה צו גאָט. לחם לאכול ובגד ללבוש בנחת ולא בצער — איז זייער באַשיידענע תפילה.

אויפן וועג צו דער שול, דערנענטערט זיך אויך ר׳ וועלוול שימאַנאָוויטש. ער האָט היינט יאָרצייט און פרי פאַרמאַכט זיין יאַטקע. ער איז אַ קלוגער און גוטמוטיקער, אויך אַ בקי אין די קליינע אותיות. אַ מענטש אָן אַ גאַל. גרייט צו העלפן יידן אין אַ נויט. צייטנווייז האָט ער געמאַכט גוטע געשעפטן און דאָס געוואָלט אויסנוצן, כדי צו בילדן זיינע קינדער און זיי דערפירן צו אַ תכלית. ליידער האָט ער דאָס ניט דערלעבט. ער איז אומגעקומען צוזאַמען מיט אַלע קדושים.

ווען איך בין צוגעקומען נענטער צו די מתפללים, האָב איך אויפגעכאַפּט אַ שמועס צווישן פרץ דעם שוסטער און אַן עלטערן מענטש, וועלכער האָט זיך באַקלאָגט, אַז זיין מאָגן פאַרדייעט ניט קיין מאכלים. אַפילו אַ זעמעלע, אַ קיכעלע שמעקט אים ניט — און ר׳ פרץ האָלט אין איין טענהן, אַז ער וואָלט דאָס געגעסן, אַלץ איינגעשלונגען מיט איין ביס. דאָס איז דאָך אַזוי געשמאַק. ער באַלעקט זיך מיט הנאה: „אײַ, אײַ, וואָלט איך דאָס געגעסן...״

איך קער זיך צוריק פון ראַקאָווער גאַס — און זע פונוויטנס דאָס שול־געסל.

בלויז עטלעכע טריט פון די שולן האָט געוווינט די משפחה פלאָטניק. מיר זענען געווען זייערע שכנים אין משך פון פיל יאָרן. איך בין דאָרט געווען אַ בן־בית, פאַרברענגט פיל אָוונטן, שבתים און ימים־טובים. צי קען איך מוותר זיין פון אַ באַזוך ביי ר׳ יצחק פלאָטניק, פון וועמען איך האָב אַזוי פיל געלערנט, וועלכער האָט מיר אַריינגעגעבן מוט, אמונה און שטרעבונג צו אַ שענערן מאָרגן? איך האָב געפילט ביי זיי אַ סך פריילעכקייט. איך זע דאָרט אליעזרן, באַשקען און פייגעלען — פריילעכע, לעבעדיקע. זיי באַגעגענען יעדן מיט אַ ליבלעכן שמייכל.

ר׳ יצחק איז געווען אַ ייד אַ בעל תורה און אַ משכיל. פרום, אָפּגעהיטן אַלע מצוות פון דער תורה, אָבער אויך געהאַט פאַרשטענדעניש פאַר וועלטלעכע לימודים. שטאַרק ליב געהאַט צו שטודירן די חכמות פון מאַטעמאַטיק, אַסטראָנאָמיע און פילאָזאָפיע. ער האָט געזאָגט, אַז די אַלע חכמות געפונען זיך אין תלמוד און ס׳איז אַ חוב פאַר יידן זיי ווייטער צו אַנטוויקלען. ער האָט געלייענט וועגן דעם פיל ביכער. אויך אַנדערע ספרים וועגן יידישער געשיכטע.

עס דערמאָנען זיך מיר זיינע דיסקוסיעס וועגן ספאָרט. ער האָט געזאָגט, אַז מען דאַרף דערציען די יוגנט צו אַ געזונטן גייסט און געזונטן קערפּער. ער האָט קריטיקירט די ישיבה־בחורים, וועלכע פאַרנעמען זיך ניט מיט ספאָרט, זאָרגן ניט פאַר זייער געזונט. לויט זיינע רייד, איז ער געווען אַ ציוניסט נאָך אין די יונגע יאָרן. ווען ארץ־ישראל איז אַרויף אויף זיינע ליפּן, האָט דאָס פּנים געשטראַלט פאַר פרייד. ער האָט ליב געהאַט די יוגנט, וועלכע וויל פאָרן קיין ארץ־ישראל און זיי געשטיצט מיט וואָס נאָר מעגלעך.

וויניק ביי אונדז האָבן אים געקענט. ער איז געווען אַ נחבא אל הכלים. קיין מאָל זיך ניט באַרימט מיט זיינע קענטענישן. איך האָב אַ סך שעהן פון מיינע יוגנט־יאָרן ביי זיי פאַרבראַכט און געשעפּט פון זיין חכמה און מידות, ווייל זיין תורה האָט זיך קיין מאָל ניט אויסגעשעפּט, ער איז געווען אַ מעין המתגבר.

געפירט האָט ר׳ יצחק אַ רויִק און שטיל לעבן, ביז זיין ליבע פרויביילע איז פלוצלינג אַוועק פון דער וועלט אין אירע בעסטע יאָרן. ער איז פאַרבליבן אַ טרייער פאָטער צו זיינע קינדער, ביז זיין לעצטן טאָג. געשטאָרבן איז ער, איידער די דייטשן זענען אַריין צו אונדז אין שטעטל און האָט זוכה געווען מען זאָל אים ברענגען צו קבר ישראל. יהא זכרו ברוך לנצח.

*

קען איך שוין פאַרלאָזן דיך, מיין שטעטל רוביזשעוויטש? האָב איך שוין אַלעמען באַזוכט? ניין, ווידער דערמאָנט זיך מיר איינער פון אונדזערע בעלי־בתים. ר׳ אברהם בילקין. אָט זע איך אים שטיין נעבן דער קאַלטער שול. קוים אים דערקענט. ר׳האָט זיך שטאַרק געעלטערט. זיין קורץ געשוירן בערדל איז אין גאַנצן ווייס געוואָרן. זיינע שמייכלדיקע אויגן — אַ ביסל פאַרטונקלט. אַוועק זענען יענע יאָרן — און מיט זיי זענען פאַרשוווּנדן זיינע אַמאָליקע געשעפטן.

כדי צו קענען אָפּשילדערן געגנוי ווער ר׳ אברהם איז געווען, מוז מען זיך אומקערן אַ ביסל אויף צוריק. זיין פאָטער, ר׳ שמואל, האָט געשטאַמט פון אַ באַוווּסטער משפחה פון רבנים און גאונים. זיי זענען געווען פיר ברידער — און יעדער מיט זיינע באַזונדערע אייגנשאַפטן. דעם עלטערן ברודער משה, האָב איך ניט געקענט. ר׳ אליעזר בילקין איז געווען אַן איינגעפונדעוועטער נגיד, אַ בעל־תורה, געגאַנגען אין די וועגן פון זיין פאָטער. דער ברודער, ר׳ מַתי (מתתיהו), אַ סוחר, פול מיט הומאָר. דער יינגסטער ברודער, ר׳ אברהם, איז געווען אַלץ: אַ נגיד, אַ קלוגער מענטש, אַ סוחר און אַריסטאָקראַט. געפירט פאַרשידענע געשעפטן. געהאַנדלט מיט וואַלד און פעלדער, אַ צושטעלער פאַרן אָרטיקן פוילישן מיליטער פון האָלץ, שפייז און האָבער פאַר זייערע פערד.

איך געדענק ר׳ אברהם בילקין נאָך פון יענע צייטן, ווען כ׳האָב געאַרבעט אין קולער וואַלד. ער פלעגט קומען איינקויפן האָלץ פאַרן מיליטער. איך האָב זיך אויך מיט אים געטראָפן בעת אַ דין־תורה ביי אונדזער הרב איידלמאַן ז״ל. זיין שיינע אויסשפּראַך אין פויליש און רוסיש, ווי די איידעלע מאַניערן, האָבן אַרויסגערופן רעספּעקט. ניט צו וווּנדערן זיך, וואָס די פּריצים פון דער גאַנצער סביבה האָבן זיך באַנוצט מיט אים אַלס בעל יועץ אין אַלע וויכטיקע ענינים.

געפירט האָט ר׳ אברהם זיין לעבן לויט די מסורת פון אונדזערע עלטערן. ער איז געווען אַן אידעאַלער פאָטער צו זיינע קינדער, אויסגעגעבן אַ פאַרמעגן פאַר זיין עלטסטן זון, חיים־איסר, וועלכער איז געבליבן אַ יתום פון זיין מוטער — ביז ער האָט אויסשטודירט אַלס ציין־דאָקטאָר. זיין יינגסטן זון, שמערלען, אויך אַ יתום פון זיין צווייטער פרוי, האָט ער געלאָזט לערנען אין די ישיבות, אויפן פאַרלאַנג פון קינד, וועלכער איז געווען איינער פון די בעסטע ישיבה־בחורים אין שטעטל. זיין מיטעלן זון, ישראל־לייזער, האָט ער געהאַלטן ביי זיך, געוואָלט אים מאַכן פאַר אַ סוחר.

ר׳ אברהם האָט געהאַט נאָך קינדער פון זיין דריטער פרוי, דינקע. צו אַלע קינדער האָט ער זיך באַצויגן מיט ליבע, געזאָרגט זיי איינצואָרדענען אַ גליקלעך לעבן. אָבער

אַלע פון דער משפחה זענען אומגעקומען. בלויז דער זון מוֹלע (פון דער פרוי דינקע) האָט זיך געראַטעוועט און איז געבליבן אין רוסלאַנד. אברהם מיט זיין זון חיים־איסר, אַ צאָן־דאָקטאָר, זענען געפאַלן אין דער נאַליבאָקער פושטשע, בעת דער גרויסער אָבלאַווע פון די דייטשן אויף די פאַרטיזאַנער. שמערל, ישראל־לייזער און משה, זענען אומגעקומען אין רוביזשעוויטש, בעת דער גרויסער שחיטה.

שולן און יומטובים


צי קען איך פאַרענדיקן מיין שפּאַציר איבערן שטעטל און ניט באַזוכן די שולן, ווו מיר האָבן יאָרן־לאַנג פאַרבראַכט? די קאַלטע שול — אַ הויכע הילצערנע געביידע, מיט לאַנגע פענצטער פון אַלע זייטן. דאָ פלעגט מען דאַווענען נאָר יום־טוב, ימים־נוראים און שבת (זומער־צייט). עטלעכע טריט אַנטקעגן, איז דאָס בית המדרש. אַ לאַנגער בנין, מיט ווייס־לאַקירטע פענצטער און פאַרביקע ווענט. לאַנגע שטיינערנע טרעפּ האָבן געפירט אין שול דורך אַ לאַנגן פאָליש, ווו מיר פלעגן אַ ביסל צושמועסן בעת קריאת־התורה. דאָס בית־המדרש איז געווען אָפן טאָג און נאַכט. אַהער פלעגט מען קומען דאַווענען, ווען אין דרויסן איז נאָך געווען פינצטער, און אין אָוונט פלעגט דאָס גאַנצע שטעטל דאַווענען מנחה ומעריב, און דערנאָך כאַפּן אַ שמועס.

יום כיפור: אַלע יידן, אָנגעטאָן אין ווייסע קיטלען, און איינגעוויקלט אין טליתים, זאָגן מיט התלהבות און מיט אַ ניגון פון תחנונים די תפילה־זכה. אָט זע איך אונדזער רב הינטערן ארון קודש ביי דער מזרח וואַנט, ווי ער שאָקלט זיך אַהין־און־צוריק, אין גרויס עקסטאַז.

געווען איז אונדזער רב „מכשמו ומעלה" פון אַלע יידן, אָנגעטאָן אין אַ לאַנגער זיידענער קאַפּאָטע און שוואַרצן, הויכן צילינדער. זיין לאַנגע ווייסע באָרד און זיין פּאַטריאַרכאַלער אויסזען, האָט דערוועקט ביי יעדן כבוד און דרך־ארץ. אַפילו די קריסטן אין שטעטל האָבן אים רעספּעקטירט.

ווי איך געדענק, פלעגט אונדזער רב דרשנען אין שול עטלעכע מאָל אין יאָר. עס ליגט מיר נאָך אין זכרון זיינע דרשות מיט פיל מאמרי חז"ל און משלים. שבת נחמו פלעגט ער אונדז טרייסטן. עס איז אַ גרויסער כבוד וואָס מיר טראָגן דעם נאָמען „אתה בחרתנו". שבת־תשובה האָט זיין דרשה אויסגעזען גאַנץ אַנדערש. ער האָט גערופן צו טאָן תשובה. „היינט" — האָט ער געזאָגט, — „איז די סכנה גרויס. דער יום־כיפור שטייט אָן ביי דעם שבת, וועלכער וועט געוויס מקטרג זיין אויף אונדז פאַרן מחלל שבת זיין אַ גאַנץ יאָר"...

עס דערנענטערט זיך די שעה פון „כל נדרי". דאָס בית המדרש און די ווייבער־שול זענען איבערפולט. אין שול הערשט אַ טויטע שטילקייט. אַלע וואַרטן מיט אַ פאַרכאַפּטן אָטעם צו הערן דעם רבס דרשה פאַר „כל נדרי". לאַנגזאַם עפנט דער רב אויף דעם ארון־קודש. ער רופט צו האָבן חרטה אויף אונדזערע זינד פון אַ גאַנץ יאָר. זיין שטים איז שוואַך. ער רעדט מיט אַן איוב־ניגון: „רבותי, מיר דאַרפן איצט אויסקויפן בילעטן אויף אַריבערצופאָרן 365 סטאַציעס, כדי מיר זאָלן זוכה זיין איבער אַ יאָר זיך ווידער צו טרעפן דאָ. די לאַגע איז אַן ערנסטע. מען דאַרף זיך באַזאָרגן מיט אַלע נייטיקע פּראָדוקטן, עס זאָל, חלילה, ווער פון אונדז ניט איבערבלייבן אין



בית המדרש
(ציור: נ. ברמן, לפי השרטוט של א. פורת)

דאָס בית־המדרש
(געצייכנט: נ. בערמאַן, לויטן פּראָיעקט פון א. פורת)

מיטן וועג". דער רב פֿאַרענדיקט מיט די ווערטער פֿון „ונתנה תוקף": „מי במים ומי באש, מי ברעב ומי בצמא". ביי די ווערטער איז ניט מעגלעך צו בלייבן גלייכגילטיק. מענער האָבן געוויינט, פֿרויען ספּאַזמירן. די ווערטער האָבן אָנגערירט די סטרונעס פֿון ליידן ביי אונדזערע מוטערס, וועמענס אַ קינד איז געפֿאַלן אין מלחמה, אָדער אומגעקומען דורך אַן אַנדער אומגליק.

איך קוק זיך אום אין אַלע זייטן אין שול. דאָרט, ביי דער מזרח־וואַנט אין ווינקל, שאָקלט זיך אשר רייכלין; אַ ביסל ווייטער — חיים קירמאַן און זיין זון שמעון. זיינע ברילן זיצן ביי אים אויף דער שפּיץ נאָז. ער שרייט צו גאָט ביי דעם אָפֿענעם מחזור. ער בעט פּרנסה און געזונט פֿאַר זיין קראַנקע ווייב. פֿון צווייטן זייט פֿון ארון הקודש זיצט ר' יעקב שפּיראָ, אָנגעשפּאַרט אויף זיין שטענדער, און שמעקט פֿון אַ קליין פֿלעשעלע „שליאַק־וואַסער" (אַמאָניאַק). פּלוצלינג פֿאַלט מאָטע ריווקין, דער שניידער, אַוועק אויף זיין באַנק. ער פֿילט זיך ניט גוט. מען לויפֿט צו אים צו, מען גיט אים צו שמעקן פֿון דעם פֿלעשעלע. ער לעבט ווידער אויף. מרדכי פּישקין, דער שניידער, שפּאַצירט מיט גאווה לענגאויס דער שול, מיט זיין בכבודיקן בייכל. אַ גאַנצע וואָך שלעפּט ער זיך אַרום איבער פֿאַרשידענע דערפֿער און זוכט צו פֿאַרדינען זיין שטיקל ברויט, שבת און יום טוב זעט אָבער ר' מרדכי אויס שיין און פֿאַרפּוצט. אַ פֿאַרגעניגן, ממש ניט צו דערקענען. ראובן פּאַזנאַק דרעמלט צו אַ ביסל. ער דערהערט די תפֿילה „וכל מאמינים", וועקט ער זיך איבער. אַלע שטייען אויף, דער ארון הקודש איז אָפֿן. ר' ראובן שרייט מיט אַלע כוחות די שיינע ווערטער פֿון דער תפֿילה, צוזיפּצנדיק אַלע מאָל. ער פֿאַרענדיקט מיט דעם „אַך, ווען גאָט שענקט אים יאָרן, ער זאָל דערלעבן צו פֿאָרן צו זיינע קינדער קיין אַרגענטינע"...

אָט זע איך אייניקע אונדזערע יידן שטייען, אייניקע זיצן, אַלע זאָגן האַרציק די תפֿילות פֿון יום כיפּור. פֿון ביידע זייטן פֿון בעלעמער שטייען אליעזר בילקין, זיין ברודער אברהם, משה סאַגאַלאָוויטש, לייבע גוריון, משה און איצקע גוריון, שמעון דרוק דער מלמד. אַלע הערן זיך צו מיט הנאה צו יעדער וואָרט, וואָס דער בעל־תפֿילה, ר' עוזר גוריאַן, זאָגט. ער איז געווען בעל־תפֿילה בחסד עליון. זיין קלינגענדיקע און האַרציקע שטימע מיט זיין באַטעמען די ווערטער פֿון די תפֿילות, האָט אויף יעדן שטאַרק געווירקט.

עוזר גוריאַן איז געווען אַ ייד אַ פֿאַרשלאָסענער. פֿון אים האָט קיינער ניט געוווּסט וועגן זיין מצב. געוווינט האָט ער אויף דער ראַקאָווער גאָס, אין אַ נידעריק צעבראָכן הייזל, אַ מטופּל מיט אַ סך קינדער. ער האָט געפֿירט אַן אָרעם און שווער לעבן. געווען אַ קאַראַבעלניק, אַרומגעפֿירט פֿאַרשידענע גאַלאַנטעריע־סחורה איבער די דערפֿער און געטוישט אויף תבואה, אָדער אַנדערע פּראָדוקטן. געהאַט האָט ר' עוזר אַ טרייען שותּף צו זיין געשעפֿט — זיין פֿערדל. גאַנץ פֿרי פֿלעגט ר' עוזר זיך לאָזן אין וועג אַריין. אין וועלכן דאָרף דאָס פֿערדל האָט אים געפֿירט — איז גוט געווען. ר' עוזר איז געלעגן אַ ביסל אָנגעשפּאַרט אין זיין וואָגן, געזונגען די ניגונים פֿון די ימים־נוראים תּפֿילות, זיין שטימע האָט זיך געטראָגן ווייט־ווייט. זיין פֿערדל האָט זיך שוין צוגעוווינט צום זינגען און פֿריילעך געגאַנגען זיך זיין וועג. ווען דאָס פֿערדל איז געבליבן שטיין, האָט ר' עוזר פֿאַרשטאַנען, אַז ער איז אַריינגעפֿאָרן אין אַ דאָרף.

די פויערים האָבן פון אים געהערט, נאָך איידער ער איז אָנגעקומען און שוין אויף אים געוואַרט מיט זייער תבואה, קאַרטאָפל, ציבעלעס, אַרבעס, פוטער, אייער און הינער. פאַר דעם האָבן זיי געפלעגט איינקויפן פאַרשידענע סחורות. אויסגעזען האָט ר׳ עוזר זיינע וואָכעדיקע בגדים ווי אַ קבצן, אָבער ווען ער האָט געדאַוונט פאַרן עמוד אין דעם ווייסן קיטל און שטריימל, און זיין ברייט פונאַנדערגעקעמטע שוואַרצע באָרד האָט ממש אַראָפּגעשטראַלט פון פנים — האָט ער אויסגעזען ווי אַן אמתער שליח־ציבור.

צו נעילה איז ווידער געפּאַקט אין די שולן. מען מאַכט איצט „די לעצטע אַטאַקע״ פאַר אַ גוט, געזונט יאָר. די לופט — אַ געדעמפטע. די גרויסע ליכט וועלכע האָבן געברענט 24 שעה, לעשן זיך איינציקווייז אויס. דער ריח פילט זיך אין אַלע ווינקעלעך. עס איז פשוט ניטאָ מיט וואָס צו אָטעמען. די תפילות פון נעילה זענען רירנדיקע, אַלע זאָגן זיי מיט גרויס כוונה. די לעצטע ווערטער דערמוטיקן, אַלע שרייען מיט איין קול: „לשנה הבאה בירושלים״.

איך בלייב אין שול, פאַרזינקען אין מיינע מחשבות. פאַרשידענע בילדער פליען פאַרביי. אָט זע איך שמחת־תורה. עס איז פריילעך און לעבעדיק. די קינדער — שיין אָנגעטאָן. די מיידעלעך מיט פאַרביקע סטענגעלעך אין זייערע האָר, שטייען צוזאַמען מיט די ייִנגלעך, וועלכע האַלטן פענער אין די הענטלעך און וואַרטן אויף די הקפות. בעת ביי די רייכע קינדער זענען די פענער געבראַכט געוואָרן פון דער גרויסער שטאָט, אויף זיי איז אָפּגעדרוקט דער ארון־הקודש מיט די ספרי תורהס, זענען די פענער ביי די אָרעמע קינדער פּרימיטיווע, אַרויפגעזעצט אויף אַ שטעקעלע מיט אַ קאַרטאָפל, אַ מייער, און אין דעם — אַ פאַרביק, ברענענדיק ליכטל.

אין שול רודערט זיך און טומלט זיך. עס גייט אַ גרויסער האַנדל. מען פאַרקויפט כיבודים פאַר הויכע פרייזן. דער פרייז פאַר „אתה הראית״ שטייגט אַן אויפהער. דער כבוד פאַלט צו, ווי געוויינלעך, ר׳ יעקב פאַלייעס. דער הויכער פרייז קימערט אים ניט, דער עיקר — ער האָט באַקומען די הקפה און ער שטראַלט פאַר פרייד.

ר׳ יעקב פאַלייעס האָט געשטאַמט פון לומדים און סוחרים. אַליין געפירט פאַרשי־דענע געשעפטן מיט גרויס הצלחה. געווען באַקאַנט ביי אונדז אַלס נגיד און בעל־צדקה. ער איז געווען אַ גוטמוטיקער, געהאָלפן יעדן נויטבאַדערפטיקן. אַ שטאָלצער ייד, האָט געקעמפט פאַרן יידישן כבוד. מיט ביטול האָט ער געקוקט אויף די פאַרקריפלטע מה־יפית יידן, וועלכע פאַרנייגן זיך מיט חנופה פאַר יעדן פריץ. צוליב זיינע געשעפטן, האָט זיך ר׳ יעקב גאַנץ אָפט געפונען אין דער געזעלשאַפט פון די פוילישע פריצים. ער פלעגט קומען צווישן זיי, ווי אַ ווירדיקער ייד. ביי יעדער געלעגנהייט, ווען ס׳איז געווען נייטיק, האָט זיך ר׳ יעקב ניט אָפּגעשראָקן זיי אַריינצוזאָגן, „ווען אייערע עלטערן זענען נאָך געווען פּרימיטיוו, האָבן אונדזערע עלטערן שוין געהאַט אַ רייכע קולטור״. ער האָט זיך געפירט לויטן באַגריף פון דער השכלה־באַוועגונג: „היה אדם בצאתך ויהודי באהלך״. געהאַט אַן עסטעטישן געשמאַק, געוואָלט, אַז אַלע קהלישע ענינים אין שטעטל זאָלן אויסזען לייטיש. די שול זאָל האָבן אַ מאָדערנעם חזן. די באָד זאָל זיין איינגעאָרדנט אויף אַ היגיענישן אופן, אין שטעטל זאָל שטענדיק זיין אַ דאָקטאָר. ער האָט געהאָלפן שאַפן אַ בית־ספר, אַ תלמוד־תורה פאַר אָרעמע

קינדער. אין אַלע אַקציעס פון זאַמלען געלט פאַר אַ וויכטיקן צוועק, איז ר׳ יעקב געווען דער גרעסטער נדבן.

עס ליגט מיר גוט אין זכרון דער שטאַרקער איינדרוק און שמחה אין שטעטל, ווען ר׳ יעקב האָט געשענקט אַ ספר־תורה פאַר דער שול. די ספר־תורה האָט ער געלאָזט שרייבן ביי די בעסטע סופרים. מ׳האָט אונטער אַ חופה געפירט די תורה פון זיין שטוב אין שול אַריין. די איינריכטונג פון דער חופה און דער אויסזען פון דער פייערונג האָט געמאַכט אַ שטאַרקן רושם אויף די רבנים און געסט, וועלכע זענען זיך צונויפֿ־געפאָרן פון פיל שטעט און שטעטלעך און אויף די איינוווינער פון שטעטל — יידן און קריסטן.

...צוריק צו אונדזער שמחת תורה. ר׳ יעקב שטייט ביים עמוד און צוזאַמען מיטן חזן פאַרטיילט ער די פסוקים פון „אתה הראית לדעת״ צו זיין משפחה, לויטן עלטער. צוערשט דערנענטערט זיך ר׳ לייב פאַליס, נאָך אים לייזער פאַליס, ר׳ שלמה בערנשטיין און אַנדערע. ר׳ יעקב שפרייט אויס זיין גרויסן טלית פאַר „כל הנערים״. די קינדערלעך באַוועגן זיך אונטערן טלית, די צאָן קדשים זינגען מיט זייערע קינדערישע שטימען די ניגונים פון שמחת־תורה — און באַקומען דערפאַר זיסוואַרג, עפל, לעקעך און טאָרט.

✶

...פלוצים פאַרשווינדט אַלץ פון מיינע אויגן.

איך דערזע אַן אַנדער בילד: די שולן — צעבראָכענע, די ווענט — צעשטערטע, נישטאָ מער יענע פייערלעכקייטן, די הייליקע און פריילעכע מינהגים; אַהער וועלן מער ניט קומען אונדזערע יידן — ניט אין יום־כיפור, ניט אין שמחת־תורה. די צעפאַ־לענע ווענט וויינען און קלאָגן אויפן גרויסן חורבן פון אונדזער קהילה: „איכה ישבה בדד העיר״.

חדרים, מלמדים, שולן און לערערס

און איצט — לאָמיר זיך „דורכשפּאַצירן״ איבער די רוביזשעוויטשער חדרים, באַגעגענען זיך מיט זייערע מלמדים, בעלפערס און תלמידים.

עס איז ניט אַזוי איינפאַך צו שילדערן די אַמאָליקע חדרים אין אונדזער קליין שטעטעלע, ווו מיר האָבן פאַרבראַכט די מערסטע צייט פון טאָג — פון פרי ביז שפעט אין אָוונט. די לימודים דאָרט האָבן זיך געטיילט אויף צוויי זמנים אין יאָר: פון נאָך פסח ביז ראש השנה, און פון נאָך סוכות ביז 2 וואָכן פאַר פסח.

שווער צו דערמאָנען זיך די ערשטע חדר־יאָרן. איך בין געווען בערך 4 יאָר אַלט, האָט מיין עלטערער ברודער מיך מיטגענומען אין זיין חדר, אין ווייבערישן בית־המדרש. דאָרט איז געווען דאָס חדר פון ר׳ איטשע מלמד. אַ הויכער ייד מיט אַ לאַנגע, ווייסע באָרד און איינגעבויגענע פּלייצע. געטראָגן האָט ער אַ לאַנגע קאַפּאָטע, אין האַנט געהאַלטן אַ לאַנגע פאַלקע. דאָס האָט אויף מיר אָנגעוואָרפן אַ שרעק, און כ׳האָב געוואָלט אַראָפּשפרינגען פון אַלע טרעפּ — אַבי צוריק אַ היים. ר׳ איטשע מלמד האָט דאָס באַמערקט, מיך צוגערופן און מיט אַ שמייכלדיקער גוטסקייט געפרעגט: „ווועסט

זיין אַ גוט קינד און ניט שטערן?" איך האָב אַ שאָקל געגעבן מיטן קאָפּ, געזעצט זיך מיט אַלע קינדער צום טיש, נעבן מיין ברודער. דער רוב תלמידים, אָנפּאַנגער, זענען געזעסן אויף לאַנגע בענק, אַרוםביידע זייטן טיש. דער רבי איז געגאַנגען פון איין קינד צום צווייטן, קאָנטראָלירט זייערע פאָרשריטן. איין קינד, וואָס איז געזעסן פון מיין זייט, איז אַ ביסל שווער געגאַנגען דער אלף בית. האָט דער רבי געהאַלטן אין איין שרייען: „זאָג נאָר תכשיט, קמץ אַלף אָ". דער רבי האָט זיך אַ ביסל אויפגערעגט: „זאָג אויס, זאָג אויס" — האָט ער געשריגן אָן אויפהער. דאָס קינד האָט זיך אָבער פאַרעקשנט און ניט געוואָלט אויסזאָגן. איך האָב געהאַט גרויס רחמנות אויפן קינד. אין דעם חדר בין איך שוין מער ניט געגאַנגען, ניט געוואָלט אָנקוקן דעם מלמד ר' איטשע מיט זיין חדר.

אין אַ יאָר שפּעטער האָט מיך מיין ברודער מיטגעשלעפּט אין זיין צווייטן חדר, צו ר' שמעון דער מלמד (שמעון דרוק, דער זון פון ר' ישראל דער שמש). געווען איז ר' שמעון אַ נידעריק יידעלע, מיט אַ קליין שפּיציק בערדל. אין האַנט האָט ער געהאַלטן אַ גרויסן טייטל, מיט וועלכן ער האָט אָנגעוויזן אין סידור און געהאָלפן דעם תלמיד דורכקריכן די שווערע עברי. דער רבי איז געזעסן מיט אַלע תלמידים ביי אַ גרויסן טיש, און ווען ניט זיין טייטל און דאָס שפּיציקע בערדל, וואָלט ער אויסגעזען ווי אַלע חדר־יינגלעך. געוווינט האָט ר' שמעון אין אַ קליין, נידעריק הייזל ביי איטשע נפתלי אויף דער ראַקאָווער גאַס.

צו ר' שמעון מלמד זענען די קינדער געגאַנגען מיט מער חשק, ווייל הינטערן שטוב איז געווען אַ גרויסער פּלאַץ צו שפּילן זיך.

דערנאָך האָב איך אָנגעהויבן לערנען ביי ר' יוסף־יצחק פייגנבוים. געהייסן



גן ילדים עברי ראשון (1933). ערשטער העברעישער קינדערגאָרטן (1933).

האָט עס „זיסמאַן־חדר״. נאָר פאַר וואָס — ווייס איך ניט ביז היינט. דער אַריינפיר אַהין איז געווען גאַנץ פשוט: מען האָט מיר געזאָגט, אַז נאָך סוכות וועל איך אָנהייבן דאָרט לערנען. אַנדערש איז אָבער געווען ביי די רייכערע קינדער, אָדער מיט אַ בן־יחידל. די עלטערן האָבן אַזאַ איינעם געטראָגן איינגעוויקלט אין אַ טלית. דעם תכשיט האָט מען אַוועק געשטעלט אויפן טיש. דאָס קינד האָט געענטפערט אויף פאַרשידענע פראַגן, צוגעזאָגט צו זיין אַ מתמיד אין לערנען תורה. דערפאַר האָט די משפחה באַשיט דעם תלמיד מיט פאַרשידענע מטבעות און זיסוואַרג. געהייסן האָט דאָס „מלאך־געלט״.

ר׳ יוסף יצחקס חדר איז געווען אויף דער סטאָלפּצער גאַס, אינעם הויז פון קריסט שאַרקע, בשכנות פון אַ לאַנגן סאָד מיט פּרוכטן. דאָ האָבן מיר פאַרברענגט זומער־צייט, בעת די הפסקות אין לערנען. גערופן האָבן מיר אים ניט רבי, נאָר — לערער. ער איז געווען פאָרגעשריטענער פון אַנדערע, ער האָט לאַנגע יאָרן פאַרברענגט אין דייטשלאַנד. זיין יידיש איז געווען אויסגעמישט מיט דייטש. זיין פאַרטייטשן דאָס חומש איז געווען פון אַ דייטשן ווערטער־בוך, וואָס האָט אונדז צעבראָכן די ציין... ער איז געווען אַ משכיל, גוט געקענט רוסיש. ביי אים האָבן געלערנט ייִנגלעך און מיידלעך צוזאַמען, אָבער געזעסן זענען מיר באַזונדער, אויף לאַנגע בענק, פון איין עק וואַנט צו דער צווייטער. די מיידלעך זענען געזעסן אַרום צוויי לאַנגע טישן, צוזאַמענגע־שטעלטע אין מיטן שטוב. די מיידלעך זענען געווען אין פאַרשידענעם עלטער, דאָך האָבן אַלע געלערנט צוזאַמען, דאַקעגן די ייִנגלעך זענען געווען איינגעטיילט אין גרופּן, לויט די יאָרן: אָנפאַנגער, פאָרגעשריטענע און די העכסטע גרופּע, וועלכע האָט שוין געלערנט חומש, תנ״ך מיט רש״י, מצודת ציון און מצודת דוד און תרגום אונקלוס. מען האָט אויך געלערנט שרייבן יידיש און רוסיש, חשבון, רוסישע גראַמאַטיק. זיין טאָכטערביילקע האָט געלערנט די אָנפאַנג־ייִנגלעך דאַווענען. די קונדסים האָבן איר געהאַלטן אין איין קאָפּען מיט די פיס. זי האָט געמוזט האַלטן אַ בעזעם, מיט וועלכן זי האָט געקלאַפּט אויף זייערע פיס. דער לערער פלעגט שטענדיק לאַנג שפּאַצירן אַרום די טישן, כדי אַכטונג געבן, אַז די תלמידים זאָלן, חלילה, ניט בטלן ביים לערנען.

פּונקט עלף אַ זייגער, פלעגט דער רבי־לערער אויסשרייען אויף רוסיש „סמירנאָ!״ — אַ סימן, אַז עס הייבט זיך אָן די לעקציע פון דער רוסישער שפּראַך.

ביים לערער איז אויך געווען אַ וווּנדער־זייגער, וועלכן ער האָט געברענגט פון דייטשלאַנד. ער פלעגט קלינגען אין פאַרשידענע שעהן פון טאָג. צוועלף אַ זייגער פלעגט ער אויסקלינגען און אָנזאָגן דעם אָנהייב פון דער גרויסער הפסקה — די „פּערעמענע״ אויפן לערערס לשון. ווינטער, אין דער צייט פון דער „פּערעמענע״, פלעגן מיר בלייבן זיצן אין חדר און אויפעסן אַלץ וואָס יעדער האָט מיט זיך געברענגט. דאַקעגן זומער איז געווען אַ פאַרגעניגן. מיר האָבן פאַרבראַכט אין סאָד ביי פאַרשידענע שפּילערייען. דער לערער פלעגט אויסשטעלן אַלע ייִנגלעך אין צוויי רייען און מאַכן מיט זיי גימנאַסטיק: „די הענט הויך! די הענט גלייך!״ מיר פלעגן מאַרשירן לויטן טאַקט פון לערערס ציילן אויף רוסיש. אין סאָד, ביי די שייערן פון היידוקעס, זענען געשטאַנען לאַנגע בענק. ווען די פּירות זענען צייטיק געוואָרן, האָט עס גערייצט יעדעס קינד צו פאַרזוכן אַ באַרנע, אָדער עפּל. די ביימער זענען געווען זייער הויך, דערלאַנגען צו די פּרוכטן איז ניט געווען לייכט. האָבן מיר אויסגעפונען, אַז מיטן וואַרפן אַ שטעקן, קען

געלונגען אַראָפּצוקלאַפּן עטלעכע עפּל. ניט איין מאָל האָבן מיר באַקומען פּעטש פון לערער, ווען ער האָט אונדז געכאַפּט ביי דער גניבה.

כדאי צו דערמאָנען עטלעכע עפּיזאָדן פונעם חדר:

ביי די ייִנגלעך איז געווען אַ מין ספּאָרט צו באַווייזן צו קומען דער ערשטער אין סאָד אַריין, בעת דער הפסקה. מאַכט זיך אַ מעשה, אַז אַ בראַווער תלמיד פאַרגנבעט זיך צום פענצטער און שפּרונגט גלייך אין סאָד אַריין. די חברים האָבן פון קנאה אַלץ דערציילט דעם לערער, וואָס האָט אים שטאַרק אויפגערעגט — און ער האָט באַשלאָסן אָפּצושמייסן דעם תלמיד, צוגעבנדיק אין רוסיש: „טשטאָבי טאָ ניע סטאַלאָ". וואָס הייסט, אַז מען טאָר ניט דערלאָזן, ער זאָל אויסוואַקסן אַ גוי, אַ פויער, קריכן גנבענען דורכן פענצטער. דאָס שמייסן אַ תלמיד אין חדר, איז געווען פאַרבונדן מיט אַ גאַנצער צערעמאָניע. אין דער אמתן, האָט מען עס קיינמאָל ניט אויסגעפירט, נאָר די הכנות האָט מען געמוזט מאַכן. דאָס האָט געהערט צו אונדזערע תלמידות. זיי האָבן אויסגעבעט אַ ווייכן בענקל מיט אַ קישעלע, דער תלמיד פלעגט זיך אַליין לייגן און דערביי זאָגן, אַז ער איז זיך מודה אין זיינע זינד און „מודה ועוזב ירוחם". מיט דעם פלעגט זיך עס ענדיקן...

נאָר דאָס מאָל איז געווען אַנדערש. דער תלמיד, אַ גרויסער עקשן, האָט ניט געוואָלט זיך לייגן. די ייִנגלעך האָבן מיט כוח געוואָלט אים ברענגען צום בענקל. יענער איז אָבער געווען אַ שטאַרקער און ממש באַוויזן נסים. ער האָט צעביילט אַלע קינדער, איבערגעקערט טישן און בענק, אָנגעמאַכט גרויס שאָדן. דעם לערער איז קוים געלונגען צוריק שטעלן די אָרדענונג אין חדר. ער האָט געבעטן אַלע קינדער זיי זאָלן אים מוחל זיין, אַז די זאַך זאָל פאַרשוויגן ווערן. פון חדר טאָר מען ניט דערציילן.

געשען איז דאָס אין יאָר 1914, ווען ס'איז אויסגעבראָכן די ערשטע וועלט־קריג. אַרום דעם שטעטל זענען געווען גרויסע וועלדער, אין וועלכע דייטשע אינזשעניערן זענען געווען שטאַרק באַשעפטיקטביים פלאַנירן און דורכפירן פאַרשידענע אַרבעטן, דער עיקר — ביים אויסהאַקן דעם וואַלד. אַ געוויסן שיינעם טאָג, האָבן מיר דערהערט אַ שטאַרקן טומל אין דרויסן. אָט באַווייזט זיך אין טיר פון חדר דער לערער — אַ פאַרסאַפּעטער און צערודערטער. קוים וואָס ער באַווייזט אויסצושרייען:

— קינדער, שנעלער! אַ טייוול איז דאָ!

דער לערער לויפט אַרויס אין גאַס, מיר נאָך אים און אַלע צוזאַמען נעמען זיך יאָגן נאָך דעם „טייוול" — אַ וואָגן אויף פיר רעדער, וואָס פאָרט אַליין, אָן פערד, אָן אַ געשפּאַן. מיר לאָזן זיך לויפן נאָך דעם וואָגן, וואָס איז אָבער פלינקער פון אונדז. מידע און איבעראַשטע, בלייבן מיר שטיין ערשט ביים וואַלד, אַ קילאָמעטער הינטער דער שטאָט. נאָכן אָפּרוען זיך, האָבן מיר זיך אומגעקערט אין חדר פול מיט באַוווּנדערונג.

אין דעם חדר האָב איך געלערנט עטלעכע יאָר, ביז דער העכסטער כיתה. אין דער כיתה האָט געלערנט ישראליק, מונע דעם קרעמערס אַן אייניקל. זיין פאָטער איז געווען רב און שוחט אין כאַרבין (מאַנדזשוריע). ביים ענדיקן אַ ספר פון תנ"ך, פלעגן מיר איינאָרדענען אַ סעודה. מונע האָט געברענגט אַ סך זיסוואַרג. דער לערער האָט

דורכגעפירט אַן עקזאַמען, די אויסגעצייכנטע תלמידים האָבן באַקומען די בעסטע זאַכן פון דער סעודה.

ר׳ יוסף יצחק דער לערער, איז געווען אַ קלוגער ייד, פול מיט הומאָר. ליב געהאַט פּאָליטישע דיסקוסיעס, נאָכגעפאָלגט דעם „סטראַטעגישן גאַנג״ פון דער ערשטער וועלט־מלחמה, געלייענט פיל זשורנאַלן אין עברית און רוסיש. ער איז געווען אַ שטרענגער לערער, אַ פעדאַנט פאַר אָרדענונג און ריינקייט. די קינדער האָבן שטענדיק געמוזט זיין ריין אָנגעטאָן, געוואַשן, אויסגעפוצטע נעגל. זיצן גלייך, ניט איינבויגן די רוקנס. דאָס חדר איז שטענדיק געווען פאַרפּוצט: אַ געוואַשענע פּאָדלאָגע, קאָלירטע טאַפּעטן אויף דער וואַנט. אין אַ באַזונדער צימער איז געשטאַנען אַ גרויסע שאַפע מיט ספרים און לערן־ביכער אין רוסיש און דייטש.

אין די לעצטע יאָרן האָט דאָס חדר ניט געהאַט קיין גרויסן דערפאָלג, ווייל עס זענען אַנטשטאַנען מאָדערנע שולן. דער לערער איז געשטאָרבן אין זיינע מיטעלע יאָרן, איבערלאָזנדיק אַ פרוי און אַ טאָכטער, וועלכע האָבן געלעבט אין דחקות און נויט.

אין אַ קליין געסעלע אַנטקעגן יואל דעם גלעזער, האָט געוווינט ר׳ נח־חיים. אין זיין קליין שטיבל איז געווען אַ חדר פאַר גרעסערע יינגלעך. דאָ, האָט מען אַ חוץ חומש און תנ״ך, געלערנט אויך משניות, קצור שולחן ערוך, חיי אדם און אפילו דעם מורה נבוכים. געווען איז ר׳ נח־חיים אַ בעל תורה, געשמט ביי אונדז אַלס גוטער מלמד. אַן עלטערער מאַן, מיט אַ ווייסער, געדיכטער באָרד, לאַנגע, פאַרדרייטע פאות. געקליידעט אין אַ לאַנגע קאַפּאָטע, מיט טיפע קעשענעס פון ביידע זייטן, אין וועלכער ער פלעגט האַלטן זיינע הענט. ביים אַריינגאַנג אין חדר, איז געשטאַנען אַ גרויס פעסל מיט וואַסער. ביי דער זייט איז געהאָנגען אַ קופּערן קענדל מיט צוויי הענטלעך. פון דער צווייטער זייט איז געשטאַנען אַ גרויסער צעבער, אָנגעפילט מיט וואַסער, ווו די קינדער פלעגן וואַשן די הענט, זאָגנדיק „אשר יצר״. אַנטקעגן איז געשטאַנען אַ גרויסער טיש מיט לאַנגע בענק, אויף וועלכע עס זענען געזעסן ביי אַ פופצן קינדער, מיטן רבין בראש. הגם דאָ האָבן געלערנט עלטערע קינדער, האָבן זיי געקענט מער שטיפן פון די קלענערע. מען פלעגט אויסנוצן אַלע געלעגנהייטן, ווען דער רבי איז ניט געווען אין חדר. פון אַלעמען האָבן זיך אויסגעצייכנט מיט זייערע שטיפערישע איינפאַלן די תלמידים: הירשל גוריאָן, אברהם בערקאָוויטש, דב לונגין און משה קאַהאַנאָוויטש.

אַ מאָל איז געשען אַזאַ פאַל: דער רבי האָט זיך פאַרשפּעטיקט פון דאַווענען. אַלע תלמידים זענען שוין געווען אין חדר, האָט זיך אונדז פאַרגלוסט צו מאַכן אַ מלחמה: ביי אַזאַ שפּיל זענען די היטלען געפלויגן אין דער הייך — און צום סוף איז פאַרלאָרן געגאַנגען דאָס היטל פון הירשל ראַצקאָווסקי. מען האָט עס געפונען אין גרויסן פעסל וואַסער. עס איז געוואָרן ליהודים. מען האָט געריסן די היטלען פון די קעפּ און זיי געוואָרפן אין פעסל וואַסער, געשטויסן זיך און געשטופּט — ביז איין תלמיד איז אַריינגעפאַלן אין צעבער מיט וואַסער און זיך איבערגעדרייט. עס האָט לאַנג ניט געדויערט און די וואַסערן פון פעסל און צעבער זענען געווען אויף דער פּאָדלאָגע. אַלע תלמידים — דורכגענעצט פון קאָפּ ביז די פיס, אין שטוב — אַ מבול. ווען דער רבי

האָט געעפנט די טיר, איז ער געבליבן שטיין אַ צעטומלטער. אָבער די תּלמידים האָבן באַוויזן פלייסיק זיך אויסצוזעצן ביים טיש, שטיל, קיינער ווייסט ניט וואָס צו זאָגן... דער רבי איז מלא חימה און באַשליסט שיקן רופן די עלטערן. דאָס האָט ניט געשמעקט די תּלמידים. זיי האָבן געזוכט איבערצובעטן דעם רבין, צוזאָגנדיק צו זיין גוט און פרום. דער רבי איז געוואָרן ווייכער, ביז ס'איז געלונגען צו שליסן אַ שלום. מיר האָבן געמוזט אויסשאַרן דאָס וואַסער, אָפּוואַשן די פּאָדלאָגע, ברענגען פריש וואַסער אין פעסל. דעם טאָג האָבן מיר שוין ניט געלערנט, נאָר געווען באַשעפטיקט ביים צוריקשטעלן דעם סדר אין חדר. ווען דער רוסיש־דייטשער פראָנט (אין יאָר 1915) האָט זיך צו אונדז דערנענטערט, זענען די לימודים איבערגעריסן געוואָרן.

✶

אין אַלע צייטן האָט אונדזער יוגנט געהאַט דעם דראַנג צו געניסן אויך פון וועלט־לעכע לימודים. פיל האָבן געשיקט זייערע קינדער לערנען אין גימנאַזיע אין מינסק. אַלע קינדער פון חיים־דוד פּאָליעס האָבן שטודירט און געענדיקט אוניווערסיטעט. לייבע לונגין האָט געענדיקט די „גאָראָדסקאָיע" שול אין איוועניץ, שפּעטער — אַבסאָלווענט פון דער מינסקער האַנדלס־שול. עס איז דעריבער ניט צו וווּנדערן זיך, אַז צוגלייך מיט די חדרים, זענען ביי אונדז געווען אויך מאָדערנע שולן. דאָ האָט מען געלערנט „אין קלאַסן" — רוסיש, עברית, היסטאָריע. דער שכר־לימוד איז געווען אַ הויכער, אַהער האָבן נאָר פאַרמעגלעכע עלטערן געשיקט זייערע קינדער. עס פלעגן אויך אַראָפּקומען צו אונדז, אין די וואַקאַציע־חדשים, מינסקער גימנאַזיסטן און געבן לעקציעס די יעניקע, וועלכע האָבן זיך געגרייט אָנקומען לערנען אין גימנאַזיע.

פון די אַלע מאָדערנע שולן, האָבן זיך אויסגעצייכנט די קלאַסן, אין וועלכע עס האָבן געלערנט די לערערס זאַריצקי, גאָלדבערג און שניטמאַן. די אונטעריכט־שפּראַכן זענען געווען העברעיִש און רוסיש. די שול־דירעקטאָרן האָבן אָפּט איינגעאָרדנט ספּעציעלע פייערונגען מיט זייער געלונגענע פאָרשטעלונגען מיטן אָנטייל פון קינדער־אַרטיסטן — און די עלטערן האָבן אָנגעקוואָלן פון דעם שפּיל, רעציטאַציעס און דעקלאַמאַציעס. אויך די פאָרשטייער פון דער צאַרישער שול־מאַכט זענען געווען צופרידן פון די לימודים און אויפטריטן פונעם קליינוואַרג אין דער רוסישער שפּראַך.

זאַריצקיס שול האָט זיך געפונען אין הויז פון שיינע רישקע די אָפּשפּרעכערין. בעת אַ פאָרשטעלונג אין אַ געוויסן אָוונט, ווען די קינדער האָבן אָנגעהויבן זינגען דעם רוסישן הימן „באָזשע צאַראַ כראַני" — האָט מען דורכן פענצטער אריינגעוואָרפן אַ שטיין. קיין שלעכטס איז קיינעמען ניט געשען, נאָר די ליכט האָבן זיך אויסגעלאָשן און די פייערונג איז בטל געוואָרן. דער אָנוועזנדיקער אוראַדניק האָט באַלד אַרויס גענומען זיין שווערד פון שייד, אָנגעהויבן אַלאַרמירן מיט זיין פייפערל און גענומען זיך נאָכיאָגן נאָך די בונדיסטן, וועלכע האָבן אַזוי אַרום אויסגעדריקט זייער פּראָטעסט קעגן צאַרישן רעזשים. די רעוואָלוציאָנערן האָט מען ניט געכאַפּט, אָבער די רוביזשע־וויטשער פייערונג לכבוד דעם צאַרס געבורטס־טאָג — איז צעשטערט געוואָרן...

ווען אין רוסלאַנד איז אויסגעבראָכן די רעוואָלוציע, האָבן זיך ביי אונדז געפונען גוטהאַרציקע גימנאַזיסטקעס, וועלכע האָבן רחמנות געהאַט אויף די אָרעמע קינדער

און אומזיסט זיי געלערנט רוסיש. אין יענער צייט האָט ביי אונדז געוווינט אַ משפּחה „בעזשענצעס" פון גראָדנע. זייער 17־יאָריקע טאָכטער, לייקע די גראָדנערין, אַ שלאַנקע שוואַרצהנעוודיקע גימנאַזיסטקע, האָט געדונגען דאָס הויז ביי שיינע רישע די אָפּשפּרעכערין און דאָרט געשאַפן אַ קלאַס פאַר ניט־פאַרמעגלעכע קינדער. איך און נאָך אַנדערע האָבן בייטאָג געלערנט אין חדר, און אין די אָוונט שעהן באַזוכט די קלאַס. שפּעטער, ווען די באָלשעוויקעס זענען געקומען, האָט זיך ביי אונדז אָרגאַניזירט אַ שול צו לערנען יידיש. אונטער דעם גרויסן בית־המדרש איז געווען אַ נידעריקער, לאַנגער צימער. גערופן האָט מען דאָס תּלמוד־תּורה. עס זענען דאָרט געווען צעבראָ־כענע שטענדערס, צעריסענע ספרים. דאָס צימער איז אויסגערייניקט געוואָרן פאַר דער נייער יידישער שול. דער אָרגאַניזאַטאָר און דירעקטאָר איז געווען אַבראַשקע קאָוואַרסקי. די לערערינס — מירל, די טאָכטער פון חיה־רחל פעלדמאַן און הינדע ריווקין, חיים־זעליקס טאָכטער (די בולבעטסקע). שפּעטער איז צו אונדז געקומען אַ רוסישער לערער, אַ ייד, אין אַ סטודענטיש היטל — „טאָוואַרישטש" וואַטמאַן.

די שול האָט אויסגעזען ווי אַ חורבה: טונקל, די ווענט האָבן געגעצט, די לופט אַ פאַרשימלטע. די קינדער פלעגן גאַנץ אָפט ליידן פון קאָפּ־ווייטאָג. מען האָט געגומען זוכן אַ פּאַסיק אָרט פאַר דער שול. צו אונדזער גליק, האָט די אָרטיקע מאַכט געעפנט אַן אַלגעמיינע שול פאַר אַלע קינדער אין שטעטל, יידן און קריסטן. די לערן־שפּראַך איז געווען רוסיש.

אין עק פון דער קיַידאַנאָווער גאַס, איבער דער בריק לינקס, איז געשטאַנען אַ לאַנג הויז מיט גרויסע, ווייס־געפאַרבטע פענצטער, אַרומגעצוימט מיט שטאַכעטן, הינטער וועלכע עס האָט זיך געצויגן אַ גרויסער שטח מיט פאַרשידענע פרוכטן־ביימער. דאָרט איז געווען די „נאַראָדנאַיאַ שקאָלאַ". אין אַמאָליקע צייטן, פאַרן צאַרישן רעזשים, האָבן דאָ געלערנט בלויז קריסטלעכע קינדער, נאָר אין די ווינטער חדשים, ווייל זומער האָבן זיי געדאַרפט פאַשן די בהמות און חזירים. דאָס זענען געווען קינדער פון די אַרומיקע דערפער. זיי פלעגן קומען אַהער אין לאַפּטשעס, מיט לאַנגע בראַווערקעס, אָנגעטאָן אין פעלצן און פאַפאַכעס פון שעפּסענע פעלעכלעך. זיי האָבן מיטגע־שלעפּט מיט זיך לאַנגע טאָרבעס שפּייז, אויף אַ גאַנצן טאָג. זיי פלעגן וואַרפן אַן אימה אויף די יידישע קינדער אין שטעטל. ניט איין מאָל זענען זיי אונדז באַפאַלן, אָבער מיר האָבן זיך ניט געלאָזט, געפירט מיט זיי שטענדיקע קאַמפן. ביז עס איז געקומען די צייט פון סאָציאַליזם — און די טירן פון דער שול האָבן זיך ברייט געעפנט פאַר אַלעמען, אויך פאַר די יידישע קינדער פון רוביזשעוויטש.

אונדזער רבי, ר' נח־חיים, האָט געפירט אַ פאַרביסענעם קאַמף קעגן די קלאַסן. „דאָס איז הבל הבלים" — האָט ער געזאָגט. — „אל תלכו בדרך הגויים".

צוויי כוחות האָבן זיך געראַנגלט — איין כוח האָט געצויגן צום חדר. דער צווייטער כוח איז אָבער געווען שטאַרקער. אונדז האָט געלאָקט צו קענען די רוסישע שפּראַך מיט איר היסטאָריע. מיר האָבן זיך צוגעהערט צו די שמועסן פון די סאָציאַליסטישע לערער, וועלכע האָבן צוגעזאָגט צו שאַפן אַ גן־עדן אויף דער וועלט.

ניט לאַנג האָט דער גן־עדן אָנגעהאַלטן. דער נייער קריג פון פּוילן קעגן די באָלשעוויקעס האָבן צו אַלעם געמאַכט אַ סוף. דער פראָנט האָט זיך דערנענטערט

און לאַנגע חדשים זענען די קאַמפן געווען נאָענט פון אונדזער שטעטל. די שול און אַלע חדרים האָבן זיך געשלאָסן. לסוף זענען די באָלשעוויקעס אַנטלאָפן, עס זענען געקומען די פּאָליאַקן. אַלע חדרים האָבן זיך צוריק געעפנט. מיט דער הילף פון אַמעריקאַנער יידן, איז אַנטשטאַנען אַ שול פאַר יידישע קינדער אינעם נייעם הויז פון ר׳ בערל־מאיר שימאָנאָוויטש.

אין דער שול זענען אַלע תלמידים איינגעטיילט געוואָרן אין כיתות. אַ ספּעציעלע גרופּע עלטערע קינדער האָט געלערנט גמרא. צווישן זיי: אליעזר פּלאַטניק, ראובן פּישקין, דב גיטלין, שמריהו איידלמאַן. זיי האָבן זיך שפּעטער אויסגעצייכנט אַלס גוטע תלמידים אין ישיבות. די אַלע זענען שוין ניטאָ אויף דער וועלט.

דער רבי פון גמרא איז געווען דער שווער פון לייבקע פּאַלייעס. מיר האָבן געהאַט אַ ספּעציעלן לערער פאַר עברית. דאָס איז געווען ר׳ מרדכי (מאָטל) אַראָנאָווסקי ז״ל, דער זון פון הרב ר׳ מאיר. ער איז געווען רעליגיעז און קולטורעל, אַ הייסער ציוניסט, געלערנט לאַנגע יאָרן אין די ישיבות און געהאַט סמיכות אויף רבנות, ער האָט געקענט פּערפעקט די העברעיִשע שפּראַך. רוסיש האָט אונדז געלערנט דער סטודענט וואַטמאַן.

אַ יאָר נאָכן ענדיקן דעם קריג, איז צו אונדז געקומען פון קוידאַנאָוו אַ רבי אַ מופלג בתורה און הייסער חסיד. געווען אַ מטופל מיט קינדער, געלעבט אַן אָרעם לעבן. ער האָט געמוזט זוכן מזל אין אַ גרעסערער שטאָט — און אין אייניקע יאָרן שפּעטער איז ער אַוועק קיין באַראַנאָוויטש.

אין די ערשטע יאָרן נאָכן קריג, איז דאָס שטעטל געבליבן אָן אַ רבי פאַר די גמרא־יינגלעך. ניט געווען קיין אַנדערער אויסוועג פאַר די וועלכע האָבן געוואָלט פאָרזעצן לערנען, נאָר צו פאָרן אין די ישיבות. די עלטערע תלמידים האָבן זיך טאַקע איינגעאָרדנט אין די ישיבות. לסוף איז געלונגען אַראָפּצוברענגען אַ גוטן רבין פון דערעוונע — ר׳ יידל קאַפּושטשעווסקי. זיין חדר איז געווען אין בית־המדרש. דאָ האָט מען געלערנט גמרא, דאַקעגן שרייבן האָט מען געלערנט אין דער ווייבערישער שול.

געווען איז ר׳ יידל אַ שטרענגער רבי. געוואָלט, אַז זיינע תלמידים זאָלן לערנען מיט התמדה און צופרידן שטעלן זייערע עלטערן. שטענדיק האָט ער געהאַלטן אַ דיקע פּאַלקע, מיט וועלכער ער פלעגט שרעקן די תלמידים. ניט געקוקט אויף דעם, פלעגט מען אויסגעפונען אַלע וועגן, אַבי זיך אַרויסצוגנבענען פון חדר, כאַפּן אַ גליטש אויפן שניי. זומער פלעגט מען אַוועק צום טייך זיך אויסבאָדן. דער רבי פלעגט שטענדיק פאָרוואַרפן, אַז מיר האָבן ניט קיין חשק צום לערנען, האָבן אין זינען נאָר שליטעלעך, מעשה שקצים.

מיר איז פאַרבליבן אין זכרון אַ מעשה מיטן קאַלפּאַק פון בליץ־לאָמפּ אין בית המדרש, וועלכער איז געהאַנגען איבערן טיש, ווו דער רב פלעגט לערנען אַ בלאַט גמרא פאַרן עולם, יעדן אין דער פרי נאָכן דאַווענען.

געלערנט האָבן אונדזערע תלמידים ביים טיש דעם פּלפּול פון דער גמרא „היה רוכב על גבי בהמה״.

— רבי, — פרעגט אַ תלמיד, — אויף אַ בהמה רייט מען? מען רייט אויף אַ פערד.

— פויער איינער, — זאָגט דער רבי, — אַ בהמה און אַ פערד איז אַלץ איינס.



חגיגת ל״ג בעומר של ביה״ס „חורב״ (1933), המורים (משמאל לימין): אלתר מורדוכוביץ, בודנייב ולוין (מקוידנוב).

ל״ג בעומר פייערונג פון דער „חורב״־שול (1933), די לערערס (פון לינקס צו רעכטס): אלתר מאָרדוכאָוויטש, יוסף באָדניעוו און לעווין (פון קוידאַנאָוו).

פרעגט ווידער אַ קשיה אַ צווייטער תלמיד:

— רבי, אויף פערד רייטן דאָך ניט קיין יידן, נאָר גויים, איז צו וואָס דאַרף מען דאָס שרייבן אין גמרא?

כאַפּט זיך אַרויס אַ תלמיד און שרייט אויס:

— אַ ייד און אַ גוי איז אַלץ איינס!

דאָס האָט דעם רבין אַרויסגעבראַכט פון די כלים, ער האָט אַ הייב געטאָן די פּאַלקע צו באַלוינען דעם תלמיד פאַר זיין ליצנות. ער האָט אָבער נעבעך געטראָפן אין קאָלפּעק, וועלכער האָט זיך צעשאָטן אויף שטיקלעך. דער רבי איז געוואָרן פאַרשטיינערט פון שרעק. מיר האָבן אויף אים רחמנות געהאַט און באַלד צונויפגעזאַמלט געלט אויף אַ נייעם קאָלפּעק צום בליץ־לאָמפּ. פון דעמאָלט אָן איז דער רבי געוואָרן צו אונדז בעסער. ער האָט מער ניט באַנוצט זיין דובינקע צום באַשטראָפן די תלמידים.

אין די שפּעטערדיקע יאָרן איז ביי אונדז געעפנט געוואָרן אַ פאָלקס־שול א. נ. „חורב״, מיט מלוכהשע רעכט. נאָר ביז איר אַנטשטייאונג, האָבן יידישע טעכטער געלערנט אין דער פּוילישער פאָלקס־שול („פּאָווסעכנע״). ערשט ווען די מאַכט האָט פאַראָרדנט, אַז אויך ייִנגלעך מוזן לערנען אין דער אָפיציעלער שול, איז ניט געווען שוין קיין אַנדערע ברירה, ווי צו שאַפן אַ יידישע שול, מיט ביידע אונטעריכט־שפּראַכן: העברעיִש און פּויליש. צו פאַרוואַלטן מיט דער „חורב״־שול, האָט מען געמוזט אַראָפּ־ברענגען אַ דיפּלאָמירטן לערער, אַן אַבסאָלווענט פון אַ לערער־סעמינאַר. ער, באַזאַמען

מיט די רוביזשעוויטשער לערערס, ווי: אברהם חיים, איידעם פון ישראל־איסר גורעוויטש, אלתר מאָרדוכאָוויטש, זון פון פייווע דער טעפּער, שמעון דער מלמד און אַנדערע, האָבן געבילדעט דעם פּעדאַגאָגישן ראַט און דערציִערס אין דער שול.

אין די לעצטע יאָרן פאַרן אויסברוך פון צווייטן וועלט־קריג, האָט מיט דער שול אָנגעפירט הינדע שאַפּיראָ, די טאָכטער פון ישעיהו שאַפּיראָ. די לערערס, ווי די שילערס, זענען כמעט אַלע אומגעקומען פון די נאַצישע רוצחים.

טעאַטער אין שטעטל

דער חוש פאַר מוזיק און טעאַטער בזעיר אַנפּין, ליב האָבן פאָרצושטעלן בילדלעך פון לעבן, פריילעך און לוסטיק מאַכן זיך און אַנדערע — איז, אוודאי, געקומען צו אונדז בירושה.

אַלס קינד, האָב איך מיט מיינע חברים ליב געהאַט צו הערן די מוזיק פון דער קאַטערינקע. אונדזער אינטערעס איז געווען אַזוי גרויס, אַז מיר פלעגן איבעררייסן אַלע קינדערישע שפּילערייען, פאַרלאָזן די חדרים, צונויפזאַמלען זיך אַרום דער קאַטערינקע מיטן ים־חזירל, מיטגיין פון הויף צו הויף, פון גאַס צו גאַס — ביז די קאַטערינקע האָט פאַרלאָזט דאָס שטעטל. אונדזערע קאָפּיקעס, וואָס די מאַמע האָט געגעבן צו קויפן אַ קיכעלע ביי אסתר חיה, האָבן מיר אַוועק געגעבן דעם קאַטער־ריניאַזש, אַבי ער זאָל אונדז לאָזן נאָך אַ ביסל הערן די מוזיק. מיט קנאה פלעגן מיר אויך זיך צוהערן צום פאַסטעכס פייפל, ווען ער פלעגט צוריקפירן די שעפּסן און בהמות פון פעלד. מיר האָבן אַפילו געפּרוווט מאַכן פּרימיטיווע פייפעלעך פון האָלץ און אויס־שפּילן אויף זיי פאַרשידענע ניגונים.

פאַרן ערשטן וועלט־קריג האָט מען גאַנץ אָפט געזען ביי אונדז „טרובאַדורן", וועלכע פלעגן האַרציק זינגען פאַרשידענע לידער וועגן העלדן וואָס זענען געפאַלן אין מלחמה; פון אומגליקלעכע אלמנות און יתומים — באַגלייט מיט געהעריקער מימיק. איך געדענק נאָך דאָס ליד וועגן דער שיף „טיטאַניק", וועלכע איז דערטרונקען געוואָרן. נישט איינער פלעגט לאָזן פאַלן הייסע טרערן פאַר רחמנות — און אריינלויפן אין שטוב, כדי אויסבעטלען ביי דער מאַמען אַ קאָפּיקע פאַר די זינגער.

אַ מינהג איז געווען פון דורות, אַז ביי יעדער שמחה אָדער אַנדערער פריילעכער געלעגנהייט, משמח זיין דעם עולם מיט ליצנות, בדחנות און טרייבן קאַטאָוועס. אָט, למשל, ווען איינער האָט זיך דערוווּסט, אַז מען רעדט דעם שכנס טאָכטער אַ שידוך מיט אַ בחור פון אַ צווייטער שטאָט, פלעגט זיך אים פאַרגלוסטן צו מאַכן אַ שפּאַס, פאַרשטעלן זיך פאַר אַן אַדורכפאָר'ער און דערביי געבערענגט אַ גרוס פון חתן. פאַרשטייט זיך, אַז ס'איז באַלד צוגעגרייט געוואָרן אַ מאָלצייט כיד המלך, און ווען מען האָט זיך שוין געזעצט צום טיש, פלעגט זיך אַרויסווייזן דער אמת. דעמאָלט ערשט איז געוואָרן ליהודים.

אַ חתונה אין שטעטל האָט זיך געצויגן טעג און נעכט. די חופּה האָט מען געשטעלט אין שול־געסל. חתן־כלה און מחותנים האָט מען געפירט צו דער חופּה פון זייער שטוב און אַלע איינוווינער, יידן און קריסטן, האָבן זיי באַגלייט. טיילמאָל האָט מען אַראָפּגע־ברענגט כלי־זמרים פון אַנדערע שטעטלעך. אין די לעצטע יאָרן האָט זיך ביי אונדז

אויסגעצייכנט ראהאזע מיט זיין פידל. און דאָס שפּילן פון די כלי־זמרים האָט אַלעמען אַרויסגעשלעפּט פון די הייזער.

ספּעציעל האָט זיך געוואָלט זען די צערעמאָניע פון באַזעצן די כלה. אַנטקעגן האָט זיך געזעצט דער בדחן, אויסגערופן דאָס דרשה־געשאַנק פון דער כלהס צד און חתנס צד, דערנאָך, אונטערזינגענדיק, האָט דער בדחן געשילדערט די קינדער־יאָרן פון דער כלה און איר באַגעגעניש מיט דער שוויגער, צומאָרגנס נאָך דער חתונה. די מאָנאָלאָגן פון דער שוויגער פלעגן שטאַרק ווירקן אויף דער כלה, זי פלעגט פאַרגיסן טייכן טרערן — אָבער דער עולם האָט געשעפּט נחת.

אַפילו ווען אַ מגיד איז געקומען, האָט זיך גערודערט אין שטעטל, און מען האָט געשטראָמט אין שול אַריין. דער מגיד, טיילמאָל אַ יונגער ישיבה בחור, האָט גערעדט ווי אַן אַרטיסט, פאָרגעשטעלט בילדער פון לעבן, בילדער פון גיהנום און גן־עדן, אַ גוט ווערטל, אַ שיינער משל. לאַנגע טעג האָט מען נאָכדערציילט אין שטעטל די ווערטער און מעשיות פון מגיד.

פאַרשטייט זיך, אַז פּורים האָבן ביי אונדז קיין שפּילערס נישט געפעלט. זיי פלעגן גיין פון שטוב צו שטוב, זינגען פאַרשידענע לידער, פון „מכירת יוסף" שפּיל, „אחשורוש", „שאול ויהונתן" און „דוד המלך", דערביי געזאַמלט געלט פאַר אָרעמע אויף פּסח.

אין די צייטן פון ערשטן וועלט־קריג, האָבן אַ סך יוגנטלעכע פון שטעטל באַזוכט דאָס טעאַטער אין מינסק און אַליין געטראַכט צו ווערן „אַרטיסן־ליוביטעלעס". נאָך אַ געוויסער צייט איז צו אונדז געקומען אַ יונגערמאַן פון ענגלאַנד, פול מיט ברען — מאַקס פונט, פון פאַך אַ פריזירער. ער האָט געעפנט אַ ראַזורע ביי ר' מרדכי שוסטער, אַנטקעגן אליהו אייזנבוד. געאַרבעט האָט ער בייטאָג, און אין די אָוונטן געזוכט געזעלשאַפט. ער האָט געהאַט אַ גוטן חוש פאַר טעאַטער־קונסט, פאַרמאָגט דערצו טאַלאַנט און הומאָר. אים איז אויך געלונגען צו אָרגאַניזירן די נייטיקע כוחות — און מיט מזל איז געשטעלט געוואָרן אין רוביזשעוויטש די ערשטע פאָרשטעלונג — „חאַסיע די יתומה".

מאַקס פונט איז געווען דער רעזשיסער, געשפּילט די הויפּט־ראָל, געמאַכט דעם גרים און געזאָרגט פאַר געהעריקע דעקאָראַציעס. לאַנגע וואָכן פלעגט מען ביי אונדז זינגען די ווערטער פון דער דראַמע:

„אייביק זאָלסטו געדענקען דיין מוטערס ליד, —
ווען גאָט וועט דיר דאָס לעבן שענקען —
האָף און ווער נישט מיד".

אין די ערשטע פאָרשטעלונגען האָבן אָנטייל גענומען: מאיר אָשעראָוויטש, חיים קאַפּוסטין, שרה־לאה לונגין, אברהם־שמואל עשקעס, הינדע ריבקין (די טאָכטער פון חיים־זעליג), פריידל שוסטער, מירל פעלדמאַן.

די ערשטע פאָרשטעלונג האָט זיך געענדיקט מיט גרויס דערפאָלג. צווישן די צושויער זענען געווען געסט פון גרויסע שטעט אין רוסלאַנד, אויך אַ סך מיליטער־לייט, וועלכע האָבן געהאַט אַן אַנונג אין טעאַטער. זיי האָבן אויסגעדריקט זייער צופרידנ־קייט און געלויבט אונדזערע „ליוביטעלעס" אַלס גוטע שפּילער.

אַלע אָנפאַנגען זענען שווער — אָבער דערנאָך זענען שוין ביי אונדז פאָרגעקומען אָפטע פאָרשטעלונגען. די „ליוביטעלעס" האָבן זיך ביסלעכווייז געטוישט, עס זענען

צוגעקומען נייע כוחות, יינגערע, ווי: שמעון אַשעראָוויטש — אַ גוטער קאָמיקער; פריידע לונגין, חיים־אליעזר בערעזאָוויטש, יוסף שמיד, אליהו סעגאַלאָוויטש, חנה־ליבע סעגאַלאָוויטש, ראובן פּאָרט, יוכבד דיינאָווסקי און אַנדערע. מען האָט געשפּילט: „מירעלע אפרת", „מאָטל־מיילעך דער סטאָליאַר", „גאָט, מענטש און טייוול", „קבצנזאָן און הונגערמאַן", „צוויי קוני־לעמלס", „קעניג ליר", דער „ווילדער מענטש", „טאַטע־מאַמעס צרות", „דער קוימענקערער", „שולמית", „מכירת־יוסף" און אַנדערע.

די הכנסות פון די פאָרשטעלונגען זענען געגאַנגען פאַר פאַרשידענע צוועקן. קיין באַדערפטיקע האָבן ביי אונדז נישט געפעלט. אומגליקס־פאַלן פלעגן צוזאַמענברענגען אונדזערע אַרטיסטן, כדי צו ראַטעווען אַ משפחה, וועלכע איז געבליבן אָן פרנסה, אָדער סתם העלפן אלמנות און יתומים.

אונדזער טעאַטער־בנין איז געווען אַ לאַנגער שייער אויף דער סטויפּצער גאַס. דאָרט האָבן די פייערלעשער געהאַלטן זייערע לעש־מכשירים: פעסלעך, פּאָמפּעס און קישקעס. פאַר דער פאָרשטעלונג האָט מען די אַלע זאַכן אַרויסגעפירט הינטערן בנין. דעם בנין האָט מען גערופן „דעפּאָ". פון דרויסן האָט עס אויסגעזען ווי אַ שטאַל, אָבער אינעווייניק איז געווען אויסגעבויט אַ בינע און בענק פאַר די צושויער. אין אָנהייב זענען די דעקאָראַציעס געווען אָרעם, אָבער דער גרים איז געווען הערלעך. מיר האָבן זיך באַנוצט מיט פאַרשידענע המצאות צו מאַכן אַ געהעריקן עפעקט. איך געדענק, אַז מען האָט אַמאָל איינגעאָרדנט דונערן און בליצן, וואָס האָט זיך געפאָדערט ביי אַ פאָר־שטעלונג. עס האָט געדונערט און געבליצט — ווי נאַטירלעך. געמאַכט האָט מען עס גאַנץ פשוט: אין דער הייך איבער די בינע איז געשטאַנען אַ „ליוביטעל", געהאַלטן אַ פלאַש נאַפט, פון וועלכער ער האָט געזופּט און געשפּריצט אויף אַ ברענענדיק ליכטל און דערביי געקלאַפּט מיט אַ האַמער איבער אַ בלעך...

אין די שפּעטערדיקע יאָרן איז צו אונדז געקומען שמואל גארמיזעס אידעס, יוליוס סוטין, אַ זייער באַגאַבטער מאָלער, ער פלעגט צוגרייטן קינסטלערישע דעקאָ־ראַציעס פאַר די פאָרשטעלונגען.

די פאָרשטעלונגען פלעגן זיך ציען לאַנגע שעהן, מיט איבעררייסן, כדי צו ענדערן די דעקאָראַציעס און גרים. זומער־צייט, איז דער פּלאַץ געווען מער ווייניק צוגעפּאַסט, דאַקעגן אין ווינטער איז דאָ געווען זייער קאַלט. ס'איז נישט מעגלעך געווען צו באַהייצן דעם בנין, און אונדזערע אַרטיסטן האָבן געציטערט פאַר קעלט. טיילמאָל איז אונדז געלונגען איינצואָרדענען די פאָרשטעלונג אין „דאָם לודאָווי" („פאָלקס־הויז"), אויף דער ראַקאָווער גאַס. דער גלח טאַראַסעוויטש פלעגט דערלויבן אונדז אָפּגעבן דעם זאַל, ווען מיר האָבן אים איבערצייגט, אַז די הכנסה פון דער פאָרשטעלונג גייט אויף צדקה.

אַ סך מאָל פלעגן אונדזערע אַרטיסטן פאָרן אין אַנדערע שטעטלעך, ווי איוועניעץ און דערעוונע. אויך צו אונדז פלעגן קומען אַרטיסטן פון אַנדערע שטעט — יידישע, פּוילישע און אוקראַיִנישע טרופּעס.

„מכירת־יוסף" האָט מען געשטעלט אין דער קאַלטער שול, ווייל די הכנסה איז געגאַנגען פאַר רעליגיעזע צוועקן.

פון אַלע אונדזערע אַרטיסטן, זענען פאַרבליבן בלויז עטלעכע — איצט אין ישראל.



על הנהר סולה (1924). אויפן טייך סולא.

אליהו סעגאַלאָוויטש — אין עכו; שמעון אָשעראָוויטש — אין רמת־גן; פריידע לונגין, און דער שרייבער פון די שורות — אין תל־אביב, יוכבד דיינאָווסקי — אין חדרה. זאָלן זיי אַלע מאריך־ימים־ושנים זיין. אַלע אַנדערע זענען אומגעקומען. אברהם־שמואל איז געפאַלן אין יאָר 1919, אויף וראַנגעלס פראָנט אין קרים. די איבעריקע זענען אומגעקומען פון די היטלעריסטישע חיות ימח שמם וזכרם.

אַ גרענעץ־שטעטל

אמת, רוביזשעוויטש איז אַ קליין שטעטל, קוים מען קען איר געפינען אויף דער מאַפּע — זי פאַרמאָגט אָבער אַ דורות־לאַנגע געשיכטע. ווי ס׳האָט מיר דערציילט אליהו אייזנבוד ז״ל, האָט אים דער וואָיט (דאָס איז געווען אין דער ערשטער צייט פונעם אַנטשטיין פון פוילן) איבערגעגעבן, אַז לויט די דאָקומענטן וועלכע די גמינע האָט, עקזיסטירט רוביזשעוויטש בערך 600 יאָר. אונדזער שטעטל האָט דורכגעמאַכט שווערע און קריטישע צייטן בעת די מלחמות פון די טאָטערן, שוועדן, ליטווינער, קאָזאַקן, פראַנצויזן, דייטשן, רוסן און פּאָליאַקן. רוביזשעוויטש ליגט אין אַ קאָרידאָר, וועלכער פירט קיין גרויס־רוסלאַנד, און בעת אַלע מלחמות קעגן רוסלאַנד, האָט מען אויסגענוצט דעם דאָזיקן וועג אַריינצודרינגען אויף איר טעריטאָריע. פון ביידע זייטן „קאָרידאָר״

ציען זיך טיפע זומפן. אַזוי ווי רוביזשעוויטש האָט בעת די אַלע מלחמות שטאַרק געליטן, צייטנווייז אַפילו פולשטענדיק צעשטערט געוואָרן, האָט דאָס שטעטל זיך כמעט נישט פאַרגרעסערט אין דער צייט פון איר לאַנגער עקזיסטענץ.

דער נאָמען פון שטעטל באַדייט אין ווייסרוסיש אַ גרענעץ (רוביעזש). מיט הונ־דערטער יאָרן צוריק, איז דאָ געווען די ליטוויש־רוסישע גרענעץ, אויפן האַלבן וועג קיין דערעוונע און נאַליבאָק, וועלכע האָבן געהערט צו ווילנער גובערניע, אונטערן ליטווישן רעזשים. ווען די רוסן האָבן דורכגעבראָכן דעם פוילישן פראָנט אין יאָר 1919, אויפן וועג קיין וואַרשע, האָבן די באָלשעוויקעס איבערגעגעבן די דעראָבערטע גובערניע ווילנע, צום ליטווישן גענעראַל זשעליגאָווסקי, וועלכער איז דערנאָך אַריבער מיט זיין אַרמיי אויף דער זייט פון פוילן און געקעמפט קעגן די באָלשעוויקעס. די יוגנט פון רוביזשעוויטש, וועלכע האָט געוואָלט אויסמיידן מאָביליזירט צו ווערן אין דער רויטער אַרמיי, איז מאַסנווייז אַנטלאָפן קיין נאַליבאָק און דערעוונע.

דער וואָיט האָט נאָך געוווסט צו דערציילן וועגן דער אַנטוויקלונג פון שטעטל אין די צייטן פון צאַריזם. דאָ פלעגן פאָרקומען מערק און יאַרידן, צו וועלכע עס זענען געקומען סוחרים פון גרויסע שטעט אין רוסלאַנד: מאָסקווע, ניזשנע־נאָוואָגראָד, כאַרקאָוו און אנד. אַרום דעם שטעטל האָבן זיך געצויגן גרויסע וועלדער, וואָס האָבן צוגעשטעלט מאַטעריאַל פאַר פאַרשידענע האָלץ־אויסאַרבעטונגען און פעלץ־סחורות (קאָסטבאַרע פעלעכלעך פון אָקוניצעס, טכוירן, פוקסן), ווי אויך וואַלד־גראָזן, וואָס האָבן געניצט פאַר מעדיצינישע צוועקן.

אונדזער געגנט האָט זיך אויסגעצייכנט מיט אירע שיינע פערד און קאָזשוכעס (פעלצן פון שעפסענע פעלעכלעך). די גרויסע שפע פון קאַרטאָפל אין אונדזער געגנט, פיל מער ווי די באַפעלקערונג האָט פאַרברויכט, האָט געברענגט צו דער אַנטשטייונג פון אַלקאָהאָל־ברויזן. דער האַנדל מיט רוביזשעוויטש אין יענער תקופה האָט זיך געצויגן איבער גאַנץ רוסלאַנד און דערגרייכט אַפילו ביז כאַרבין — די הויפּט־שטאָט פון מאַנדזשוריע.

די היסטאָריע חזרט זיך איבער. רוביזשעוויטש ווערט ווידער אַ גרענעץ צווישן פוילן און רוסלאַנד. מיר ווערן אָפּגעשניטן פון קוידאַנאָוו—מינסק — אונדזער קולטור־וויגעלע. ערטערווייז איז די גרענעץ אינגאַנצן אַ האַלבער קילאָמעטער פון שטעטל. קיין גרויס גליק האָט אונדז די גרענעץ נישט געברענגט. בלויז קרבנות און אומאויפהער־לעכע שרעק.

אין די ערשטע יאָרן פונעם אַנטשטיין פון דער פויליש־רוסישער גרענעץ, אין יאָר 1920, האָבן אונדזערע יידן געהאַט גוט פרנסה. דער האַנדל און שמוגל איבער דער גרענעץ איז געגאַנגען אין פולן ברען. פאַרשידענע סחורות זענען געשמוגלט געוואָרן, ווער אויף די פּלייצעס אין פינצטערע נעכט, ווער — מיט פורן. דאָרט, אויפן צווייטן זייט, פלעגן רוסישע שמוגלערס אָפּוואַרטן און צאָלן מיט גאָלד פאַר די סחורות. פיל זענען רייך געוואָרן אין משך פון אַ קורצער צייט.

פיל האָטעלן האָבן זיך געעפנט אין שטעטל. אַהער פלעגן פאַרפאָרן די אַנטלאָפענע יידישע גבירים פון רוסלאַנד, אויפן וועג קיין אַמעריקע און אַנד. לענדער. די רוסישע יידן פלעגן גנבענען די גרענעץ מיט דער הילף פון ספעציעלע שמוגלערס, פאַר אַ גוטן

אָפּצאָל. ס׳האָבן אויך געפּלעגט קומען פיל אַגענטן פון גרויסע פירמעס פון וואַרשע, לאָדזש, ביאַליסטאָק און אַנדערע שטעט אין פּוילן, כדי צו פאַרקויפן זייערע סחורות צו אונדזערע שמוגלערס. פון אַמעריקע אָדער אַפריקע פלעגן אַראָפּקומען צו אונדז פיל דעלעגאַטן פון פאַרשידענע אָרגאַניזאַציעס, כדי זיך פאַרבינדן מיט זייערע קרובים, חברים און פריינד אין רוסלאַנד. די אַגענטן ביי אונדז האָבן געהאַט פאַרבינדונגען מיט די אַגענטן פון דער צווייטער זייט — און פאַר געלט האָט מען אַלץ געמאַכט, טיילמאָל אַפילו מיט דער דערלויבעניש פון דער אָרטיקער מאַכט.

איין מאָל האָט געטראָפן, אַז די פּוילישע מאַכט האָט דערלויבט דער רוסישער מיליץ צו ברענגען אין שטעטל אַ יונגע פרוי, וועלכע האָט געדאַרפט באַקומען „חליצה״ פון אַ פּוילישן מאַן. די צערעמאָניע איז אַדורכגעפירט געוואָרן אין שול. צענדליקער רבנים, געסט און פריינד פון דער גאַנצער געגנט, זענען געקומען צו דער חליצה. די רוסישע מיליץ האָט די פרוי געפירט, ווי צו דער חופה. פון דער צווייטער זייט איז אָנגעקומען אַ שיין פאַרפּוצטער מאַן אין באַגלייטונג פון רבנים. די שול איז געווען באַוואַכט פון פּוילישע און רוסישע פּאָליציי־לייט און באַאַמטע און פול געפּאַקט מיט מענטשן. אין דרויסן זענען געשטאַנען הונדערטער יידן און קריסטן, פיל זענען געקראָכן אויף די ווענט, צו קענען זען דורך די פענצטער די צערעמאָניע פון „חליצה״.

לאַנג האָט דער דאָזיקער מצב נישט אָנגעהאַלטן. נאָך עטלעכע יאָר, איז דער שמוגל און האַנדל אין שטעטל פאַרשוווּנדן. די גרענעץ האָט זיך סטאַביליזירט און גוט פאַרפעסטיקט געוואָרן, דער שמוגל איז געוואָרן אוממעגלעך. דערצו האָבן זיך געשאַפן באַנדעס פוןביידע זייטן, געמאַכט קעגנזייטיקע איבערפאַלן און ראַבירט די באַפעלקע־רונג, אויפגעריסן די תפיסות, כדי צו באַפרייען פּאָליטישע אַרעסטירטע. פאַרשטענדלעך, אַז ביי אַזעלכע אַקציעס, זענען געפאַלן קרבנות פון ביידע זייטן.

אין אונדזער געגנט האָבן גראַסירט די באַנדעס פון ווייסרוסישן פּאָלקאָווניק בולאַק־באַלאַכאָוויטש, וועלכע די פּוילישע מאַכט האָט אָרגאַניזירט, מיטן ציל אָפּצורייסן פון רוסלאַנד אַ טייל פון ווייסרוסלאַנד.

צו אונדז איז געקומען דער פּאָלקאָווניק אָרלאָוו, וועלכער האָט אָנגעפירט מיט די באַלאַכאָווצעס אין רוביזשעוויטש און אין דער געגנט. דער פּאָלקאָווניק פלעגט אָפט פירן זיינע באַנדעס איבער דער גרענעץ און באַפאַלן רוסישע שטעט, נעמען געווער און ראַבירן די באַפעלקערונג. די רוסן האָבן באַשטימט אַ גרויסע געלט־סומע אין גאָלד פאַרן ברענגען דעם פּאָלקאָווניק צו זיי אַ לעבעדיקן.

דער פּאָלקאָווניק איז געווען אויסגעקאָכט מיט די יידן אין שטעטל. גאַנץ אָפט פלעגט ער מאַכן אַ כוסה אין יידישע הייזער. ער האָט געקענט ריידן אַ ביסל יידיש און זיך נישט געוויזן אַלס ספּעציעלער יידן־פיינד. נאָר ווען ער פלעגט זיך גוט אָנשיכורן, האָט ער צעלאָזן די צונג און געזידלט די יידן.

אָפט פלעגט פּאַסירן, אַז פון קוידאַנאָוו (וועלכע געפינט זיך אין רוסלאַנד), זענען אומלעגאַל געקומען צו אונדז יונגע חברה אַ ביסל פאַרברענגען — און דערנאָך זיך צוריקקערן קיין רוסלאַנד. צווישן זיי, ווייזט אויס, האָבן זיך געפונען עטלעכע, וועלכע עס האָט געלאָקט דער גרויסער פּרייז פאַר אָרלאָוון — און זיי האָבן אָנגעהויבן נאָכשפּיאָ־

נירן דעם פּאָלקאָווניק, אויסגעאַרבעט אַ פּלאַן צו כאַפּן אים אַ שיכורן און אַריבערשלעפּן קיין רוסלאַנד.

דאַרף גראָד פּאַסירן, אַז אַ געוויסן אָוונט, זאָל זיך אָרלאָוו געפינען ביי דער פאַמיליע בערקאָוויטש, ווו ער פלעגט אָפט אַריינקומען, ווייל ר׳איז געווען מיט זיי גוט באַפריינדעט. מען האָט, ווי דער שטייגער, געמאַכט אַ „לחיים״. באַלד זענען אַריין עטלעכע קוידאַנאָווער בחורים. מען האָט פאַרוואַנדלט דעם אָוונט אין אַ גרויסער שמחה, וועלכע האָט זיך פאַרצויגן ביז האַלבער נאַכט. ווען דער פּאָלקאָווניק איז אַ שיכורער אַוועק אַ היים, — האָבן עטלעכע חברה אים אָפּגעוואַרט, אַריינגעלייגט אין אַ וואָגן, געשפּאַנט צו אַ פּאָר געזונטע פערד, באַדעקט אים מיט יאָלקעס — און די „סחורה״ איז אַריבער די גרענעץ. ווען דער פּאָלקאָווניק האָט זיך אויפגעכאַפּט, איז ער געווען אין רוסלאַנד.

די ידיעה פון פאַרכאַפּן דעם פּאָלקאָווניק, האָט זיך שנעל פאַרשפּרייט אין שטעטל. דאָס איז געגאַנגען בסוד פון איינעם צום צווייטן, אויסגעמישט מיט טיפער שרעק: ווער ווייסט מיט וואָס דאָס וועט זיך ענדיקן ? — האָבן אַלע יידן געטראַכט אין שטעטל.

די מעשה וואָס יידן האָבן אָפּגעטאָן, איז דערגאַנגען צו די ווייסרוסישע פויערים אין די דערפער זאַרעצע, סימקאָוויטש, הניעצקע, מאַראָזעוויטש און אַנדערע. זיי האָבן באַשלאָסן נקמה צו נעמען אין די יידן אין שטעטל.

מיר האָבן זיך דערוווּסט, אַז יונגע פויערים אין די דערפער האַלטן אָפּ באַראַטונגען, כדי אָנצופאַלן אויף די יידן. די לאַגע אין שטעטל איז געוואָרן נאָך מער געשפּאַנט, ווען מען האָט אַרויסגענומען פון די יידישע הייזער די פוילישע מיליטער־לייט, און זיי אַריבערגעפירט אין די קריסטלעכע הייזער (אין יענער צייט זענען ביי אונדז נישט געווען קיין קאָשאַרן, און אַ טייל מיליטער איז איינגעשטאַנען אין פּריוואַטע הייזער).

דאָס איז געווען עטלעכע וואָכן פאַר פּסח. אין שטעטל האָט מען געבאַקן מצות אין די נעכט, וואָס האָט דערמעגלעכט אונדזער יוגנט נאָכצושפּיאָנירן די באַלאַכאָווצעס און פאַרהיטן פון אַ פּלוצלינגן איבערפאַל. ס׳איז אָבער קלאָר געווען, אַז מען וועט נישט קענען שטעלן אַ ווידערשטאַנד די באַוואָפנטע באַנדעס — און אונדזערע בעלי־בתים האָבן געזוכט הילף ביי דער פוילישער מאַכט.

פאַר אַ פּעטן שוחד האָט מען געפועלט ביים קאָמענדאַנט פון שטעטל, אַז ער זאָל קומען צו הילף. ער האָט אָנגעשריבן אַ ראַפּאָרט צו דער פוילישער מאַכט, ווו ער האָט געשילדערט די געפערלעכע לאַגע און געשריבן, אַז די יידן אין שטעטל זענען נישט געווען פאַרמישט אינעם ענין פון כאַפּן דעם פּאָלקאָווניק. צומאָרגנס האָבן מיר שוין באַקומען הילף. 150 מיליטער־לייט, קאַוואַלעריסטן, האָבן אונדז געהיטן. די יידן האָבן געדאַרפט דעקן אַלע הוצאות פאַרן סטאַציאָנירן פון מיליטער און זייערע פערד.

אָבער מיט דעם האָט זיך דער ענין נאָך נישט געענדיקט. אין שטעטל איז אַראָפּגעקומען די פרוי פון פּאָלקאָווניק, מיט זייערע צוויי קינדער. זי האָט געמאַכט סקאַנדאַלן, געפאָדערט פון די יידן צוריק ברענגען איר מאַן, געשריגן, אַז די יידן זענען אין אַלץ שולדיק. זי איז געלאָפן צום רב אין בית־המדרש, נישט געלאָזט דאַווענען, ביז מען וועט נישט אויסגעבן די שולדיקע.

דער רב, איבערגעשראָקן פאַרן גורל פון זיין קהילה, האָט אָנגענומען אַלע מיטלען צו אַנטדעקן די פאַרברעכער. אַלע האָבן געשמועסט, אַז דער פּאָלקאָווניק איז פאַרשוווּנדן

פון בערקאָוויטשעס שטוב, אָבער גענוי ווי אַזוי ס'איז פאָרגעקומען — האָט מען נישט געוווּסט.

דער רב האָט צונויפגערופן אַן אַלגעמיינע פאַרזאַמלונג, צו וועלכע עס זענען אויך געקומען פּאָליציי און די פרוי מיט די קינדער פון פּאַלקאָווניק. עס זענען אויך געווען פאָרשטייער פון די באַלאַכאָווצעס. צו ערשט האָט דער רב געשילדערט די לאַגע און סכנה אין וועלכע מיר געפינען זיך און געבעטן יעדן צו אַנטדעקן די שולדיקע. אין שול האָט געהערשט אַ טויטע שטילקייט. אַלע יידן זענען געשטאַנען בלייכע און דערשראָקענע, נישט געוווּסט וואָס צו זאָגן. דער רב האָט באַפוילן אַריינטראָגן אין שול דאָס טהרה־ברעט פון מתים־שטיבל, אָנצינדן שוואַרצע ליכט און אויסגערופן אַ חרם אויף די, וועלכע ווייסן עפּעס און שווייגן.

שפּעטער האָט די פּאָליציי אַרעסטירט די משפּחה בערקאָוויטש, אָבער נאָך אַן אויספאָרשונג, זענען זיי באַפרייט געוואָרן, חוץ דעם מינדעריעריקן זון, אהרון, וועלכער איז געווען אין שטוב אין יענעם קריטישן אָוונט. ער איז פאַרמשפּט געוואָרן אויף 7 יאָר שווערע תּפיסה.

די מעשה מיטן פּאָלקאָווניק האָט זיך איינגעשטילט ערשט נאָך דעם, ווען די רוסן איז געלונגען אַריבערנעמען צו זיי אויך זיין פרוי מיט די קינדער. ווי אַזוי דאָס איז געשען — איז פאַר אונדז געווען אַ סוד. געזאָגט האָט מען, אַז דער פּאָלקאָווניק האָט געשיקט אַ בריוו צו זיין פרוי, אַז אים איז גוט ווי די וועלט. צי ער האָט דאָס געשריבן מיט זיין גוטן ווילן — ווייסן מיר נישט. אָבער זיין ווייב האָט געגלויבט און איז צו אים אַריבער מיט אירע קינדער. אין שטעטל איז געוואָרן ששון ושמחה. פּטור געוואָרן פון דער שרעק פון אַ פּאָגראָם.

אַ יאָר שפּעטער, אויף פאַר פּסח, איז אַרויס אַ גזירה. מען האָט געכאַפּט אין די גאַסן, יונג און אַלט, און גרופּנווייז געטריבן קיין קאַרטוז־בערעזאַ. אין שטעטל זענען פאַרבליבן נאָר אַלטע, קראַנקע און קליינע קינדער. איך האָב געזען ווי די פּאָליציי האָט געכאַפּט דעם אַלטן יקירן, טוביה דעם שניידערס שווער, ווען ער איז געגאַנגען אין שול. פון שרעק איז ער געפאַלן, נישט געקענט ווייטער גיין. זיי האָבן אים אָפּגעלאָזן. איך האָב אים געהאָלפן אויפשטיין און אַריינגעפירט אין שטוב. עד היום ווייסט קיינער נישט וואָס דאָ האָט פּאַסירט. אונדזער שמחה פון יום־טוב איז פאַרשטערט געוואָרן. אַזוי האָט געדויערט אַ גאַנצן וואָך, ביז מען האָט אינטערווענירט אין פּוילישן סיים — און אַלע זענען באַפרייט געוואָרן.

פיל מענטשלעכע לעבנס זענען אומגעקומען צוליב דער גרענעץ. חאצקל נאַליבאָצקי, אַ בחור אַ גבר, איז דערשאָסן געוואָרן ביי דער גרענעץ; אַן אַנדערער, אַלטער גרויער, איז צוליב אַ שקר־בלבול אַריינגעוואָרפן געוואָרן אין תּפיסה אויף לאַנגע יאָרן.


אין די יאָרן 1920—1939 איז אונדזער שטעטל דערקלערט געוואָרן אַלס גרענעץ־זאָנע (סטרעפאַ פּאָגראַניטשנאַ). עס איז פאַרבאָטן געוואָרן דער אַריינפאָר פון פרעמדע, אָן אַ ספּעציעלער דערלויבעניש פון דער מאַכט. די גאַסן וואָס האָבן געפירט צו דער גרענעץ, זענען אין די אָוונט־שעהן געווען פאַרבאָטן פאַר פרייע שפּאַצירן. דער גרעסטער טייל דערפון זענען געווען אָפּגעשניטן פון שטעטל. קיין יאַרידים — און די מערק אין שטעטל, זייער שוואַכע. יידן זענען געבליבן אָן פּרנסה. רייכערע האָבן עמיגרירט

קיין אַמעריקע, אַרגענטינע, אַפריקע. די אָרעמערע האָבן זיך געוואָרפן אין אַלע זייטן, געזוכט ווּ צו אַנטלויפן. די יוגנט איז אַוועק אויף הכשרה, כדי צו פאָרן קיין ארץ־ישראל. עס זענען געווען אויך אַזעלכע, וועלכע זענען בלית ברירה אַוועק קיין רוסלאַנד. יעקב שוסטער, דער זון פון שלום דער שטומער, אַ דורשטיקער נאָך וויסן, האָט אין רוסלאַנד געענדיקט אַן אָפיצירן־שול און איז שפּעטער דאָרט דערשאָסן געוואָרן. וועלוול נאַליבאָצקי, נח שוסטער, אלקנה סרעברניק — זענען אַוועק קיין ביראָבידזשאַן און זייערע שפּורן זענען פאַרלוירן געגאַנגען.

יעדער האָט געפילט, אַז אונדזער קהילה גייט צו גרונט, נאָר אויף אַזאַ שנעלן חורבן, אַז אַלע נאָענטע וועלן אומקומען — איז קיינעם אויפן געדאַנק נישט געקומען. האָט געדאַרפט קומען אויף דער וועלט אַ צווייטע וועלט־מלחמה מיט אַ היטלער ימ״ש און חרוב געמאַכט אונדזער היים, אונדזערע ליבע און טייערסטע אומגעבראַכט. אַ סוף געמאַכט צו דער יידישער רוביזשעוויטש...

✶

מיט צער און בענקשאַפט פאַרלאָז איך דיך, מיין שטעטעלע רוביזשעוויטש, מיט מיינע פריינד, מיט וועלכע איך האָב צוזאַמען אין ליידן און פריידן יאָרנלאַנג פאַרבראַכט



בית־הקברות ברוביז׳ביץ׳ רוביזשעוויטשער בית־הקברות

קיין מאָל וועלן מיינע פיס אויף דיין באָדן מער ניט טרעטן, מיינע אויגן וועלן דיך שוין מער ניט זען. אויך די אַלע, וועלכע איך האָב באַגעגנט אין מיין לעצטן שפּאַציר, און די יעניקע וועלכע איך האָב פאַרגעסן צו דערמאָנען — וועלן מיך שוין קיין מאָל ניט זען מער.

אין טיפן טרויער שליס איך דאָס לעצטע קאַפּיטל — דער טראַגישער אונטערגאנג פון אונדזער קהילה. דאָרט זענען שוין אַלע שפּורן פון איר פאַרניכטעט. דאָרט וועט אַלץ פאַרגעסן ווערן. אָבער ביי אונדז וועט שטענדיק בלייבן אין זכרון דאָס אומשולדיק פאַרגאָסענע בלוט פון אונדזערע עלטערן, שוועסטער און ברידער, קרובים און ידידים לנצח נצחים.

חבל על דאבדין ולא משתכחין...

עיירתנו במאה הקודמת

(קטעים מהעתונים „המליץ" ו„הצפירה")

„המליץ", מס' 17.5.1889/108

„העיר הקטנה הזאת רוביז'ביץ' ראויה היא להזכירה לתהילה, כי ברכה בה ובלי מעורר מהחוץ נוכחה לדעת ולהרגיש את החסר בקרבה ותתאמץ למנות החסרון. זה כשנה נוסד בעירנו בית „תלמוד־תורה" אשר לראשונה היה מספר התלמידים בו כחמישים ועתה עולה ליותר מתשעים בני עניים, אשר בשמם ובשם הוריהם האביונים הנני להגיש תודה וברכה להרב הגביר, משכיל אל דבר אמת, שמו נודע לתהילה, כי בו התאחדו תורה והשכלה, מר אריה לייב הכהן, בן הגאון בעהמ"ח ספר „חפץ חיים", אשר בהשתדלותו ועמלו עלתה בידו להביא סדרים נכונים בהת"ת ולהעמידה על בסיס נכון וקיים. אין לשער כמה יגע הגביר הזה טרם הגיע למחוז חפצו, כי לדאבון לב לא נמצא אף אחד אשר יעמוד לעזרה לו. ורק הוא לבדו בראותו ילדים עניים ופרועים לשמצה ויגדלו ללא תורה וללא דרך־ארץ, נכמרו רחמיו עליהם ולא נח ולא שקט עד אשר הצליח להשיג מה שבקשה נפשו. הוא הפקיד מורים מומחים ללמד לתלמידי הת"ת תנ"ך ודקדוק שפת קדשנו, ומלמדים להועיל להורותם תלמוד, גם מינה מורה ללמדם לשון וכתב רוסי ועברי. והוא בכבודו ובעצמו יביט בעין פקוחה על הסדר והנקיון, ומדי שבת בשבתו יעביר לפניו כבני מרון את התלמידים לנסותם לדעתם אם לימודם בימי השבוע שגור בפיהם, והודות לאל, הם יפיקו מעמו רצון. — ובכן ראוי וישר כי נכבדי עירנו יתנו תודה רבה להטוב ומטיב עם בני עניים ר' אריה לייב ולעמוד לימינו איש כפי יכלתו בכסף ובמעשה. ולא תכבד העבודה עליו לבדו, ובזכות זה תראו נחת בבניכם.

אמפי פ"ז

„המליץ", מס' 69 / 23.3.1890 :

מקוידנוב מודיע הח' יעקב יאסעליעוו כי דערעוונה הקטנה הקרובה עלתה כליל ביום שבת הזה על המוקד, הבתים והחנויות נשרפו עד היסוד ואך 3 בתים ובית המדרש נשארו כאודים מוצלים משריפה. מבית אופה־המצות יצאה האש והרוח נפח באש וברגע היתה כל העיר ערימת עפר. ערומים יתגוללו עתה בני העיר ברפש והטיט המלאים בחוצותיה כעריבה מלאה בצק. ככה יאכלו בני ישראל יושבי העיר ההיא האומללה את לחמם, לחם עוני בראש כל חוצות ברגשה ובשממון, בבכי ואנחה!"

„המליץ" מס' 30.5.1890/118

רוביז'ביץ'. זה יותר משתי שנים נוסד בעירנו „תלמוד תורה" ע"י הרה"ג הר"ר אריה לייב הכהן בן הרה"ג בעמה"ח ספר „חפץ חיים" ו„מנחה בכורה", כידוע לקוראי „המליץ". כעת נמצא בהת"ת כ־70 נערים אצל 3 מלמדים: רוב התלמידים הם נערי הערים הסמוכות לעירנו ומיעוטם בני העיר. הרה"ג בעצמו יבוא פעם לפעם לנסות את כח התלמידים בלמודים ותמיד יפיקו החניכים רצון מפני עצה"יר"ט. אבל פתאום יתערו המלמדים צעירנו ויצאו ממחבואם לדבר עתק על בית הת"ת הזה, כי הנערים יגדלו ללא תורה וד"א, ועוון גדול מנשוא מצאו בבית הזה על אשר ילמדו לנערים תנ"ך עם הביאור כ"ל וגם דקדוק ובעה"ב יתנו אוזן קשבת לדבריהם ואינם חפצים להשתתף בפרוטתם לכלכלת הבית. אחד מיושבי עירנו, מלווה בריבית, הרגיל להפשיט את עור העניים לא יוכל נשא את התנ"ך והדקדוק והוא עומד וצווח ככרוכיא כי לא ת"ת הוא כ"א „שקולע", ורצונו להרוס ולקעקע את הדבר הגדול הזה.

עוד דבר גדול נעשה ע"י הרב הג' הנ"ל, הוא יסד חברה „גמילות חסדים" להלוות לעניים כסף בעבוט. ועד היום נקבצו ע"י הרה"ג 600 רו"כ לקרן קיימת לקופת החברה. והרב הג' הנ"ל ישתדל לבחור אנשים לקבץ את הכסף בכל עש"ק כפי נדבת לב כל איש.

בשם כל הנערים המבקרים את הת"ת ובשם שאריהם וקרוביהם, הנני מגיש תודה וברכה לאחינו בני ישראל המתגוררים באמריקע, על חסדם ואמתם עם הת"ת. כי בשתי השנים מיום הוסד הבית, שלחו לטובת הת"ת סך 180 רו"כ ונקווה כי גם בימים הבאים לא ימנעו הטוב ממנו.

זעליג פאלייעש

„המליץ" מס' 1.6.1890/120

רוביז'ביץ': העיר רוביז'ביץ' היתה לסלע המחלוקת; הלך הלכו בני החייטים לעשות להם בית מדרש לבד וטקסא לבדה, גם חנוונים ובעלי בית מרווח מקרבם יצאו ואינם מתערבים עוד עם בעלי העיר כטינא בר טינא.

וזה הדבר אשר נקרעו העושים במלאכה מאת בעה"בתים שבעיר:

ביום השבת שעבר, כאשר עמד השמש למכור את העליות בשער, ניגש חייט אחד ויהי בין הקונים את המפטיר. החייט הזה שב מאמעריקא כבד בכסף וזהב ויעמוד לעשות לו עטרה בהמפטיר ולהתגדל בה. ויחר אף בעה"ב על הדבר הזה ויאמרו: היה לא תהיה, לא יקרא למפטיר ולא יעלה לתורה, וכי בשביל שעשה עושר באמעריקא ינחיל לו

כבוד והדר ברוביז׳ביץ׳? העולה על רוחו היה לא תהיה. ויתעוררו בני החייטים ויקנאו לכבודו ויצאו לעזרת אחיהם בגבורים ויהי ריב ומדון, מכות ומהלומות ובית המדרש נהפך לגיא הרגה. וזאת אשר עשו בעלי המלאכות לנקום את נקמתם מבעלי העיר: כתבו וחתמו בכתב אמנה כי יבדלו מאת כל הקהל. עשו להם מנין לבד ובמהרה בימינו יבנו להם בית מדרש לבד ויעשו להם גם חנות מוכרת כל מעשי צעצועיהם ולא יקנו מאת החנוונים בעלי בתי העיר מאומה. עתה ינקטו העם ויבקשו סליחה וכפרה מהם. אך קשה כשאול קנאת החייטים, רשפיה רשפי אש ושלהבת ואין שלום בעיר. יום שבתון זה אין לשכוח לבעלי החנויות ולבעלי בתי המרזח.

אהרן זאוולעוויטש

„המליץ״ מס׳ 8.6.1890/126

רוביז׳ביץ׳: אנחנו אלופי העדה דפה עירנו, הננו נותנים מחאה גלויה נגד אחד מעירנו שיצא לתאר מצב הת״ת בעירנו, ויכולים לאמר קבל עם כי מעולם לא נמצא אף אחד מאנשי עירנו אשר יבוא לערער על פעולת הרב הגאון אב״ד בעירנו וכל פעולותיו שעשה בעירנו כיום נעשו על טהרת הקודש ויקר לנו כבוד הרב הג׳ מו״ה א״ל הכהן מאוד, וכל בני עירנו נותנים לו תודה וברכה עבור כל פעולותיו היקרות שפעל ועשה בכל שבתו בעירנו. כן אנו מהללים ומשבחים סדר הלימוד שערך להנערים, אשר הכל נעשה במשטר וסדר נכון עפ״י הגיון ישר בטוב טעם ודעת, עפ״י דרך התורה והיראה, וכבר זכינו לראות שכר אמת מפעולותיו היקרות ובחפץ לב לקחנו עלינו להמציא לנערים טרף חוקם ויתר צרכיהם. ולתוקף באו איזה אנשים עה״ח עם קיום חותם העדה.

זאב וולף במו״ה יצחק קאַנטאָראָוויץ, זקן העדה.

ישראל דוד בא״א מו״ה משה ז״ל. ש״ץ ושו״ב הקהל נתן הלוי ראבינאוויץ. ירוחם יצחק נאוויק. ישראל בריל.

(מקום החותם)

„המליץ״ מס׳ 1.8.1890/171

רוביז׳ביץ׳: בן השו״ב מעירנו זה שנים אשר יצא מאתנו ללכת לאמריקא. שוחט יצא ושוחט שב. לא השתנה במעשיו וצורתו ויהי בבואו לעירנו אמר לשחוט את שחיטתו כאשר בראשונה: אך בני עירנו לא נתנו לו להיות השוחט בעירם, לעזור ע״י אביו כאשר עשה מלפנים, באמרם כי ארץ אמעריקא מטמאת את האנשים ומכיוון שראה איש את אדמת הארץ ההיא, טמא יאמרו לו, שומר נפשו ירחק ממנו, הוא פגול ושחיטתו נבלה וטרפה. ויהי היום ואביו השו״ב הזקן נסע למינסק והעיר רוביז׳ביץ׳ ללא שוחט ויצעקו העם לאמור: מי יאכילנו בשר? אין לנו שוחט. אז נהו רבים מהעם ויאמרו כי בן השו״ב ישחוט את שחיטתו עד אשר ישוב אביו מדרכו, גם הרב שהוא איש חכם, לא מצא פסול בשחיטתו, ובכן לצאת לפני כל העם עמד על גביו בשחטו. אך יראי ה׳

וחושבי שמו לא אכלו משחיטתו, ויהי להם הבשר השחוט כבשר החזיר ועונים ואומרים כי כל הדר בארץ אמעריקא דומה הוא כמי שאין לו אלוה...

א. ז.

„המליץ" מס' 23.8.1890/190

רוביז'ביץ': זה לא כבר הודיע אחד הסופרים ב„המליץ" נו. 171 כי אנשי עירנו לא נתנו לבן השו"ב לשחוט ולהיות לעזר לאביו יען כי חטא ואשם בזה כי על אדמה טמאה, על אדמת אמעריקא דרכו רגליו. אמנם דבר אמת השמיע הסופר ההוא אולם עתה נרצה עוונו של בן השו"ב ונסלח לו אחרי ראותם כי רבים משלומי אמוני ישראל נסעו לארץ אמעריקא וה' אלהים היושב בארץ ליטא, מלא כל הארץ כבודו, גם באמעריקא. ואחד אשר שב גם הוא משוט בארץ אמעריקא הביא דיבת בן השו"ב רעה — כי אויב מסתתר היה לו — ראה בעיניו כי פעם אחת שחט בן השו"ב שמה באמעריקא, תרנגולת אחת ביום־טוב הראשון של פסח בעד אשה אחת. (כי גם שמה שו"ב היה) והאיש ההוא עם־הארץ, חסיד, אמר בלבבו כי גדולה העבירה הזאת כחלול שבת ויו"ט בפרהסיא, ויתלחש האיש ההוא ויאמר הוא כי ידע הוא בבן השו"ב כי חטא חטא באמעריקא ופה בעירנו איש את רעהו חיים יבלעו כדגי הים המה בני רוביז'ביץ', הגדול בולע את הקטן, אולם עתה כאשר נוכחו לדעת כי האיש ההוא לחינם הוציא שם רע עליו, ובן השו"ב הזה ירא שמים הוא בסתר ובגלוי יתנו לו עתה לשחוט ועומד הוא בבית המטבחיים וישחוט שחיטתו כשרה ואף יראי ה' וחושבי שמו יאכלו משחיטתו בלי שאלת חכם.

ז. פ.

„המליץ" מס' 28.9.1890/209

רוביז'ביץ': ביום־טוב הראשון של החג בא לעירנו הכהן הגדול (ארכיערי) מעיר מינסק. ביום ההוא אחרי התפילה הכריזו בבית המדרש כי ביום השלישי אחרי הצהרים יבא הכהן הגדול הנה וע"כ יתאספו העם לצאת לקראתו לקדם את פניו בכבוד ובהדר. בשעה השלישית התאספו כל העם ובידי זקני העדה חלת לחם ומלח להגיש לו. אך הכהן אחר לבוא עד השעה השביעית בערב וכל בני ישראל יחד עם יתר תושבי העיר עמדו על הדרך עד העת ההיא ובידי כולם אבוקות ונרות. בבוא הכהן נגש לראשונה אל עדת ישראל לאמר: „יתן ה' ולכל בני ישראל יהיה אור במושבותיהם כל הימים ויתן ה' להם מטל השמים ומשמני הארץ". אז נפרדו העם מאתו וילכו לבית־ה' להתפלל ערבית והכהן הגדול נכנס לבית תפילתם ויתמהמה שמה עד השעה העשירית בלילה. רבים מבין החייטים ויושבי קרנות נכנסו אחרי הכהן לבית תפילתם.

אהרן זאוולעוויטש

„המליץ" מס' 1.6.1894/122

רוביז'ביץ': האדון ז—ש מודיע, כי ביום הושענה־רבה, באו אנשים מוכרי „ערבות" לידי ריב, על כי אחד מהם הוריד את המחיר עד כדי אגורה בעד 2 ערבות,

ומריב שפתיים באו לידי מכות לחי ומהלומות. ויודע הדבר לפקיד העיר ויבא ויפריד בין בעלי המחלוקת ויסגור את דלתות ביה״כנ, וישלח את המתפללים לביתם, וביום השבת התפלל כל אחד בביתו ביחידות, אולם אחרי בא דבר לבית מועצות העיר להתפלל בשלום הקיסר יר״ה, פתח הפקיד את בית התפילה ויתן רשות להתפלל בו.

„המליץ" מס׳ 19.10.1894/229

רוביז׳ביץ׳: הפקודה שיצאה לעשות ביקורת לכל בתי המדרש בפלך הזה אם יש להם הרשיון להתפלל בהם, באה גם לעירנו. זה פעמים רבות אשר הזהירו אותנו להשיג עליהם רשיון כדת, ובכל פעם ופעם נתנו לנו ארכא ולא סגרו את בתי המדרש, ובני עירנו בראותם כי היתה להם הרוחה ויתברכו בלבם לאמר: שלום, שלום יהיה לנו כל הימים, ויתרשלו בדבר העדה, והנה לפני ירח ימים בא אלינו פקיד המחוז ויקהל את כל עדת בני ישראל, וכולם חתמו את ידם על הגליון כי מן היום הזה והלאה לא יבואו להתפלל לבתי המדרש; ואף כי לא שמו עליהם חותם צר בכל זאת לא יתפללו בהם לא בימי חול ולא בימי שבתות, אף לא בחג השבועות הבע״ל וכל אחד יתפלל בביתו בפ״ע בחול ובשבת, ורק מי שיש לו יאצ״ט יעשה מנין בביתו בחשאי, או יסע למקום אחר להתפלל תפילה בציבור, וכל העם מתאוננים ומתלוננים על ראשי העדה אשר לא ישתדלו להשיג הרשיון להתפלל בהם.

א. ראדין

„הצפירה" מס׳ 1894/209

— מביעים תודה לה״ג הר״א היילפרין על נדבתו 500 רו״כ לגמ״ח לטובת החנוונים והסוחרים הקטנים עניים הדורשים מלווה בלי רבית. ה׳ יברך חילו.

„המליץ" מס׳ 11.4.1895/78

רוביז׳ביץ׳: זה יותר משבע שנים אשר נפל בעירנו ריב ומדון ע״ד חכירת מכס הבשר וחכירת בית מרזח הכללי — בין 2 צדדים. המלחמה הארוכה הזאת גם עתה אחרי 7 שנים לא באה לידי פשרה ושלום. פעמים רבות הביאו הנה רבנים וגאונים כמו את הרה״ג יו״ט ליפמן ז״ל ממיר, את הרה״ג מפרוזשני. מקוידאנוב, דרבנה וכו׳. אך הרבנים האלה לא עשו תושיה כי הלוחמים הם מנכבדי העיר ויקיריה, כולם מלומדי מלחמה, ואף כי המחלוקת הזאת היא מחלוקת אנשים פרטיים ולא מחלוקת הקהל, אבל החולקים האלה אומרים כי את טובת העיר הם דורשים ובין כה וכה הוי ואבוי: הת״ת שהיה לגאון ולתפארת — הורס נערים, באין מנהל ומורה, יגדלו ללא תורה וסוללות המלחמה באו להרוס את כל מוסדות החסד והצדקה.

ועתה מלבד המחלוקת הראשונה מאז שנת תרמ״ח, באה מחלוקת שנייה, כי פסקו לתת לרב ולהשו״ב את שכרם וקמה מהומה גדולה בעיר. העושה שלום במרומיו הוא יפרוש סוכת שלום על בית רוביז׳ביץ׳ המשפלה.

זעליג פאלייעש

Haolam, Friday, May 22, 1925 **העולם**

מבין הקהל

ע"ד סדרי המשרדים הא"י

אנחנו חברי הועדה הארצי־ישראלית ברוביז'וויטש מפרסמים לקהל הרחב את המעשים האי־צודקים של מחלקת העבודה, אשר על יד המשרד הא"י המרכזי בוורשה, ביחס לחברי ההסתדרות הציונית הכללית והאי־מפלגתיים, המשתדלים לקבל סרטיפיקט.

בכל עת קיומה של הועדה שלנו לא נתנה המחלקה הנזכרת להעולים שלנו אף סרטיפיקט אחד ולא התחשבה עם זה שרוב עולינו הם מוכשרי־עבודה וחקלאים מנוסים: בלי טעם והוכחה הוציאו עליהם את גזר דינם: „שאינם מתאימים לכללי העליה הנוכחים" ולא מצאו צורך אפילו לענות לנו על מכתבנו ולבאר לנו את היסוד להחלטתם.

ממעשיהם אלה אנו באים לידי מסקנה: שבעלי „הדעה המחלטת" במחלקת העבודה אינם ממלאים כהוגן את חובתם האחראית ובמקום להשתדל להמציא לא"י אלמנט ראוי, עובד, בעל הכשרה מקצועית,— משתדלים הם לטובת מפלגתם ז. א. להמציא לא"י חברים ממפלגתם בכדי לחזק את עמדתם המפלגתית שם.

במקום לבקר ולדרוש מהעולה את הכשרתו המקצועית — מה שנחוץ לבנין הארץ, והרי בשביל בעל המקצוע הזה נועדו הסרטיפיקטים בעצם,— דורשים הם מהעולה ידיעות ב„סוציולוגיה" ו„כלכלת מדינית" ועי"ז הם שוללים את האפשרות מהפועל הפשוט, האמתי, שאינו מזדקק לפוליטיקה וכוונות צדדיות, ורק שואף לבנות את הארץ,—מלעלות לארץ.

אנו מוחאים גלוי כנגד המשרד הא"י ומחלקת־העבודה שלו, המשתדלים לשדל את הקהל הרחב' בדברי הבאי ומספרים בקונפרנציות של העתונות, ש„אין שום יסוד לאשמות כאלה", ומעלימים באופן זה או, האמת ואת כוונותיהם האמתיות מעיני הצבור. מעשים אלה שלהם מביאים רק נזק לתנועתנו ויוצרים אוירה של איבה וקצף.

פונים אנו אל בוני־ציון האמתיים בלי הבדל מפלגה: עזרו לנו במחאתנו! יבוא נא סוף־סוף הקץ למצב זה ולמעשים שכאלה!

הועדה הארצישראלית ברוביז'וויטש:

יו"ר: שמעון אשרוביטש; מזכיר אהרנובסקיא.

חברי הועדה: יוליוס סוטין, חנה לוי סלובודקא.

יץ־ישראל
; 80.9.5
נורבגיה
1925—
ין־היסוד
ו בחודש
מרות זה
ל הצורך
ד בכדי
בחודש
הרבה
ולהטעים
ותיה של
לי"ש.
בנוגע
יול נקבל
ו הסכום
יליון
ריל הרי
עד כמה
נו במשך
נוע בעד
תשלומים
זאפשרות

מכתב־מחאה של הועדה הארצישראלית ברוביז'ביץ' על חלוקה בלתי־צודקת של סרטיפיקטים ע"י המשרד הארצישראלי בוורשה — שפורסם ב„העולם" (1925).

פראָטעסט־בריוו פון רוביזשעוויטשער „פּאַלעסטינע־אַמט" קעגן דער אומיושרדיקער פּאַרטיילונג פון סערטיפיקאַטן דורכן צענטראַלן פּאַלאַמט אין וואַרשע — אָפּגעדרוקט אין „העולם" (1925).

פון רוביזשעוויטשער שטייגער

ש. אָשעראָוויטש / רמת־גן

אַ שטעטל מיט אַ צונאָמען


כמעט יעדער שטאָט און שטעטל האָט זיך געהאַט זיין באַצייכענונג, אָדער אַ צונאָמען, צוגעפּאַסט צו די איינוווינער צוליב זייערס אַ כאַראַקטער־שטריך, אַ געוויסע האַנדלונג צי אַ סאָרט פּירעכץ. די יידישע תושבים פון רוביזשעוויטש האָבן אויך געהאַט זייער צונאָמען, וועלכן מ׳האָט אָפט אַליין באַנוצט און אים געהערט פון אנדערע: „רוביזשעווי־טשער פּעלצן״. גענומען האָט עס זיך דערפון, וואָס אחינו בני ישראל אין שטעטל זענען ניט געווען קיין שטאַרקע איבערקלויבערס און פיינשמעקערס אין הלכות עסן, נאָר דערלויבט זיך אָפט שלונגען אומגעשיילטע, הגם געקאָכטע, קאַרטאָפל. מיט איין וואָרט: בולבעס אין פּעלצלעך, ווי די פּויערים. איז שוין אַזוי פאַרבליבן דער צונאָמען: רוביזשעוויטשער פּעלצן...

מאַכלים

אַז מיר ריידן איצט וועגן קאַרטאָפל, דאַרף מען וויסן זיין, אַז דאָס אַרטיקל, צוזאַמען מיט ברויט, זענען געווען די וויכטיקסטע מאכלים אין שטעטל. ברויט האָט כמעט יעדער משפחה געבאַקן אַליין. וועלכע יידישע שטוב האָט דען נישט פאַרמאָגט אַ גרויסן אויוון, אין וועלכן מ׳האָט געבאַקט און געקאָכט? אונטער דעם אויוון איז געווען דער קאַטוך, ווו מ׳האָט געהאָדעוועט עטלעכע הינער. אויף דער פאָדערשטער זייט — דער באַרימטער פּריפּעטשיק, וועלכער איז אין דער זייט געווען צעטיילט מיט אַ דין ווענטל פון ליים. צווישן דעם ווענטל און דער וואַנט פון אויוון איז געשטאַנען אַ דרייפוס, אויף וועלכן מען האָט אויסגעלאָזט שמאַלץ, געפּרעגלט איינגעמאַכטס, צי אויפגעקאָכט לייכטע מאכלים — אויף שנעל. פרייטיק באַטאָג, נאָכן אויסהייצן דעם אויוון, פלעגט מען די אויסגעברענטע, נאָר נאָך גליענדיקע קוילן, צושאַרן צו דער וואַנט און זיי פאַרדעקן מיט אַש און דעם אויוון פאַרמאַכן מיט אַ בלעך, אָדער אַ הילצערן טירל. נאָך דער סעודה פרייטיק־צו־נאַכטס, האָט מען דאָס טירל פאַרוויקלט און פאַרשטעקט מיט שמאַטעס, אַז די היץ זאָל האַלטן ביז שבת נאָך מיטאָג.

דאָס ברויט איז געווען געבאַקן פון געמאָלענעם קאָרן און געהייסן שוואַרץ ברויט. געווען אויך אַ סאָרט האַלב שוואַרצע, קאָרענע ברויט — פאָלאָוויניק. ווייסע קאָרענע ברויט האָט מען גערופן — סיטניצע. די סיטניצע אָבער, ווי בייגל און קוכן, האָט מען שוין געקויפט אין די בעקערייען. מיכלע ראָק איז געווען באַקאַנט פון אירע בולקעס־קוילעטשן פון ווייסע ווייצענע מעל, וועלכע זי האָט בדרך־כלל געבאַקן פאַר די קריסטן. איר געבעקס איז געווען זייער באַטעמט.

אויך חלות פלעגט יעדער משפחה באַקן אַליין. אויף יומטוב האָט מען זיך פאַרגרייט געפלאָכטענע חלות — קיטקעס. דאַקעגן אויף די ימים־נוראים און הושענה־רבה האָט מען די חלות געפלאָכטן אין דער פאָרם פון אַ לייטער — „כדי די תפילות זאָלן אַרויפקריכן אין הימל אַריין״... פרייטיק פרי, צום פרישטיק, האָט מען געבאַקן בולקעס



רחוב ראקוב, ליד האכסניה של ליוטה אייזנבוד. די ראַקאָווער גאַס, ביי ליאָטע אייזנבודס אכסניה

פון יאַראָווע מעל מיט קאַרטאָפל און וואַרעמערהייט זיי באַשמירן מיט פוטער. אויף שבת און יומטוב פלעגט מען אויך באַקן אייער־קיכלעך, אָדער אַ זיסע באַבקע.

פונעם צווייטן הויפּט־מאכל, קאַרטאָפל, האָט מען אין רוביזשעוויטש פאַרגרייט פאַרשידענע געריכטסן. געווען קאַרטאָפל געבראָטענע, געבאַקענע, געקאָכטע און געריבענע. די „קאַרטאָפל אין די פעלצלעך" האָט מען געגעסן מיט הערינג, אָדער געטונקען אין ליאָק, די געלע, געזאַלצענע זאַפט אין וועלכע די הערינג זענען געלעגן. דער ליאָק („לוגער") האָט געהאַט אַ מעלה: ניט געקאָסט קיין געלט און געהאַט דעם טעם פון הערינג. די קריסטן פלעגן צום ליאָק צוגעבן בוימל און מעל און אויפקאָכן אַ מאַצאַניע (איינטונקעניש).

פון קאַרטאָפל האָט מען אויך געמאַכט דאָס פאָלקס־מאכל — לאַטקעס. אַמאָל אויך פון ווייצענע אָדער גריקענע מעל. די לאַטקעס האָט מען געגעסן מיט פוטער, שמאַלץ, ווייערמילך, אָדער געטונקען אין אַ פעטער מאַצאַניע.

אויף ווינטער האָט מען אין פעסער איינגעזייערט אוגערקעס און קרויט, וועלכע מ'האָט געהאַלטן אין קעלער. דאָס קרויט האָט מען געגעסן גלייך פון פאַס, אָדער געקאָכט דערפון אַ באָרשטש, ווו מען פלעגט אַריינלייגן אַ פעטן ביין, אָדער פעטס, צי שטיקער פלייש. כמעט יעדער טאָג האָט מען געגעסן אַ געריבענעם רעטעך מיט אַ ציבעלע און שמאַלץ. זומער האָט מען צו דעם צוגעשניטן אַ גרינע אוגערקע.

מיטאָג און אָוונט־ברויט איז באַשטאַנען פון אַ רעטעך מיט ציבעלעס, אַ קרויט־באָרשטש, אָדער אַ רויטער באָרשטש פון בורעקעס, קאַרטאָפל, אַ שטיקל פלייש, אָדער אַ פיש־בולבע — אַ געדיכטע זופּ פון פיש מיט קאַרטאָפל. אַ געוויינלעכע זופּ האָט מען

געקאָכט פון פערל־גרויפּן, בעבלעך אָדער אַרבעס. פרייטיק אָדער ערב יומטוב האָט מען געגעסן אַ ציבולניצע — אַ פּיקאַנט מאכל פון געבראָטענע ציבעלעס, זיס־זויער געקאָכט מיט האָניק און פעטס. פרייטיק־צו־נאַכטס האָט מען געקוויקט דאָס האַרץ מיט דער גילדענער יויך מיט לאָקשן, אָדער פערפל, אַ מייערן־צימעס, אָדער ברוצקע. שבת איז געווען אַ פעטער טשאָלענט מיט אַ קוגל, אָדער אַ קישקע געפילט מיט מעל און פעטס.

ערב פסח, ווען חמץ איז שוין געווען פאַרבאָטן און ביזן סדר האָט מען ניט געטאָרט עסן קיין מצה, האָט מען צו מיטאָג דערלאַנגט קאַרטאָפל מיט ראָסל. דעם דאָזיקן ראָסל האָבן די בעל־הביתטעס געגומען גרייטן באַלד נאָך פורים: אין אַ נייעם הילצערנעם צובער האָט מען אָנגעשיילט בורעקעס, אָנגעגאָסן וואַסער, וועלכע מ׳האָט געבראַכט פון טייך אין פסחדיקע עמערס, אַרומגעבונדן דעם צובער מיט אַ נייער לייוונט און דאָס אַלץ אַוועקגעשטעלט אין אַ ווינקל — ביז ערב פסח. דער ראָסל איז געווען זייער באַטעמט און מען פלעגט פון אים קאָכן אַ באָרשטש. און ווידער אַמאָל: אויך פסח איז קאַרטאָפל געווען דער וויכטיקסטער מאכל אין פאַרשידענע גילגולים. באַזונדערס באַטעמט זענען געווען די קוגעלעך פון געבאַקענע קאַרטאָפל, אויסגעמישט מיט אייער, אַריינגע־לייגט אין קליינע ליימענע טשאַרליעס און — ווידער באַקן. אויך כרעמזלעך פון מצה־מעל, געפילט מיט אַ „נשמה״ — גריוון און פעטס. אַ פסחדיקער פיקאַנטער דעליקאַטעס אין רוביזשעוויטש איז געווען „איינגעמאַכטס״ פון געריבענעם רעטעך, געפּרעגלט אין האָניק, מיט אימבער און ניס.

שבועות פלעגט מען עסן נאָר מילכיקס: בלינטשעס מיט קעז, שטשאַוו פאַרוויסט מיט סמעטענע, מיט אַ צעבראָקטער זיסער אוגערקע און אַ גרין ציבעלע. סוכות האָט זיך געהאַט ווידער אירע מאכלים: גאָלובצי — פלייש געוויקלט אין בלעטער פון פרישע קרויט און געבראָטן אין אַ זיס־זויערן סאָוס. טייגלעך — שטיקלעך טייג געפּרעגלט ביז ברוין אין האָניק. פּירעשקעס — געבעקס פון מעל, אָנגעפילט מיט מאָן אָדער וואַרעניע און געפּרעגלט אין האָניק.

פורים, ערב יום־כיפור און הושענה־רבה האָט מען דערלאַנגט צום טיש קרעפּלעך מיט יויך. וועגן די קרעפּלעך איז אין שטעטל אַרומגעגאַנגען אַזאַ וויץ: דאָס דאָזיקע מאכל עסט מען נאָך אין די יומטובים, ווען מען שלאָגט: פורים — המנען, יום־כיפור — על־חטא, הושענה־רבה — די הושענות... און אויב מ׳האָט אין אַ יידישער שטוב אין מיטן יאָר געקאָכט קרעפּלעך, האָבן לצים געשמועסט, אַז דאָס איז מן־הסתמא דערפאַר וואָס מאַן־און־ווייב האָבן זיך געשלאָגן...

סוף זומער האָט מען איינמאַרינירט העכט און יונגע שוויימלעך (באָראָוויקעס), ווי אויך געפּרעגלט ברוסניצעס מיט עפּל, כדי אין ווינטער עס אָנשמירן אויף ברויט. שמאַלץ אויף פסח און אויף אַ גאַנץ יאָר האָט מען געפּרעגלט חנוכה — פון די פעטע גענדז, וועלכע מ׳האָט געהאָדעוועט אַ סך חדשים.

משקאות

לאָמיר איבערגיין פון די מאכלים — צו די רוביזשעוויטשער משקאות. טיי איז געווען אַ פאָלקס־געטראַנק. פון קאַפע האָט מען נישט געוווּסט. אָנשטאָט דעם האָט מען געניצט — ציקאָריע. די קריסטן האָבן אָנשטאָט טיי געניצט געטרוקנטע פרוכט,

וואָס האָט געקאָסט פיל ביליקער. די וועלכע האָבן נישט געהאַט קיין סאַמאָוואַר, פלעגן נוצן אַ הליאַק — אַ קופּערנער, אָדער ערדענער טאָפּ מיט אַ שמאָל העלדזל, וועלכער פלעגט כסדר געהאַלטן ווערן אין אויוון, כדי דאָס וואַסער זאָל ניט זיין קאַלט.

אויף שבת האָט מען פאַרוקט אין אויוון אַ גרויסן טאָפּ מיט ציקאָריע און אַ טאָפּ מיט מילך, וועלכע פלעגט איבער נאַכט ברוין ווערן און זיך פאַרציען מיט אַ פעטער און דיקער הויט — פּלויקע. די טיי, אָדער ציקאָריע, האָט מען על פּי רוב געטרונקען „נאַ פּריקוסקו" — מיט אַ קליין שטיקל צוקער אין מויל. זיסע טיי איז זעלטן גענוצט געוואָרן. צוקער האָט מען פאַרקויפט אין „היטלען", געפּאַקט אין בלוי פּאַפּיר. אַזאַ צוקער־הוט האָט געוויגן עטלעכע קילאָ. פאַרקויפט האָט מען אויף דער וואָג און מיט אַ העקל געשפּאָלטן דעם צוקער. אין אַ סך הייזער זענען געווען ספּעציעלע צוואַנגע־לעך — שטשיפּצעס — מיט וועלכע מען האָט דעם צוקער צעטיילט אויף קליינע שטי־קעלך. אַנדערע פלעגן בייסן דעם צוקער פון דעם גרויסן שטיק און צוזופּן די טיי.

ביר האָט מען געברענגט פון לעקערטס ברויערייַ אין מינסק. אָבער דאָס איז געווען אַ טייערע משקה און מ'האָט עס ווייניק גענוצט. צו דער וואָדקע האָבן פיינשמעקער ליב געהאַט צוצוגעבן שאָלעכץ פון אַ מאַראַנץ, אָדער מאַכן אַ נאַסטויקע פון קערשן, מאַלינעס צי שוואַרצע יאַגעדעס. ווייַן איז געווען אַ טייער געטראַנק, האָבן יידן אַליין זיך אויסגעאַרבעט דאָס אַרטיקל פון ראָזשינקעס, פלוימען אָדער סיידער פון עפּל. מלכה פאַלייעס האָט פאַרקויפט ווייַן אין פלעשער פאַר די פּריצים. יידן האָבן דעם ווייַן נישט גענוצט, ווייל ס'איז געווען יין נסך.

מיטן אויסברוך פון דער ערשטער וועלט־מלחמה, האָט די צאַרישע רעגירונג פאַרבאָטן אויסאַרבעטן און פאַרקויפן ספּירט־געטראַנקען. יענע קריסטן וועלכע האָבן ניט געקאָנט אויסקומען אָן דעם ביטערן טראָפּן, האָבן געטרונקען ריינעם דענאַטור־ספּירט — און זיך פאַרסמט. געווען צוליב דעם אַ סך קרבנות. האָט מען אָנגעהויבן טרינקען אָדעקאָלאָן, וואָס האָט אַ סך דערפירט צו בלינדקייט. האָבן פּויערים אָנגעהויבן אויסאַרבעטן דעם סאַמאָגאָן, בראָנפן פון געברענטן קאָרן.

וואַסער

אַזוי ווי אַלע משקאות ווערן אויסגעאַרבעט פון וואַסער, האָט אַ זין צו דערציילן וועגן א. ג. „וואַסער־פּראָבלעם" אין רוביזשעוויטש.

ווי איך געדענק פון די קינדער־יאָרן, זענען אין שטעטל ניט געווען קיין ברונעמס. זיי זענען ערשט שפּעטער אויסגעגראָבן געוואָרן אין מאַרק: איינער — נעבן פייטל דעם בעקער (פאַרן אויסברוך פון ערשטן וועלט־קריג); דער צווייטער — נעבן ליאָטע סעגאַלאָוויטש (בעת דער מלחמה). אויך ביי מאָטע דעם שניידער אויפן הויף איז געווען אַ ברונעם. הגם אַלע ברונעמס זענען געווען טיפע, איז אָבער די וואַסער ניט געווען קיין געשמאַקע. האָט מען ווינטער געברענגט וואַסער פון טייך, און זומער — פון די קרעניצעס (קוואַלן). פון דאָרט האָט מען געשלעפּט צוויי עמערס אויף אַ קאָראָמיסלע, אָנגעהאָנגען אויפן רוקן, ביים האַלדז. ווינטער האָט דער שניי און אייז באַשווערט דאָס גיין צום טייך, האָבן אַ טייל יידן באַשטעלט אַ קריסט מיט אַ פעסל אויף אַ שליטן — און ער האָט צוגעשטעלט וואַסער, וואָס איז געהאַלטן געוואָרן אין פאָדערהויז, אין

אַ פּאַס. אין די גאָר קאַלטע און פראָסטיקע טעג, האָט מען דאָס וואַסער אַריין גענומען אין קיך, כדי עס זאָל ניט פאַרפרוירן ווערן. מיטן וואַסער ברענגען האָט כמעט יעדער משפחה אַליין זיך אַרויסגעהאָלפן, דאָך זענען געווען צוויי וואַסער־טרעגערס: משה דער אָרעמאַן פון מינסק און יהושע.

די וועש שווענקען האָט מען געטראָגן צום טייך. ווינטער איז געווען נייטיק אויפהאַקן אַ לאָך אין אייז. פאַרן שווענקען, פלעגט מען יעדער שטיקל וועש אַרויף לייגן אויף אַ פלאַכן שטיין און קלאַפּן מיט אַ פראַניק — אַ דיק האָלץ מיט אַ הענטל צום האַלטן. ווינטער איז געווען אַן ענין מיט טרוקענען די וועש. זי האָט געמוזט אַ גאַנצע וואָך, אַמאָל — מערער, הענגען אויפן בוידעם. אַראָפּ גענומען האָט מען זי טרוקן, נאָר פאַרשטייפט און פאַרפרוירן. געווען אַ סכנה, אַז אַזאַ שטיקל וועש זאָל זיך איבערברעכן...

אייז

ווינטער איז געווען אַ מעגלעכקייט צו פאַרגרייטן אייז פאַרן שטעטל אויף די זומער־חדשים. אייז האָט מען דער עיקר באַדאַרפט פאַר אַ קראַנקן. נאָר ווען ראַשע קיטאַיעוויטש האָט געעפנט דעם ערשטן קיאָסק אין שטעטל, איז די באַדערפעניש אויף אייז געוואַקסן. אין קיאָסק האָט מען פאַרקויפט קאַלטע זעלצער־וואַסער (דעם גאַז האָט מען געברענגט פון קוידאַנאָוו) און אייז־קרעם.

אין פעברואַר, ווען דער טייך איז געווען גוט פאַרפרוירן, פלעגן קריסטן אויסהאַקן גרויסע בלאָקן אייז, זיי פאַרלאָדן אויף שליטנס און ברענגען אין שטעטל צום פאַרקויפן צו יענע יידן, וועלכע האָבן געהאַט ספּעציעלע ערטער צו האַלטן דאָס אייז כמעט אַ גאַנץ יאָר. די בלאָקן האָבן זיי צוגעדעקט מיט מאָך, זעגעכץ, אָדער פלאַווסקע.

באַלייכטונג

פאַר מיינע צייטן האָט מען נישט געוווּסט אין רוביזשעוויטש וואָס אַזוינס מיינט עלעקטרישע באַלייכטונג. די שטובן זענען געווען באַלויכטן מיט נאַפט־לאָמפּן — פון פאַרשידענע גרייסן און מאָדעלן. געווען שטיי־לאָמפּן, הענג־לאָמפּן, מיט קאָלפּאַקן און באַפּוצונגען. פיל קריסטן האָבן אין די אָוונטן באַנוצט גאָר אַ קורניק — אַ פּושקע מיט נאַפט, אין וועלכער מ'האָט אַריינגעלייגט אַ קנייטל און אָנגעצונדן. אַזאַ קורניק, אָן אַ גלעזל, האָט מער גערויכערט ווי געלויכטן. בעסער איז שוין געווען די לוטשינע — לאַנגע, דינע שטיקלעך האָלץ, וועלכע מען פלעגט אָנצינדן און אַריינשטעקן אין אַ שפּאַרונע אין וואַנט. נאָכן אויסברענען פון איין לוטשינע, האָט מען אָנגעצונדן אַ צווייטע, אַ דריטע און אַזוי ווייטער. ביי דעם דאָזיקן ליכט איז מען לאַנגע שעהן געזעסן אין די אָוונטן ביים שפּינען, וועבן אָדער אַנדערע אַרבעטן.

דער ערשטער גרויסער חידוש אין שטעטל איז געווען, ווען ר' לאָטע אייזנבוד, דער גבאי פון בית־המדרש, האָט געברענגט פון מינסק 2 לוקס־לאָמפּן און לכבוד פרייטיק־צו־נאַכטס זיי אָנגעצונדן אין בית־המדרש. קליין און גרויס האָבן זיך צונויפגעגעזאַמלט און באַוווּנדערט די העל־בלויע ליכט, וואָס האָט כסדר געזשומעט און גערוישט.

אין די יאָרן פון ערשטן וועלט־קריג, איז ניט געווען צו באַקומען קיין נאַפט.

האָט מען זיך באַנוצט מיט קאַרביד־לאָמפּן. אַן איינפּאַכע בלעך־פּושקע, נאָר הערמע־טיש פאַרמאַכט. די פּושקע האָט מען אָנגעפּילט מיט קאַרביד, אַרויף געגאָסן וואַסער, פון וועלכע ס׳האָט זיך געשאַפן אַ גאַז, וואָס האָט אַרויסגעלויכטן פון אַן „אויג״ אין צודעק און געברענט מיט אַ שטאַרק בלויע ליכט.

קאָמיסיאָנערן

אַ טייל רוביזשעוויטשער יידן האָבן זיך פאַרנומען מיט מסחר מיטן דאָרף. איינגעקויפט ביי די פּויערים פאַרשידענע לאַנדווירטשאַפטלעכע אַרטיקלען, אָדער אין די מאַרק־טעג — און זיי אַוועקגעשיקט צו סוחרים קיין מינסק. אַליין קיין מינסק איז מען נישט געפאָרן, נאָר די סחורה איבערגעגעבן ספּעציעלע קאָמיסיאָנערן, וועלכע האָבן דערפון זיך גענומען אַ געוויסן פּראָצענט. פאַרן געלייזטן מזומן־געלט, האָבן די יידן־קאָמיסאָניערן איינגעקויפט אין מינסק פאַרשידענע סחורות און זיי געברענגט קיין רוביזשעוויטש פאַר די שטעטלדיקע סוחרים, לויט פריערדיקע באַשטעלונגען. אַזאַ נסיעה פון אַ קאָמיסיאָנער האָט געדויערט 3—4 טעג. פרייטיק זענען אַלע געקומען צוריק קיין רוביזשעוויטש און מוצאי שבת אַדורכגעפירט די אָפּרעכענונגען מיט די סוחרים.

עטלעכע וואָכן פאַר פּסח, פלעגט דער רב אויסרופן אַן „איסור״ אויף די הענדלער און קאָמיסיאָנערן צו קויפן אויף האַנדל אייער, עופות און קאַרטאָפל, ווי אויך ווייץ, כדי די פּרייזן פון די אַרטיקלען זאָלן ניט אַ שפּרונג געבן אין דער הייך, ווייל דעמאָלט וועלן די אומפאַרמעגלעכע ניט קאָנען זיך באַזאָרגן מיט די וויכטיקע פּראָדוקטן אויף יומטוב.

בעלי־טאַקסע

אויך אין רוביזשעוויטש האָט קהל איבערגעגעבן דעם מאָנאָפּאָל איינצוקאַסירן ד׳י טאַקסע (ספּעציעלער פליייש־שטייער) צו עטלעכע „שיינע יידן״, וואָס האָט גורם געווען צו אָפטע קאָנפליקטן און צוזאַמענשטויסן. יעדער ייד אין צאַרישן תחום המושב, וועלכער האָט געוואָלט קויפן אַ שטיקל פליייש פון דער כשרער שחיטה, האָט געמוזט אָפּצאָלן אַ ספּעציעלן שטייער, די א. ג. טאַקסע. דערפאַר האָבן די יידישע קהילות אין רוסלאַנד אויסגערופן אַן איסור אויף „בשר חוץ״, כדי היטן זייערע הכנסות. דער רב, שוחט און קצב האָבן באַקומען געהאַלט פונעם בעל־טאַקסע. דער וואָס האָט געוואַגט צו באַקלאָגן זיך אויפן בעל־טאַקסע, איז געלייגט געוואָרן אין חרם. 7 יאָר צייט האָט אין רוביזשעוויטש זיך געפירט די מלחמה קעגן די בעלי־טאַקסע (זע ז׳ 59, ווי עס ווערט באַשריבן אין „המליץ״ נומ׳ 78 פון יאָר 1895). רבנים און פאַרשידענע פּערזענלעכקייטן האָבן פאַרמיטלט צווישן די צדדים — נאָר אָן דערפאָלג. דער סוף איז געווען, אַז מ׳האָט נישט געהאַט צו באַצאָלן געהאַלט דעם רב און די מלמדים, די תלמוד־תורה האָט זיך פאַרמאַכט. די אָרעמע קינדער זענען אַרומגעגאַנגען אומגעגעסן און אומגעלערנט. נאָר די ראשי־הקהל זענען געווען שטאָלץ און קאַמפּס־לוסטיק.

פּריזיוניקעס

פונעם טאַקסע־געלט האָט מען אויך געשטיצט, צי אויסגעהאַלטן די משפּחות

פון פּריזיוויניקעס — יענע יונגעלייט, וועלכע זענען גענומען געוואָרן צו מיליטער־דינסט אין דער צאַרישער אַרמיי און געווען די איינציקע שפּייזערס פון זייערע פאַמיליעס. אַזוי ווי די זין פון סוחרים פון דער ערשטער און צווייטער גילדע זענען געווען באַפרייט פון מיליטער, איז די גבירים און ראשי הקהל אין שטעטל ניט שטאַרק אָנגעגאַנגען דער גורל פון די אָרעמע משפחות, וועלכע זענען געבליבן אָן זייערע ברויטגעבערס. פלעגן יעדער יאָר, בעתן פּריזיוו, פאָרקומען סקאַנדאַלן, געשלעגן און עיכוב הקריאה — מ׳האָט שבת ניט געלאָזט לייענען די תורה אין בית־המדרש. די מאָביליזירטע האָבן געפאָדערט הילף פאַר זייערע נאָענטע.

אַ געוויסן שבת, אין דעצעמבער 1898, האָבן די פּריזיוויניקעס אין קוידאַנאָוו פאַרשפּאַרט די מתפּללים אין שול און זיי געהאַלטן דאָרט ביז פאַרנאַכט, ווען זיי האָבן פייערלעך צוגעזאָגט, אַז יעדער ייד וועט געבן 25 קאָפּיקעס פאַר די משפּחות פון די פּריזיוויניקעס. צו מנחה זענען די פריי־געלאָזענע יידן אַוועק אַהיים הונגע־ריקע — און געגעסן דעם קאַלטן טשאָלענט...

די קאָראָבקע

אָנהייב הײַנטיקן יאָרהונדערט, האָט מען אָפּגעשאַפט די טאַקסע און אויף איר אָרט איינגעפירט אַן אַנדערן סאָרט שטייער, נאָר פאַר דער יידישער באַפעלקערונג — די „קאָראָבקע״. (אויף רוסיש — אַ פושקע, אַ קליין קעסטעלע). דאָס האָט געמיינט אַ שטייער אויף ליכט, זאַלץ און הייוון. דער רב האָט אויסגערופן אַן איסור צו נוצן די אַרטיקלען, אויב זיי זענען נישט געקויפט געוואָרן אין דער קאָראָבקע. אַפילו די סוחרים וואָס האָבן געהאַנדלט מיט ליכט, זאַלץ און הייוון, האָבן פאַר זייער געברויך איינגעקויפט די זאַכן פון דער קאָראָבקע. אין רוביזשעוויטש האָט ביילע די אלמנה, מיט העכער 60 יאָר צוריק געהאַט דעם מאָנאָפּאָל אויף דער קאָראָבקע. שפּעטער איז די קאָראָבקע בטל געוואָרן אויף ליכט און זאַלץ, בלויז פאַר הייוון האָט מען געמוזט צאָלן דעם שטייער. די רעכט אויף הייוון־פאַרקויף האָט געהאַט די רביצין, ווייל דער שכר פון רב איז געווען אַ נידעריקער. געווען אויך אַ ספּעציעלער אָפּצאָל פון דער שחיטה. דאָס שחיטה־געלט פון דער קאָראָבקע איז געגאַנגען פאַרן רב און שוחט. דער וואָס האָט באַדאַרפט עפּעס שעכטן, האָט געמוזט קויפן אין דער קאָראָבקע אַ „צעטל״ און עס אַוועק געבן דעם שוחט. אָן אַזאַ צעטל האָט ער ניט געשאָכטן.

דער טאָל

אין די הייסע זומער־טעג, שבת נאָכן טשאָלענט, האָט די יוגנט זיך אַוועק געלאָזט צום טאָל, אויף יענער זייט טייך — פערעקול. דאָ האָט מען פאַרברענגט, „געפירט ליבע״ און דער „בונד״ האָט אויף דעם אָרט אָפּגעהאַלטן זיינע ערשטע „סכאָדקעס״ און פאַרזאַמלונגען. נאָר די גרעסטע אַטראַקציע פון טאָל איז געווען — די קרעניצע מיטן קאַלטן וואַסער. יעדער בחור האָט אַהין זיך מיטגענומען אַ גלאָז מיט זויער זאַלץ, אָדער עסיג, און אַ ביסל טרינק־סאָדע. אַז מ׳האָט דאָס אויסגעמישט מיטן קאַלטן וואַסער פון דער קרעניצע, האָט זיך באַקומען אַ וואונדערבאַרע משקה מיט גאַז, פערמענ־

טאַציע און אַמאָל — מיט שוים... דאָס איז געשען, איידער ראַשע האָט געעפנט איר קיאָסק מיט סאָדע־וואַסער.

אויסער די „סכאָדקעס" פון בונדיסטן, פלעגן אין טאָל פאָרקומען אויך אַנדערע צוזאַמענטרעפן — פון יונגע פאָרלעך, פאַרליבטע יונגעלייט און מיידלעך. זיי פלעגן שפּאַצירן, אָדער אַוועקזעצן זיך אָפּרוען אויפן גראָז, אין שאָטן — און געווען אין כעס אויף אונדז, דעם קליינוואַרג, הלמאי מיר פּלאָנטערן זיך דאָרט ביי די פיס...

ר' זשעוויטש

אַ געוויסן פאַרנאַכט האָט זיך באַוויזן אין בית־המדרש אַ מגיד. צווישן מנחה־מעריב איז ער אַרויף אויפן בעלעמער און געהאַלטן אַ דרשה. דאָס איז געווען אַ קליין דריבנע יידל, מיט אַ גרויסן הויקער. אויף אונדזער רוסיפיצירטן יידיש האָבן מיר אים גערופן האַרבול. גרויס איז געווען דעם האַרבולס אַנטוישונג, ווען ער איז נאָך דער רעדע אַוועק צו דער טיר, ווו אויף אַ טישל איז געשטאַנען זיין קערה — אַ ליידיקע. רוביזשעוויטשער בעלי־בתים האָבן זיך ניט געאיילט אַריינצוואַרפן אַהין אַ מטבע פאַרן מגיד. צי דער האַרבול האָט ניט געהאַט אויף הוצאות צו פאָרן ווייטער, צי ער האָט געוואָלט אָנלערנען אונדזער קהל פאַרן קמצנות — ער איז געבליבן אין שטעטל. צומאָרגנס, צווישן מנחה און מעריב — שטייט ער ווידער אויפן בעלעמער און הייבט אָן זיין דרשה בזה הלשון:

— פון הר עבל האָט איר געהערט? פון הר גריזים האָט איר געהערט? טאָ הערט־זשע איצט פון הר בול! (האַרבול). אַ פּאָר שטיוול וועלכע זענען ווערט 10 רובל, רופט מען מיט זייער ריכטיקן נאָמען — שטיוול. אַ פּאָר שיך וועלכע זענען ווערט 5 רובל, רופט מען מיטן אמתדיקן נאָמען — שיך. אָבער אַ פּאָר שטעקשיך, אויסגעאַרבעט פון ביליקסטן לעדער, צי אָפּפאַל און קאָסטן בלויז עטלעכע קאָפּיקעס — רופט מען מיטן שיינעם נאָמען פאַן־טאָפל — אָדער אויף יידיש: ר' זשעוויטש...

דאָס שטעטל האָט זיך פאַרשטאַנען אויפן רמז — און דער האַרבול האָט שוין יאָ געהאַט וואָס אַרויס צו נעמען פון דער קערה...

ערב פסח

באַלד נאָך פורים, ווען די וואַרעמע זון־שטראַלן האָבן אָנגעזאָגט דעם זיך דערנענטערנדיקן פרילינג, איז דאָס שטעטל באַהערשט געוואָרן פון אַ יומטובדיקער שטימונג און אַטמאָספער — צוליב פסח. די ערשטע ממשותדיקע שריט אַנטקעגן דעם גרויסן יומטוב, זענען געווען — אַראָפּנעמען די דאָפּלטע פענצטער, גוט דורכלופטערן די וווינונג, הגם ניט איין מאָל איז אין יענער צייט געפאַלן אַ שניי, אָדער די קעלט איז נאָך געווען אַ גענוג שטאַרקע. די אַראָפּגענומענע שויבן־פענצטער, פונקט ווי די וואָס זענען געבליבן אויף די פוטרינעס, האָט מען באַדאַרפט גוט רייניקן און וואַשן. זיי זענען דאָך געווען באַקלעפּט מיט פּאַפּירן אויף אַלע שפּאַרונעס, כדי דער ווינט און קעלט זאָלן זיך ניט אַריין באַקומען פון דרויסן און דערביי ניט אַרויסלאָזן דאָס ביסל וואַרעמקייט פון אינעווייניק. מען האָט אויך באַדאַרפט באַזייטיקן דעם אָנגעשיטן זאַמד מיט די פאַרשטעקטע דאָרט אויף ווינטער קאָלירטע פּאַפּירלעך, וועלכע האָבן

באַצירט און באַוואָרנט פון קעלט דעם חלל צווישןביידע שויבן־פענצטער. אַנדערע פלעגן גאָר באַנוצן וואַטע, אָדער פלאָווישקע, אויף איינצוזאַפּן די פייכטקייט. די מורא פאַר די ווינטערדיקע קעלטן און פרעסט איז געווען אַזוי גרויס, אַז די פראָנט־טיר, וועלכע האָט זיך געעפנט גלייך אין שטוב אַריין, האָט מען אין שפּעטן אָסיען פאַרקלאַפּט און גענוצט די הינטער־טיר. די אַלע באַוואָרענישן קעגן ווינטער, האָט מען באַדאַרפט ערב פסח באַזייטיקן און זיך גרייטן אויפנעמען די וואַרעמע טעג און דעם ליכטיקן יומטוב.

ערב פסח איז אויך געווען די צייט אויף אַדורכצופירן אַ גענעראַל־רייניקונג און רעמאָנט אין די דירות. בעת פאַרמעגלעכע יידן האָבן געדונגען מאַליאַרעס אויפצו־פרישן די ווינונגען, האָט דער אָרעמער שטאַנד אַליין געקאַלכט, געווייסט, צי געפאַרבט די ווענט מיטן סופיט. דאָס מעבל און די כלים האָט מען געריבן און געוואַשן. די וואָס האָבן געווינט נאָענט פון טייך, האָבן דאָרט די טישן, בענקלעך און שענקלעך געשייערט מיט גרויס התמדה. דאָס בעטגעוואַנט האָט מען שעהן געלופטערט אויף דער זון, אויב זי האָט נאָר געשיינט. ווייל אין קאַלטע, טריבע און אָפטמאָל רעגנדיקע, צי שנייאיקע טעג, האָט מען געמוזט רייניקן „פון צימער ביז צימער" און איבערפירן די זאַכן אין אַ צווייטן חדר. די וואָס האָבן געהאַט טאַפּעטן, פלעגן זיי ערב פסח אַראָפּרייסן פון די ווענט און זיי פאַרטוישן מיט נייע. אויך דאָס שטרוי און היי פון מאַטראַצן איז אויסגעטוישט געוואָרן. די פּערענעס האָט מען גוט אויסגעקלאַפּט און נאַפטאַלינירט אויפן צווייטן ווינטער.

די לעצטע וואָך פאַר יומטוב איז געווען אַן אמתע קאַטאָרגע פאַר די, וואָס זענען געווען באַשעפטיקט מיט די אַלע אַרבעטן. אָבער ערב יומטוב, ווען אַלץ אַרום האָט געגלאַנצט פון ריינקייט און ציכטיקייט און מ'האָט געוווּסט, אַז עס קומען אָן טעג פון אָפּרו און הנאה — איז מען געווען צופרידן פון דער מי און מאַטערניש, כדי שפּעטער פון דעם געניסן.

מען באַקט מצות

באַלד נאָך פורים האָט זיך אויך אָנגעהויבן מיט די „פּאָדריאַדן" צו באַקן מצות. אין רוביזשעוויטש זענען געווען 3 אַזעלכע „פּאָדריאַדן": ביי משה לונגין, ביי ישעיהו וועלוול דער סטאָליער און ביי ר׳ מאיר. די מלאכה פון באַקן מצות איז געווען לויטערע האַנט־אַרבעט. ערשט שפּעטער האָט די משפחה פון ר׳ מאיר אַראָנאָווסקי געבראַכט אַ מאַשין, וואָס האָט אַליין געטאָן די אַרבעט פון קנעטן און וועלגערן די מצות מיט דער הילף פון 2 וואַלצן, וועלכע האָבן די דינע טייג־בלעטער צוגעפירט צו די רעדלערס און זעצערס.

אין די „פּאָדריאַדן" האָט מען געאַרבעט פון באַגינען ביז אין דער שפּעטער נאַכט. דער רוב זענען געווען באַשעפטיקט פרויען און מיידלעך, בלויז דער „זעצער", וועלכער האָט געבאַקן און די רעדלערס, זענען געווען מענער. דער גערויש פון וואַלגערהעלצער האָט זיך געהערט אין גאַנצן שטעטל, באַגלייט מיט די הילכיקע געלעכטערס און געזאַנג. באַזונדערס פריילעך איז דאָרט געווען אין די אָוונטן. ווי בינען צום האָניק, אַזוי האָט חברה יונגוואַרג געצויגן צו די מצה־בעקערייען. די בחורים

זענען פרייוויליק געקומען העלפן רעדלען, און די מיידלעך — וועלגערן. דאָ האָט מען געקענט הערן אַלע נייעס און רכילות, דאָ האָט מען זיך אָפּגעשמועסט וועגן און ווו צו טרעפן. און מערער ווי דאָס מויל, האָבן גערעדט די... אויגן.

צו די צוגרייטונגען, האָט אויך געהערט דאָס „שטעלן" אויף פּסח בורעקעס. נאָר באַזונדערס שווער איז געווען דאָס כשרן די אויוונס. 3 מאָל, איינס נאָכן אנדערן, האָט מען באַדאַרפט אָנלייגן אין אויוון האָלץ און גוט זיי אויסגליען. די היץ איז געווען גרויס און עס האָט געדראָט אַ געפאַר, אַז די הילצערנע ווענט פון דער שטוב זאָלן זיך אָנצינדן.

ביעור חמץ

אין דעם אָוונט פאַר פּסח, באַלד נאָך מעריב, האָט מען אין די יידישע היימען מקיים געווען די מצווה פון ביעור חמץ. צום ערשט האָט דער טאַטע פונאַנדערגעלייגט שטיק־לעך ברויט אויף די פענצטער און אַנדערע ערטער, דערנאָך אָנגעצונדן אַ ליכט און געגעבן עס צו האַלטן אַ קינד, וואָס האָט באַדאַרפט צולייכטן, ווען ער איז געגאַנגען פון אָרט צו אָרט און מיט אַ פעדער פון אַ הון אָדער גאַנדז אַריינגעשאַרט אין אַ הילצערנעם לעפל די שטיקלעך ברויט, פאַרבונדן זיי מיט אַ שמאַטקע — און צומאָרגנס פרי איז דאָס דאָזיקע חמץ פאַרברענט געוואָרן לעבן דער באָד. ערב פּסח האָט יעדער ייד זיך געאיילט צום רב, כדי פאַרקויפן זיין חמץ און דערביי געגעבן אַ פדיון, יעדער לויט זיינע מעגלעכקייטן. דער רב ווידער האָט שוין געהאָט זיינעם אַ קריסט, וועלכער האָט געוווּסט וועגן דעם מינהג ערב פּסח און פאַר עטלעכע רובל „אָפּגעקויפט" דאָס גאַנצע חמץ פון שטעטל.

נאָכן פאַרברענען דעם חמץ, האָט יידישע קינדער דערוואַרט נאָך אַ שטיקל אַרבעט: כשרן די כלים. מיט פרייד זענען זיי געלאָפן צום באָד, באַלאָדן מיט לעפל, גאָפּל, מעסער, קופערנע ראָנדלעס, טעפּ, פאַנען. דאָ איז דער בעדער געשטאַנען ביי אַ גרויסן קעסל קאָכעדיק וואַסער און אַלע כלים געוואָרפן אינעווייניק און דערביי געפּליסטערט: „כשר! כשר! כשר!". פאַרשטייט זיך, אַז דערפאַר האָט ער גענומען באַצאָלט.

הילצערנע כלים, ציבערס, עמערס און כלים פון גלאָז, האָט יעדער געכשרט ביי זיך אין שטוב. 3 מעת־לעת איז דאָס אַלץ געלעגן אין וואַסער. כלים פון ליים האָט מען ניט געכשרט.

מצה־שטויסן און כריין

מיט דעם זענען נאָך אַלץ ניט פאַרענדיקט געוואָרן די צוגרייטונגען צום יומטוב. מען האָט נאָך באַדאַרפט — שטויסן מצה. כמעט אין יעדער יידישער שטוב איז פאַר דעם צוועק געווען אַ הילצערנע סטופּע מיט אַ טאָלקאַטש. אין דער סטופּע האָט מען אַריינגעלייגט די מצה און זי גענומען שטויסן מיטן טאָלקאַטש, ביז מעל. דערנאָך האָט מען די מעל איבערגעזופּט אויף אַ זיפּל און צעטיילט: פאַר קניידלעך, פאַר כרעמזלעך, צי פאַר מצה־פאַרפעלעך. דאָס שטויסן מצה איז אויך געווען אַן אַרבעט פאַר די קינדער, פונקט ווי דאָס צוגרייטן דעם פּסחדיקן כריין. דער עיקר — אויסזוכן

אויפן פעלד דעם טייערן ירק, וועלכער איז געוואָקסן ווילד, אומגעזייעט. ווי נאָר דער שניי אין צעגאַנגען און די גרינע בלעטלעך פונעם כריין האָבן זיך באַוויזן איבער דער ערד, האָבן חברה קליינוואַרג זיך געלאָזט מיט גראָבאייזנס אויפזוכן דאָס געוויקס. בעצם איז עס גיכער געווען אַ מין פאַרמעסט, אַ ספּאָרט, ווער וועט אַנטדעקן דעם כריין און אים ברענגען אַהיים. די קריסטן האָבן געוווּסט וועגן דעם און זיי פלעגן באַצייטנס אָנגרייטן כריין־וואָרצלען און זיי פאַרקויפן צו יידן פאַר אַ גענוג הויכן פּרייז.

דאָס אָנרייבן דעם כריין איז געווען פאַרבינדן מיט אַ סך אַ סך טרערן, אָבער דערפאַר האָט אַ וויכטיקער מאכל באַשיינט דעם יומטובדיקן טיש.

די סדר־נאַכט

ענדלעך זיך דערוואַרט צו דער ערשטער נאַכט פּסח. די שול איז שטאַרק באַלויכטן. די לאָמפּן ברענען מיט העלע פייערן, ווי זיי וואָלטן זיך מיטבאַטייליקט אין דער שמחה פון יומטוב. דער חזן ביים עמוד און זיינע משוררים „דערלאַנגען" אַ יומטובדיקן מעריב. דער עולם איז אויסגעפּוצט אין די שענסטע בגדים. די קינדער באַטאַפּן זיך די נייע אָנצוגלעך, קוקן אויף די שיכלעך און וואַרטן מיט אומגעדולד, ביז דער חזן וועט מאַכן קידוש און זיי געבן צו פאַרזוכן דעם ווייַן. דאָס איז אַי אַ מצווה, אַי ס'איז געשמאַק... אָט ווינטש מען זיך שוין אַ גוטן יומטוב אויך ניט איילענדיק, לאָזט זיך דער עולם אַהיים.

די שטוב איז אופגערוימט, דער ריח פון די מאכלים טראָגט זיך אַזש אויפן גאַס. די קישנס אויפן „העסע־בעט" בלאַנקען מיט זייער ווייסקייט. באַלד וועט דער טאַטע דאָרט זיך אָוועקזעצן־צולייגן, שפּעטער באַהאַלטן דעם אפיקומן. דער טיש איז פאַרשפּרייט מיט אַ ווייסן טישטעך, דער ווייַן פינקלט אין דער קאַראַפקע, די ליכט־פייערלעך שפּיגלען זיך אָפּ אין די אויסגעפּוצטע כלים און כוסות. אפילו דאָס זאַלץ־וואַסער, אין וועלכער מ'וועט טונקען די קאַרטאָפל, האָט אַ באַזונדערן חן און טעם. דאָס יונגסטע קינד פרעגט די פיר קשיות, טאַטע־מאַמע קוועלן אָן, אַלע הייבן אָן דערציילן די געשיכטע פון יציאת מצרים.

ביים „אָפּגיסן" די צען מכות, האָט מען זיך געהיטן ניט פאַרפעלן, חלילה, קיין איין מכה. דעם ווייַן דערפון האָט מען אויסגעגאָסן אויף אַן אָרט ווו קיינער גייט נישט... און ביי קיין שום מאָלצייט, האָבן די פיש, פלייש, כריין, קניידלעך מיט יויך ניט געהאַט אַזאַ טעם, ווי אין דער סדר־נאַכט.

די לצים מיטן באָק

ביים „שפוך חמתך" עפנט מען די טיר און ספּעציעל די קינדער וואַרטן מיט שפּאַנונג און אומרו, צי וועט זיך טאַקע באַווייזן אליהו הנביא און פאַרזוכן פון דעם ספּעציעל צוגעגרייטן פאַר אים כוס ווייַן. נאָר אָט האָבן לצים ניט איין מאָל אויסגענוצט אַזאַ אָפענע טיר אויף צו טרייבן קאַטאָוועס.

אויפן שול־הויף האָט זיך געהאָדעוועט אַ קהלישער באָק, אַ בכור, וועלכן מ'האָט ניט געטאָרט שעכטן. האָבן חברה לצים גענומען דאָס באַשעפעניש אין אַ סדר־נאַכט

און ווען די טיר האָט זיך געעפנט צום „שפוך חמתך“, האָט מען דעם באָק אויפגעשטעלט אויף די הינטערשטע פיס, אים צוגעהאַלטן פון אונטן — און אַז דער באַבערדלטער בעל־חי איז דערשינען אויף דער שוועל פון אַ פסחדיקער שטוב, איז גרויס געוואָרן די בהלה. ערשט נאָך דער שרעק און שטוינונג, האָט מען זיך צעלאַכט און באַרויִקט. דאַקעגן אין אַ צווייטן פאַל — איז די לאַגע געווען מער ערנסט. אַ לץ האָט זיך אָנגעטאָן אין אַ ווייסן קיטל, זיך צוגעקלעפּט אַ באָרד פון אַ שטיק פעלצן־פוטער, אַ יאַרמעלקע אויפן קאָפּ און אַ לאַנגן שטעקן אין האַנט. ווען מאַשקע בינצעס האָט צום „שפוך חמתך“ געעפנט די טיר, איז זי גלייך געפאַלן אין חלשות, ווי נאָר דער פאַרשטעלטער לץ האָט זיך באַוויזן. די קינדער האָבן געמאַט אַ געוואַלט, די נאָענטע שכנים זענען זיך צונויפגעלאָפן. אַ גליק, וואָס דעם לץ האָבן באַגלייט זיינע שוועסטערס — און זיי איז קוים געלונגען אָפּצומינטערן די פאַרחלשטע מאַשקע.

ביז אין דער שפּעטער נאַכט האָבן איבערן שטעטל זיך געטראָגן די ניגונים פון דער הגדה. ענדלעך האָבן די ליכט זיך אויסגעלאָשן און אַלע זענען איינגעזונקען אין אַ זיסן שלאָף.

די פּאָוואָדקע

דער בולטסטער סימן פאַרן אָנקומענדיקן פרילינג איז געווען דאָס געפּלאַצטע אייז אויפן טייך, וואָס האָט דורכגעשניטן דאָס שטעטל. אין די נעכט פלעגט מען הערן די קנאַלן און געטרעסקעריי פונעם אייז, וואָס האָט זיך באַפרייט פון די אָקאָוועס. אין אַזעלכע טעג איז שוין געווען אַ גרויסע סכנה צו לאָזן זיך גיין איבערן אייז, אָדער גליטשן זיך, ווי אין ווינטער. דער טייך האָט פון זיך אַראָפּ געוואָרפן זיין אייז־פּעלץ. דאָס אייז האָט גערירט — און ס׳האָט זיך אָנגעהויבן די „פּאָוואָדקע“. דער טייך האָט זיך אויסגעגאָסן, אַרויס פון זיינע ברעגעס, אינמיטן דעם וואַסער האָט געקאָכט און גערוישט ווי אין אַ קעסל, אייז־קריעס האָבן מיט אימפּעט זיך געטראָגן מיטן שטראָם, געקראָכן איינע אויף די אַנדערע, זיך צוזאַמענגעשטויסן, געשפּאָלטן און פאַרשוווּנדן. דער צעשטורעמטער און אויפגעברויזטער טייך האָט מיטגעשלעפּט מיט זיך ביימער, טירן, מעבל־שטיק.

בעת דער פּאָוואָדקע, זענען די איינוווינער נאָענט פון טייך, אַוועק מיט זייער ביסל האָב־און־גוטס צו אַ קרוב, אַ פריינד אָדער אַ גוטן שכן, כדי איבערוואַרטן, ביז דאָס וואַסער וועט פאַלן.

כדי צו באַשיצן די בריקן און בריקלעך פונעם אָנגרייפנדיקן אייז, זענען קריסטן געשטאַנען אויפן בריק און מיט לאַנגע קרוקעס אָפּגעשטויסן די קריעס, אָדער מיט פּיקעס זיי צעברעקלט אויף קלענערע שטיקער. דאָס קליינוואַרג פלעגט שעהן שטיין אויפן ברעג און זיך צוקוקן צו דער צעשטורעמטער סטיכיע און מעכטיקן כוח פון וואַסער.

אָבער אַ גאַנץ יאָר האָט דער טייך געגעבן בלויז פאַרגעניגן. זומער האָט מען זיך אין אים געבאָדן און געכאַפּט פיש. ווינטער — געגליטשט זיך אויף שליטעלעך און קאָנקעס (גלעטשערס). פונדעסטוועגן האָט פּאַסירט, אַז ניט איינמאָל האָבן מיר געהאַט פונעם טייך אויך צער און צרות. איך דערמאָן זיך, אַז פאַר דער ערשטער וועלט־

מלחמה, איז אַ געוויסן זומער־טאָג אַראָפּגעפאַלן אַ שטאַרקער שלאַגס־רעגן און דאָס וואַסער אין טייך האָט זיך אַ הייב געטאָן. די שכנים פון דער מיל, אויף דער איוועניצער גאַס, האָבן דערזען ווי אַ וואַסער־וואַנט דערנענטערט זיך — איז מען געלאָפן עפענען די זאַסטאַווקעס פון דער בריק. חיים, דינקעס ברודער, אַ העלדישער יונגערמאַן, איז דער ערשטער צוגעקומען צום בריק, נאָר אַ שטאַרקע כוואַליע האָט אים, צוזאַמען מיט דער בריק — מיטגעריסן. אין עטלעכע טעג אַרום האָט מען געפונען זיין טויטן קערפּער.

אויך אין יאָר 1890 איז געשען אַן אומגליקס־פאַל. צוויי פרויען האָבן געוואַשן וועש אויפן אייז. מיט אַמאָל איז אָנגעקומען אַ שטאַרקע כוואַליע אוןביידע פאַרשלעפּט אין מיטן טייך. איינער פון זיי, רישע שימקעס, איז געלונגען זיך צו ראַטעווען, בעת די צווייטע פרוי, שרה־פּעסע דיינאָווסקי — איז דערטרונקען געוואָרן.

אַ שריפה אין שטעטל

איך געדענק אַ שריפה, וואָס איז אין דער ערשטער סדר־נאַכט אויסגעבראָכן אין שטוב פון ברוך־מרדכי דער סטאָליער. ער האָט אַ שיין ביסל יאָרן שווער אָפּגעהאָרעוועט אין אַמעריקע, אָנגעזאַמלט אַ ביסל געלט און צוריק געקומען קיין רובי־זשעוויטש, ווו ר׳האָט אַנטקעגן דער צערקווע, אין ווינקל פון מאַרק אויף דער קוידאַנאָווער גאַס, זיך אויפגעבויט אַ שיינע דירה. זי איז צוליב דער שריפה אַוועק מיט פלאַמען און רויך, באַזאַמען מיט דער דירה פון אסתר־חייה ראַבינאָוויטש.

שפּעטער האָט מען דערציילט, אַז די ווענט, וואָס זענען געווען באַענט צום אָנגעגליטן אויוון וועלכן מ׳האָט געכשרט אויף פּסח, האָבן אַ גאַנצן טאָג זיך אָנגעהיצט. ערשט צו האַלבער נאַכט האָט זיך צעפלאַמט אַ העליש פייער און אַלאַרמירט די איינוווינער. דער קלויסטער־גלאָק האָט זיך באַלד צעקלונגען און אויפגעוועקט דאָס שלאָפנדיקע שטעטל. צעטומלטע, האַלב אָנגעטוענע מענטשן, זענען געלאָפן אין גאַס אָן אַ תכלית און אָן אַ ציל, שרייענדיק בלויז „פּאָזשאַר! פּאָזשאַר!", בעת אַ קליינער טייל האָט זיך גענומען צו דער ריכטיקער מלאכה: לעשן! וואַסער האָט מען געמוזט ברענגען פון טייך דורך אַ קייט אויסגעשטעלטע מענטשן, וועלכע האָבן איבערגעגעבן די עמערס וואַסער פון האַנט צו האַנט. ביז די פייערלעשער מיט די פעסלעך וואַסער זענען אָנגעקומען, זענען די צוויי הייזקעס פאַרלענדט געוואָרן פונעם פייער. ביי די טליענדיקע חורבות איז געבליבן אַ שמירה נאָך אַ גאַנצן טאָג און נאַכט, ווייל „פייער איז אַ גנב, מען טאָר אים ניט גלויבן" — האָבן געטענהט אונדזערע יידן.

די באָד

די באָד איז געווען אַ וויכטיקע און נויטווענדיקע אינסטיטוציע, וועלכע האָט דערפילט אירע רעליגיעזע, ווי היגיענישע פונקציעס. ניט נאָר אין די ערב שבתים און יומטובים איז די באָד געווען טעטיק, נאָר אין אַלע טעג פון יאָר. אַמערסטן אָבער האָט מען זיך באַנוצט מיט דער וואַרעמער באָד אין די קאַלטע טעג. דאָנערשטיק אָוונט איז די באָד געווען באַשטימט פאַר פרויען, פרייטיק — פאַר מענער.

די רוביזשעוויטשער באָד האָט זיך געפונען אין סוף פון שול־געסל, הינטער דער

שול, וועלכע איז געשטאַנעןביים טייך סולע. אַנטקעגן דער באָד, אויף יענעם ברעג טייך, איז געלעגן דאָס דאָרף זאַרעטשע.

מיט אַ סך יאָרן צוריק איז די באָד געווען אַ הילצערנע, פונקט ווי די מקווה. זייערע נאַסע ווענט זענען געווען באַדעקט מיט גרינלעך־קלעפּיקן שליים און אין די וואַסערן האָבן אַמאָל פאַרבלאָנדזשעט זשאַבעס. צו דעם אַלעמען, איז דער בעדער געווען אַ שוואַרצער, געדיכט־באַוואָקסענער ייד, וועמענס בלויזער אויסזען האָט אָנגעוואָרפן אַן אימה, באַזונדערס אויף די פרויען. די וואָס זענען געווען אין די „היכלע חדשים", האָבן בשום אופן ניט געוואָלט גיין אין מקווה אַריין, אויס מורא קוים וועלן זיי זיך „פאַרקוקן"... ביז די יידישע טעכטער האָבן דערקלערט אַ שטרייק: זיי גייען נישט מער אין באָד, צי אין מקווה, אויב מען טוישט נישט דעם בעדער, און אַז מ׳זאָל מערער אָפּהיטן די היגיענע. אויך די מענער זענען צוגעשטאַנען צו די פאָדערונגען און פאַרלאַנגט פון די ראשי־הקהל איבערצובויען די מקווה און — אַ נייעם בעדער. די לאַגע האָט געראַטעוועט ר׳ אלתר פאלייעס (אלתר טשיזעס), וועלכער האָט זיך אונטערגענומען אויפבויען אַ נייע באָד און אויך אויסגעפונען אַ יונגן בעדער. נאָר ביז וואָס־ווען, האָט די באָד עטלעכע מאָל געברענט. אין שטעטל האָט מען געשמועסט, אַז מ׳האָט זי אונטערגעצונדן, כדי אַרויס באַקומען די אַסעקוראַציע־סומע.

די נייע באָד איז באַשטאַנען פון אַ לאַנגן, נידעריקן בנין פון רויטע ציגל, באַדעקט מיט אַ שינדלען־דאַך. די פענצטער — לאַנגע, ביז דער ערד. צוויי אַריינגענג האָט געהאַט די באָד. די צווייטע העלפט בנין איז געבליבן אומפאַרענדיקט, געשטאַנען אָפּן און הפקר און געדינט אַלס באַהעלטעניש פאַר הינט און קעץ. ביים טיר פון דער באָד איז געשטאַנען אַ פּאָמפּע איבער אַ טיפן, אָפענעם ברונעם, צו וועלכן קינדער האָבן מורא געהאַט צוצוגיין.

דאָס פאָדערהויז האָט געדינט אַלס „גאַרדעראָב" — צום אויסטאָן און אָנטאָן, מיט פּאָליצעס ווו אַוועק צו לייגן די בגדים. אין אַ באַזונדער צימער — די מקווה, אין וועלכער יידן, איבערהויפּט קינדער, האָבן געמוזט זיך אָפּטובלען נאָכן וואַשן זיך. אין אַ צווייטן צימער האָבן זיך געפונען איינגעמויערטע קעסלען, אין וועלכע מ׳האָט געוואַרעמט דאָס וואַסער, וואָס איז מיט דער הילף פון רערן געקומען אַהער פון דער פּאָמפּע. נאָך אַ צימער איז געווען פאַרן שוויץ־באָד (טערקישע באָד), מיט לאַנגע הילצערנע פּאָליצעס. אין ווינקל איז געשטאַנען אַן אויוון, מיט גרויסע אָנגעגליטע שטיינער, אויף וועלכע מען פלעגט גיסן וואַסער און די פּאַרע האָט פאַרפולט דעם גאַנצן חלל. וואָס העכער — אַלץ געדיכטער און הייסער די פּאַרע. אויף די פּאָליצעס זענען געלעגן נאַקעטע יידן און זיך געקוויקט מיטן בעזעמל וואָס האָט געשמיסן און געריבן דעם צעוואַרעמטן גוף, געקרעכצט אַזש פון הנאה. ניט אַלע האָבן געקענט אויסהאַלטן די היץ און פּאַרע אויף די אייבערשטע פּאָליצעס. געווען פאַלן פון חלשות. האָט מען אַזאַ ייד אַרויס געטראָגן אין דרויסן, אַפילו געקאָלערט אין שניי, כדי אים אָפּמינטערן...

ביים אַריינגאַנג אין באָד האָט דער בעדער גענומען אַן אָפּצאָל און דערפאַר געגעבן אַ הילצערן שעפל. קינדער פלעגן אינעם שעפל וואַסער טונקען אַ שמאַטע און מיט איר פּאַטשן איינער דעם צווייטן אויפן נאַקעטן קערפּער און דערביי

פאַרשפּריצן אַרום אַלץ און אַלעמען. יידן האָבן זיך געבייזערט, ניט געזשאַלעוועט דערפאַר קיין פּעטש...

אַפילו אין די שטאַרקסטע פראָסטיקע טעג, האָבן יידן נישט געוואָלט מוותר זיין פונעם הייסן באָד צי מקווה — און פאַרוויקלטע אין פּעלצן, איז מען אַוועק צוריק אַ היים זיך גרייטן צום שבת.

אין יאָר 1920־21 האָט פּויליש מיליטער פאַרוואַנדלט דעם ניט־פאַרענדיקטן טייל פון באָד אין זייערס אַ קיך. אויף צו הייצן און קאָכן האָבן זיי פאַרנוצט דאָס גאַנצע געהילץ פון באָד, די שעפלעך, פּאָליצעס, ברעטער פון די פּאָדלאָגעס, אַפילו געשלעפּט די קראָקוועס פון דאַך. די באָד איז פאַרוואַנדלט געוואָרן אין אַ חורבה. ערשט ווען דאָס מיליטער האָט זיך אויפגעשטעלט אייגענע קאָשאַרן און פאַרלאָזט דאָס באָד, האָבן יידן ווידער זיך אַ נעם געטאָן צום אויפבויען די אַזוי וויכטיקע אינסטיטוציע. עס רעדט זיך נאָר — אויפבויען. אָבער פון וואַנען נעמען געלט? אמת, אַ טייל בעלי־בתים האָבן געגעבן גאַנץ אָנגעזעענע סומען, געמאַכט הלוואות, נאָר ס'איז אַלץ ניט געווען גענוג. ביז די ראשי הקהל האָבן באַשלאָסן גיין אויפן וועג פון דער יוגנט — שטעלן אַ „ספּעקטאַקל״...

מען שפּילט טעאַטער

אין פּורים 1924 יאָר, האָט מען אין דער קאַלטער שול געשטעלט „מכירת יוסף״. אַלע בילעטן זענען באַצייטנס געוואָרן פאַרקויפט און די שול איז געווען געפּאַקט מיט מענער און פרויען. אַ סך פון זיי האָבן בכלל געזען דאָס ערשטע מאָל אין לעבן אַ טעאַטער־פאָרשטעלונג. אַ צווייטע פאָרשטעלונג איז געשטעלט געוואָרן אין דער פייערלעשער־שאָפּע. פון די היימישע אַרטיסטן דערמאָן איך זיך, האָבן אָנטייל גענומען: ליאָטע סעגאַלאָוויטש — דער אָרגאַניזאַטאָר, רעזשיסער, געהאַט אַ שיינע שטימע און בכלל געווען מוזיקאַליש באַגאַבט; יוסף דער קירזשנער (שמערל מוליערס זון), וועלכער האָט געקענט זינגען פון נאָטן; חיים שמיד — שפּעטערדיקער חזן אין פּינסק; אברהם בערקאָוויטש; אלתר פּייוועס — לערער אין בית־ספר „חורב״; משהל גוריאָן; חנה־ליבע סעגאַלאָוויטש — געשפּילט די ראָל פון יוסף און אוסנת; לייבע פּאָרט — און אַנדערע, וועמענס נעמען איך געדענק נישט. אַ טייל מעלאָדיעס האָט מען געלערנט פון אַלטע יידן, וועלכע האָבן אין זייערע יוגנט־יאָרן אַליין אָנטייל גענומען אין פּורים־שפּילן, אַנדערע ניגונים האָט מען אַליין פאַרפאַסט. די פאָרשטעלונגען האָט מען געשפּילט אָן מוזיק־באַגלייטונג.

די הכנסות פון די פאָרשטעלונגען האָבן דאָך ניט געקלעקט צו פאַרענדיקן דעם גאַנצן בנין פון באָד. האָט מען ווידער אויסגעפאַרטיקט, אויף אַ פּרימיטיוון אופן, בלויז איין העלפט — בעת די אַנדערע האָט שוין קיינמאָל נישט דערוואַרט זיך אויף קיין גואל...

די ציוניסטישע אָרגאַניזאַציע

דער ציוניסטישער געדאַנק איז געווען שטאַרק אַנטוויקלט ביי די רובישעוויטשער יידן. אַ גרויסער טייל האָט געקענט לייענען און שרייבן עברית. מ'האָט געלייענט



כנס אזורי של בית״ר בראקוב (1929), בהשתתפות הסניפים מרוביז׳ביץ׳ ואיבניץ.
ראַיאָן־צוזאַמענפלי פון בית״ר אין ראַקאָוו (1929), מיטן אָנטייל פון די אָרגאַניזאַציעס
אין רוביזשעוויטש און איוועניץ

העברעיִשע צייטונגען, דעם „המליץ״ פון רוסלאַנד און די „הצפירה״ פון וואַרשע. אויך אַ קינדער זשורנאַל „פרחים״ פון לוגאַנסק פלעגט אָנקומען אין שטעטל. אַ סך קינדער האָבן געלערנט עברית ביי לערער. שפּעטער (פאַר דער ערשטער וועלט־קריג), האָט זיך געגרינדעט אַ העברעיִשע שול. די לערער זענען געווען מינסקער יונגעלייט — גאָלדבערג, שניטמאַן און אַנדערע.

די משפּחה פאַלייעס (מלכה און חיים־דוד) האָבן באַשלאָסן שיקן זייער מוזשיניק מאַרקוס, קיין ארץ־ישראל, לערנען אין דער העברעיִשער גימנאַזיע „הרצליה״. אָבער צוליבן אויסברוך פון דער ערשטער וועלט־מלחמה, האָבן זיי דעם פּלאַן ניט געקענט דורכפירן.

דווקא די רוסישע רעוואָלוציע פון 1917, האָט אויפגעוועקט ביי די יידן דעם נאַציאָנאַלן באַוווסטזיין. בלויז אַ קליינער טייל פון דער יידישער יוגנט איז געוואָרן קאָמוניסטיש געשטימט. די מערהייט איז געווען — ציוניסטן. עס איז געגעבן געוואָרן די באַלפור־דעקלאַראַציע און די בענקשאַפט נאָך ארץ־ישראל איז געווען שטאַרק. סוף 1919, איז געשאַפן געוואַרן אין שטעטל די ערשטע אַלגעמיינע ציוניסטישע אָרגאַניזאַציע.

די הויפּט־עסקנים זענען געווען: מאָטל ר׳ מאירס (אַהראָנאָווסקי), יעקב־מאיר גאָראָדייסקי, איצקע קאַנטאָראָוויטש, מאיר אַשעראָוויטש און קלמן דער הינקעדיקער, אַ וואָלאָזשינער (איידעם פון ר׳ מרדכי דעם שניידער).

די ניי־אַנטשטאַנענע פוילישע מדינה, מיט איר גאַנצער נעגאַטיווער באַציִונג צו יידן, האָט נישט געשטערט דער ציוניסטישער באַוועגונג.

ביי חנה ציזשעס האָט מען אָפּגעדונגען דעם „זאַל", ווו מען פלעגט זיך צונויפּ־קלייבן פרייטיק אין אָוונט און שבת, כדי הערן רעפעראַטן, פירן דיסקוסיעס, געזאַנג און טענץ. אויך עלטערע יידן זענען צוגעשטאַנען, צווישן זיי — אַ סך אַרבעטער. מען האָט נאָך דעמאָלט ניט געוווּסט פון פּאַרטייען און געווען ווייט פון פּאָליטיק. מ'האָט נאָר געחלומט און געשטרעבט צו ארץ־ישראל.

ערב יום־כיפור פלעגט מען אין שול שטעלן אַ „קערה" פאַרן קרן־קיימת. שמחת־תורה האָבן די ציוניסטן גענומען אַ ספר־תורה פון שול און זיך געמאַכט אַ באַזונדערן מנין. דאָס געלט פאַר די עליות איז געווען באַשטימט פאַרן קרן־קיימת.

אין 1919 איז די אָרגאַניזאַציע צייטווייליק אויפגעלייזט געוואָרן. די פּאָליאַקן זענען אָפּגעטראָטן ביז דער ווייסל, און די באָלשעוויקעס האָבן פאַרנומען אונדזער געגנט. די ציוניסטישע ביכער האָט מען באַהאַלטן אין „שטיבל" ביים בית־המדרש.

אין 1920 האָבן די פּאָליאַקן ווידער פאַרנומען רוביזשעוויטש און די גרענעץ איז געווען אין גאַנצן איין קילאָמעטער פון שטעטל. די ציוניסטישע אָרגאַניזאַציע האָט אויפגעלעבט.

צו די וואַלן פון דער ערשטער יידישער קהילה, זענען דערשינען 2 ליסטעס: די אַלגעמיין־ציוניסטישע און פון אגודת־ישראל. געזיגט האָבן די ציוניסטן.



עבודת־כפייה ליהודים בשלטון הפולני (1924).
צוואַנגס־אַרבעט פאַר יידן בעת דער פוילישער הערשאַפט (1924).

דאָס שטעטל, וואָס איז איצט געווען ביי דער גרענעץ, איז פול געוואָרן מיט גרענעץ־שמוגלער, פּאָליציי און געהיים־אַגענטן. יעדע נאַכט פלעגן פון רוסלאַנד אַריבערגייען אַ סך מענטשן, קריסטן און יידן, צווישן זיי חלוצים, כדי פאַרצוזעצן זייער וועג קיין א״י. מען האָט זיי געדאַרפט אויסבאַהאַלטן פאַר דער פּאָליציי, שאַפן דאָקומענטן, זיי זאָלן קענען פאָרן קיין וואַרשע. אין פיל פאַלן האָט מען זיי אויך באַזאָרגט מיט געלט אויף הוצאות ביז וואַרשע. אַזאַ גרויסע אויפגאַבע האָבן יחידים ניט געקענט אויספירן. עס האָט זיך דערפאַר געשאַפן אַן ארץ־ישראל קאָמיטעט פון יונגע און טיכטיקע חברים. מאָטל ר׳ מאירס איז געווען אַ מיטגליד אין קאָמיטעט. אים, אַלס פאָרשטייער פון „דזשאָינט״ אין רוביזשעוויטש, איז דערלויבט געווען צו פירן די הילפס־אַרבעט, כמעט אומגעשטערט מצד דער מאַכט, וואָס האָט דערמעגלעכט הונדערטער יונגעלייט דערגרייכן וואַרשע און פון דאָרט עולה זיין קיין ארץ־ישראל.

דער ארץ־ישראל קאָמיטעט האָט אַרומגענומען אויך די שטעטלעך וואָלמע, דערעווניע און נאַליבאָק. זיי האָבן צוגעגרייט די יוגנט צו עלייה און געזאָרגט צו באַקומען פאַר זיי סערטיפיקאַטן.

עטלעכע יאָר שפּעטער האָט זיך אין שטעטל געשאַפן די „גורדוניה״ און דער בית״ר. דערנאָך — די גראָסמאַניסטן, ברית הקנאים, בנות יעקב און תפארת בחורים. ס׳האָבן זיך געפירט פּאָליטישע קאַמפן. אָבער יעדער האָט געגלויבט אין זיינע אידעאַלן — און די לעבן געבליבענע פון יענער תקופה דערמאָנען מיט בענקשאַפט די שיינע האָפענונגען, טרוימען און גראַנגל.

אַ מעשה מיט אַן אַנטיסעמיטישן וואָיט

צום פאַרענדיקן מיינע דערינערונגען פון רוביזשעוויטשער שטייגער, איז כדאי אויך צו דערציילן די געשיכטע פון אַן אַנטיסעמיטישן וואָיט פון אונדזער גמינע, וועלכער האָט זיך דערלויבט אויף אייגענער האַנט אַרויפצולייגן אַ מין קאָנטריבוציע אויף די פאַרמעגלעכע יידן פון שטעטל און שיקן אויף צוואַנגס־אַרבעט די אָרעמערע. פאַרשטייט זיך, אַז דאָס האָט ער געטאָן „לטובת הכלל״, אין נאָמען פון ווילשטאַנד און זאָרג פאַר דער אַנטוויקלונג פון רוביזשעוויטש.

ומעשה שהיה כך היה: הגם די מערהייט איינוווינער פון שטעטל איז געווען אַ יידישע, איז אָבער די מוניציפּאַלע זעלבסטפאַרוואַלטונג, באַקאַנט ביי אונדז אַלס גמינע, באַשטאַנען פון בלויז פּאָליאַקן. דאָס איז געשען אין הערבסט 1923, ווען די גמינע האָט באַשלאָסן צו פאַרשענערן דעם אויסזען פון שטעטל, ברוקירן די גאַסן און טראָטואַרן. אויף אַזעלכע צוועקן האָט די רעגירונג אין וואַרשע ניט געגעבן קיין געלט און דאָס האָבן די אָרטיקע איינוווינער באַדאַרפט דעקן פון זייערע קעשענעס. דער וואָיט (פאָרזיצער) פון דער גמינע האָט לאַנג ניט געטראַכט און אַרויפגעלייגט די גאַנצע באַשטייערונג אויף דער יידישער באַפעלקערונג. די פאַרמעגלעכע האָט ער געדראָט מיט אַרעסטירן, אויב זיי גיבן ניט די געפאָדערטע סומע. פון די אָרעמע יידן האָט ער געפאָדערט ממשותדיקע אַרבעט — און טאַקע זיי געטריבן צו שווערע, באַליידיקנדיקע צוואַנגס־אַרבעטן.

דער שרייבער פון די שורות, דעמאָלט אַ יונגערמאַנטשיק, וועלכער האָט געגלויבט

KLUB
Posłów Sejmowych i Senatorów
ŻYDOWSKIEJ RADY NARODOWEJ.
Warszawa, Senatorska 32.
Telefon 18-78. — Adr. telegr.: Radnar.

דער קלוב
פון די סיים-דעפּוטאַטען און סענאַטאָרען
פון דעם יודישען נאַציאָנאַל-ראַט.
וואַרשא, סענאַטאָרסקא 32.
טעלעפאָן 18-78.

הקלוב
של ציר-י הסיים והסנטורים
של המועצה הלאומית היהודית.
ורשה, סנטורסקה 32.
טליפון 18-78.

№ P. 5634.XXIX. 23$_{2}$-
W odpowiedziach należy powoływać się na powyższy №

Warszawa, dn. 28 marca 1924 r.- ורשה, וואַרשא,

Wielmożny Pan

Oszerowicz

Rubieżewicze,

pow. Stołpecki.-

Przy niniejszym przesyłamy odpis pisma Nowogródzkiego Urzędu Wojewódzkiego No.439/SM. z dnia 22 bm. do łaskawej wiadomości.-

1. załącznik.-

Poseł do Sejmu [illegible]

אין צדק און יושר און דער עיקר ניט געקענט פאַרטראָגן די הימלשרייענדיקע עוולה, הלמאי נאָר יידן ווערן באַשטייערט און באַשטראָפט, בעת די קריסטלעכע איינוווינער זענען פון אַלעמען באַפרייט — האָט באַשלאָסן צו פאַרקלאָגן זיך פאַר דעם קלוב פון סיים־דעפּוטאַטן און סענאַטאָרן פון יידישן נאַציאָנאַל־ראַט אין וואַרשע, זיי דערציילן ווי אַזוי מען האָט אַ גאַנצע עדה געשטעלט אויסערן געזעץ און אויף אַ ברוטאַלן אופן דיסקרימינירט נאָר דערפאַר, וואָס זיי זענען יידן. וועגן דעם איז אַוועק אַ בריוו צו דער יידישער פאַרלאַמענטאַרישער פאָרשטייערשאַפט אין פוילישן סיים.

איך געדענק ווי היינט, אַז אין טאָג פון סוכות, האָט דער וואָיט אַרויס גערופן צו זיך די פאָרשטייער פון דער יידישער קהילה, ר׳ נח בערעזאָוויטש און יעקב ליפשיץ און זיך פאַרקלאָגט פאַר זיי אויפן יונגן אָשעראָוויטש, הלמאי ער טוט אָן צרות און שרייבט אָנקלאַגעס קיין וואַרשע. זענען די דאָזיקע געקומען דערשראָקענע צו אונדז אַהיים און זיך געבעטן ביי מיינע עלטערן משפיע צו זיין, כ׳זאָל אויפהערן מיט די אָנקלאַגעס, ווייל דער וואָיט וועט זיך נאָך מער נוקם זיין אין די רוביזשעווער יידן און זיי אָנטאָן צרות אַלס נקמה קעגן מיין האַנדלונג.

אונדזערע יידישע סיים־דעפּוטאַטן האָבן אָבער ניט געהאַט די זעלבע מיינונג ווי די רוביזשעוויטשער שליחי ציבור און דווקא שאַרף און ענערגיש געפאָדערט פון סטאָלפּצער סטאַראָסטע און פון וואָיעוואָדישן אַמט צו רופן דעם רוביזשעוויטשער וואָיט צו אָרדענונג פאַר זיין אומגעזעצלעכער האַנדלונג כלפּי דער יידישער באַפעל־קערונג. אין אַ בריוו פון יידישן סיים־קלוב, דאַטירט פון 21טן סעפּטעמבער 1923, שרייבט דער סעקרעטאַר, מ. כהנוביץ:

ה׳ ש. אַשעראָוויטש אין רוביזשעוויטש.

ג. ה.,

מיר שיקן אייך איבער אַ קאָפּיע פון אונדזער בריוו צום סטאַראָסטע און וואָיעוואָדע און ראָטן אייך אָנגעבן אַ שריפטלעכע אָנקלאַגע צום סטאַראָסטע.

צום הער סטאַראָסטע אין סטאָלפּצע.

די בייגעלייגטע קאָפּיע, אונטערגעשריבן דורכן דעפּוטאַט א. האַרטגלאַס, איז דאַטירט דעם 17טן סעפּטעמבער 1923 און פאַרזען מיטן לויף־נומער 5634.XXIX.3. דאָרט ווערט געשריבן:

ביילייגנדיק די איבערזעצונג פון בריוו פון רוביזשעוויטש, וועלכער זאָגט עדות, אַז דער אַרטיקער וואָיט נוצט אויס זיין מאַכט, אַרויפלייגנדיק פון אייגענער איניציאַטיוו שטייערן אויף דער יידישער באַפעלקערונג און אונטער דראָונגען פון אַרעסט, צווינגט ער זיי צו באַצאָלן און דערביי פאַרופט ער זיך אויף ניט־עקזיסטירנדיקע געזעצן פון סיים און דראָט מיט ווייטערדיקע שטייערן־רעפּרעסיעס, אין סתירה צו די געזעצן, וועלכע דערלויבן ניט איבערשרייטן געוויסע באַגרענעצונגען ביים איינמאָנען קאָמונאַלע שטייערן צו פּאַטענטן. (אַרטיקל 119 פונעם געזעץ פון 14טן מאַי 1923 יאָר; אַרטיקל 17 פון 7.12.1921) — בעטן מיר העפלעך צואיילן די אויספאָרשונג, בטל מאַכן די אומגעזעצלעכע פאַראָרדענונגען פון וואָיט און אַזוי גוט זיין צוּוויסן געבן וועגן דעם.

(—) א. האַרטגלאַס.

KLUB
Posłów Sejmowych i Senatorów
ŻYDOWSKIEJ RADY NARODOWEJ.
Warszawa, Senatorska 32.
Telefon 18-78. — Adr. telegr.: Radnar.

דער קלוב
פון די סיים־דעפּוטאַטען און סענאַטאָרען
פון דעם יודישען נאַציאָנאַל־ראַט.
וואַרשאַ, סענאַטאָרסקא 32.
טעלעפאָן 18-78.

הקלוב
של צירי־הסיים והסנטורים
של המועצה הלאומית היהודית.
ורשה, סנטורסקה 32.
טליפון 18-78.

Warszawa, 21/IX 1923 ורשה, וואַרשאַ.

№ P. 5634.XX/X.23
W odpowiedziach należy powoływać się na powyższy №

ערשט מיט אַ האַלב יאָר שפּעטער האָט דער וואָיעוואָדישער אַמט אין נאָוואָגרודעק (פ. 5634.XXIX.23, נומ׳ 439/ס. מ., נאָוואָגרודעק, 22טער מערץ 1924) — גענעטפּערט דעם יידישן סיים־קלוב, וועגן גינסטיקן דערליידיקן דעם רוביזשעוויטשער ענין. אָט איז דער פולער טעקסט פון דעם בריוו:

צום קלוב פון סיים־דעפּוטאַטן און סענאַטאָרן
פון יידישן נאַציאָנאַל־ראַט.

אַלס ענטפער אויף אייער בריוו פון 12טן מערץ ה. י. נומ׳ 5634, טיילט מיט דער וואָיעוואָדישער אַמט, אַז דער ענין רוביזשעוויטש איז דערליידיקט געוואָרן אין זין פון געזעץ פון 10טן דעצעמבער 1920 יאָר (דזשענניק אוסטאַוו פון 1921, נומ. 6, פּאָזיציע 32), וועגן וואָס עס איז דעם סטאַראָסטע אַרויסגעגעבן געוואָרן די אַנטשפּרעכנדיקע פאַראָרדענונג.

פאַרטרעטער פונעם לייטער פון דער מוניציפּאַלער אָפּטיילונג.
פאַרן וואָיעוואָדע (אומלעזבאַרע אונטערשריפט)

ווי געזאָגט, האָט דער וואָיט אָפּגעשאַפט די אַלע אַנטי־יידישע גזירות. נאָך מער, די גמינע האָט אַפילו אָנגעהויבן זיך באַציען מיט מער כבוד צו דער יידישער באַפעלקערונג...

✶

זעכצן יאָר זענען פאַריבער זינט יענער געשעעניש, ביז דער בייזער געוויטער פון צווייטן וועלט־קריג האָט אָפּגעווישט אַ גאַנצן יידישן ישוב. די שוידערלעכע רדיפות קעגן די רוביזשעוויטשער יידן האָבן זיך אויך אָנגעהויבן מיט צוואַנגס־אַרבעטן און קאָנטריבוציעס — עס זענען אָבער שוין ניט געווען קיין יידישע אינסטאַנצן צו וועמען זיך ווענדן, ביי וועמען אינטערווענירן און ביי וועמען עפּעס פּועלן. אַנטקעגן די רוצחישע דייטשן, זענען די אַנטיסעמיטישע פּאָליאַקן געווען צדיקים...

דער פּאָגראָם אין רוביזשעוויטש אין 1906

ר׳ אליהו (ליוטע) סעגאַלאָוויטש, עכו

ס׳איז געווען נאָך דער רוסיש־יאַפּאַנישער מלחמה. רוסלאַנד האָט פאַרלאָרן דעם קריג. די פּאָליטישע און עקאָנאָמישע לאַגע אין לאַנד איז געוואָרן פון טאָג צו טאָג ערגער. די הונגעריקע אַרבעטער און פּויערים האָבן זיך גענומען בונטעווען. כדי אָפּצוּווענדן פון זיך די אחריות פאַר דער געשאַפענער לאַגע, האָט די רוסישע רעגירונג געוואָרפן די שולד פאַר אירע מעשים און דורכפאַלן — אויף די יידן.

די „שוואַרצע מאה" און די פּראַוואָסלאַוונע גלחים האָבן גענומען אַ גרויסן אָנטייל אין דער יידן־העצע. די פּאָליציי פלעגט זיך אַריינמישן ערשט נאָכן פּאָגראָם, ווען יידיש האָב־און־גוטס איז געוואָרן צערויבט, פרויען — פאַרגוואַלטיקט און מענער — דערהרגעט.

אין יענער תקופה זענען די בונדיסטן געווען די איינציקע יידן אָרגאַניזירט, נאַציאָ־

נאַל־באַוווסטזיניק און פעיִק זיך קעגנצושטעלן די פּאָגראָמשטשיקעס. די פּשוטע פּאַרטיי־חברים פון „בונד“ האָבן זיך געפילט געבונדן מיטן כלל ישראל, זיי זענען געווען די ערשטע צו פאַרטיידיקן דאָס לעבן און כבוד פון די יידן.

אין רוביזשעוויטש זענען געווען אָרגאַניזירט אין „בונד“ אַ 30 חברים. זיי האָבן די ערשטע באַמערקט, אַז כוליגאַנעס באַווייזן זיך אין שטעטל אין די מאַרק־טעג, סודען זיך מיט די אָרטיקע קריסטן, טרינקען מיט זיי בראָנפן און פאַרשווונדן — ביזן קומענדיקן מאַרק־טאָג.

אַלע סימנים האָבן געוויזן, אַז עפּעס קאָכט זיך צווישן די קריסטן.

באַקאַנטע פּאָליאַקן זענען געקומען צו זייערע יידישע פריינד און בסוד דערציילט, אַז מען גרייט אַ פּאָגראָם אויף די יידן, אַז ער דאַרף אויסברעכן אינעם טאָג פון הייליקן מיקאָליי, ווען עס קומט פאָר דער יערלעכער יאַריד.

דאָס איינציקע געווער וואָס יידן האָבן באַזיצט, איז געווען אַ... שטאָלענע פּרוזשינע, וואָס איין עק אירער איז געווען אָנגעפילט מיט בליי. די פּרוזשינע איז געווען צוגעבונדן צום אַקסל און באַהאַלטן אין אַרבעל. דורך אַ שטאַרקע באַוועגונג פון דער האַנט, פלעגט זיך די פּרוזשינע פאַרלענגערן, טרעפן דעם כוליגאַן, גלייך זיך צונויפציען און פאַרשווינדן אין אַרבעל. די פּאָגראָמשטשיקעס פלעגן ניט וויסן, וואָס און ווער עס האָט זיי געטראָפן. בשעת אַ רעוויזיע, איז דער פּאָליציי ניט איינגעפאַלן צו זוכן אין די אַרבל ביי יידן... אָבער איצט האָט די יידישע זעלבשוץ געוווסט, אַז ס'איז נייטיק עפעקטיווער געווער ווי אַ פּרוזשינע — און שליחים זענען אַוועק קיין קוידאַנאָוו נאָך הילף.

אין אַ שטילן זומערדיקן אָוונט, זענען אויף 7 וועגענער, געשפּאַנטע אין פערד, אָנגעקומען פון קוידאַנאָוו עטלעכע צענדליק קרעפטיקע יידישע יונגעלייט, באַוואָפנט מיט רעוואָלווערן, מעסערס און אייזערנע שטעקנס. ניט אַריינפאָרנדיק אין שטעטל, זענען זיי אַראָפּ פון די פירן, און מיט היטערוועגן און איינציקווייז זיך דערקליבן צום בית־המדרש, ווו עס האָט זיך געפונען דער שטאַב פון דער יידישער זעלבשוץ. בראש פון דער „סאַמאָאָבראָנע“ איז געשטאַנען אַ מינסקער יונגערמאַן, אַלס זיין געהילף איז באַשטימט געוואָרן יצחק פעלדמאַן פון רוביזשעוויטש.

יענעם אָוונט זענען עטלעכע בעלי־בתים אַוועק צום אוריאַדניק, געבראַכט אים אַ „מתנה“ און געפועלט, אַז צו מאָרגנס זאָל ער מיט זיינע צוויי סטראַזשניקעס ניט זיין אין שטעטל.

אַ צווייטע גרופּע יידן איז אַוועק צו די רוביזשעוויטשער קריסטן און זיי געוואָרנט ניט אָנטייל נעמען אין פּאָגראָם, ווייל זייערע שייערס און סטויגן היי וועלן אַוועק מיטן רויך...

צו מאָרגנס האָבן די פויערן זיך גענומען זאַמלען אויפן מאַרק. די וועלכע האָבן געוווסט וואָס עס דאַרף פאָרקומען און ניט געוואָלט אָנטייל נעמען אין די געשעענישן, זענען געבליבן מיט זייערע סחורות אויסער דער שטאָט.

דער ערשטער פּרווו צו פּאָגראָמירן איז געמאַכט געוואָרן באַלד אין דער פרי. אויפן מאַרק זענען געשטאַנען יידישע קירזשנער מיט זייער סחורה. זענען 2 יונגע קריסטן צוגעקומען צו אַ קירזשנער, אויסגעקליבן היטלען און אַוועק, ניט באַצאָלנדיק. דער היטלמאַכער האָט גענומען שרייען און זיי נאָכלויפן. דאָס האָבן זיי דאָך געוואָלט.

מ׳האָט געכאַפּט דעם ייד און אים אָנגעהויבן שלאָגן. אָבער אויך די יידן האָבן געוואַרט אויף דעם און געווען גרייט. אַ פּאָר שטאַרקע הענט פון יעקב קאָשצעוויטש, אַ ייד אַ גבֿרן (האָט זוכה געווען זיך צו ראַטעווען פון די דייטשן און מיט דער אַנטשטייונג פון דער מדינה געקומען קיין ישראל און דאָ נפטר געוואָרן אין יאָר 1957), האָבן אָנגעכאַפּט די צוויי קריסטן ביים קאַרק, געקלאַפּט זייערע קעפּ איינער אינעם צווייטן, אַזוי, אַז דער חשק צו פּאָגראָמירן איז זיי פּאָריבער... די קריסטן אַרום האָבן זיך געכאַפּט, אַז די יידישע בחורים זענען געשטאַנען גרייט, און דערפאַר באַשלאָסן, אַז ס׳איז ניט כדאי אָנצוהייבן...

אַזוי זענען אַריבער עטלעכע שעה אין אַן אָנגעשטרענגטער אַטמאָספער — ביז אַ שיכור איז אַריין אין געוועלב פון ברײַנע רייכלין אויף דער איוועניעצער גאַס, נעבן בריק, און גענומען ראַבירן סחורה פון די פּאָליצעס. ברײַנע האָט גענומען היסטעריש שרייען. די בחורים פון דער „סאַמאָאָבראָנע", וועלכע זענען געווען אויף דער איוועניצער גאַס, האָבן געמיינט, אַז מען הרגעט זי, האָט מען גענומען לויפן צו איר צו הילף, שיסנדיק אין דער לופט.

ווען די זעלבשוץ אין מאַרק און אין די אַרומיקע גאַסן, האָט דערהערט די שאָסן, האָבן זיי אויך גענומען שיסן און זיך אַ לאָז געגעבן אויף די קריסטן מיט אַ געשריי „בעי איך!" („שלאָג זיי"). די פּויערים האָבן געהערט די שיסעריי און די געשרייען, זענען זיי צעטומלט געוואָרן און גענומען אַנטלויפן, שרייענדיק „זשידי נאַשיך ביוט" („די יידן שלאָגן אונדזעריקע"). די געשרייען און די פּאַניק האָבן צעשראָקן די פערד, וועלכע האָבן זיך גענומען רייסן און שפּרינגען אין דער לופטן. זיי האָבן מיטגע־שלעפּט די וועגענער, געטראָטן מענטשן און פאַרגרעסערט די בהלה...

אין איינצלנע מינוטן איז דער מאַרק אויסגעליידיקט געוואָרן פון די פּויערים.

די חברים פון דער זעלבשוץ האָבן דערווייל געזוכט פּויערישע וועגענער. ווען זיי האָבן געפונען אין אַ וואָגן אַ „לאַנטוך" (אַ גרויסן זאַק, וועלכן די פּויערים האָבן מיט־געבראַכט, כדי אין אים איינפּאַקן יידיש גוטס) — האָבן זיי צעבראָכן די רעדער פון וואָגן.

פאַרשעמטע און צעשראָקענע, האָבן די פּויערים ביסלעכווייז זיך גענומען צוריקציען. זיי האָבן איינגעשפּאַנט די וועגענער און פאַרלאָזן דאָס שטעטל.

ערשט שפּעט אין דער נאַכט, ווען אַלץ האָט זיך באַרויִקט, האָבן די בחורים פאַרלאָזט רוביזשעוויטש און זיך צוריקגעקערט קיין קוידאַנאָוו.

צו מאָרגנס, האָבן די אָרטיקע בונדאָווצעס גענומען קלייבן פון די בעלי־בתים געלט אויף צו דעקן די אויסגאַבן (געווער און רייזע־הוצאות). די מערהייט בעלי־הבתים האָבן גערן געגעבן אויף דעם צוועק. נאָר עטלעכע, דווקא די רייכערע יידן, האָבן זיך געפּרוּווט דערפון אַרויסדרייען.

די זעלבשוץ האָט איבערגעלאָזן עטלעכע רעוואָלווערן אין רוביזשעוויטש. מען האָט זיי באַהאַלטן נעבן די ניס־ביימער ביי אָשעראָוויטש, נאָר ווען מען האָט געפּרוּווט מיט יאָרן שפּעטער זיי אויסגראָבן — האָט מען זיי ניט געפונען. מעגלעך, אַז עמעצער האָט באַמערקט ווי מען האָט זיי באַהאַלטן, אָדער מען האָט ניט געפונען דעם פּלאַץ ווו מען האָט זיי באַגראָבן.

אַזוי איז דאָס שטעטל געראַטעוועט געוואָרן פון אַ פּאָגראָם...

דער בלוט בלבול

מענדל דרוקט ז״ל ראָס־אַ־ריאָ (אַרגענטינע)

געשען איז דאָס אַ קורצע צייט נאָך דעם ביילים־פּראָצעס אין קיעוו, ערב פּסח.

אינעם געסעלע, וואָס האָט געפירט פון מאַרק־פּלאַץ, האָט געוווינט אלי־יואל דער טעפּער. ער פלעגט אַרומגיין אין די דערפער און פאַרקויפן ליימענע טעפּ און שיסלען. אין יענעם געסעלע האָבן אויך געוווינט שמעון דער שוסטער, נח־חיים דער מלמד, ראובן דער קירזשנער און נאָך יידן. צווישן זיי — אַ קריסטלעכע משפחה, רידלינסקי. איין זון זייערער האָט געלעבט אין פּעטערבורג, איז געווען אַ רעגירונגס־באַאַמטער. אַ צווייטער זון האָט געאַרבעט אין דער רוביזשעוויטשער פּאָסט אַלס טעלעגראַפיסט. דער ייִנגסטער זון איז געווען אַ פערד־הענדלער, אַ קאַניוך. אַ יונג — אַ כוואַט. ליב געהאַט צו מאַכן אַ שנאַפּס, שלאָגן זיך מיט זיינע חברים. אָבער די יידן האָט ער קיינמאָל ניט געטשעפּעט, דווקא זיך געחברט מיט זיי.

אַ געוויסן טאָג נאָך פּורים, האָט מען אים געפונען אַ געהרגעטן, עטלעכע קילאָמעטער פון רוביזשעוויטש. דאָס האָט פאַרשאַפט צער און שרעק ביי די יידן אין שטעטל, ווייל די קריסטן האָבן געטענהט, אַז דאָס האָבן די יידן אים געהרגעט, ווייל ער האָט זיך געחברט מיט יידישע מיידלעך און קאָנקורירט מיט די יידישע פערד־הענדלער.

דער חשד איז געפאַלן אויף שמערל דעם מוליער, וועלכער האָט געוווינט עק ראַקאָווער גאַס, ניט ווייט פון קלויסטער, ווייל דער רידלינסקי האָט געפלעגט אָפט קומען צו אים אין שטוב.

אין שטעטל איז אַראָפּגעקומען דער איספּראַווניק, דער פּריסטאַוו, אַ סך פּאָליציי. מען האָט געמאַכט ביי שמערלען אַן „אָביסק״, אים אַרעסטירט מיט דער גאַנצער משפּחה. אין קאָרידאָר האָט מען אַנטדעקט בלוט־פלעקן...

דער אַלטער רידלינסקי האָט וועגן דעם אַלעם געשריבן צו זיין זון אין פּעטערבורג און באַקומען אַן ענטפער, אַז ער פאָרט אַרויס קיין רוביזשעוויטש, ווו ער וועט זיך אָפּרעכענען מיט אַלע יידן פאַר זיין ברודערס בלוט.

אָבער אַ מענטש טראַכט — און גאָט לאַכט... אויפן וועג פון פּעטערבורג, איז ער אויף אַ סטאַציע אַריין אין אַ רעסטאָראַן און בעתן עסן זיך דערוואָרגן מיט אַ ביין...

עטלעכע טעג דערנאָך האָט מען באַפרייט שמערלען דעם מוליער מיט זיין משפחה, ווייל דער אַנאַליז פון די בלוט־פלעקן האָט באַוויזן, אַז דאָס איז בלוט פון גענדז, וועלכע ער האָט געקוילעט אויף פּסח.

די יידן פון רוביזשעוויטש האָבן געהאַט אַ פריילעכן יומטוב...

הפוגרום בשנת 1917

אליהו סגלוביץ׳ / עכו

בסתיו 1917 פרצה המהפיכה ברוסיה והוקמה ממשלה זמנית, דימוקרטית. המהפיכה הלהיבה את אזרחי המדינה, הכניסה תוכן ותקוות בחייהם. היה זה בעיצומה של המלחמה עם הגרמנים. גברים ונשים התנדבו ל„פלוגות המחץ" ול„פלוגות המוות" שנוסדו אז, כדי להלחם בגרמנים ולגרשם מאדמות רוסיה.

הבולשביקים שהיוו מיעוט בממשלה הזמנית, לא בחלו באמצעים כדי לתפוס את השלטון. נציגיהם התחילו לנהל תעמולה בין החיילים שבחזית, כדי שיעזבו את החפירות ויחזרו לבתיהם. ואכן, הם הצליחו בכך: החיילים בזזו כל מה שניתן היה לבוז. נחשול אדם מילא את כל הדרכים. מי ברגל ומי ברכב, בכרכרות ובעגלות איכרים, באמבולנסים צבאיים או רכובים על סוסים — אך כולם על נשקם (ומכאן הנשק הרב שהיה לכנופיות שפרעו ביהדות רוסיה ואוקראינה לאחר מכן). כל הצבא הרב נהר לתחנות הרכבת, כדי להגיע לבתיהם במרחבי רוסיה. אך היו גם כאלה, בעיקר חסרי בית, שנעצרו בכפרים שהזדמנו בדרכם, מצאו להם שם ריבות או אלמנות, ובחסותם היו איכרי הסביבה יוצאים לשדוד את הרכוש היהודי.

באותם ימי „בין־השלטון", נודע ליהודי רוביז׳ביץ׳ שאיכרי הסביבה מתכוננים לערוך בהם „פוגרום". התארגנה הגנה־עממית. נשק לא חסר גם ליהודים, ובין יהודי העיירה היו בחורים צעירים למודי מלחמה, שזה עתה שבו מהחזיתות. ההגנה מנתה כ־35 גברים. מפקדי ההגנה היו: החייט שייקה מרכוס מהכפר זוהי, ליוטע סגלוביץ, שמואל ונבורג ואחרים. מחסן הנשק נמצא בביתו של יעקב רייכלסון, בנו של חיים־מרדכי הפחח.

באחד מימי חמישי בשבוע, הגיעו לעיירה חמשה רוכבים מזויינים, נכנסו לחנותו של ר׳ אליהו אייזנבוד, בחרו בסחורה שמצאה חן בעיניהם והסתלקו כלעומת שבאו מבלי לשלם.

באותו לילה חזרו חיילים אלה בליווי איכרים ועגלות, העירו את ר׳ נח ברזוביץ׳, ראשע קיטאייביץ׳ ואת יעקב שפירא, כולם בעלי חנויות לאריגים, ציוו עליהם לפתוח את החנויות והאיכרים העמיסו את הסחורה על עגלותיהם.

למחרת, ביום ששי בבוקר, הגיעה לעיירה שיירה גדולה של איכרי הסביבה וחיילים רכובים מלווים אותם ומפקחים על השוד והביזה. הם לא פסחו אפילו על בית יהודי אחד, ושדדו כל דבר־ערך שמצא חן בעיניהם.

ההגנה חששה להתמודד עם ערב־רב כזה והחליטה להבליג, כל זמן שלא יתנקשו בחייהם של היהודים. השוד נמשך עד הערב. אט־אט התרוקנה העיירה מהפורעים ונשארו רק בודדים שטרם שבעו הרפתקאות. כמה מהם נכנסו לביתו של יעקב־יוסף לונגין הקצב והתחילו להכותו. אשתו הינדה ברחה החוצה והתחילה לצעוק שהורגים את בעלה. לחברי ההגנה לא נשארה כל ברירה, הם הוציאו את נשקם והתחילו לירות באויר. הפורעים ששמעו את היריות, חשבו כנראה שכוח חזק עולה עליהם, זנחו את

סוסיהם וברחו דרך החצרות לכיוון קוידנוב. בריחתם הוסיפה אומץ לאנשי ההגנה, הם תפשו את סוסי הפורעים ויצאו דוהרים לקוידנוב לבקש עזרה.

בקוידנוב כבר קיים היה „איספולקום" (ועד עירוני קומוניסטי) וכשנודע לועד זה מפי השליחים, מה שקרה ברוביז'ביץ', שיגרו לשם מיד אנשי מיליציה.

בבואם לרוביז'ביץ' אירגנו גם כאן „איספולקום", שהיה מורכב ברובו מיהודים. ביניהם: ליוטע (אליהו) סגלוביץ, יעקב ליפשיץ, יעקב וברל רייכלסון, יהושע נחמציק (איש אדוק וחסיד) ועוד שלושה נוצרים מתושבי המקום. יושב ראש ה„איספולקום" היה קומוניסט נוצרי מאיבניץ. אנשי ההגנה כיהנו מעתה כמיליציה עממית (עד שהגיעו הגרמנים שכבשו ללא קרבות שטחים נרחבים של רוסיה). יהודי העיירה, שהכירו את הפורעים, יצאו בלווית המיליציונרים לכפרים והתחילו לאסוף ולהחזיר לעצמם את הרכוש הנשדד. הכפריים אף לא ניסו להתנגד והוציאו מהמחבואים את הרכוש הנשדד ומסרוהו לבעליהם.

כדאי לציין, שהנוצרים מתושבי העיירה, לא לקחו חלק בפרעות ובשוד.

(הערה של המלביה"ד ש. אושרוביץ):

באותו זמן למדתי במינסק. הדואר לא פעל ולא היתה אפשרות להתכתב או לשלוח מברק הביתה. המרחק בין מינסק לרוביז'ביץ' היה כ־60 ק"מ והקשר היחידי שנשאר היה בעגלה רתומה לסוס.

יום יום הייתי הולך לאכסנית הרוביז'ביצ'אים שברחוב נמיגה, בתקוה למצוא שם בני־עיר, למרות שלא תליתי בכך הרבה תקוות. יום אחד, להפתעתי הרבה, חיכה לי שם מכיר נוצרי, פאבל לוקשביץ, שנשלח ע"י הורי, כדי להחזירני הביתה. לפנות ערב יצאנו את מינסק ונסענו כל הלילה. השכם בבוקר הגענו לרוביז'ביץ'. במבואות העיירה, בקצה רחוב רקוב, עצרו אותנו שני מיליציונרים חמושים, שאחד מהם היה שמואל ונבורג. לאחר שזיהו אותנו — נתנו להמשיך.

בבית מצאתי מהפיכה, ממש כמו לאחר פוגרום, ובחדרים על הריצפה — חבילות ארוזות. היו אלה החפצים שנשדדו ע"י האיכרים. יום לפני בואי הביתה יצאה אמי בלווית שני מיליציונרים לכפרים, והחזירה כמעט את כל הרכוש.

הקמתו של בית"ר בעיירה

יוכבד ברישנסקי (דיינובסקי) / חדרה

עצם הקמתה של התנועה הציונית ברוביז'ביץ' היה מאורע גדול ורב רושם משום שעיירתנו היתה רחוקה מהמרכזים העירוניים־רוחניים ואת הרעיונות הציוניים צריכים היינו לשאוב מתוכנו־אנו, ללא כל עזרה מבחוץ.

הנוער בעיירות הגולה הלך והתנוון והוא דרש פעילות, אך האנשים השמרניים בעיירה דרשו מן הנוער סבלנות והתאפקות. הנוער רצה לעלות ארצה ולבצע דברים שחלם עליהם כל ימי חייו, אך במקום זה העסיקוהו באיסוף תרומות לקרנות השונות.



בית״ר ברוביז׳ביץ׳ (1931). במרכז (יושב) — המפקד ליב סגלוביץ׳.
דער בית״ר אין רוביזשעוויטש (1931). אין צענטער (זיצט) — דער מפקד לייב סעגאַלאָוויטש.

הקמת הסניף היוותה כעין מרד נגד הזקנים והשאננים בעיירה והיוותה אתגר למרץ האצור של הנוער.

בבוקר שבת של שנת 1927 התאסף הנוער המקומי והחליט להקים סניף ציוני, לאחר שעוד משחר ילדותנו היתה לנו זיקה ציונית חזקה ורעיון הקמת מועדון התנועה בעיירתנו כבש את ליבנו כליל. לאחר דיונים ממושכים וסוערים הוחלט על הקמת תנועת נוער רביזיוניסטית במקום. כך הוקם ברוביז׳ביץ׳ סניף „בית״ר״.

את מועדוננו הראשון הקימונו בבית קריינה (יהוד׳ס) פלייעס, שבמרכז העיירה. שכרנו את החלק האחורי של הבית, שהיה אגף בן שני חדרים, אותם קישטנו בתמונותיהם של הרצל, וויצמן, ז׳בוטינסקי ושאר גדולי העם. כמעט כל ערב היינו מתאספים במועדון, שרנו את שירי ציון ורקדנו ריקודי „הורה״ סוערים. מפקד גדודנו היה לייבל סגלוביץ. על הנהלת הקן נימנו חנה־ליבע סגלוביץ ז״ל, ארהקה, סוניה שמעונוביץ׳ ואני.

את הפעולות ניהלנו מתוך חומר הדרכה, אותו קיבלנו מהמרכז הוורשאי. חומר ההדרכה כלל חוברות־עזר על התנועה הציונית, בית״ר ושאר הנושאים האקטואליים של אותה תקופה. מאוחר יותר העברנו את המועדון לביתה של מלכה שיימעס שע״י טחנת־הקמח של גרמיזה.

אינני יכולה לתאר את העידוד הרוחני הרב ששאבנו מפעולות תנועתנו והדבר הסב לנו נחת וסיפוק רב. שנים לאחר מכן, בהיותי בהכשרה ואף בעלותי ארצה, בשנת 1932, הרגשתי שתחילת דרכי הציונית, היתה באותה אסיפה ראשונה של הנוער המקומי ברוביז׳ביץ׳.



בית־ספר ערב של „בית יעקב" (1934).

אָוונט־שול פון „בית־יעקב" (1934)

„בנות יעקב"

בתיה בריל (גוריון) / רחובות

הסתדרות „בנות יעקב" נוסדה ברוביז'ביץ' בשנת 1933. על המייסדים והמדריכים נמנו: שמריל בלקין ומוטיל גרמיזה (שניהם נרצחו ע"י הנאצים), נחה נחמציק ויחיאל פישקינד, (נמצאים כיום בארה"ב).

המועדון היה בביתו של יעקב־יוסל לונגין. הפעולות התקיימו בשבת אחר הצהריים ובאחד מערבי ימות־החול של השבוע. השפה המדוברת בפעולות היתה, כמובן, אידיש. ניהלנו במועדוננו ספריה קטנה, והיינו אף לומדים את פרשת השבוע ודיני יהדות שונים. קיימנו גם הרצאות על נושאים שונים וערכנו סימפוזיונים ספרותיים על ספרים שקראנו. חילקו אותנו לקבוצות גילאיות אך בשבת ראש חודש היינו הולכות במאורגן לתפילה בבית הכנסת.

היה לנו עתון־קיר ורבים מאתנו, בעיקר מהשכבה הבוגרת, היו נוטלות בו חלק. היה לנו גם חוג דרמטי ובעיקר זוכרת אני את ההצגה שהעלינו „יעקב והצאן שלו". הצגנו בעזרת הנשים של בית־המדרש ומבוגרים רבים חזו בהצגה זו ועודדו אותנו להמשיך בדרכנו התרבותית.

ימים אלה נחרתו עמוק בלבי ואני נזכרת במדריכנו בהערצה רבה. מכל חברותי נשארו בחיים רק מעטות: אחותי פניה זילברברג, נחמה גרמיזה (סגלוביץ), נחמה לונגין, פייגה פריינקמן ודבורה פישקינד — היתר ניספו בשואה.

יהי זכרן ברוך!

אומלעגאַל קיין ארץ־ישראל

לובע אונרייך (פישקין) / תל־אביב

הערבסט 1939. געציילטע טעג פאַרן אויסברוך פון דער צווייטער וועלט־מלחמה, האָב איך פאַרלאָזט פוילן און מיין היים, אָפּגעפאָרן קיין קאָנסטאַנץ, כדי פון דאָרט, מיט דער אומלעגאַלער עליה, אַוועק קיין ארץ־ישראל.

קיינער האָט זיך ניט פאָרגעשטעלט, וואָס עס דערוואַרט פוילן און אירע יידן. קיינעם האָט זיך אַפילו ניט געחלומט, וואָס עס שטייט פאָר אונטער דעם בלויען און רויִקן האָריזאָנט. נאָר די שנאה צו יידן האָט מען געפילט אויף יעדן שריט. זי האָט זיך געשטאַרקט פון טאָג צו טאָג, באַזונדערס אויפן עקאָנאָמישן געביט.

איך האָב דעמאָלט געהאַט פאַרענדיקט מיין הכשרה אין בית״רישן קיבוץ אין באַראַנאָוויטש און זיך צוריקגעקערט קיין רוביזשעוויטש. האָפענונגען צו קריגן אַ סערטיפיקאַט זענען ניט געווען. ניט טראַכטנדיק לאַנג, האָב איך מסכים געווען צו פאָרן קיין ארץ־ישראל אומלעגאַל.

אין קאָנסטאַנץ זענען מיר אַרויף אויף דער שיף „פאַריטאַ״ און זיך געלאָזן אין וועג אַריין.

שווער צו שילדערן די ענגשאַפט, שמוץ און די שלעכטע באַדינגונגען אויף דער



מלווים את גיטל גורביץ לעלייתה ארצה (1933).
מען באַגלייט גיטל גורוויץ צו איר עולה זיין קיין ארץ־ישראל (1933).

שיף. עס איז ניט געווען קיין וואַסער צו טרינקען און וואָס צו עסן. בערך 8 וואָכן האָט געדויערט אונדזער וואַנדערן אויפן ים.

ענדלעך האָבן מיר זיך דערנענטערט צו די ברעגן פון ארץ־ישראל. דער קאַפּיטאַן פון שיף האָט ניט געהאַט קיין חשק צו ברענגען אונדז צום ציל. מען האָט אים געמוזט בינדן, פאַרשפאַרן אין זיין קאַיוטע — און אין אַ פינצטערער נאַכט זענען מיר צוגעקומען צו תל־אביב. דאָ איז די שיף געבליבן שטעקן אויף די זאַמדן, ניט ווייט פון ברעג, ווו עס האָט אונדז אָפּגעוואַרט די ענגלישע פּאָליציי. זיי האָבן אונדז אַוועק געפירט אין האָטעל „ריץ" — אַ 800—900 מענטשן. דאָרט האָט מען אונדז געגעבן עסן צו דער זעט, דאָס ערשטע מאָל נאָך אונדזער אַרויספאָרן פון קאָנסטאַנצע. אַ גאַנצע נאַכט האָט מען פאַר אונדז געקאָכט עסן. יידן, דערוויסנדיק זיך פון אונדזער אָנקומען, האָבן אויפגעקליבן בגדים און זיי געבראַכט צו אונדז.

די ענגלענדער האָבן זיך צו אונדז גוט באַצויגן. צו מאָרגנס האָט מען אונדז אָפּגעפירט קיין סאַראַפענד, ווו מען האָט אונדז פאַרשפאַרט אויף 2 וואָכן. אויך דאָרט האָט מען זיך צו אונדז גוט באַצויגן.

ענדלעך האָט מען אונדז באַפרייט. מיר זענען געוואָרן לעגאַלע ארץ־ישראלדיקע בירגער. איך האָב געקריגן אַרבעט אין תל־אביב, געלעבט רויִק, אָן פחד.

אַ קורצע צייט נאָכן אָנקומען אין לאַנד, האָב איך חתונה געהאַט. איך האָב געהאָפט, אַז כ'וועל דערלעבן צו ברענגען אַהער אויך טאַטע־מאַמע, געבן זיי אַ גוטע עלטער.



מלווים את סוניה שמעונוביץ לעלייתה ארצה (1932).
מען באַגלייט סאָניע שימאָנאָוויטש צו איר עולה זיין קיין א"י (1932).

די ווירקלעכקייט איז אָבער געווען אַן אַנדערע. מיר זענען געווען די לעצטע, וועלכע האָבן פאַרלאָזן פּוילן פאַרן קריג־אויסברוך. מיינע עלטערן, ברידער און שוועסטער, האָבן געפונען זייער סוף אין די ברידער־קברים.

אָפט, אין דער שטילקייט פון דער נאַכט, ליג איך און דערמאָן זיי, טראַכט וועגן זייערע לעצטע מינוטן... און טרערן קייקלען זיך פון מיינע אויגן, דאָס האַרץ ווערט צעריסן פון בענקשאַפט און רחמנות נאָך זיי און נאָך מיין שטעטעלע...

מאַלערעטשקע

באַשקע דיינאָווסקי־שפּיראָ / האָליווּד

אין רוביזשעוויטש איז דער רוב יידן געווען פון מיטעלן שטאַנד. פון קיין גבירים האָבן מיר ניט געוווּסט. קוים זענען געווען עטלעכע, האָבן זיי עס ניט אַרויסגעוויזן, מורא האָבנדיק פאַר אַן עין־הרע. אַזוי אַרום זענען אַלע יידישע קינדער געווען גלייך, זיך געחברט און געלעבט צוזאַמען.

אַ גאַנצע וואָך האָבן מיר שווער געאַרבעט. אונדזערע עלטערן האָבן געהאַלטן, אַז קינדער טאָרן ניט אַרומגיין ליידיק. נאָכן לערנען, פלעגן מיר העלפן אין שטוב רוימען, וואַשן, שטריקן, אָדער פאַרקויפן אין קראָם. מיר פלעגן דעריבער מיט אומגעדולד וואַרטן אויפן שבת, וועלכער איז געווען אי אַ רו־טאָג, אי אַ טאָג פון פאַרוויילונג.

דער שבת פלעגט, אייגנטלעך, זיך אָנהייבן פון פרייטיק. מען האָט געבאַקן און אַריינגעשטעלט אין אויוון אויף אַ גאַנצן שבת. שבת אין דער פרי פלעגן אַלע מענער גיין אין שול אַריין — און אין שטעטל האָט געהערשט אַן אָנגענעמע שטילקייט און רויִקייט. נאָכן דאַווענען, פלעגן די יידן, ניט איילנדיק זיך, גיין אַ היים צום טשאָלנט.

די מאַמע פלעגט עפענען דעם אויוון, אַרויסנעמען דעם טשאָלנט מיטן געפילטן קוגל און צימעס, וואָס האָבן געהאַט אַלע טעמים. (עס זענען שוין אַריבער אַזוי פיל יאָרן — און דער מאַמעס טשאָלנט קען זיך ניט פאַרגעסן)...

נאָכן עסן, האָט די מאַמע זיך געזעצט לייענען דעם טייטש־חומש. מיר, די קינדער, פלעגן זומער אַוועקגיין אין אָלעשניק, הינטער שמואל גערמיזעס מיל. דאָרט, צווישן די ביימער, איז געווען לופטיק. אין די קרעניצעס איז געווען קאַלטע, מחייהדיקע וואַסער. אַ סך יידן זענען געלעגן אויף דעם גרינעם גראָז און גערוט. יונגוואַרג האָט געטאַנצט, געשפילט און געזונגען — קיינער האָט ניט געשטערט.

שפּעטער, ווען איך בין עלטער געוואָרן, איז צו מיר אין אַ געוויסן שבת געקומען לייבע זילבערמאַן, אַ טייערער חבר, און איינגעלאַדן צו גיין צו נח דעם מאלערעטשקער, ווו עס קלייבט זיך צונויף די רוביזשעוויטשער יוגנט. מיט אונדז איז אויך געגאַנגען מיין חברטע שיינע־דבורה (משה־שימקעס) סעגאַלאָוויטש. זי איז געווען אַ טייערע נשמה און איבערגעגעבענע חברטע.

מיר זענען אַדורכגעגאַנגען די ראַקאָווער גאַסביים קלויסטער, אַראָפּ מיטן וועג,



מלווים את חנה דיינובסקי לרכבת, לעלייתה ארצה (1925).
מען באַגלייט צום באַן חנה דיינאָווסקי, צו איר עולה זיין קיין ארץ־ישראל (1925).

מיין צווייטער זיידע, דער מוטערס פאָטער, חיים גארמיזע, אָדער ווי מען האָט אים גערופן „חיים דער לאווער", און די באָבע לעשע, האָבן זייער גאַנץ לעבן זיך פאַרנומען מיט לאַנדווירטשאַפט. צו ערשט האָבן זיי געהאַט ערד און געוווינט „אויף די לאַוועס", אַ פאָר קילאָמעטער פון רוביזשעוויטש. שפּעטער האָט דער זיידע אָפּגעקויפט די ערד און דאָס הויז פון אברהם אליעס (אין געסל קעגן איבער דער צערקווע). די שטוב איז געווען אַ גרויסע, האָט דער זיידע דאָרט איינגעאָרדנט אַ שטענדיקן מנין און געהאַלטן עטלעכע ספרי־תורות. ער מיט דער באָבען זענען אומגעקומען אין געטאָ. ער איז געווען זייער אַ פרומער. גייענדיק צו דער שחיטה, האָט ער מיטגענומען אַ ספר־תורה — און אַזוי מיט דער תורה, צוגעפרעסט צום האַרצן, איז ער געפאַלן אַ דערשאָסענער אין קבר. זיין טאָכטער חנה, מיט אַ פּיצל קינד, האָבן זיך באַהאַלטן, אָבער צו מאָרגנס נאָך דער שחיטה, האָט די פּאָליציי זיי געפונען און דערמאָרדעט. חנהס מאַן משה, און די מומע עטקע מיט אַלע אירע קינדער, זענען דערמאָרדעט געוואָרן אין נאָוואָגרודעק.

אַזוי איז פון אונדזער גאַנצער משפחה געבליבן נאָר איך אַליין.

אינעם טאָג ווען מ'האָט אויסגעהרגעט די יידן פון דוואָרעץ, האָב איך באַגעגנט איסר בעקמאַן. ער האָט געהאַט אַ ביקס אין האַנט. זיינע ווערטער וועל איך קיינמאָל ניט פאַרגעסן: „דבורה, מיר גייען איצט דורכרייסן די דייטשע קייט. מיר האָבן באַשלאָסן

שטעלן אַ ווידערשטאַנד די דייטשן (אין לאַגער איז געווען אַ ביסל געווער און אַן אָרגאַניזירטע יוגנט). זע ראַטעווע זיך, כדי עמעצער פון אונדזער משפּחה זאָל בלייבן און אונדז דערמאָנען!...״ אַ ביסל שפּעטער האָבן די דייטשן געעפנט אויף זיי אַ שטאַרקע שיסעריי און אַלע בחורים זענען געפאַלן ביי די דראָטן.

איך בין אַריין אין אַ שכנותדיק הויז און זיך באַהאַלטן הינטער דער אָפענער טיר פון אַ קעמערל. דאָרט האָב איך געטראָפן יעקב און רחל חורגין מיט זייערע קינדער. אַ ביסל שפּעטער האָבן זיך געהערט געשרייען פון דייטשן, וועלכע זענען געגאַנגען פון שטוב צו שטוב זוכן יידן און זיי פירן צו די קבֿרים. הערנדיק ווי זיי קומען נאָענט צו אונדז, בין איך געוואָרן דערשראָקן און געוואָלט אַרויסלויפן פון שטוב. נאָר פון שרעק בין איך ווי געוואָרן פּאַראַליזירט, ניט געקענט זיך רירן פון אָרט און געבליבן שטיין הינטערן טיר. די דייטשן זענען אין קעמערל ניט אַריין — און אַ דאַנק דעם זענען מיר געבליבן לעבן.

נאָכן ראַטעווען זיך פון לאַגער, האָב איך זיך אויסבאַהאַלטן ביי באַקאַנטע קריסטן אין רוביזשעוויטשער געגנט. ביי דער געלעגנהייט וויל איך זיי אָפּדאַנקען, אָט די ערלעכע און פּשוטע מענטשן, וועלכע האָבן ריזיקירט מיט זייערע לעבנס און אונדז געהאָלפן אין די שווערסטע צייטן.

נאָך דער באַפרייונג, בין איך אַוועק קיין פּוילן, דערנאָך קיין דייטשלאַנד. אין 1949 בין איך מיט דער שיף „עצמאות״ אָנגעקומען אין מיין היים — ישׂראל.

דבורה בעקמאַן־פישקינד / יפו

דער יסורים־וועג פון פייע שימאַנאָוויטש־גוריון

מיר ווילן דאָ דערציילן וועגן אונדזער שוועסטער פייע.

פון רוביזשעוויטשער געטאָ איז זי אַרויסגעשיקט געוואָרן קיין דוואָרעץ מיטן צווייטן טראַנספּאָרט. דעם וועג קיין איוועניץ האָט זי מיט אירע צוויי קליינע מיידעלעך, גיטל (9 יאָר אַלט) און לאַהּ (7 יאָר), דורכגעמאַכט צופוס. אין איוועניץ האָט מען זיי פאַרשפּאַרט אין די פּוילישע קאָשאַרן. צו מאָרגנס פרי, האָבן די דייטשן באַפוילן איבערצולאָזן אַלע קינדער אין די קאָשאַרן, ווייל מען וועט זיי אַוועקשיקן מיט פורן. פייע האָט ניט געגלויבט. זי האָט אַרונטערגעשטעלט ביידע קינדער אונטער איר לאַנג קלייד — און אַזוי זיך דורכגעגנבֿעט דורכן טויער פון די קאָשאַרן. נאָך עטלעכע טעג גיין צו פוס, זענען זיי אָנגעקומען קיין דוואָרעץ. ווען די דייטשן האָבן דעם לאַגער פאַרניכטעט, האָט זי זיך אויסבאַהאַלטן מיט אירע ביידע מיידעלעך אין אַ בונקער. דעם 30טן דעצעמבער 1942, זענען די איבערגעבליבענע יידן אַנטלאָפן פון לאַגער. פייע, גישקע פאָלייעס, מיט איר מיידעלע רייזל און משהל מיט זיין משפּחה, האָבן זיך געלאָזן צוריק קיין רוביזשעוויטש, דער וועג איז זיי געווען אומבאַקאַנט, דער פראָסט האָט געברענט, אַלע זענען געווען אָפּגעריסענע און הונגעריקע. דער וועג איז געווען מסוכן

הן מצד די דייטשן און נאָך מער פון די אָרטיקע פויערים, וועלכע האָבן געכאַפּט יידן און זיי איבערגעגעבן צו די דייטשן. ס'זענען געווען אויך אָנשטענדיקע פויערים, וועלכע האָבן געהאָלפן יידן — אָבער אַזעלכע זענען געווען זייער ווייניק.

נאָך עטלעכע טעג וואַנדערן איבער די פעלדער, זענען מיר געווען שטאַרק דערשעפּט און פאַריאושט. איינע פון פייעס מיידעלעך, כ'געדענק ניט וועלכע, האָט זיך פלוצלינג געזעצט אויפן שניי, מער ניט געקענט גיין. זי האָט שטיל געזאָגט: „גייט אייך, לאָזט מיך דאָ זיצן, כ'וויל מער ניט גיין". „איך אַליין" — דערציילט משהל, — „האָב זיך קוים געהאַלטן אויף די פיס, כ'האָב אָבער ניט געקענט צוזען ווי אירע כוחות גייען אויס, האָב איך זי גענומען אויף מיינע פּלייצעס — און מיר זענען געגאַנגען ווייטער. מיר זענען צוגעקומען צו אַ גוטן קריסט, וועלכער האָט אונדז דערלויבט אָנצוואַרעמען, געגעבן אָפּצועסן און מיר האָבן געקענט גיין ווייטער".

צוויי וואָכן בערך האָבן מיר געוואַנדערט, בייטאָג זיך אויסבאַהאַלטן און ביינאַכט געגאַנגען. ביז מיר זענען געקומען קיין רוביזשעוויטש. נאָך דעם ווי די פּאַרטיזאַנער האָבן ליקווידירט די אָרטיקע פּאָליציאַנטן, זענען די דייטשן זעלטן געקומען אין שטעטל און די קריסטן האָבן מורא באַקומען איינצורייסן מיט יידן. פייעס הויז איז געווען אַנטקעגן דעם רבס, אָפּגעקויפט ביי גרונע און אייזיק טשאַרני. נאָכן ליקווידירן די יידן, האָבן קריסטן פאַרנומען זייערע הייזער. אויך אין פייעס הויז האָט געוווינט אַ קריסטין — און פייע האָט געוווינט מיט איר צוזאַמען.

אין אַ געוויסן זונטיק, זענען אָנגעקומען אַ סך דייטשן אין שטעטל. זיי האָבן זיך געגרייט צו אַן אָבלאַווע אויף די פּאַרטיזאַנער אין דער געגנט. פייע איז גראָד ניט געווען אין שטוב. זי איז געגאַנגען אין סלאָבאָדע נאָך ברויט. די קריסטין האָט מורא געהאַט, אַז די דייטשן וועלן זוכן אין איר הויז און געפינען די צוויי מיידלעך. האָט זי געהייסן זיי זאָלן אַנטלויפן פון שטעטל. די מיידלעך האָבן איינגעהילט די קעפּ אין פויערישע פּאַטשיילעס און די דייטשן האָבן געמיינט, אַז זיי זענען שיקסלעך און זיי אַדורכגעלאָזט איבער דער איוועניצער בריק. די קינדער האָבן זיך אויסבאַהאַלטן אין טיפן שניי, אויפן מאָהילניק נעבן הניעצקע. ווען ס'איז פינצטער געוואָרן, זענען זיי אַריין צו אישיקן, וועלכער האָט געוווינט אין אָנהייב דאָרף. ער האָט זיי דערלויבט זיך אָנצוואַרעמען, געגעבן עסן, אָבער מורא געהאַט צו לאָזן נעכטיקן ביי זיך. זיי זענען ווידער אַוועק אויפן מאָהילניק, ווו זיי האָבן זיך אויסבאַהאַלטן 2 נעכט.

לייזשע דערציילט: דעם זעלבן זונטיק, איז פייע אַריין צו אַ פויער אין סלאָבאָדע, צוזאַמען מיט יוסף, מאָטל דעם וויַיצנערס אַ זון. איך בין דאָרט געזעסן. פייע האָט דערציילט, אַז דייטשן זענען אָנגעקומען אין שטעטל, און זי איז אומרויִק וועגן אירע קינדער. איך האָב אָנגעזאָגט די איבעריקע יידן, וועלכע זענען געווען אין דאָרף: גישקע מיט יאַנקל פּאַלייעס, אשר לונגין מיט זיינע זין בן־ציון און בערל — און אַלע זענען אַוועק אין אַ כוטאָר צו די קאַמיישעס, ווו זיי האָבן איבערגענעכטיקט. צו מאָרגנס האָבן זיי זיך אויסבאַהאַלטן אין אָסטראָווער וואַלד. אויפן שניי זענען געבליבן סימנים פון זייערע שריט. לויט די סימנים האָט זיי געפונען אַ יונגער קריסט, וועלכער האָט דערציילט, אַז ער באַהאַלט זיך אויס פאַר די דייטשן. די יידן האָבן חושד געווען, אַז ער איז אַ דייטשער מיטאַרבעטער. ווען ס'איז פינצטער געוואָרן, האָבן זיי זיך

אַוועק געגנבעט און אַוועק צוריק קיין סלאָבאָדע. ערשט צו מאָרגנס, ווען די דייטשן האָבן פאַרלאָזט די שטאָט, איז פייע צוריק געקומען קיין רוביזשעוויטש און געטראָפן אירע קינדער. זי האָט מורא געהאַט צו בלייבן אין שטעטל, און איז אַוועק קיין סלאָבאָדע, צו די וואַראַקסעס.

אַ געוויסן טאָג האָט די קריסטין געבעטן זי זאַל נעמען די קינדער און גיין, ווייל זי האָט מורא פאַר די דייטשן. פייע האָט גענומען וויינען. זי האָט געזאָגט, אַז זי האָט ניט וווּ צו גיין, אַז די קינדער וועלן פאַרפרוירן ווערן אין וואַלד. די קריסטין האָט ניט געקענט צוזען אירע טרערן און געזאָגט: „איך גיי קיין רוביזשעוויטש צום קסיאָנדז טאַראַסעוויטש, וואָס ער וועט באַשליסן, אַזוי וועל איך טאָן". פאַרנאַכט איז זי צוריק געקומען. פייע איז געזעסן אַ דערשראָקענע, געווען זיכער, אַז זי וועט מוזן פאַרלאָזן די שטוב. די קריסטין האָט זי באַרויִקט: „דו בלייבסט דאָ, דער קסיאָנדז האָט געהייסן דיך אויסבאַהאַלטן — און גאָט זאָל אונדז ביידע היטן".

נאָך דעם ווי די דייטשן האָבן פאַרברענט פאָקעס הויז און דערמאָרדעט זיין פאַמיליע פאַר העלפן יידן, איז געווען אַ סכנה צו בלייבן ווייטער אין דאָרף. פייע איז אַוועק מיט איר ברודער משהל, געוואַנדערט איבער די דערפער. איבער אַ חודש האָבן זיי זיך אויסבאַהאַלטן אין מיקוליץ, אין אַ פלאַץ צום טרוקענען פלאַקס. משהל האָט זיך דערוווּסט, אַז אין מאַלאָרעצקער וואַלד באַהאַלטן זיך אויס יידן, איז ער אַוועק אַהין. דאָרט, אַרום אַ פייער, זענען געזעסן רוביזשעוויטשער יידן. די ווייבער האָט ער געלאָזן הינטער זיך אין וואַלד, ניט וויסנדיק ווי מען וועט אים אויפנעמען. רחל חורגין האָט אים דערזען און אויסגעשריגן: „ווו האָסטו איבערגעלאָזט פייען מיט די קינדער? גיי גלייך צוריק און ברענג זיי אַהער". זי האָט זיך באַרויִקט, ערשט ווען זי האָט געזען פייען נעבן זיך.

אַזוי האָבן מיר געוואַנדערט פון דאָרף צו דאָרף, פון וואַלד צו וואַלד — ביז דער באַפרייוּנג.

צוריק קומענדיק קיין רוביזשעוויטש, האָט פייע חתונה געהאַט מיט אשר לונגין, געווען אין דייטשלאַנד עטלעכע יאָר און אין 1948 געפאָרן קיין אַמעריקע. די שרעק, יסורים, האָבן אונטערגעבראָכן איר געזונט, און אין יאָר 1963 איז זי געשטאָרבן. איר מאַן אשר איז געשטאָרבן אין 1965.

משה און אליעזר גוריון / רמת־גן



משה רוזנהאוז

נין של רבקה קנטורוביץ, תותחן בצה"ל. נפל בקרב על תעלת סואץ, ביום ו׳, 14 ליולי 1967.

משה נולד על אדמת המולדת להוריו, גניה ויצחק, מניצולי השואה, שעלו ארצה ב־1946.


הוא נולד בט"ז באב תש"ח, ביום בו אביו גויס לשרת בצה"ל, במלחמת השחרור. היה ילד חביב ונחמד, ממושמע ומסודר. בוגר בי"ס יסודי „הקליר". תעודת הבגרות קיבל בתיכון עירוני ד׳, ביולי 1966.

היה תלמיד טוב, עדין נפש, עם חיוך מלבב, בעל ערכי מוסר גבוהים, חבר נאמן ומסור, ספורטאי. חבריו קראו לו „רוזה".

הופעתו המרשימה והאצילה, וחיוכו התמידי המקסים, הם שגרמו אושר למשפחתו ומקורביו. התגייס לצה"ל טרם זמנו, שרת בחיל התותחנים. את מדיו נשא בכבוד ובגאוה.

השתתף במלחמת ששת הימים, נפל על משמרתו ביום ששי, 14 ביולי, ו׳ בתמוז תשכ"ז, בקרבות על תעלת סואץ, וטרם מלאו לו 19 אביבים.

נקטף בדמי ימיו, וכל התקוות והציפיות שתלו בו הושמו לאל.



שפירא שלום

עלה ארצה בשנת 1937 והתיישב בחולון. היה חבר פעיל ב„הגנה". נרצח ע"י כנופייה ערבית בדרכו מתל־אביב לחולון, בערב ראש השנה 1939. נקבר בחלקת חללי ה„הגנה", בבית־הקברות בנחלת־יצחק. בן 23 היה במותו.

ג

הסביבה:

דרבנה, וולמה, גראן

די סביבה:

דערעוונע, וואָלמע, גראַן

דרבנה ורוביז׳ביץ׳

שרגא בן־דוד (דוידוביץ׳) / פתח־תקוה

על חורבנן של שתי העיירות, בהן עברו עלי ימי ילדותי, אקונן. על שבר בניהן ובנותיהן — אשא נהי. רק מתי מספר, למודי־סבל ביערות ובביצות, ניצלו מידי הנאצים וגרוריהם. הם היו עדי ראיה ושמיעה לכל הנעשה, סיפורי הנצולים בספר זה, מקפיאים את הדם בעורקינו. דם הקרבנות זועק אלינו ולבנינו אחרינו — זכור! אל תשכח את אשר עשו לאבותיך, אחיך, אחיותיך ובנותיך, הגרמנים — מייצגי „התרבות הגבוהה", מומחי הרצח.

בעיני רוחי עוד אראך, עיירת־מולדתי הקטנה — רוביז׳ביץ׳. את תושביך, מנהיגיך וילדי טיפוחיך לעד אזכור. עיירה תוססת ומלאת־חיים מאשמורת הבוקר ועד שעות



חנות בדרבנה (1933). עומדים מימין: זליג דוידוביץ׳, ברכה ומשה לובצאנסקי הי"ד.
אַ קראָם אין דערעוונע (1933). עס שטייען פון רעכטס: זעליג דאַווידאָוויטש, ברכה און משה לובצאַנסקי הי"ד.

הערב המאוחרות, מהוצאת הפרה למרעה, מההליכה לתפילת שחרית ומיציאת הרוכלים ועד לרדת החשיכה, שוקקים רחובותיך. אראה את יהודייך בתפילה בבית־הכנסת בשבתות ובמועדים. שומע אני את הדי קולותיהם של „בעלי התפילה", חזני העיר ב„ימים הנוראים" המסלסלים בקולותיהם תפילה ותחינה. קולם הספוג עצבות של שליחי הציבור, המבקשים רחמים על שולחיהם, שמור עמדי לנצח.

אשמנו בנעורינו על שלא רשמנו לזכרון את תולדות העיירות בהן נולדנו, גדלנו והתחנכנו. עליתי לישראל, לא חקרתי ולא רשמתי על עברן של העיירות ומיסדיהן. כשאנו רוצים להקים גל־עד על חורבנן, חשים אנו, את האוצרות שאבדו לנו. אנו נאלצים לתור באנציקלופדיות ובקטעי הרשומות אחר השורות המעטות שהקדישו להן המחברים, כי מי השית לבו לעיירות נידחות ושכוחות־אל שהיו פזורות במישורי רוסיה הלבנה, למאבקם של תושביהם על קיומם, על מעט קדושה בחייהם למודי־הסבל והעוני. אנו, הנשארים והנותרים, שארית הפליטה, מסוגלים לקלוט את גודל האסון שעבר עלינו. זעקה מרה פורצת מלבנו, מקרבנו: אוי לנו כי אשמנו — ונברך על המעט שנותר לזכרון־עולם. נמסור לבנינו ובנותינו טיפות אחדות מן הים ממנו שאבנו בילדותנו וידעו מי היו אבותיהם ומה עוללו להם.

גדלתי והתחנכתי בשתי העיירות — דרבנה ורוביז׳ביץ׳. בדרבנה נולדתי, ושם, בהיותי בן שנתיים, נרצח אבי ע״י איכרי הסביבה, ונשארנו שני יתומים — אחי זליג הי״ד ואני. אך עמדתי על רגלי וכבר גליתי למקום־תורה.

הישיבה הראשונה בה למדתי היתה בעיר קוידנוב הסמוכה. היתה זאת ישיבה לצעירים שריכזה ילדים רבים מהעיירות הסמוכות והיתה תחת השפעתו של האדמו״ר מקוידאנוב. בזמן החופש הייתי חוזר לרוביז׳ביץ׳ לתקופת החגים. זוכר אני יפה את בית־הכנסת ברוביז׳ביץ בו היה מצוי אוצר של ספרי הלכה, דרוש ומחקר, ספרי פוסקים, ראשונים ואחרונים — עדות נאמנה שבימים עברו היא העמידה הרבה למדנים שנזקקו לספרים ללימודיהם. בספרים רבים גיליתי סיסמאות כתובות בעפרון: „יחי הסוציאליזם" וכדומה. רק לפני שנים אחדות נודע לי פשרן של הכתובות הללו. בשנת 1905 נשקפה סכנת פוגרום לרוביז׳ביץ׳ ולעזרתה באו בחורים ממינסק ומקוידאנוב. הם אוכסנו בבית־הכנסת והשאירו אחריהם ל„זכרון־עולם" את הסיסמאות האלה.

בית הכנסת שימש מרכז החיים התרבותיים והרוחניים של העיירה. הורגש בו הדופק החי והעירני של העיירה על שמחותיה ודאגותיה. בשבתות אחר הצהריים ישבו בכותל המזרח, מאחורי הבמה ולצדדיה, בעלי בתים, פשוטי־עם, בעלי־מלאכה ואומרי תהלים המסיחים את צרותיהם בפסוקי תהלים.

רואה אני את הקבוצות הקטנות ב„פאלוש", העומדות ומספרות חדשות מן העולם הגדול — אלה הקוראים הקבועים של „היינט" ו„מומנט", הבקיאים בדרכי הפוליטיקה, המפרשים את המאמרים ופליטונים של „איצ׳לה" (ש. יאושזוהן).

רואה אני את עצמי במשחקים עם ילדים, בני גילי, המבלים ב„פאלוש" בין מנחה למעריב. ובקייץ — הנהר. מתרחצים, לומדים לשחות.

זוכר אני את טכסי הנישואין מתחת לחופה ליד בית־הכנסת. את הכלה והחתן היו מובילים דרך רחובות העיירה — ותושביה מלווים אותם בשמחה וברעש.

גם הדאגה לעני ולנצרך תפסה מקום חשוב אצל פרנסי ותושבי העיירה. נשים צדקניות סיפקו מזון ולבוש לזקוקים לכך. כלה ענייה או יתומה קיבלה עזרה.

בעיירה היו שני בתי כנסת. האחד כונה בית מדרש, בו למדו והתפללו כל ימות השנה, והשני — מיועד היה לתפילה בימי הקיץ בלבד. בסימטה שהוליכה לבתי הכנסת, מאחורי ביתו של ר׳ יעקב שפירא, היה בית קברות קטן. על אודות בית־קברות זה התהלכו אגדות רבות אין־ספור. רבים נמנעו מלעבור בו לבדם בערבים ובלילות. הדרך הובילה עד הנהר, ולאורכה היו כמה בנינים ומוסדות ציבור, ביניהם: בית־הארחה, בית־המרחץ וכן בית לשמש ובית לאחראי על בית־המרחץ. על שפת הנהר היו מספר מעיינות מהן נבעו מים קרים וצלולים.

בבוקרי השבתות של ימות הקיץ החמים היינו, הילדים והנערים, הולכים לשאוב מים לשתיה. בשבת אחר הצהריים היה בית הכנסת הומה מתפללים. בכל פינה ישבו בעלי בתים, מסובים סביב שולחנות, לשמוע שיעור ב„עין יעקב״, ב„מדרש״ או בפרשת השבוע. בכותל המזרח ישבו תלמידי החכמים של העיירה ודרשו, למדו ושינגו בגמרא. זוכר אני היטב את ה„מזרח״ הזה כי גם אני, בהיותי נער, יושב הייתי עם המבוגרים שבשורה זו והוגה בתורה. ביחוד עשו עלי רושם הזקנים שבחבורה: ר׳ יהודה פאליעס, ר׳ חיים־לייב אושרוביץ, ר׳ מאיר הדיין, ר׳ בערל־מאיר שמעונוביץ, ר׳ נח ברזוביץ ואחרים. כן היו „יהודי תהלים״ שישבו באחת הפינות וחזרו על פרקי תהלים.

הרב דמתא, ר׳ אליעזר איידלמן הי״ד, ירש את כסא הרבנות מאביו, ר׳ שמריה זצ״ל. אשתו הרבנית היתה ממשפחה מיוחסת בליטא. הרב היה איש גבה־קומה, פניו קרנו אצילות מיוחדת של בן־תורה מישיבות ליטא המפורסמות. הוא הוקיר מאוד את בני התורה שבעיירה, הבחורים המבוגרים והצעירים, שנדדו למקום תורה. פרנסתו הצטמצמה במכירת שמרים וכדומה.

אציב לזכרון־עד נפש אחת מתושבי העיירה, עסקן חרוץ שפעל רבות למען הכלל והפרט, ר׳ אליהו אייזנבוד הי״ד. על ימיו האחרונים יסופר ע״י עד ראיה...

החיים שבקו בעיירה. חדלו חייהם של היהודים שלחמו בדממה על פת־לחמם ללא טרוניא וטענה. עליך עיירתי עלה הכורת. בקבר אחים גדול הושלכת חיים. חלליך לא דמו לחללי מלחמה. נרצחת לאור השמש בידי אנשים חסרי־לב, חבר־מרצחים אכזרי. עינוך עד צאת נשמתך. אין מלים לקונן על גודל ועוצמת האסון. המומים אנו, כואבים את כאבך ואבלים לנצח.

השם ינקום דמך!

מיין שטעטעלע דערעוונע

מרים־מערי אַראָנאָווסקי / ניו־יאָרק

געווידמעט מיינע קינדער אין ירושלים

אין 1910, ווען מיין מאַמע מיט די קינדער זענען אָפּגעפאָרן קיין אַמעריקע צום טאַטן, בין איך נאָך געווען אַ קליין מיידל, אָבער דאָס שטעטל און אירע מענטשן האָב איך נישט פאַרגעסן — און געבענקט נאָך זיי. נישט אויסהאַלטנדיק די בענקשאַפט, האָב איך אין 1926 באַזוכט דערעוונע, שפּאַצירט איבער אירע גאַסן, באַזוכט די איינוווינער און מיטגענומען די זכרונות מיט מיר.

מיין טאַטע, ראובן מאַכטיי, אָדער ווי מען האָט אים גערופן אין דערעוונע ראובן דער מלמד, איז אַ געבוירענער אין סטויפּץ. ער איז געווען אליהו דעם שוחטס אַ ברודער, וועמען דער נשיא פון מדינת ישראל, זלמן שזר, האָט באַשריבן אין זיין בוך „כוכבי בוקר". דער נשיא האָט אין זיין קינדהייט געלערנט מיט אליהוס זון, מרדכי, וועלכער וווינט היינט אין פּתח־תקוה. מיין טאַטע און מאַמע (פייגע, שמעון דעם מלמדס טאָכטער), זענען פאַרבליבן אין דערעוונע. ער האָט געלערנט די יינגלעך, די מוטער — מיידלעך. אין זייער פרייער צייט האָט דער טאַטע איינגעבינדן ביכער, און די מאַמע — געפּאַרבט פאַר די קריסטן זייער געוועבטע לייוונט. אָבער פון די אַלע אַרבעטן איז קיין פּרנסה נישט געווען, איז דער טאַטע אַוועק קיין אַמעריקע זוכן ברויט פאַר זיין משפּחה. שפּעטער זענען געקומען צו פאָרן זיין פרוי מיט די קינדער.

אָט זענען שוין אַדורך 40 יאָר. נישטאָ מער דערעוונע, נישטאָ אירע יידן, אָפּגעמעקט איז געוואָרן די גאַנצע קהילה דורך די נאַצישע רשעים. די גאַסן פון שטעטל זענען דורכגעזאַפּט מיט יידישע טרערן און בלוט. פאַרבליבן זענען נאָר נאַיווע און זיסע זכרונות. וויל איך דאָ, צום לעצטן מאָל, צוזאַמען מיט מיינע שטאָטישע, מאַכן אַ שפּאַציר איבער די דערעוונער גאַסן און פאַרייביקן די טייערע, נאָענטע געשטאַלטן.

איך מאַך צו אויף אַ ווײַלע מיינע אויגן — אָט זע איך ווידער דאָס שטעטל מיינס. איך שטיי אין מיטן מאַרק, פון וועלכן עס ציען זיך גאַסן און געסלעך: די פּאָסט־גאַס, סלאָבאָדע גאַס, וווּ עס האָט געוווינט בענצי דער ליובטשער און דער חזן און שוחט אָבילעוויטש — אַן אָרעמער ייד, אָבער שטענדיק אַ פריילעכער און פול מיט בטחון. אָט איז די באָד־גאַס, וווּ ס'איז געווען דער יידישער מרחץ, דער הקדש, און נישט ווייט פון אים — דער בית־עולם.

אויף דער קלויסטער־גאַס האָבן געוווינט די פּני פון שטעטל, ווי הירשע־יאָסלס, יעקב נויפעלד, מאיר קאופמאַן און פייווע דער אַפּטייקער. דווקא צווישן זיי האָט זיך אַריינגעגנבעט אַ ייד אַ קבצן, דוד־משה ברוידע, וועלכער האָט געוווינט אין אַ קליינע הייזקע, ענלעך צו אַ בודקע. ער איז געווען אַ ברודער פון ר' ירוחם ברוידע, וועלכער האָט עמיגרירט קיין אַמעריקע. ער, ירוחם, האָט געהאַט אַ גאָלדן האַרץ און אַן אָפענע האַנט. זייענדיק ווייט פון דערעוונע, האָט ער אין שטעטל נישט פאַרגעסן, געקליבן געלט און געשיקט שטיצע דעם רב, נויטבאַדערפטיקע, אלמנות און יתומים. נאָך דער ערשטער וועלט־מלחמה, האָט ער צוזאַמען מיט מיין טאַטן צונויפגעקליבן געלט און

געשיקט קיין דערעווונע, כדי אויפצובויען די אָפּגעברענטע שול. ערשט מיטן אָנקומען פון די סאָוויעטן אין שטעטל אין 1939, האָט אויפגעהערט זיין שטיצע. קורץ דערנאָך איז ער נפטר געוואָרן.

אָט איז די מירער גאַס, ווו מיר האָבן געלעבט. דאָרט האָט אויך געוווינט אונדזער רב גאָלוב. איך גיי מיט לאַנגזאַמע טריט און קוק אין יעדן ווינקעלע. דאָס איז דאָך די גאַס, ווו עס זענען אַדורך מיינע זיסע יונגע יאָרן. אין לופט שפּירט זיך דער ריח פון געקאָכטע מאכלים, פיש־בולבע, ערגעץ־ווו באַקט אַ בעל־הביתטע בולבענע לאַטקעס, פון דער ווייטנס הערט זיך אַ מעקען פון אַ ציג, אַ מוטער בייזערט זיך אויף אַ קינד. אַך, ווי דאָס אַלץ איז מיר נאָענט!

אָט זיצט ביי אַ נידעריק טישל משה־אַרע דער שוסטער און קוויקט זיך מיט אַ טעפּל הייסע ציקאָריע, דאָרט פּאָרעט זיך מיט זיינע היטלען הירשל דער קירזשנער. אַ ביסל ווייטער שטייט חיים־שלמה און טענהט עפּעס מיט זיין מאַמען דער בעקערין. ווער איז דאָרט ווידער? אַה, דאָס איז דאָך זיסל דער שניידער, געעלטערט זיך, אַ ביסל איינגעבויגן, שטייט ער און צעבלאָזט די קוילן אין פּרעס־אייזן. נעבן אים שטייען די שניידערס יאַנקל און משה, מיט פאַרזאָרגטע פּנימער. די צייט איז אַ שווערע, נישטאָ קיין פּרנסה.

איך גיי פאַרביי דעם הויף פון ראובן דעם פערד־הענדלער. ער איז נישטאָ אין שטוב. גאַנץ פרי איז ער אַוועק אין די דערפער אָנקוקן, אָדער אויסבייטן אַ פערד. איך דערנענטער זיך צו יעקב־אַרע מאָרדוכאָוויצעס שטוב. אַ זיסער ריח פון פרישׁ האָלץ טראָגט זיך פון הויף. ר׳ יעקב־אַרע שטייט צווישן הילצערנע סטרוזשקעס, הובעלט דאָס האָלץ. זיין טאָכטער עטל, זייער אַ שיין מיידל, שטייט און שמייכלט צו מיר. זי האָט נעבעך נישט געוווּסט וואָס פאַר אַ גורל איר דערוואַרט. זי האָט דעמאָלט נאָך נישט געהערט די ווערטער „געטאָ", „קאָנצ־לאַגער", „נאַצי"... זי האָט חתונה געהאַט מיט אהרן ברוידע. מיטן אָנקומען פון די דייטשן, האָט מען זיי מיט די דריי קינדער, משה־ברוך, חיים און עשקע, איבערגעפירט אין רוביזשעוויטשער געטאָ, פון דאָרט קיין דוואָרעץ. עטל מיט איר טאָכטער עשקע זענען אומגעקומען. אהרונען מיט זיינע צוויי זין איז געלונגען צו אַנטלויפן פון דוואָרעץ. אויפן וועג האָבן זיי זיך אין וואַלד אָנגע־שטויסן אויף פּוילישע „פּאַרטיזאַנער", וועלכע האָבן דערהרגעט חיימען. אהרון און זיין זון משה־ברוך איז געלונגען ראַטעווען זיך, ביז מ׳האָט זיי אָנגענומען אין אַ רוסישער פּאַרטיזאַנער־גרופּע, ווו זיי האָבן העלדיש געקעמפט. נאָך דער באַפרייונג, איז משה מאָביליזירט געוואָרן אין דער רויטער אַרמיי און געפאַלן אין קאַמף מיט די דייטשן נעבן וואַרשע. אהרון איז געבליבן אַליין און עלנט. אין 1946 איז ער אָנגעקומען קיין ישראל און וווינט אין ירושלים, מיט זיין פרוי צילע.

...מיינע געדאַנקען רייסט איבער בענצי דער סטאָליער, ער איז געקומען צו יעקב־אַרען באָרגן אַ פייל. זיין זעג האָט זיך אויסגעטעמפּט, מען דאַרף זי אָפּשאַרפן...

פון דער ווייטנס הערן זיך קינדערישע קולעכלעך, וועלכע לערנען ביים רבין. דאָרט וווינט דאָך בענצי, דער נאַליבאָקער מלמד.

אין סוף פון דער מירער גאַס איז אַ באַרג, דאָרט האָבן מיר אַלס קינדער זיך געשפּילט. אויפן באַרג זענען די מאָהילקעס, ווייטער אַ ביסל — דער וואַלד, ווו די

יוגנט פלעגט זיך צונויפקלייבן שבת נאָך מיטאָג און בגניבה לייענען ביכלעך, הערן ציוניסטישע דרשות און פירן וויכוחים.

אין אַ געוויסן שבת האָט דאָרט געהאַלטן אַ ציוניסטישע רעדע איינער אַ דערעוונער מיטן נאָמען רעזניק. צווישן די צוהערער זענען אויך געווען עטלעכע 14—13 יעריקע ישיבה־בחורים (איינער פון זיי — הרב זאב ברוידע, אהרונס עלטערער ברודער, וועלכער האָט עולה געווען מיט זיין משפחה אין יאָר 1935, זיך באַזעצט אין ירושלים. ער איז געווען רב אין שוסטער־שול אין מינסק. אין יאָר תשכ״ד האָט ער אַרויסגעגעבן אַ ספר „פעמי גאולה״). ווען מען האָט זיך אין שטעטל דערפון דערוווסט, האָט מען באַשלאָסן זיי נישט אויפצורופן צו דער תורה, ביז זיי וועלן חוזר בתשובה זיין.

אין דעם וואַלד האָט אין יאָר 6־1905 זיך געגרינדעט די יידישע זעלבשוץ. דער אָנפירער איז געווען מיין ברודער שמעון. זייער געווער איז געווען שטעקנס און נאהייקעס. בלויז שמעון האָט געהאַט אַ רעוואָלווער. אין אַ געוויסן מאַרק־טאָג האָבן קריסטן גענומען ברעכן די שויבן אין יידישע הייזער. די בחורים האָבן באַנוצט די שטעקנס און נאַהייקעס, עס האָבן זיך אַריינגעמישט שטאָטישע קריסטן און די כולי־גאַנעס האָבן פאַרלאָזט דאָס שטעטל.

...איך בין שוין אַ ביסל מיד. איך קער זיך צוריק, עפן די טיר פון אונדזער שטוב און בלייב שטיין מיט אויפגעריסענע אויגן. מיין גאַנצע משפחה זיצט אַרום דעם טיש. טאַטע־מאַמע קוקן אויף מיר מיט שמייכלדיקע אויגן. נעבן דער מאַמען זיצט מיין שוועסטער יהודית און אויף אירע הענט — איר מיידעלע חאַשינקע. ביי איר זיצט דער מאַן, דער לערער הירש קאַפּלאַן פון יערעמיץ, וועלכער איז צו אונדז געקומען פון רוביזשעוויטש. ער האָט געהאַט אַ גרויסע השפעה אויף מיין ברודער יוסף, וועלכער האָט שוין צו 9 יאָר געשריבן לידער אין עברית און געצייכנט. אין אַמעריקע האָט ער געענדיקט דעם רבנים־סעמינאַר. ער איז באַוווסט געוואָרן אַלס פאָרשער פון יידישער פּאָעזיע אין מיטלאַלטער, און געפירט וועגן דעם אַ קאָרעספּאָנדענץ מיט ח. נ. ביאַליק. ער האָט עולה געווען קיין ישראל און וווינט אין ירושלים.

אָט זיצט מיין שוועסטער דבורה. נעבן איר — מיין ברודער אהרון, וועלכער האָט געענדיקט פּראָוויזאָר אין אַמעריקע. פון צווייטן זייט טיש זיצט מיין ברודער שמעון, וועלכער האָט אַ נשמה פון אַ קעמפער. זיינע צוויי זין זענען געגאַנגען אין טאַטנס וועג. דער עלטערער זון, שלמה, איז געפאַלן אין נאָרמאַנדיע אין קאַמף מיט היטלערן. מיין עלטסטער ברודער, בערל, קוקט און שמייכלט צו מיר. קומענדיק קיין אַמעריקע, האָט ער שווער געאַרבעט און געלערנט. ער איז אַ באַוווסטער דענטיסט און הייסט בען מאַרקוס. ער שרייבט שירים אין וואָכנבלאַט „הדואר״, אונטערן פּסעוודאָנים „גלגול של פיטן עתיק״. זיין בן־יחיד האָט ער אַ נאָמען געגעבן „מרנין״. דעם שורש פון זייער ליבע צו ישראל, צו פּאָעזיע און גוטע מידות, האָבן מיינע ברודער געצויגן דוקא פונעם קליינעם און אָרעמען שטעטעלע דערעוונע.

איך קוק אויף זיי און אין אַלע ווינקעלעך פון דער אָרעמער שטוב און מיר ווערט גרינג אויפן האַרצן. איך פיל זיך זאָרגלאָז און גליקלעך. כאָטש אויף אַ קליינע ווייל בין איך מיט אייך צוריק אין מיין געבורטס־אָרט...

איך מוז אָבער גיין ווייטער. איך האָב נאָך נישט געזען דעם מאַרק נאָך אַזוי פיל

יאָרן... אָט איז דער מאַרק. אין זיין שניט־קראָם שטייט סאַנע עפשטיין, דער סטאַ־ראָסטע, וועלכער האָט געפירט די ביכער פון געבורטן, אַרויסגעגעבן פּאַספּאָרטן פאַר יידן, צוגעשטעלט רשימות פון פּריזיוויניקעס. ער רעדט מיטן זון בערטשע און שאול גילימאָווסקי. זיי זענען קרעמער, שווערע צייטן געקומען, ס'איז ביטער מיט פּרנסה. די ענדעקעס פּרעדיקן נישט צו קויפן ביי יידן... אָט איז אהרון־דודס אַריינפאָר־הויז און די אַפּטייק. דאָרט איז נאָך אַן אַריינפאָר־הויז מיט אַ שענק. אלי־סענדער פירט אַ שמועס מיטן שכן שמואל־הירשל. אַ ביסל ווייטער איז דאָס הויז פון שמעיה שימאַ־נאָוויטש, נעבן אים וווינט זיין זון פייווע דער בעקער. ער איז זייער באַשעפטיקט. מאָרגן איז דער מאַרק־טאָג, מען דאַרף צוגרייטן געבעקס... אויפן ראָג פון קלויסטער גאַס — רבקה נויפעלדס הויז.

אָט איז די שול. דוד דער שמש שטייט און רייסט אַרונטער פון דער וואַנט אַ ציוניס־טישע פּראָקלאַמאַציע. ער רייסט מיט כעס... דער קאַמף צווישן די יונגע ציוניסטן און ר' דודן האָט זיך געצויגן אַ לאַנגע צייט. זיי פלעגן אָנקלעפּן — און ער האָט עס גלייך אַראָפּגעריסן. ביז די בחורים זענען געפאַלן אויף אַן המצאה — אָנקלעפּן פּינקטלעך צו ליכט־צינדן. די פּראָקלאַמאַציע איז געהאָנגען ביז מוצאי שבת...

איך דערמאָן זיך די שמחת־תורה רעוואָלוציע: די בחורים האָבן ניט געלאָזט ר' דודן פאַרטיילן די ערשטע הקפות נאָר פאַר די גבירים. שטייט דער שמש אויפן בעלעמער און שרייט צום קהל: — די ייִנגלעך זאָגן, אַז אַלע זענען גלייך — אָרעם און רייך.

אַ טומל, אַ געשריי. ביז ס'איז אויפגעשטאַנען ר' מאיר קויפמאַן און געפּסקנט:

— אדרבא, זאָלן די בחורים פאַרטיילן די הקפות.

די ערשטע הקפה האָט באַקומען דער אַלטיטשקער ר' דוד־משה ברוידע, דער שניידער, און אַלע אַלטע יידן. די בעלי־מלאכהס האָבן צעפרידענע געשמייכלט אין זייערע בערד. פון דעמאָלט אָן איז געוואָרן אַ מינהג פאַרטיילן די הקפות לויטן עלטער.

נאָך די הקפות, האָט די יוגנט געזינגען די „התקוה". הרב גאָלוב האָט געפרעגט וואָס באַדייט די ליד, האָט מיין ברודער יוסף דעקלאַמירט פאַר אים די ווערטער און דערקלערט זייער באַדייטונג. אויסהערנדיק אים, האָט דער רב געפּסקנט, אַז מען מעג עס זינגען אפילו אין שול...

איך וויל אַריין אינעווייניק אין שול, אָבער פלוצלינג ווערט אַלץ פאַרשוווּנדן. נישטאָ מער קיין שול, קיין מענטשן, קיין הייזער. בלויז בערגלעך ערד, וועלכע דערמאָנען אַז אַמאָל זענען דאָ געשטאַנען הייזער. נישטאָ קיין סימן פון לעבן. אַ טויטע שטילקייט הערשט אַרום מיר...

בלויז אין זכרון ביסטו פאַרבליבן, מיין שטעטעלע דערעוונע.

עיירתי דרבנה

הרב יצחק צבי שמעונוביץ * / יוהנסבורג

שמה של העיירה — דרבנה — בא לה על שום היותה מוקפת יערות. מאין באו ראשוני המתישבים לעיירה — לא מצאתי ברשומות, אך מצבות עתיקות של רבנים וידועי שם אחרים, העידו על ישוב בן מאות שנים. בין רוב התושבים היתה קירבה משפחתית ממקום מוצאם, או דרך החיתון ביניהם.

פרנסת התושבים היתה דחוקה והתרכזה בעיקר במסחר זעיר עם איכרי הסביבה, כך שרובם היו תגרנים וחנוונים, ומיעוטם — בעלי מלאכה. בבוקרו של יום ראשון בשבוע היו יוצאים לכפרים, כדי לסחור בדברי מרכולתם ולקנות מהאיכרים את עודפי תוצרתם. בעלי המלאכה, כגון: חייטים, זגגים, נגרים וכד׳ היו שוהים בכפרים משך כל השבוע. בעיירה היו גם נפחים, אליהם היו בני הכפרים באים על מנת לפרזל את הסוסים ולהתקין את העגלות וכלי־העבודה.

יום השוק נערך דרך קבע כל יום חמישי בשבוע, בו היו איכרי הסביבה מתכנסים לסחור בתוצרתם. מיום זה שאבו יהודי העיירה את מירב פרנסתם. החנוונים מכרו לאיכ־רים נפט, סוכר, מלח, אריגים וכל מיני סדקית. במרכז השוק היו התגרנים מציבים שולחנות עם מאכלים שונים. יש לציין, שלא היתה כל תחרות בין תגרני המקום לבין סוחרים מבחוץ. אחרי יום השוק, היו הסוחרים שבאו מהערים, קונים סחורות שונות אצל סוחרי המקום ומשווקים את הסחורה למקומות מוצאם, כמו מינסק (לפני מלחמת העולם הראשונה) וברנוביץ׳ וסטויפץ (לאחריה).

בתקופת השלטון הפולני ירד פלאים הסחר הזעיר בקרב יהודי העיירה. קמו מתחרים פולניים, שהטיפו לא לקנות אצל יהודים, אלא בקואופרטיבים הנוצריים. בעיירה נותרו לפליטה רק שש חנויות יהודיות, שהחזיקו מעמד. בשנות השלושים גברה האנטישמיות, אחר שהשלטון האזרחי והכנסיה הקתולית היו מסיתים ומחנכים לשנוא את היהודים ולהציק להם. המילה „ז׳יד" כתוספת, היתה שגורה בפיהם ובשם זה היו גם מפחידים את הילדים הקטנים — „הז׳יד ירצח אותך". בתקופת חיי ארעו כמה מקרי רצח, בהם רצחו איכרים את הרוכלים היהודיים בדם קר. הרשות היתה מטפלת, לכאורה, בגילוי הרוצחים, אך הם, למעשה, לא נתנו את הדין על מעשיהם הנתעבים.

לפני כחמישים שנה נשרף חלק גדול מהעיירה והאש כילתה גם את בתי־הכנסת. לפני השריפה היו מצויים בעיירה שני בתי־תפילה. בית הכנסת הראשון היה פתוח כל ימות השנה ובו למדו כמעט כל השנה, ובית הכנסת השני, בו היו מתפללים בימים הנוראים ובקיץ בלבד. בבית הכנסת התרכזו כל חיי העיירה — מהתפילה והלימוד בו ועד העסקנות הציבורית, עזרה הדדית וכו׳.

רב המקום, היה מכובד על כל התושבים. הוא היה המדריך הרוחני והגשמי של העדה, איתו היו מתייעצים בכל בעיה והוא גם שימש כדובר בכל הענינים. פרנסתו היתה דחוקה, על אף שקיבל את הזכות למכור שמרים, נרות ומלח. במאה האחרונה היו

* בן ר׳ שרגא פייביש וחנה רבקה מדרבנה הי״ד. כעת רב ביוהנסבורג, דרום־אפריקה.

בעיירה כמה רבנים ידועי שם, ביניהם: רבי שרגא פייבוש גולוב זצ״ל שמוצאו מליטא. במשך השנה הראשונה שלאחר פטירתו, נקראו כל הנולדים בעיירה בשם שרגא פייבל. אחריו כיהן חתנו, רבי אברהם לוין זצ״ל. הוא היה אחד הגאונים בסביבה, מוצאו מליטא והניך ישיבותיה. כ־15 שנה לפני השואה שב לליטא למשפחתו וניספה שם יחד עם יהודי העיירה. כיום נמצאת בתו בישראל. אחריו בא רבי אברהם פנטלניקוב הי״ד, למדן גדול ונואם בחסד, אהוב מאד על אנשי המקום וחי בדחקות כיתר תושבי המקום, שהתרוששו בתקופה האחרונה שעה שהשלטון הצר את צעדיהם ולא איפשר להם קיום כלכלי. הרב פנטלניקוב הי״ד ניספה יחד עם עדתו, כמסופר ע״י עדי ראייה. החזן שלפני האחרון ששימש גם שוחט — רבי בן־ציון אבלביץ הי״ד, נרצח בידי הפולנים בדרך לעיר סטויפץ — לשם הלך על מנת לאסוף תרומות לסיום בניית בית־הכנסת. אחריו שימש חתנו ר׳ יהושע זטלר.

מלמדי דרדקים היו אהדים, ביניהם ר׳ ב״צ צרני, שהיה מלמד את הבנים, ואשתו, שילמדה את בנות העיירה קרוא וכתוב. בעיירה היו תנועות נוער, כמו בית״ר. בשנים האחרונות נוסד בנק קופת מלוה, שהיה מלוה כספים לתגרנים בשוק ולאחר מכירת הסחורות, היו הללו מחזירים את הלוואותיהם לקופה.

בתקופה שבין הזמנים בישיבות, היו שבים בני הישיבה לחופש. העיירה כאילו נתמלאה חיים בתקופה זו. בית הכנסת היה הומה מהנערים והבחורים וקול התורה היה נשמע למרחוק. הם היו מתנצחים ביניהם בדברי תורה ומראים בקיאותם וחריפותם. כך היה חינוכו של כל נער בעיירה ולאחר שהגיעו לידי ידיעת התורה, היו יוצאים לישיבות.

כ־10 ק״מ מדרבנה שכנה העיירה נליבוק, בה ישבו מספר משפחות שהיו קרובי משפחה ליהודי העיירה. בנליבוק כיהן בשנות העשרים רב זקן בשם רבי אריה רוגוזנצקי זצ״ל, שהיה מפורסם כ„צדיק״ ומכל הסביבה היו באים אליו על מנת לקבל ברכה או עצה. אציב אף מצבה לעסקן בצרכי הציבור ר׳ שלמה שמעונוביץ הי״ד, שדאג לצרכי העיירה הרוחניים והגשמיים. הוא ניספה יחד עם רוב יהודי העיירה.

* * *

ומהכלל — ברצוני לעבור אל הפרט ולסיים את זכרונותי במשפחתי. לא הייתי בפולין בעת ההשמדה על־ידי הברברים הנאצים, לא ראיתי בעיני יהודים מושלכים לתוך מדורות אש. רחוק רחוק נדדתי מביתי. ניצלתי אמנם ממות, אולם העדויות ששמעתי מפי עדי ראייה, אינן נותנות לי מנוח. ביעותי לילה מדכאים אותי. אני רואה בעיני רוחי תמונות מזעזעות ומבהילות — תמונה רודפת תמונה.

והנה אוספים את זקני עירנו ומוליכים אותם כצאן לטבח אל גיא ההריגה רוביז׳ביץ׳. אמי נ״ע היתה מהמאושרות. היא מתה מיתה טבעית אחרי מחלה ממושכת, אבל אבי ז״ל מצא את מותו תוך עינויים ויסורי תופת. רואה אני את גיסי הרב ר׳ מאיר פרץ ואחותי מינקה הי״ד, מלוים את העגלות המלאות ילדים, כשהנאצים ימ״ש מובילים אותם למקום ההריגה. הילדים בוכים מרה, גיסי ואחותי מתחננים שיחזירו להם את ילדיהם, אך כל התחנונים היו לשוא. יריה אחת נורתה לעבר גיסי והוא נפל חלל במקום, כ־3 ק״מ אחרי לובץ.

רואה אני עוד מחזה אימים. אחותי מינקה משוטטת בחוצות גיטו דבורץ ושואלת כל

אחד אם פגשו את בעלה וילדיה. לא ידעה האומללה שכבר אינם בחיים. יגונה היה רב מדי כדי להבליג עליו ודעתה נטרפה עליה. הייתי ברוחי ליד אחי ואחיותי, קרובי ומכרי, סבלתי עמהם את העינויים ויסורי המוות.

אני הוא אחד מהמעטים שנותרו בחיים כדי לבכות על חורבננו, חורבן עיירתנו דרבנה. כל בנייך היו בני תורה, רבנים ומורים, שעשו לילות כימים על מזבח התורה. בחורייך קיבלו השכלתם בישיבות הגדולות ובנותיך התחנכו ברוח של צניעות ועדינות. על מה ולמה עלה הכורת עליך?! טפיך ועולליך שלא יסולאו בפז הובלו כצאן לטבח. אי המקונן שישא את קינתו עליך? מקור דמעתנו יבש.

בשנת 1938 עזבתי את פולין. חשתי כי רעה ממשמשת ובאה, האנטישמיות הלכה וגברה בשלטון הפולני. נסתתמו מקורות הפרנסה של היהודים ורוח ההיטלריזם גברה גם בפולין ומצאה בפולנים חברים לדעה ביחס ליהודים.

אשמים אנחנו שהאמנו במצפון האנושי הנאור, כביכול, שיש חסד אצל אומות העולם.

עבור אמונתנו זו שילמנו מחיר יקר לאין ערוך.

יהי זכר הקדושים ברוך!

רבני דרבנה

עו"ד מאיר אַרונובסקי / ירושלים

ר' שניאור פייבוש גולוב

ר' שניאור פייבוש בר' יצחק גולוב (1855—1912), נולד בווילייקי ובצעירותו למד בתלמוד־תורה בעיירה גרובין, גליל קורלנד, בהנהלתו של בעל המוסר הידוע ר' שמחה זיסל זיו (ברוידא) (1824—1916). בספר „תנועת המוסר" (הרב דב כ"ץ, 1950, כרך שני עמ' 61) נאמר: „שם באוירה שקטה ובסביבה כמעט זרה, הצליח ר' שמחה זיסל להעלות את המוסד לדרגה גבוהה, בשיטה החינוכית המיוחדת שלו, בסדריו המופתיים, ובתכנית הלימודים המשוכללת. לפי דרישת הממשלה, הכניס המוסד גם לימוד שפות ומדעים כלליים והעמיד אותו תחת פיקוחה, אשר הודות לזה הכירה בו הממשלה באופן רשמי כמוסד „ישיבה", היחיד בתור שכזה בכל ארץ רוסיה".

לאחר שהמשגיח של הת"ת בגרובין, ר' נתן צבי פינקל (הידוע בשם „הסבא מסלובודקה"), יסד את הישיבה המפורסמת בסלובודקה, שליד קובנה, עבר ר' שניאור פייבוש לעיר זו ובשנת 1882 נתקבל כר"מ בישיבה. בתקופה זו אירגן ר' שמחה זיסל אגודת סתר של וותיקי תלמידיו בשם הד"ט (ראשי תיבות של „הדבק היטב") שתקנותיה, ואף זהות חבריה, נשמרו בסוד. בספר „תנועת המוסר" הנ"ל (עמ' 69) נזכר שחברי הד"ט, אשר ר' שניאור פייבוש נמנה עליהם, נשארו אגודים במשך כל ימי חייהם, ובכל מקום שהיו עמדו בקשרי מכתבים עם רבם ובינם לבין עצמם. חברי האגודה היו מתכנסים מזמן לזמן בבית תלמודו של ר' שמחה זיסל בעיירה קלם, ששימש להם מרכז, מחדשים את ברית ידידותם ומחזקים את פעולותיהם.

בשנת 1886 נתמנה ר' שניאור פייבוש כרבה של דרבנה וכיהן בעירה כ־26 שנה עד ליום מותו, בהיותו בדרך לאסיפת רבנים במינסק. ר' פייווע, כפי שהיה ידוע בעיירה, הגיע לדרבנה עם רעיתו הרבנית אסתר (אחותה של מרת מירל צוקרמן שהיתה לאשהו השניה של ר' יוסף לייב בלוך (1859—1930), חתנו של ר' אליעזר גורדון (1841—1910) (רבה של טלז), ושלוש פעוטות, שאחת מהם, פייגל, עתידה להיות הרבנית בעיירה, כאשת הרב ר' אברהם הכהן לעווין. לאחר הגיעו לעיירה, נולדו לרב שלושה בנים — זעליג, יהושע ושלמה.

חברו של יהושע, יליד העיירה הרב זאב וולף בר' זיסל ברוידא שליט"א (ר"מ ומו"צ במינסק עד עלייתו ארצה ב־1935), מספר על הרושם העמוק שעשה עליו ר' פייווע: „בעל הדרת פנים, צדיק, נעים הליכות, בקי בש"ס שתורתו שגורה בפיו, ויחד עם זאת מתמיד גדול שהקדיש כל עתותיו ללימודים; מצד אחד, משכיל ובקי בעניני דעלמא, האהוב ונערץ על כל בני עדתו ומאידך, דמות של מלאך אלוקים אשר רבים, ובתוכם הרב ברוידא עצמו בצעירותו, רעדו לפני שהעזו להקדים לו שלום". הרב ברוידא אף נזכר שכאשר למד עם חברו יהושע בישיבה הקטנה במיר, הוא שאל אותו לתומו, על מה משוחח הוא עם אביו הצדיק כאשר הוא חוזר הביתה בעת חופשתו? כבעלי המוסר הגדולים בשעתו היה ר' פייווע מושלם במידותיו ונחבא אל הכלים. כאשר היה מבקר במיר, הוא נזהר מלהפגש עם ראשי הישיבה שמא יפורש הדבר כהתערבות מיוחדת למען בנו. רבים מבני העיירה עודם זוכרים את התמונה כיצד הכין הרב את עדתו לקראת שבת וחג. בלי אומר ובלי דברים היה מסתובב בכיכר השוק, כשסיגריה נעוצה בפיו, ומיד היו כל בעלי העסקים היהודיים סוגרים את חנויותיהם והולכים אחריו לבית הכנסת. ואמנם התנהגותו האצילית שימשה דוגמה ומופת לכל בני העיירה וזכרו לא מש מהם עד היום.

ר' אברהם לוין



בשנת 1908 התחתנה בתו של ר' פייווע, מרת פייגל, עם ר' אברהם בר' צבי הכהן לעווין מהעיירה ווארנא, מחוז טלז, שהיה ידוע בשם ר' אברהם ווארנער. ר' אברהם נולד בשנת 1885 ולמד בישיבת „כנסת ישראל" בסלובודקה. אחרי מות חותנו, נת־קבל ר' אברהם כרבה של דרבנה ושם כיהן עד סוף שנת 1921. גם הוא היה עניו, עדין־נפש, תלמיד חכם, משכיל ובעל מוסר. ר' אברהם השפיע רבות על צעירי העיירה ורבים מהם נסעו ללמוד בישיבות הגדולות על פי עצתו. בין צעירי העיירה שהושפעו על ידו יש להזכיר את הרב משה לוין שליט"א (המכונה ר' משה ליבצער), רבה של נתגיה, בנו של ר' ישראל יהודה הלוי קפושצבסקי, המורה והמלמד שיסד בית ספר חדש בעת מלחמת העולם הראשונה.

על המיזוג ההרמוני של תורה והשכלה בעיירה קטנה זו תעיד העובדה שבבית הרב

נהגו לקרוא את העתונות העברית ובמיוחד את „הצפירה". הרבנית פייגל עצמה למדה בצעירותה בבית הספר הרוסי, ויחד עם זאת היתה בקיאה בתנ"ך והתכתבה עם אחיה בשפה העברית.

תקופת מלחמת העולם הראשונה היתה תקופה קשה בעיירה, ובמיוחד למשפחת הרב. עם פרוץ המלחמה בין פולין ורוסיה ידע בית הרב עוני, מצוקה, פורעניות ופרעות, עד שנאלץ לעבור חזרה לליטא בסוף שנת 1921, יחד עם הרבנית הזקנה אסתר, שנפטרה ב־1925. תחילה חזר הרב ללמוד בכולל של רבנים בסלובודקה ולאחר מכן, בשנת 1926, נתקבל כרב בפאפיליאן, מחוז שבלי, פלך קובנה. ר' אברהם היה גדול בתורה וקשור במיוחד בתורת ארץ־ישראל. במשך הזמן שלח מאמרים של דברי תורה לכתבי־עת תורניים בירושלים. בשואה ניספתה הרבנית פייגל עם בתה שרה ביילה ביום הכפורים של שנת תש"א והרב ניספה עם בנו צבי פייוול תלמיד ישיבת טלז, בכ"ב תמוז, תש"א.

תהא נפשם צרורה בצרור החיים!

בתו הבכירה של הרב, צפורה אשת יצחק יעקובי, עלתה ארצה ב־1934 ויושבת כיום ברחובות.

ר' אברהם לייב הלוי פענטעלניקוב

אחרי נסיעת ר' אברהם ווארנער לליטא, נתמנה ר' אברהם לייב הלוי פענטעלניקוב דיי"ד כרבה של העיירה. לצערנו, מעטים מאוד הפרטים הידועים לנו על אישיות נכבדה זו. יליד מינסק, (ונקרא לכן ר' אברהם מינסקער), הוא התחתן במיר, בעת שלמד שם בישיבה. עוד בהיותו בן ישיבה יצא שמו לתהילה כנואם מלהיב ודרשן מצוין, ואמנם גם לאחר שנתמנה כרבה של דרבנה היה נוהג לנסוע למקומות שונים כדי לאסוף כספים עבור ועד הישיבות בווילנא. הרב, אשתו ושתי בנותיו, שאחת מהן התחתנה ועברה לעיר אחרת לפני השואה, גרו בבית אשר ברחוב מיר („מירער גס"). נחמן ברמן, בן הכפר גראן כותב בספר „גליבוק":

„הרב הדרבנאי, בעל הדרת פנים, הרב אברהם פענטעלניקוב, היה נושא את דרשותיו בשבתות. בחיוך תמידי על פניו ומתוך חכמה עמוקה, מצא לעולם משל מתאים לחיים היומיומיים השתא מתוך המקורות העשירים של הנבואה וההיסטוריה. גם האוכלוסיה הנוצרית בעיירה חלקה לו כבוד והערצה".

מהארכיון של ועד הישיבות בווילנא אנו למדים כי בתקופת כהונתו בעיירה החלו מנשבות בציבור רוחות חדשות „שמשכו חלק גדול מבני הישיבות אשר עירנו הצטיינה בהם עד הנה". עוד בשנת 1937 הוא התכונן לנסוע לאמריקה, אך כנראה לא הצליח לממש את תכניתו. ואמנם בבוא השואה על העיירה ניספו הרב, אשתו ובתו יחד עם יתר בני העיירה. יהא זכרם ברוך.

בכך תמה גם רבנותה של דרבנה. עיירה זו, הסמוכה לרוביז'ביץ' היתה כלולה בפלך ווילנא. במיפקד האוכלוסין שנערך ב־1897 נימנו 350 יהודים מתוך כלל האוכלוסין של 851 (41.5%). כתוצאה מהגירה ונסיבות שהזמן גרמן, ירד המספר במיפקד החוזר שנערך ב־1921, ואז נימנו 288 יהודים מתוך 892 תושבים (32.3%). מתוכם, אלה שנשארו בחיים — נער יספרם.

הבל על דאבדין ולא משתכחין.

געטראָפן אין דערעוונע נאָר אָפּגעברענטע הייזער

דאָדקע קאָסאָווער / נתניה

געבוירן בין איך אין רוביזשעוויטש, אין אַ פריילעכן שמחת־תורה, אָבער דער סוף פון מיין שטעטל און מיין גורל — איז גאָרניט קיין פריילעכער.

מיין פאָטער, שייעל דער שוסטער, אַן איינגעפונדעוועטער בעל־הבית, איז אין זיין יוגנט געווען אין אַפריקע, זיך אָנגעזען אַ וועלט, געפירט די קינדער שטרענג און רעליגיעז. ער האָט אַרענדירט ערד און שוין אַלס 11־יעריק ייִנגל, האָב איך געאַקערט, געזייט, געטאָן אַלע לאַנדווירטשאַפטלעכע אַרבעטן. איך האָב אין אַלגעמיין זיך געפילט גוט און געלעבט גליקלעך.

אין 1912 בין איך אַוועק אין רוסישן מיליטער, שפּעטער, אין 1915, בעתן ערשטן וועלט־קריג, אַריינגעפאַלן אין דייטשער געפאַנגענשאַפט. ערשט אין 1920 האָב איך זיך צוריק געקערט אַהיים.

אַנשטאָט מיין מוטער, האָב איך אין שטוב געטראָפן אַ שטיף־מוטער. איך האָב פאַרלאָזט די היים, אַוועק קיין דערעוונע, ווו כ'האָב חתונה געהאַט מיט גרוניען, ראובן דעם קצבס טאָכטער. איך האָב געלעבט אַ שטיל און גליקלעך לעבן, געהאַט זעקס קינדער. די עלטערע 2 זין, יצחק־יעקב און ישראל־פייוועל, האָבן געלערנט אין מירער ישיבה, די אַנדערע — ביי יידל קאַפּוטשינסקי און יצחק אבעלעוויטש.

כ'בין אויך געווען טעטיק געזעלשאַפטלעך. צוזאַמען מיט אברהם ליובטשאַנסקי, בנימין יאַנקעלעוויטש און אליהו קראַסילאָוו, האָבן מיר געגרינדעט אַ ליי־קאַסע.

אין 1941 זענען צו אונדז אַריין די דייטשן. אין אָקטאָבער האָבן מיר באַקומען אַ באַפעל גיין אין רוביזשעוויטשער געטאָ. פאַרן פאַרלאָזן דערעוונע, האָבן מיר געמוזט אָפּגעבן די דייטשן אונדזער צירונג און ווערטפולע זאַכן.

אין רוביזשעוויטש האָבן אונדז אויפגענומען צו זיך מיינע קוזינען לייבע און יששכר רייכלזאָן. זיי האָבן אונדז אַ סך געהאָלפן, געטיילט זיך מיטן לעצטן ביסן. ליידער, זענען זיי אומגעקומען.

אין געטאָ האָבן מיר זייער געליטן. איך מיט מיין משפחה זענען געווען אין דריטן טראַנספּאָרט פון רוביזשעוויטש. אין איוועניץ האָט מען צוגענומען אונדזערע צוויי פּיצלעך קינדער, גיטעלע און הערצל. זיי זענען דאָרט אומגעקומען צוזאַמען מיט נאָך אַ 600 יידישע קינדער. מיט כוח האָט מען אונדז אָפּגעריסן פון זיי. מיין פרוי גרוניע מיט די אַנדערע קינדער, זענען אַוועק קיין דוואָרעץ. מיך האָט מען איבער־געלאָזן אין נאָוואָגרודקער געטאָ. כ'האָב דאָרט געאַרבעט אין באָד. דער פאַרוואַלטער, אַ לאַטיש, האָט זיך צו מיר באַצויגן זייער גוט.

דערווייל האָט מען זיך אין דוואָרעץ דערוווּסט, אַז מען גייט ליקווידירן דעם נאָוואָגרודקער געטאָ, איז מיין זון פייוול געקומען צו לויפן קיין נאָוואָגרודעק, כדי מיך ראַטעווען. דאָס איז געשען גראָד אין דעם טאָג, ווען מען האָט אָנגעהויבן די ליקווידאַציע. אין געטאָ בין איך שוין ניט צוריק געגאַנגען. דער לאַטיש האָט אונדז באַהאַלטן אין באָד. צומאָרגנס האָט ער גענומען אַ ביקס און אונדז אַרויסגעפירט פון

שטאָט, כלומרשט ווי אַרעסטאַנטן — און דאָרט פריי געלאָזן, אָנגעוויזן ווי אַזוי צו גיין קיין דוואָרעץ און אונדז געווינטשן גליק.

אין דוואָרעץ איז אויך געווען ביטער, כ׳בין אָבער געווען צוזאַמען מיט מיין פרוי און קינדער. מיין זון פייוול ז״ל, האָט געאַרבעט אויפן אַעראָדראָם און צעבראָכן אַ פוס. היילן איז נישט געווען מיט וואָס. מיין צווייטער זון יצחק איז אַוועק צו די פּאַרטיזאַנער.

אַ צייט שפּעטער האָט ער און נאָך פינף פּאַרטיזאַנער באַקומען אַ באַפעל אַרויספירן יוגנטלעכע פון לאַגער אין וואַלד אַריין. זיי זענען אַריין אין לאַגער, אָבער אַרויס — האָבן זיי שוין נישט באַוויזן. צומאָרגנס פרי זענען מיר אַרומגערינגלט געוואָרן פון דייטשן, וועלכע זענען געקומען ליקווידירן דעם לאַגער.

מיין טאָכטער שוליע (איצט אין ישראל) איז שוין געשטאַנען אין דער ריי צו די אויטאָס. צו איר איז צוגעגאַנגען איר חבר, חיים שלמהס, און געזאָגט: „וואָס שטייסטו? זעסט דען נישט די קריסטן מיט די רידלען?״. זי איז אַרויס פון דער ריי, צוזאַמען מיט אונדז זיך באַהאַלטן אין אַ גרוב הינטערן אויוון. פייוול האָט אָבער נישט געוואָלט גיין מיט אונדז. די דייטשן האָבן אים געכאַפּט, אַרויסגעשלעפּט אין דרויסן און דערשאָסן. כ׳האָב געהערט, ווי ער ראַנגלט זיך מיט זיי און דעם שאָס — אָבער ניט געקענט אים העלפן.

אין גרוב זענען מיר געלעגן ביז צומאָרגנס אָוונט. פּלוצלינג האָבן מיר דערפילט, אַז די שטוב ברענט. דער רויך האָט געשטיקט, אָבער מיר האָבן באַשלאָסן: גלייכער פאַרברענט ווערן, אַבי נישט אַרויס צו די נאַציס. ס׳איז געשען אַ נס און די שטוב איז נישט פאַרברענט געוואָרן.

ווען ס׳איז געוואָרן פינצטער, האָבן מיר זיך אַרויסגעגנבעט פון דער גרוב, געלאָפן איבער דער גאַס מיט אירע פאַרברענטע הייזער — צו די דראָטן. מען האָט אונדז באַמערקט און גענומען נאָכשיסן. ס׳איז אונדז אָבער געלונגען צו אַנטלויפן.

לויפנדיק איבערן פאַרפרוירענעם טייך, האָט מיין שוליע אָנגענומען אַ פולן שטיוול וואַסער. אַראָפּנעמען דעם שטיוול און אויסגיסן דאָס וואַסער — איז נישט געווען קיין צייט. דאָס וואַסער איז שנעל פאַרפרוירן געוואָרן, גורם געווען צו אַ שרעקלעכער ווונד אין פוס. זי האָט נישט געקענט גיין. גרוניע האָט פון שרעק געחלשט, אָבער כ׳האָב מיך גענומען אין די הענט, דערשלעפּט זיך צו אַ כוטאָר. אַ גוטע קריסטין האָט שוליען געגעבן אַ פּאָר שיך און טרוקענע שמאַטקעס. מיר האָבן אַ ביסל זיך אָפּגערוט און אַוועק ווידער אין וועג. פויערים האָבן אונדז געגעבן עסן, מטפּל געווען מיט שוליעס פוס. מיר זענען געגאַנגען אין דער ריכטונג פון דערעווניע. אויפן וועג האָבן מיר געטראָפן משה לובטשאַנסקי, יידל דאַווידאָוויטש און נאָך באַקאַנטע יידן, וועלכע האָבן אַזוי געוואַנדערט ווי מיר.

מיר זענען אָנגעקומען אין נאַליבאָקער פּושטשע, אין ראַיאָן פון קורבאַנאָווס אָטריאַד. דאָרט האָב איך געטראָפן דוד פלאָטניק, אַ פּאַרטיזאַן, איצט אין ניו־יאָרק. ער האָט געבראַכט אַ דאָקטאָר, וועלכער האָט אויסגעהיילט שוליען דעם פוס. צוויי יידישע פּאַרטיזאַנקעס, שורע און טאַניע (איצט אין מינסק), האָבן אונדז געמונטערט

און אַ סך געהאָלפן. כ׳בין געוואָרן אַ שוסטער, געאַרבעט, איבערגעלעבט די דייטשע בלאָקאַדע פון דער פושטשע — און דערלעבט די באַפרייונג.

איך האָב זיך געקערט צוריק קיין דערעווונע און געטראָפן בלויז אָפּגעברענטע הייזער. כ׳האָב געאַרבעט אין סעלפּאָ. אָפּט האָב איך זיך באַגעגנט מיט דעם ביסל יידישע פּאַרטיזאַנער, וועלכע האָבן זיך געראַטעוועט פון טויט.

מיין ווייב גרוניע האָט פון שרעק און צרות גענומען קרענקען, און עטלעכע חדשים נאָכן צוריק קומען קיין דערעווונע — געשטאָרבן.

נאָך לאַנגע וואַנדערונגען, בין איך אין יאַנואַר 1965 אָנגעקומען קיין ישראל.

אונטערגאַנג פון דער יידישער וואָלמע

משה שמעונאָוויטש / תל־אביב

דאָס שטעטעלע וואָלמע ליגט אין מינסקער געגנט (ווייסרוסלאַנד), נאָענט פון דער פריערדיקער פּויליש־רוסישער גרענעץ, אַ 20 קילאָמעטער פון רוביזשעוויטש. אירע קליינע הילצערנע הייזקעס זענען אין אומאָרדענונג צעוואָרפן איבער אַ ברייט שטיק לאַנד, אַרומגערינגלט מיט וועלדער און גרינע בערגלעך.

פון אַלע שטעטלעך אין דער געגנט, איז וואָלמע געווען די סאַמע קלענסטע, ווייט פון אַ באַן־ליניע און שאָסיי און דאָס צוקומען אַהין איז אָנגעקומען גענוג שווער. די יידישע באַפעלקערונג פון שטעטל, אַ דריטל פון דער אַלגעמיינער צאָל איינוווינער, האָט זיך פאַרנומען דער עיקר מיט קליינהאַנדל און מלאכה, פון וועלכע מען האָט קוים געצויגן חיונה. מיטן אָפּשליסן די פּויליש־רוסישע גרענעץ נאָך דער ערשטער וועלט־מלחמה, איז דאָס גרענעץ־שטעטל געבליבן אין גאַנצן איזאָלירט, ווייל ס׳האָט ניט געדינט מער אַלס טראַנזיט און שיידוועג פאַר צוויי לענדער. דאָס האָט זיך שטאַרק אָפּגערופן צום שלעכטן אויף דער עקאָנאָמישער אַנטוויקלונג און פּרנסות פון די איינוווינער. די מער פאַרמעגלעכע יידן האָבן דעריבער אין דער עמיגראַציע מעבר לים געזוכט אַן אויסוועג פון דער לאַגע, בעת די אָרעמע זענען געבליבן אויסגעליפערט דעם אייגענעם גורל.

ביים אויסברוך פון דער צווייטער וועלט־מלחמה, האָבן אין שטעטל זיך געפונען זיבעציק יידישע משפחות. ווי נאָר די דייטשן זענען אַריין אין וואָלמע, האָבן זיך אָנגעהויבן איבערפאַלן אויף די יידן, מ׳האָט זיי געשלאָגן, געפייניקט און באַרויבט. זייער פאַרמעגן, ווי זייערע לעבנס, זענען געוואָרן הפקר.

דער פאָליציי־קאָמענדאַנט וועלכער איז באַשטימט געוואָרן דורך די דייטשן, האָט ניט נאָר פאַרהיטן קעגן פאָגראָמען, רויב און גזילה — נאָר גראָד אונטערגעהעצט די קריסטלעכע באַפעלקערונג קעגן די יידן. ווען מ׳האָט אָנגעהויבן טרייבן די יידן פון דער געגנט אין די געטאָס, האָט מען אויך די יידן פון וואָלמע אויסגעזידלט קיין רוביזשעוויטש.

יענעם פינצטערן טאָג האָט מען אַלע יידן פון שטעטל — יונג און אַלט, מענער און פרויען, קינדער און זויג־קינדער — צונויפגעזאַמלט אין צענטער פון שטעטל. אַז דער פּאָליציי־קאָמענדאַנט האָט דערזען ווי די יידן שלעפּן אויף זייערע פּלייצעס אַ קלימעקל, אַ זעקל, צי פּעקל — איז ער אַריינגעפאַלן אין אַ גרימצאָרן און געהייסן זיי לויפן אַרום דעם שטעטל. דערביי האָט מען די קרבנות ניט געזשאַלעוועט קיין קלעפּ, באַליידיקונגען און זידלערייען. בעת איך אַנדערע ערטער האָט מען בעתן גירוש צוגע־שטעלט פאַר די יידן פויערישע פורן אַוועקצולייגן די זאַכן און די קראַנקע, האָט מען אין וואָלמע געהייסן זיבן מאָל אַרומלויפן אַרום דעם שטעטל און ערשט דערנאָך געטריבן די אומגליקלעכע צופוס קיין רוביזשעוויטש. אויפן וועג האָבן די דייטשן און זייערע אונטערהעלפער — די פּאָליאַקן, אוקראַינער און ווייסרוסן, געשלאָגן די יידן מיט בייטשן צי מיט די באַטשוועקטע שטיוול און שיך. אויך די קריסטלעכע איינוווינער האָבן באַוואָרפן מיט שטיינער די יידן און נאָך מערער פאַרגרעסערט זייערע ליידן און פּיין. דער וועג ביז רוביזשעוויטש איז געווען אויסגעשפּרייט מיט דערהרגעטע יידן, מיט אַ סך חפצים און פּעקלעך. קיין רוביזשעוויטש זענען די אומגליקלעכע אָנגע־קומען כמעט מיט ליידיקע הענט.

דער גירוש איז פאָרגעקומען דעם 1טן דעצעמבער 1942. אין דרויסן — אַ קנאַ־קעדיקער פראָסט. ווען די וואָלמער יידן זענען נאָך דעם יסורים־וועג אָנגעקומען קיין רוביזשעוויטש, האָט מען זיי אַריינגעטריבן אין ליידיקע הייזער, אָן פענצטער און טירן. איין פרוי האָט מיט אַמאָל אַרויסגעלאָזט אַ יאָמערלעך־היסטעריש געשריי. איר קינד איז אויף אירע הענט פאַרפרוירן געוואָרן אויפן וועג...

פון די ווינציקע זאַכן וואָס זענען איבערגעבליבן נאָך דעם רויב און גירוש, האָט מען באַדאַרפט זיך דערנערן. דאָס לעצטע העמד איז אויסגעטוישט געוואָרן אויף אַ שטיקל ברויט, צי אויף עטלעכע קאַרטאָפל. אָבער די וואָלמער יידן, וועלכע האָבן גאָרנישט געהאַט, זענען געווען פאַרמשפט אויף אַ הונגער־טויט. דער רוב איז איינגעאָרדענט געוואָרן אין דער שול, דאָרט זענען זיי געשלאָפן אויף דער פּאָדלאָגע, בענק און טישן. אַלע האָבן זיך אַרומגעדרייט ווי שאָטנס, ניט געווען צו דערוואַרטן פון ווענען הילף.

הגם דאָס אַרויסגיין פון געטאָ איז געווען פאַרבונדן מיט סכנות נפשות, האָבן וואָלמער יידן מיט דעם זיך ניט גערעכנט און אין די נעכט זיך אַרויסגעגנבעט אין די דערפער, כדי עפּעס אויסבעטלען, אָדער איינהאַנדלען ביי אַ פּויער. ניט שטענדיק איז זיי דאָס געלונגען. ניט איין ייד איז בעת אַזאַ אונטערנעמונג אַריינגעפאַלן אין רוצחישע הענט פון אָרטיקע קריסטן, צי דייטשן. מען האָט ביי זיי אַלץ צוגענומען און צעשלאָגענע און פאַרבלוטיקטע צוריק געטריבן אין געטאָ.

צוויי יוגנטלעכע האָבן אַמאָל זיך אַריינגעגנבעט אין שטאַל פון די חזרים אויף אַ קריסטלעכן הויף, ניט ווייט פון געטאָ, כדי דאָרט נעמען פאַר זיך אַ ביסל עסן פון די חזירים. ווען דער בעל־הבית האָט אַהין געטראָגן דאָס עסן, האָט ער אַנטדעקט די בחורים. ביי אים אין שטוב האָט געאַרבעט אַלס געהילפין אַ יידיש מיידל. ער איז שנעל אַריין צו דעם מיידל און שווער אָטעמענדיק, געזאָגט צו איר:

— גיי אין חזרים־שטאַל, פאַראַן דאָרט יידן. גיב זיי צו עסן וואָס דו ווילסט... איך וואָלט זיך ניט פאָרגעשטעלט, אַז מענטשן קענען אַזוי אויסזען און דערגיין צו אַזאַ

צושטאַנד. גאָט מיין איינציקער, איז דער הונגער אין געטאָ שוין דערגאַנגען צו אַזאַ מדריגה ?!...

די צוויי יונגעלייט, דערזעענדיק ווי אַ צעשראָקן מיידל דערנענטערט זיך צו זיי, האָבן געמיינט, אַז מען וויל זיי אויסליפערן די דייטשן. דאָס מיידל האָט זיי באַרויקט:

— שרעקט אייך ניט, איך בין אַ יידישע טאָכטער. וואַרט צו אַ ווײַלע, אַנטלויפט ניט. איך ברענג אייך שוין עסן.

באַלד האָט זי געבראַכט אַ גאַנץ ברייטל מיט אַ קיישל קאַרטאָפל און אַנגעוויזן אַן אָרט, ווי זי וועט פאַר זיי יעדער טאָג לאָזן עפּעס עסן, זיי זאָלן עס נעמען ווען זי וועט ניט זיין.

אָבער אין זעלטענע פאַלן האָבן די יידן זוכה געווען צו אַ מענטשלעכער באַציונג מצד זייערע קריסטלעכע שכנים — און געציילטע יחידים איז געלונגען אויסצומיידן דעם ביטערן סוף פון דער אונטערגעגאַנגענער יידישער קהילה אין וואָלמע.

✶

איך וויל האָפן, אַז דאָך איז ווער געבליבן לעבן פון די וואָלמער יידן, הגם די ספיקות זענען גרויס. ביז איצט האָב איך ניט געהערט פון אַזעלכן. אונדזער שפּראַך איז צו אָרעם און די פעדער צו שוואַך, בכדי אַרויסברענגען די גרוילטאַטן און אכזריות־דיקייטן איבער דער יידישער באַפעלקערונג.

איך האָב געהאַלטן פאַר מיין חוב דערציילן וועגן אונטערגאַנג פון אַן עדה יידן אין אַ קליין פאַרוואָרפן שטעטל וואָלמע, וועלכע האָט געלעבט אין נויט און אין אָרעמקייט — אָבער ערלעך און יושרדיק...

כבוד זייער אָנדענק!

זכרונות מגראן והסביבה

ד״ר אריה אברמוביץ / תל־אביב

אַזוי שיין, אַזוי ליכטיק און גרויס זי איז
פאַר אַנדערע —
פאַר אונדז — אַזוי שמאָל, אַזוי פינצטער און
פאַרשפאַרט ווי אַ צעל.

1.11.41.

רוביזשעוויטש, יום ו', 14.11.41.

געלויבט איז גאָט, מיין ברודער איז צוריק געקומען פון דער אַרבעט גאַנץ און נישט צעשלאָגן. כמעט אַלע קערן זיך אום צעשלאָגענע און פאַרבלוטיקטע — ווער פון דער נאַהייקע און ווער פון די „שטראָף־איבונגען".

איך פיל זיך היינט זייער צעבראָכן. דער קאָפּ ווייטיקט שטאַרק. כ'האָב זיך, קענטיק, פאַרקילט. כ'לייג זיך אין בעט און ס'ווילט זיך איינשלאָפן און שלאָפן ביז די אַלע צרות און סכנות וועלן אַריבער.

אַפילו איצט, ווען כ'בין אַזוי צעבראָכן, ווילט זיך לעבן און געניסן פון די יוגנט־יאָרן. צי דען וועט גאָט דערלאָזן אַלע יידן פאַרניכטן? גענוג גרויס איז שוין די שטראָף, וואָס ער האָט אונדז געשטראָפט. ער קען נאָך טאָן גוטס מיט אונדז — דאָס ביסל איבערגעבליבענע יידן.

רוביזשעוויטש, יום ד', 26.11.41.

שווער צו שילדערן אונדזער לעבן. יעדער טאָג מיט זיינע שווערע אַדורכלעבונגען.

יעדע שעה מיט איר באַזונדערער שרעק. יעדע מינוט מיט איר טיף־האַרצרייסנדיקן קרעכץ. נישטאָ קיין אויסוועג, קיין האָפענונג צו פרייהייט.

פאַר וואָס קוקט דאָס גאָט צו און שווייגט? ער זעט, ווי עס גיסט זיך יידיש בלוט און מען טרעט אונדזער כבוד מיט בלוטיקע פיס — און ער שווייגט. ווו איז דער אל רחום וחנון? פאַר וואָס האָט ער אויף אונדז נישט קיין רחמנות? גוססדיקע יידן בעטן און רופן צו אים אין זייערע לעצטע כוחות און בעטן הילף — און קיין הילף קומט נישט.

אַרום אונדז — אַ ים פון צרות און בלוט. מען שעלט זיך אַליין: מען שעלט דעם טאָג פון געבוירן, ווען מען האָט צום ערשטן מאָל געעפנט די אויגן און דערזען די פאַרשאָלטענע וועלט.

די זון שיינט, אָבער צו אונדז דערגייען נישט אירע ליכטיקע שטראַלן. צו אונדז דערגייען נאָר פינצטערע בשורות: ליידן, שטורעם און שרעק.

מיט גרויסע שלעסער זענען פאַרשלאָסן די טויערן פון גליק. מיט דיקע קייטן זענען געבונדן די פרייליכע בשורות פאַר אונדז.

נישטאָ מער קיין גליק פאַר יידן.

עס קומט שוין דער סוף פון אונדז — און דאָס וועט זיין אונדזער באַפרייונג...

רוביזשעוויטש, יום ה׳, 27.11.41.

ס׳איז אַרויס אַ קלאַנג, אַז מען פירט אונדז איבער אין אַ געטאָ. מיט דעם וועט מען אונדז באַרויבן פון דאָס לעצטע ביסל פרייהייט, וואָס איז פאַרבליבן.

היינט האָט מען באַפוילן, אַז יעדע יידישע משפחה זאָל איבערגעבן דער געסטאַפּאָ פון איוועניץ, אַלע ווערטפולע זאַכן: צירונג, גאָלד, קופּער, קליידונג א. א. וו. אויף דער גאַס איז אַ רעש און אַ טומל. יידן לויפן אַרום און פרעגן איינערביים צווייטן, וואָס דאָס באַדייט.

דער טאַטע איז היינט נישט אין דער היים. ער איז אַוועק אַרבעטן צו קריסטן אין אַ נאָענטן דאָרף. אָבער 12 אַזייגער ביינאַכט דאַרפן אַלע מאַנצבילן זיך צושטעלן אויפן מאַרק. קיינער קען מיין טאַטן נישט פאַרטרעטן. גיי איך מיט מיין ברודער אין דאָרף אים רופן.

אין דאָרף איז שטיל, רויִק. די קריסטן לעבן זייער רויִקן, אומגעשטערטן לעבן און ווייסן נישט פון שרעק און סכנות.

אין אַ שעה שפּעטער זענען מיר צוריק אין דער היים. די זון פאַרגייט. די פראָסט איז שטאַרק. קיינער שלאָפט נישט. אַלע זענען וואַך און וואַרטן, אַז דער זייגער זאָל שלאָגן צוועלף ביינאַכט. ס׳ציטערט דאָס האַרץ: — וועט מען זיי צוריק לאָזן לעבעדיק פון איוועניץ? פון ערגעץ ווו הערט זיך אַ שאָס. דער אָפּקלאַנג וועקט טיפע שרעק אין אונדזערע הערצער.

ס׳הערט זיך אַ באַפעל אַרויסצופאָרן. אַ לאַנגע ריי פורן מיט יידיש גוטס, הייבט אָן רירן פון אָרט. די גאַס איז פול מיט מענטשן, וואָס באַגלייטן די יעניקע וועלכע פאָרן אין דער „אומבאַוווּסטקייט”.

לאַנגזאַם צעגייען זיך די איבערגעבליבענע — צוריק אין די שטובן: אויף ווי לאַנג? די וואַרעמע שטוביקע לופט און דער מאַמעס צערטלעכע הענט, נעמען מיך אַרום.

מאַכן מיר לייכטער דאָס לעבן. אויף אַ ווײַלע פֿאַרגעסט מען די שרעק און צרות. דער זייגער איז שוין איינס ביינאַכט. איך ליג און טראַכט, ביז איך ווער אומבאַמערקטערהייט פֿאַר זיך אַליין איינגעשלאָפֿן.

רוביזשעוויטש, יום ב׳, 1.12.41.

היינט געוואָרן ביי אונדז אַ געטאָ.

שנעל איז פֿאַרלאָפֿן די נאַכט. פֿון מזרח איז אויפֿגעגאַנגען אַ קאַלטע זון און אַריינגעקוקט אין יידישע הייזער דורך די פֿאַרפֿרוירענע, מיט בלומען באַדעקטע פֿענצטער.

היינט איז געקומען דער טאָג, ווען מען מוז פֿאַרלאָזן אונדזערע אַלטע היימען און איבערגיין אין געטאָ.

מען באַגזלט אונדז פֿון דער פּאָר מענטשן געגעבענער פֿרייהייט.

פֿאַרשלאָסן פֿאַר אונדז זענען אַלע זיבן הימלען — באַדעקטע מיט שוואַרצע כמאַרעס, וועלכע לאָזן נישט אַדורך אונדזער געבעט און געוויין. מיר אָטעמען די לעצטע מינוטן פֿון דער פֿרייער לופֿט. איך וואַרף אַ בליק אַרום מיר. די פֿרייע פֿעלדער, די טיפֿע וועלדער, קוקן אויף אונדז, אויף אונדזער אונטערגאַנג און — שווייגן.

מיר זענען שוין אַלע אין געטאָ.

די זון פֿאַרגייט. פֿון דער ווייטנס זעט מען אַ לאַנגן „אָבאָז" (אַ ריי פֿון פֿורן), פֿול מיט יידן פֿון נאַליבאָק, דערעוונע, קאַמין, וואָלמע, כאַטעווע, גראַן. פֿאַרמאַטערטע, פֿאַרומגליקלעכטע און דערשראָקענע, קומען זיי אין געטאָ. קינדער וויינען. די פּאָליציי צעטרייבט אונדז. מען וואַרפֿט אַראָפּ זייערע פּעק אויף דער ערד. די פֿריש אָנגעקומענע יידן שטייען הילפֿלאָז, פֿאַריתומט. עטלעכע שעה זענען אַדורך, ביז יעדער האָט געפֿונען אַ ווינקל, אַ דאַך איבערן קאָפּ.

רוביזשעוויטש, שבת, 6.12.41.

היינט צוועלף ביינאַכט איז אויסגעבראָכן אַ שריפֿה אין געטאָ.

היינטיקער שבת איז אַנדערש פֿון פֿאָריקן שבת. מיט אַ וואָך צוריק איז נאָך יעדער געזעסן ביי זיך אין שטוב, אין דער אייגענער היים, ווו ער איז געבוירן געוואָרן און אָפּגעלעבט אַזוי פֿיל יאָרן. היינט לעבן מיר אין פֿרעמדע הייזער. די ענגשאַפֿט איז גרויס. אין אַלע הייזער זענען געמאַכט געוואָרן נאַרעס, אויף וועלכע מען זיצט און מען שלאָפֿט. פּעק מיט זאַכן וואַלגערן זיך אין יעדער ווינקל. קליינע קינדער וויינען פֿון הונגער און בעטן אַ שטיקל ברויט. לער און פֿאַריתומט שטייען אויסער דעם געטאָ די יידישע הייזער. יידן גייען אַרום דערדריקטע. פֿאַרשוווּנדן איז דער קלאַנג פֿון געלעכטער אין געטאָ.

נאָך מיטאָג האָב איך זיך געטראָפֿן מיט מיינע חברטעס, וועלכע איך האָב אַ לענגערע צייט נישט געזען. מיר האָבן געשמועסט צווישן זיך און געטרייסט איינע די צווייטע.

מיט אונדז אין צימער געפֿינען זיך נאָך זעקס פּערזאָן: די משפּחה קאַגאַן פֿון נאַליבאָק, די כהנס. דער זייגער האָט געשלאָגן צוועלף. די מאַמע האָט זיך אויפֿגעכאַפּט. זעט, אַז אַלע פֿענצטער שיינען מיט אַ רויטן שיין. זי האָט אונדז אַלעמען אויפֿגעוועקט. צעשראָקענע זענען מיר אַרויסגעלאָפֿן אין דרויסן און דערזען, אַז נישט ווייט פֿון אונדז ברענען הייזער. דער ווינט שטאַרקט זיך און צעטראָגט די פֿלאַמען און פֿונקען אין

אונדזער ריכטונג. מיר האָבן גענומען פּאַקן ס׳ביסל זאַכן וואָס מיר האָבן נאָך פאַרמאָגט און זיי אַוועקגעטראָגן אין געאייל צו דער מומע שרהקע.

די פּאָליציי כאַפּט מיט כוח מענטשן און טרייבט זיי לעשן דאָס פייער. ביז פאַרטאָג האָט מען געקעמפט מיטן פייער. עס זענען אַוועק אין פלאַמען דריי הייזער: לעוויטאַס, מאָטשע דעם שוסטערס און קאָוואַרסקיס.

מיר זענען צופרידן, וואָס אונדזער שטוב איז דערווייל געבליבן גאַנץ. מען דאַרף נישט זוכן קיין נייעם פּלאַץ צום שלאָפן.

רוביזשעוויטש, יום ב׳, 15.12.41.

חנוכה. עס דערמאָנט זיך אין נס, וואָס האָט געטראָפן אין יענע צייטן און געראַ־טעוועט דאָס יידישע פאָלק פון פאַרניכטונג. אויך דעמאָלט איז די יידישע לאַגע געווען פאַרצווייפלט, זייער הייליקער כבוד צעטראָטן.

געדוכט האָט זיך, אַז דאָס איז בלויז היסטאָריע: געשעענישן און ליידן, וואָס מען לייענט אין ביכער. פּלוצום האָבן אָבער די בלעטער פון בוך זיך צעעפנט... פיל מוראדיקער פון דעמאָלט האָבן די געשעענישן אויפגעלעבט...

פאַרשפאַרט זענען מיר אין געטאָ און אונדזער לעבן הענגט אויף אַ האָר... אונדזער לעבן איז נישט נאַטירלעך. און דער שכל קען עס נישט באַנעמען. צי דען וועט אויך איצט געשען אַ נס? שטום איז די וועלט און מיר הערן נישט די בשורה. צעריסן און באַהאַלטן זענען די אותיות פון וואָרט.

רוביזשעוויטש, שבת, 20.12.41.

אין די גרויזאַמע שווערע מאָמענטן, ווען די האָפענונג איז אין גאַנצן פאַרשווונדן און דו געפינסט זיך צווישן ליידנדע מענטשן — ערשט דאַן קען מען דעם מענטשן דערקענען. אָ, וויפל ליידנדע, אומגליקלעכע מענטשן גיבן אָפּ זייער לעצט שטיקל ברויט אַ פרעמד, וויינענדיק און פאַרהונגערט קינד.

ס׳געפינען זיך אָבער אויך אַזעלכע, וואָס האָבן און ווילן נישט פאַרשטיין דעם צווייטן.

נישט אַנדערש, נאָר צרות מאַכן דעם מענטש פילבאַרער, איידעלער, זייער מיטגעפיל קומט פון דעם, וואָס זיי האָבן אַליין דורכגעלעבט און דורכגעמאַכט.

די ענגשאַפט אין געטאָ איז גרויס. דער טאָג איז שנעל פאַרלאָפן. היינט האָבן מיר אַלע מיידלעך זיך צונויפגעזאַמלט און געשמועסט. מיר האָבן זיך נישט געקענט אָפּטיילן איינע פון דער צווייטער. גיך איז צוגעפאַלן די נאַכט. ביינאַכט טאָר מען נישט אַרומגיין אין געטאָ. מיר האָבן געמוזט צוריק גיין אין די היימען.

וואָס וועט אונדז ברענגען דער קומענדיקער שבת?

וועט ער אונדז ברענגען פרייד?

פרייד אין געטאָ איז זייער אַ שווערע זאַך.

יום ב׳, 22.12.41.

כ׳האָב זיך אויפגעכאַפּט דריי אַזייגער ביינאַכט און מער נישט געקענט איינשלאָפן.

אין דרויסן איז פינצטער. דער הימל איז פֿאַרוואָלקנט. די ערד באַדעקט אַ פראָסט. אַלץ אַרום, אַפילו די נאַכט, שלאָפט. נאָר איך בין וואַכעדיק און ליג אַזוי אין דער פינצטערניש מיט פֿאַרמאַכטע אויגן און ס׳באַהערשן מיך מחשבות און טרוימען.

עס לעבן אויף און לויפן פֿאַרביי שיינע דערינערונגען און בילדער פֿון דער פֿאַרגאַנגענהייט.

ווי שנעל זענען אַוועק יענע טעג, ווען מיר האָבן געלערנט, געאַרבעט און געחלומט פֿון שיינע אידעאַלן, וועגן בויען אַ נייע צוקונפֿט...

צעטראָטן פֿון אכזריותדיקע פיס זענען די שיינע געפֿילן. נאָר זיפֿצן און קרעכצן זענען פֿאַרבליבן — די איינציקע עדות פֿון יענע שיינע טעג און האָפֿענונגען.

ניין, מען קאָן נישט טראַכטן דאָ אין געטאָ וועגן פֿריילעכע, שיינע זאַכן.

מיט וואָס פֿאַר אַ ברען און ליבע וואָלט איך זיך ווידער גענומען צום לערנען און אַרבעט. ווו זענט איר, טעג פֿון אונדזערע יוגנט־פֿאַרווײַלונגען און לעבהאַפֿטע שמועסן? מיר האָבן דאָך געפֿילט, אַז מיר שטייען ממש אויפֿן שוועל פֿון פֿאַרווירקלעכונג פֿון אַזעלכע שיינע אידעען.

יעדעס וואָרט האָב איך געשלונגען מיט התמדה און נייגיר. זיי פֿלעגן זיך טיף איינ־קריצן אין מיין געדאַנק. מיין בליק פֿלעגט זיך טרעפֿן מיט די בליקן פֿון גוטע, ליבנדיקע מענטשן; מיט יענעמס ליבנדיקן, נאָענטן בליק...

געליבט האָב איך אים נישט נאָר צוליב ליבע אַליין. נישט נאָר צוליב זיין אויסערלעכן גלאַנץ. נישט נאָר ווייל יוגנט פֿאָדערט ליבע. כ׳האָב אים געליבט מיטן ריינעם געפֿיל דערפֿאַר, ווייל ער האָט געהאַט אַ מיטפֿילנדע נשמה. אַ מענטש, מיט וועלכן ס׳איז גוט צו געפֿינען זיך אין ליידן און אין פֿריידן. ער פֿלעגט זיך טיילן מיט מיר מיט זיינע איבערלעבונגען און פֿראַגן, וועלכע מיר האָבן געפּרווט זאַלבעצווייט פֿאַרענטפֿערן.

פֿאַר אים פֿלעג איך אַרויסזאָגן מיינע געדאַנקען און שריט אין לעבן. פֿאַר קיינעם, אויסער אים, האָב איך די געדאַנקען נישט אַרויסגעזאָגט. כ׳האָב זיי אָפּטמאָל בלויז פֿאַרצייכנט אין די בלעטער פֿון מיין טאָגבוך.

ער האָט מיינע מחשבות פֿאַרשטאַנען, מיך געמונטערט, געטרייסט און גערעדט וועגן אַ גליקלעכע צוקונפֿט...

כ׳האָב זיך קעגן מיין ווילן פֿאַרטיפֿט אין די אַלע מחשבות פֿון דער פֿאַרגאַנגענהייט און נישט באַמערקט, ווי די שעהן זענען פֿאַרלאָפֿן. דער זייגער האָט געקלונגען זעקס. עס גנבענען זיך אַריין אַ פּאָר ליכטיקע פּאַסן פֿון דרויסן. זיי דערמאָנען מיך, אַז די נאַכט איז אַוועק.

מענטשן הייבן זיך אויף פֿון די געלעגערס. ווער עס גייט אין קיך, ווער צו אַ צווייטער אַרבעט. ביי אונדז זענען שוין אַלע אויפֿגעשטאַנען. די מאַנצבילן זענען אַוועק דאַווענען און מיר מיידלעך — רינע כהן און איך — מאַכן אָרדענונג אין שטוב.

דער זייגער איז שוין צוועלף. באַלד פֿאַרגייט דער טאָג. אין דרויסן פֿאַלט אַ לייכטער שניי. אויף דער גאַס איז שטיל. עס גלוסט זיך נישט אַרויסגיין אין ערגעץ.

ווידער אַ טאָג אַדורך. אַזוי לעבט מען אין געטאָ.

יום ה׳, 25.12.41.

יאָ. ערשט האָט זיך פאַר מיר אַנטפּלעקט אַן ענטפער אויף פאַרשיידענע פראַגן, וועלכע כ׳האָב נישט פאַרשטאַנען. (זאָל עס זיין צוליב מיין אומגליקלעכער לאַגע, אָדער צוליבן עלטערן זיך אַזוי שנעל, דאָ אין געטאָ). — כ׳האָב גענומען אַנדערש קוקן און פאַרשטיין מיינע עלטערן. כ׳האָב זיי גענומען שאַצן גאָר הויך.

דער טאַטע, אַ מענטש מיט אַ מיטפילנדיקן, גוטן כאַראַקטער. אין דער שלעכטסטער צייט זיך געטיילט מיטן צווייטן מיט זיין לעצטן ביסן. ער טוט מער ווי ער קען, איז מסכן זיין לעבן, נאָר כדי צו העלפן זיין משפחה. אַ מענטש מיט אַ ריינעם געוויסן איז מיין טאַטע.

מען הונגערט. אין רוביזשעוויטש איז נישטאָ ביי וועמען צו קריגן עסנוואַרג. דער טאַטע האָט זיך אַרויסגעגנבעט און אַוועק אין דאָרף. פאַרנאַכט איז ער אַ פאַרמאַטערטער צוריק געקומען מיט אַ זאַק עסנוואַרג אויף די פּלייצעס. ער איז נאַס און אַדורכגעווייקט געווען פון אַריבערגיין אַ טייכל. ער האָט געמוזט גיין מיט שטעגן און אונטערוועגן. כ׳האָב נישט געקענט צוזען די ליידן פון מיין טאַטן — און אַלץ פאַר די קינדער.

מיר טוט באַנג פאַר וואָס כ׳בין ניט געגאַנגען אים אַנטקעגן און אים געהאָלפן.

ערשט איצט פאַרשטיי איך, פאַר וואָס ער איז אָפט אויפגערעגט. עס ברענגען אים צו דעם די שטענדיקע צרות. זיין גאַנץ לעבן איז אַדורך אין ליידן און אין שרעק. איצט פאַרשטיי איך אים. איך וועל אים פאָלגן און טאָן וואָס ער וועט מיר זאָגן.

נישטאָ קיין בעסערער פריינד אין לעבן ווי עלטערן, וואָס זענען גרייט אויף די גרעסטע קרבנות פאַרן לעבן פון זייערע קינדער. אַ שאָד, וואָס צו שפּעט הייבט מען אָן אָפּשאַצן זייער ווערט.

יום ה׳, 1.1.42.

דער פרימאָרגן איז אַ קאַלטער. עס בלאָזט אַ שטאַרקער ווינט. דער הימל איז באַדעקט מיט שוואַרצע וואָלקנס. שוין אַדורך דאָס יאָר 1941. אַ יאָר פון גרויסע צרות און שווערע איבערלעבונגען. דאָס ערשטע האַלבע יאָר איז געווען דער היפך פונעם צווייטן. עס איז געווען אַ צייט פון האָפענונגען און גלויבן אין דער צוקונפט. ניין. עס האָט זיך נישט פאָרגעשטעלט, וואָס עס דערוואַרט אונדז אין צווייטן האַלבן יאָר. מיר האָבן זיך געגרייט פונאַנדערשפרייטן אונדזערע פליגל, אָנזאַפּן אין זיך וויסנשאַפט, הומאַניזם, ליבע צום מענטש. שנעל זענען אָבער פאַרלאָפן יענע דערהויבענע טעג פון לערנען, אַרבעטן און גלויבן. אַלץ איז צעבראָכן געוואָרן, צעטראָטן דורך די באַרבאַרן און מענטשן־חיות. אומשולדיקע מענטשן זענען דערמאָרדעט געוואָרן. עס רינט יידיש בלוט.

זאָל דאָס יאָר 1941 ווייט פאַרלויפן און נישט איבערלאָזן נאָך זיך קיין שפור.
פאַרשאָלטן זאָל דאָס יאָר בלייבן אויף שטענדיק.
מיטן פאַרגאַנג פון יאָר, זאָלן אויך אַוועק די צרות.
שלום און פרייד זאָל קומען אויף דער וועלט.

יום ב׳, 5.1.42.

שווער צו געפינען אַן ענטפער אויף אַ סך פראַגן, וואָס באַגלייטן דיך אַ גאַנצן

טאָג — פון אויפשטיין ביזן שלאָפן גיין. נאָך שווערער איז צו פאַרהוילן דעם טרויער און דאָס שווערע געמיט, וואָס לאָזט דיך נישט אָפּ.

שנאה און שפּאָט זענען אונדזערע טעגלעכע באַגלייטער. יעדער טאָג — שלעכטע ידיעות וועגן יידישן מצב. און אַרום מיר — הונגעריקע און האַלב־נאַקעטע מענטשן. דאָס שטיקל ברויט איז ביי ס׳רוב אַ זעלטענער גאַסט. קינדער וויינען עסן און די מאַמעס מוזן צוקוקן צו זייערע קינדערס לאַנגזאַמער גסיסה. איך קען זיי מיט גאָרנישט העלפן. די הילף וואָס פריינד גיבן, איז אַ קליינע, ווייל אויך זיי האָבן ניט פון וואַנען צו נעמען.

ס׳קומען מאָמענטן, ווען עס ווילט זיך מער נישט לעבן.

גענוג, שוין אָפּגעלעבט אַכצן יאָר. אַכצן יאָר — די בעסטע, גליקלעכסטע יאָרן אין מענטשנס לעבן. יאָרן פון וואַקסן, שטייגן און אַנטוויקלונג. יאָרן פון פרייד און געלעכטער, געזאַנג און פאַרווײַלונג.

וואָס האָבן מיר די יאָרן געבראַכט? אַלטקייט, אומעט און צרות.

צו וואָס דען לעבן?

אָבער דער ווילן צום לעבן פליסטערט מיר אין אויער: די צרות וועלן פאַרגיין. עס וועלן קומען גוטע טעג, אַ גוט לעבן וועט קומען און דו וועסט פאַרגעסן די אַלע צרות. דו וועסט צוריק יונג ווערן און אויפלעבן.

יום ה׳, 8.1.42.

די לופט ציטערט פון קעלט. פון פאַרקאַן שיטן זיך שטיקלעך שניי. די הוילע ביימער שטייען אין פעלד מיט הילפלאָזע, אַראָפּגעלאָזענע, נאַקעטע צווייגן.

היינט איז תענית. אַלע פאַסטן און בעטן ביי גאָט הילף. די לאַגע איז זייער אַן אָנגעשטרענגטע.

דער פאַרנאַכט איז צוגעפאַלן און כ׳בין אַריין צו מאַשען זיך אַראָפּריידן פון האַרץ אַ ביסל. מאַשע איז מיין בעסטע חברטע. כ׳דערצייל איר אַלץ וואָס קימערט מיך און קוועלט. אויך זי טיילט זיך מיט מיר מיט אירע מחשבות און געפילן. איך ליב און שעץ איר זייער. אָפּטמאָל חלומט זי זיך מיר. כ׳גלויב, אַז זי פילט דאָס זעלבע אויך צו מיר.

שבת, 10.1.42.

ווידער איז אַוועק אַ וואָך. די טעג ענדערן זיך נישט איינער פון צווייטן. איין וואָרט איז ביי יעדערן אויף די ליפּן, איין מחשבה באַהערשט אַלעמען: — עסן. שווער איז צו ליידן הונגער. דער אָרגאַניזם פאָדערט ס׳זייניקע. דאָס האַרץ פאַרחלשט פון הונגער. דער טאָג ציט זיך אַזוי לאַנג. מען איז דערדריקט און פאַראומערט.

פון צייט צו צייט לויפט אַדורך אַ קורצע דערמאָנונג פון אַמאָל. און כאָטש מען וויל, קען מען נישט פאַרגעסן אין יענע טעג. מען טרעט אויף דער פאַראומערטער גאַס, מיט צעשראָקענע און נישט זיכערע טריט. ס׳ציטערט דאָס בלוט אין קערפּער און מען ווייסט, אַז דאָס לעבן איז נישט זיכער.

ס׳קומט אָן דער פרימאָרגן. פונקט ווי דער נעכטיקער — זענען די פענצטער

באַדעקט מיט פראָסט. אין שטוב איז קאַלט. מען שטייט אויף. מען נעמט פונאַנדער די נאַרעס. מען שיילט אָפּ עטלעכע קאַרטאָפל (אויב עס איז נאָך דאָ), מען רוימט אויף די שטוב — און אַזוי פאַרגייט לאַנגזאַם דער טאָג.

טיילמאָל לייען איך, שרייב — און דאַן פאַרגעס איך, וואָס עס טוט זיך אַרום מיר, אַז איך געפין זיך אין געטאָ.

ס׳קומט די נאַכט. אָפּט גיי איך פריער שלאָפן. אין די נעכט ליג איך לאַנג און קלער. איך ווער מיד פון קלערן און כ׳שלאָף איין.

איך דערמאָן מיך די זומער־טעג, בעת מען האָט אונדז ווי שקלאַפן געטריבן אין דאָרף פּאַפּקי שניידן די תבואה אויפן פעלד. שפּעטער האָבן מיר געגראָבן קאַרטאָפל ביי די קריסטן. אַפילו דאַן איז בעסער געווען, ווי איצט אין געטאָ.

שוין אַ האַלב יאָר פאַרלאָפן זינט איך בין פון וואָלאָזשין. בין איך ווירקלעך ווען געווען אַ פרייער מענטש ?

יום ד׳, 14.1.42.

דער זייגער איז פיר. עס איז נאָך פינצטער. די מאַמע איז נישט געזונט און ליגט אין בעט. כ׳בין אויפגעשטאַנען און גלייך גענומען זיך צו דער אַרבעט: איינגעהייצט דעם אויוון און אָפּגעקאָכט ס׳עסן. כ׳מוז זיך מודה זיין, אַז איך האָב נישט ליב די אַרבעט אין קיך. כ׳בין נישט פעיִק דערצו. איך מוז עס אָבער טון, ווייל ס׳איז נישטאָ ווער עס זאָל מיך פאַרבייטן. איך האָף, אַז די מאַמע וועט בקרוב געזונט ווערן.

איצינקע איז זייער אַ שלעכט קינד. ער פאַרקירצט מיר די יאָרן. שטענדיק ווינט ער און שרייט.

איצט, ווען כ׳דאַרף דאָ פירן די באַלעבאַטישקייט, דערמאָנען זיך מיר די „וויכאָדנע״ טעג (פרייע טעג פון אַרבעט) אין וואָלאָזשין. דאָרט בין איך אָבער גוט געשלאָפן, אויפגעהויבן זיך, געכאַפּט וואָס עס איז נאָר געווען און אַוועק צו דער אַרבעט. נאָך דעם, בין איך אַ פריילעכע אַוועק צו די חברטעס. איין גאָט ווייסט, צי זיי לעבן ?

פינצטערע צייטן זענען געקומען און געמאַכט אַ סוף צו די שיינע, יונגע לעבנס. טרערן שטעלן זיך אין מיינע אויגן: צו וואָס מיר זענען געקומען ?

צוגעפאַלן איז דער אָוונט. דער טאַטע איז צוריק געקומען פון דאָרף. ער איז אַריינגעפאַלן אין שטוב אַ דערפראָרענער. ער האָט אָבער פאַר זיין משפחה געבראַכט שפּייז: קאַרטאָפל און ברויט איז, גאָט צו דאַנקען, שוין דאָ.

איך פיל זיך צעבראָכן. דער זייגער איז שוין אַכט ביינאַכט. אדיע...

יום ב׳, 19.1.42.

די פרעסט זענען מוראדיקע. דער הימל איז לויטער און בלוי. אַלץ איז פאַרדעקט מיט אַ ווייסן שניי. ער גלימצערט און שיינט אונטער דער קאַלטער זון.

כ׳פיל זיך אַלט. נידעריק און געפאַלן בין איך. איך הייב טיילמאָל אָן צו זינגען אין זיך, כדי זיך אויפמונטערן. די טענער קלינגען אָבער איצט — אַנדערש ווי אַמאָל. זיי ברענגען מיר אומעט און טרויער.

עס וועלן דאָך קומען גוטע צייטן, טראַכט זיך אַמאָל, און די איצטיקע באַשריי־



בי״ס „בנות־יעקב״, 1936. בשורה השלישית, החמישית מימין — שרה פישקין ז״ל
די „בנות־יעקב״ שול, 1936. אין דער דריטער ריי, די פינפטע פון רעכטס — שרה פישקין ז״ל

בונגען אין טאָגבוך וועלן זיך נישט לאָזן גלויבן. אונדזערע איצטיקע געפילן, וואָס זענען אַזוי שטאַרק פאַרקריצט אין געדאַנק, וועלן אָבער עדות זאָגן אויף אַלע אונדזערע צרות און ליידן.

ווען קומען אַ צייט, ווען מיר וועלן זיך באַפרייען פון פאַרשקלאַפונג און אַראָפּ־וואַרפן פון זיך די געלע לאַטע?

וועט קומען ווען אַ צייט, ווען פאַרשווונדן וועט די שנאה צו אונדז? מען וועט קוקן אויף אונדז ווי אויף מענטשן? נישט וועלן אונדז אויסראָטן מער?

ס׳וואָלט זיך וועלן זען די וועלט און דערלערנען אירע פאַרהוילענע סודות.

ס׳וואָלט זיך וועלן בלאָנדזשען איבער בערג און טאָלן, דורך שטעט און דערפער — אַלץ זען און פאַרשטיין.

טרעפן זיך מיט געלערנטע מענטשן און לערנען פון זיי חכמה.

איך וויל העלפן ליידנדע מענטשן, טרייסטן זיי, אַרויספירן אַלע בלאָנדזשענדע אויף אַ גוטן וועג.

איך ווייס אָבער, אַז דאָס אַלץ איז פאַנטאַזיע. דאָס העלפט אָבער אין דער שווערער ווירקלעכקייט; אויף אַ מאָמענט העלפט עס אין דער שווערער ווירקלעכקייט, וואָס גיט קיין ענטפער נישט אויף מיינע ווונטשן און פראַגן.

יום א׳, 25.1.42.

היינט צוגענומען פון געטאָ דריי הונדערט מענער.

דער ייד ווייסט קיינמאָל נישט, וואָס דער מאָרגן וועט אים ברענגען. ער לעבט נאָר

מיטן היינט. זאָרגט נאָר פאַר דער שעה, וואָס ער לעבט און טראַכט נישט וועגן דער צוקונפט. אים איז אַפילו פרעמד דער געדאַנק וועגן דער צוקונפט. זיין לעבן איז אָנגעזאַפּט מיט שרעק און אומעט.

ווען אַ קינד זינגט אַמאָל אַ פריילעכס, דוכט זיך, אַז עס פאַרגייט זיך אין געוויין. לאַכט עס — שטייען אים טרערן אין די אייגעלעך.

וויל ער זיך אַ ביסל פריילעך מאַכן — רייסן זיך קרעכצן אַרויס פון זיין האַרץ.

נעכטיקער שבת איז געווען דער לעצטער פון צונויפקלייבן זיך ביי מיר אין שטוב, מיידלעך און חברים. מיר האָבן גערעדט פון אַ סך זאַכן, אויף עטלעכע שעה פאַרגעסן פון געטאָ און פון אַלע צרות.

געווען ביי מיר אויך זלמן זאווילעוויטש און וועלוול דער סטויפּצער. מיט וועלוולען האָב איך גערעדט און דערמאָנט זיך אַ סך זאַכן. אויך וועגן ליבע האָט מען גערעדט... דערציילט האָט ער מיר וועגן זיין מיידל, וואָס ער האָט אַזוי שטאַרק ליב, פאַרבליבן איז אים פון אַלעם — זכרונות און אַ שטאַרקע ווייטיק. איך פיל אים זייער מיט און טרייסט אים, אַז זיין מיידל לעבט זיכער ערגעץ און זיי וועלן זיך נאָך טרעפן.

ער האָט מיר צוגעזאָגט, אַז היינט אָונט וועט ער קומען נאָך אַ מאָל. אָבער מיר האָבן זיך מער נישט געזען.

מוצאי־שבת. שטיל איז די נאַכט. די פראָסט איז גרויס און די יידן אין געטאָ שלאָפן זייער שלאָף. פלוצום דערהערט זיך אַ שטאַרק קלאַפּן אין טיר און אַ באַפעל — קיינער זאָל פון שטוב נישט אַרויס. די וואָס וועלן אַרויס, וועלן צוריק נישט קומען.

די שטימע און די טריט פאַרגייען. באַלד הערט זיך דאָס קלאַפּן און די באַפעלן אין די שכנותדיקע הייזער.

דער זייגער איז פיר פאַרטאָג. מיר האָבן נישט פאַרשטאַנען, וואָס מיינט דער באַפעל. מיר האָבן אָבער געפילט, אַז דער מלאך־המוות טרעט אין גאַס. דאָס האַרץ קלאַפּט שטאַרקער, פון שרעק.

מיר טאָן זיך אייליק אָן און דרייען זיך אום אין שטוב — פאַרפינצטערטע און פאַרטרויערטע. מיר ווייסן, אַז קיין גוטס וועט שוין דער טאָג אונדז נישט ברענגען. אַפילו גאָט האָט פאַרגעסן אין אונדז — זיין ביסל איבערגעבליבענע יידן.

לאַנגזאַם איז געקומען דער פרימאָרגן. אין דרויסן איז אַ שטאַרקער ווינט און אַ מוראדיקע קעלט. די הערצער ציטערן. ענדלעך דערוויסן מיר זיך, אַז ס׳איז אָנגעקומען אַ באַפעל אָפּצוקלייבן דרייהונדערט מאַן און אַוועקשיקן זיי ווייט, ווייט...

אין יעדער שטוב איז אַ יאָמער. מען פאַקט די פלעצאַקעס פאַר די מענער. אויף דער גאַס איז אַ מוראדיקער טומל און צעמישעניש. אַ פרוי וויינט, אַז מען לאָזט איר איבער מיט פינף פיצלעך קינדער. אַן אַלטינקער יידעלע שטייט און טענהט מיט אַ וויינענדיקן קול: — לאָזט מיר איבער כאָטש איין זון, נעמט נישט פון מיר צו אַלע קינדער...

אַלע שרייען און טענהן. יעדן ווייטיקט דאָס האַרץ פאַר זיינס. אין מאַרק — מחנות מענטשן. די משפחות ווילן זיך נישט אָפּטיילן פון זייערע נאָענטע און טייערע. ס׳קומט אָן פּאָליציי און צעטרייבט. מען שלאָגט איבער די קעפּ און ווו נאָר מען טרעפט. אַלע דרייהונדערט מענער הייסט מען זיך אויסשטעלן אין אַ ריי.

זיי טוען אָן די פּלעצאַקעס און עס הערן זיך האַרצרייסנדיקע געוויינען פון געזעגענען.

אויך מיין ברודער איז צווישן זיי. מיין מאַמע האָט געחלשט, געזעגענענדיק זיך מיטן זון. דער ברודער געזעגנט זיך מיט מיר מיט געוויין און זאָגט: — ווער ווייסט צי מיר וועלן זיך נאָך זען.

אויך טעוול קאַגאַן, וואָס וווינט מיט אונדז צוזאַמען, גייט אַוועק. אויך דער מומעס שרהקעס זין קומען זיך געזעגענען און גייען אַוועק.

זיי גייען, די אָרעמע יידן מיט די פּלעצאַקעס אויפן רוקן — איינגעבויגענע, פאַרומגליקלעכטע און הונגעריקע. ווער ס׳איז וואַרעם אָנגעטאָן, ווער האַלב נאַקעט און באָרוועס אין דער עסעדיקער קעלט. די שקאָצים פון דער פּאָליציי באַגלייטן יעדן איינעם מיט אַ פּאָר שטאַרקע שמיץ פון דער נאַגייקע.

אין די הויפן שטייען די פאַריתומטע משפחות, וואַרפן די לעצטע בליקן אויף די מענער, עלטערן און קינדער און וויינען מיט ביטערע טרערן.

אַ מאַמע וואָגט און טראָגט צו איר זון אַ וואַרעמען שאַליק. אַ פּאָליציאַנט צעשלאָגט איר ביז בלוט. אַ ייד חלשט. אָנשטאָט צו דערמונטערן אים, שלאָגן אים די שקאָצים מכות רצח. נאָך דעם שטעלן זיי אים אויף און פירן אַריין אין דער שורה.

אַלע וויינען. ס׳דוכט זיך, אַז אַפילו דער הימל, די ערד, די נאַטור וויינט אויפן יידישן חורבן.

פון דער זייט שטייען זאַטע פויערים, אָנגעטאָן אין זייערע לאַנגע, וואַרעמע פעלצן, אין וואַליאַקעס און קוקן זיך צו מיט הנאה אויף דעם וואָס קומט פאָר.

צען דער זייגער. מען רופט אויס די נעמען פון די קרבנות. עס דערהערט זיך דער באַפעל: — אַרויסגיין.

מיין ברודערס נאָמען האָט מען נישט אויסגעלייענט און די מאַמע ווינקט צו אים, גיט אים צייכנס ער זאָל זיך אַרויסגנבענען פון דער שורה.

מיט גרויס מי איז אים געלונגען אַנטלויפן און זיך באַהאַלטן. מיר קוקן נאָך די אַוועקגייענדיקע יידן, ביז זיי פאַרשווינדן פון אונדזערע אויגן. מען זעט זיי שוין מער נישט. זיי גייען קיין איוועניק. דער ווינט אַליין באַגלייט זיי. זינגט זיי צו זיין טרויעריקע מעלאָדיע.

אויפן מאַרק בלייבן שטיין די איבערגעבליבענע. צעשוידערטע פון טרויער, פילן זיי נישט די קעלט. ביסלעכווייז צעגייט מען זיך. יעדער גייט אַ היים, ווי פון אַ לוויה. די הענט לייגן זיך צו גאָרנישט טאָן. עס גלוסט זיך גאָרנישט טאָן. מיר טראַכטן פון אונדזערע פריינד, וואָס מען האָט אַזוי אכזריותדיק פון אונדז צוגענומען.

יום ב׳, 26.1.42.

אין דרויסן איז דער פראָסט מוראדיק. ס׳בלאָזט אַ שטאַרקער ווינט. ער הייבט אויף פון דער ערד קופעס שניי און טראָגט זיי אין דער לופטן. עס דרייט הימל און ערד. די גאַס איז פוסט פון מענטשן. די קעלט דרינגט אַריין אויך אין די ביינער.

מיר האָבן זיך אויפגעכאַפּט גאָר פרי. ווער קען שלאָפן נאָך די נעכטיקע געשעענישן? היינט איז דער ערשטער טאָג, וואָס מיר זענען געבליבן אָן אונדזערע בעסטע פריינד און

באַקאַנטע. אין יעדער שטוב, אין יעדער ווינקל, פילט זיך דאָס פעלן פון די נאָענטע און באַקאַנטע.

פון יעדער שטוב הערן זיך געוויינען פון קינדער און פרויען נאָך זייערע טאַטעס און מענער. און ווו זענען זיי איצט, אין דער מוראדיקער קעלט?

אויף וועלכע ווייטע, פינצטערע וועגן פירט מען זיי?

פאַר וואָס קומט אונדז, יידן, אַזוי גערודפט צו ווערן? געטריבן צו ווערן פון איין אָרט אויפן צווייטן? איין צרה גרעסער פאַר דער צווייטער. אָנשטאָט דער גאולה, פאַרגרעסערן זיך די צרות. עס האָט זיך אין מיר דערוועקט אַ שרעקלעכער צווייפל: איז דען ווירקלעך דאָ אַ גאָט? קען ער צוזען אַזעלכע צרות? דאָס גיסן זיך פון יידיש בלוט און שווייגן? דאַרף ער אַ קרבן? צי דען איז דער קרבן פון אַזוי פיל יידישע עופלעך, לעבעדיקערהייט געוואָרפענע אין די קברים, נישט גענוג אים?...

צי דען דערגרייכן נישט אין הימל אונדזערע תפילות, תחנונים און געוויינען? אָדער — איז דער בעכער פון יידישע ליידן נאָך נישט פאַרפולט?

די ווענט פון רוביזשעוויטשער בית־המדרש זענען אָנגעזאַפּט מיט זיפצן און טרערן. דאָרט געפינען זיך אַ סך משפחות פון די אַרומיקע שטעטלעך און דערפער. זיי זענען פאַרהונגערט און פאַרצווייפלט און מיר דאָ, האָבן נישט מיט וואָס זיי צו העלפן.

אָ, גאָט! דערלייז אונדז פון די צרות, אָדער מאַך אַ תל פון דער גאַנצער וועלט.

שיק דעם מבול, ווי אַמאָל — און אָפּגעמעקט זאָל ווערן די מענטשהייט פון דער ערד.

דערטרונקען זאָלן אַלע ווערן אין די כוואַליעס פון מבול.

פאַרשאָלטן זאָל ווערן די וועלט. פאַרשאָלטן זאָלן ווערן די שטראַלן פון דער זון: פאַר וואָס לייכט זי און וואַרעמט די רוצחים און פאַר אונדז ברענגט זי נישט קיין ליכט, נאָר אַ שלייער פון טרויער?

אויב לעבן, גליק און יוגנט־פרייד איז נאָר פאַר אַ טייל געגעבן געוואָרן, טאָ זאָל אַזאַ לעבן פאַרשניטן ווערן! זאָל קיין גליק פאַר קיינעם נישט זיין.

אויב מיר, יידן, זענען באַשאַפן געוואָרן בלויז צום ליידן; אויב מיר יידן מוזן זיין קנעכט צו יעדן נידעריקן מענטש — ווער דאַרף דען אַזאַ לעבן? זאָל אַזאַ ווילדע וועלט אויסגעראָטן און אויסגעוואָרצלט ווערן.

אויב די יסודות פון דער וועלט זענען מלחמות, ברוטאַליטעט, מערדעריי — פאַר וואָס זשע פרעדיקט מען פאַר אונדז מאָראַל, ליבע צום מענטש? פאַר וואָס רעדט מען וועגן פרייהייט און גלייכהייט?

דאָס איז דאָך אַ גרויסע פאַלשקייט. אַן אָפּנאַרעריי.

די וועלט איז צעשפּליטערט און איינער האַסט דעם צווייטן.

די קליינע טייל פון ליגנער און ברוטאַלן, געניסן פון גליק און פרייד. ווי קען אַזאַ וועלט עקזיסטירן? אויב איז דאָ אַ גאָט — פאַר וואָס זעט ער דאָס אַלץ צו און שווייגט? בין איך קעגן אַזאַ גאָט און כ׳זאָג:

— ניין. ס׳איז נישטאָ קיין אייבערשטער.

מיין געדולד האָט געפּלאַצט און כ׳מוז שרייבן דעם אמת, וועלכער האָט באַהערשט מיינע מחשבות. מיט אַ פּאָר יאָר צוריק, וואָלט איך נישט געשריבן, וואָס כ׳שרייב אַצינד,

צוזעענדיק אונדזערע צרות, אונדזער גערַאנגל און אונדזער גרויזאַמען ים פון פאַרניכטונג. און ס׳געפינט זיך נישט אַ האַנט, וואָס זאָל אונדז פרווון ראַטעווען — קען איך מער ניט שווייגן.

ווי קען איך שווייגן, ווען כ׳זע, אַז די הענט, וואָס שטרעקן זיך אויס צו אונדז, זענען נאָר צו פייניקן.

כ׳וועל צוריק גלויבן אין גאָט און רופן אים מיין טאַטע און דערלייזער, ווען ער וועט באווייזן זיינע נסים: באַפרייען אונדז און אונדז צוריקגעבן אונדזער באַרויבט גליק און גלויבן.

יום ה׳, 29.1.42.

היינט האָט מען אונדז געטריבן רייניקן דעם שניי פון וועג. דער פרימאָרגן איז זייער אַ קאַלטער. מען האָט מיר אָנגעזאָגט, אַז כ׳דאַרף גיין אויף אַרבעט, רייניקן דעם שניי פון וועג. כ׳האָב גענומען אַ גרובאייזן און אַוועק. אין דרויסן דרייט הימל און ערד. דער ווינט טראָגט און דרייט מיטן שניי. מיר שטייען אויפן פרייען פעלד. מיר אַרבעטן שנעל, כדי צו דערוואַרעמען זיך. די הענט פרירן פון קעלט. דער אומעט אין האַרץ איז גרויס.

שבת, 31.1.42.

די יוגנט זעט פאַר זיך שטענדיק פאַרשיידענע בילדער און פערספעקטיוון אין אַלערליי קאָלירן. די יוגנט גלויבט אין גליק, אין דערגרייכונג פון שיינע צילן. די יוגנט בינדט און קניפּט אירע מחשבות און טרוימען מיטן צוקונפטיקן לעבן.

ביי מיר אָבער זענען די אַלע טרוימען פאַרשווונדן. די ווירקלעכקייט האָט זיי צעהאַקט און צעבראָכן. אַזוי פאַרגייען טעג. טעג פול מיט ליידן. איך טראַכט וועגן די ווייטע שלאַכטפעלדער, ווו די בעסטע מענטשן קעמפן מיט העלדן־מוט קעגן די נאַציס; קעמפן און פאַלן און איבער זייערע טויטע קערפּערס גייט די פילקעפּיקע טעמפּע מאַסע...

איך טראַכט וועגן יענע העלדן און דענקער, וועלכע האָבן געבויט און געטרוימט וועגן אַ פרייער וועלט און אַלגעמיינעם גליק. פאַר וואָס האָבן זייערע דערגרייכונגען איבערגענומען טריאומפירנדיקע חזרים, וואָס כרוקען מיט פאַראַכטונג אויף די טרוימער?

שווער איז צו לעבן אין אַזאַ וועלט. אַ וועלט אָן אַ מאָרגן און אָן אַ היינט.

אַלץ איז פון דיר אַוועקגערויבט: אָן אַ היים און אָן אַ לאַנד.

יום א׳, 1.2.42.

ס׳זענען דערגאַנגען צו אונדז קלאַנגען וועגן דער שחיטה אין ראַקאָווער געטאָ. יעדער הערט עס צו און שווייגט. דער באַגריף „שחיטה" איז געוואָרן אַ טאָג־טעגלעכער אויסדרוק און מען ווערט מער נישט אויפגעציטערט פון דעם.

איך זיץ אין שטוב מיטן קאָפּ אין די הענט און טראַכט און קען מער נישט אויסהאַלטן. כדי צו פאַרטרייבן די מחשבות, גיי איך אַרויס אין דרויסן.

דער אָוונט איז געווען אַ שטילער. אויפן הימל האָבן זיך געצויגן וואָלקנס. וווהין איילן זיי זיך, צי האָבן זיי אַ ציל?

שטערן קוקן אַרונטער אויף דער ערד. אַלץ איז באַדעקט מיט דער פינקלדיקער, גֶעפּלדיקער זילבער־ליכט פון דער לבנה. ווי פונאַנדערגעוואָרפענע ברילאַנטן שפיגלט זיך אין איר דער שניי.

שטיל איז די נאַכט און רויִק. די געטאָ שלאָפט און דערוואַרט דעם מאָרגנדיקן טאָג.

כ׳האָב נישט געוואָלט זיך צוריקקערן אין שטוב און צו די מאַטערנדיקע מחשבות. כ׳האָב געוואָלט בלייבן שטיין אין דרויסן, צוקוקן זיך צו דער רויִקער נאַטור אַרום מיר. כ׳האָב געוואָלט זיך פאַרוואַנדלען אין אַ טויטן ווענט: פון קיין זאַך נישט טראַכטן. אַלץ, האָב איך געוואָלט, זאָל שוין זיין מיט מיר געענדיקט און מיטנעמען מיט זיך מיינע פאַרבאָרגענע, פאַר קיינעם נישט אַרויסגעזאָגטע מחשבות און טרוימען. פאַרגעסן זיך אין די גוטע טעג, וואָס זענען פאַרשניטן געוואָרן; אין דער יוגנט, וואָס איז נישט געלעבט געוואָרן. פאַרגעסן, און זאָל מיך דער ווילן צו לעבן און ליבן ניט מאַטערן. איך וויל ניט הערן מער דעם שפּאָט און געלעכטער פון די שונאים.

אָבער דער לעבנס־אינסטינקט איז שטאַרק, און ער מורמלט:

— לעב, לעב, ווייל פרייהייט און גליק קאָן נאָך קומען.

יום ב׳, 3.2.42.

כ׳האָב געלייענט צוויי ביכער: אַרציבאַשעווס „סאַנין״ און „דער לעצטער שטריך״. זיי זענען צוגעפּאַסט צו מיין שטימונג. כאָטש זיי האָבן מיר געבראַכט אומעט, האָב איך דאָך אַ סך געלערנט פון זיי.

יום ד׳, 5.2.42.

זייער אָפט דערמאָן איך זיך און טראַכט וועגן מיין עלטערער שוועסטער. זי שטייט אַ לעבעדיקע פאַר מיינע אויגן. כ׳טראַכט איבער די אַלע גוטע און שלעכטע צייטן, ווען כ׳בין געווען מיט איר. אין די לאַנגע שלאָפלאָזע נעכט שמועס איך מיט איר און דערצייל איר אַלע מיינע פאַרבאָרגענע געדאַנקען.

ווייט איז דער וועג צווישן אונדז — מיין טייערע ליבע שוועסטער. מיינע אויגן קענען דיך נישט זען. אָבער אויפגעבונדן זענען אונדזערע הערצער. ווו ביסטו, שוועסטער מיינע? לעבסטו? ביסטו פריי און גליקלעך? אָדער ליגסטו איינזאַם אונטער אַ בערגל ערד, אין אַ וויסטן פעלד.

ווען דער גורל וואָלט צו אונדז געווען גוט, וואָלטן מיר צוזאַמען גיין דעם וועג, וואָס פירט צו פרייהייט און גליק. דיינע שמחות וואָלטן געווען מיינע, דיינע ליידן — מיינע.

ווער ווייסט? אפשר וועלן מיר זיך אין אַ שיינעם פרימאָרגן ערגעצווו טרעפן? איז מעגלעך, אַז די פאַנטאַזיע זאָל ווערן אַווירקלעכקייט?

יום ה׳, 13.2.42.

שוין פאַרלאָפן עטלעכע טעג ווי כ׳נעם נישט די פען אין האַנט. די סיבה איז אַ פשוטע: די לעצטע טעג זענען אַדורך אָן באַזונדערע געשעענישן.

אַז עס וועלן אַדורך חדשים און כ׳וועל נאָך לעבן און קענען בלעטערן דעם טאָגבוך — וועל איך וויסן, אַז וועגן די לעצטע טעג איז נישט געווען וואָס צו שרייבן.

יעדן טאָג טרייבט מען אונדז אויפן וועג רייניקן דעם שניי.
טרויער און איינזאַמקייט באַגלייטן מיך און לאָזן ניט אָפּ.

יום ד׳, 19.2.42.

די טעג זענען וואַרעמע און שיינע, נאָר מיר מערקן עס נישט. די יידן אין געטאָ זענען פאַרזונקען אין יאוש. קיין שום האָפענונג אויף אַ פאַרבעסערונג פון אונדזער לאַגע.

אונדזער לעבן איז נישט זיכער און הענגט אויף אַ האָר. די מערדער ווילן שטילן זייער דורשט אין אונדזער בלוט. נישטאָ קיין האָפענונג. עס נעענטערן זיך ערגערע און טרויעריקע טעג.

יום ג׳, 24.2.42.

עס שטיקן מיך טרערן און עס קלעמט מיר דאָס האַרץ, שרייבנדיק די שורות. שלעכטע נייעס זענען צו אונדז דערגאַנגען. מען פירט אונדז איבער אין אַ צווייטן געטאָ — איוועניץ. אַ געטאָ, אַרומגערינגלט מיט אַ הויכן, נישט אַדורכגייענדיקן צוים. עס דערוואַרט אונדז אין דעם פרעמדן געטאָ אַ לאַנגזאַמער הונגער־טויט.

נישטאָ קיין סוף צו אונדזערע צרות. אָן אַ גרונט זענען אונדזערע ליידן. דאָ איז אונדז געווען שלעכט. נאָך ערגערע צייטן דערוואַרטן אונדז. מיר דאַרפן פאַרלאָזן די אייגענע היימען — דאָס שטעטל, ווו מיר זענען געבוירן און אויפגעוואָקסן. מען דאַרף גיין אין אַ פרעמדער שטאָט, אין פינצטערן געטאָ.

ס׳וועלן מיר פעלן די אייגענע פיר ווענט, דער טיש ביי וועלכן כ׳בין געזעסן אַכצן יאָר, דאָס פאַרבעטע בעט, דער באַרג־אַראָפּיקער הויף — אַלץ וועט דאָ בלייבן פאַריתומט. אַ טויטע שטילקייט, ווי אויף אַ בית־עולם, וועט הערשן אין אונדזערע הייזער. בלויז דער ווינט וועט אין זיי שפּאַצירן, קלאַפּן מיט די טירן און פענצטער.

אין דרויסן איז אַ גערויש. יידן קלייבן זיך צוזאַמען. מען טענהט. מען וויינט. מען זעט נישט פון וואַנען וועט קומען די ישועה.

אַלע פּאַקן זיך און גרייטן זיך צו דער פינצטערער רייזע. קיינער ווייסט נישט וויפל טעג מיר וועלן נאָך דאָ בלייבן. מעגלעך, אַז דאָס איז דער לעצטער טאָג, וואָס כ׳שרייב, זיצנדיק אין מיין אַלטער, טייערער היים.

ערשט איצט פאַרשטיי איך ווי גוט ס׳איז מיר דאָ געווען. מיר האָבן געמיינט, אַז ערגער קען שוין ניט זיין פאַר אונדז. און אָט קומט אַזאַ אומגעריכטער, פינצטערער סוף.

כ׳בין איצט צוריק געקומען פון דער אַרבעט. כ׳האָב געאַרבעט ביים שניי. געשעפּט אין זיך די ריינע לופט פון פעלד און געקלערט: אפשר איז דאָס דער לעצטער טאָג פון אונדזער פאַרהעלטניסמעסיקער פרייהייט דאָ?

דער הימל איז גרוי — צוגעפּאַסט צו אונדזער שטימונג. כ׳קוק אַרום זיך, קוק אויף די באַקאַנטע פעלדער און וועלדער מיט וועלכע איך דאַרף זיך שיידן.

עס דערנענטערט זיך דער אָוונט. מיר ענדיקן די אַרבעט און גייען לאַנגזאַם אַ היים. פון דערווייטנס, אויפן באַרג, זעט מען שוין אונדזערע הייזער. און מיר גייען אַריין אין געטאָ.

אויפן גאַס איז שטיל. ווו נישט ווו שטייען אַ פּאָר פאַראומערטע יידן. מען קוקט אויפן פאַרגייענדיקן טאָג.

דער פראָסט שטאַרקט זיך. די זון פאַרגייט הינטער דעם שטילן, שווייגנדיקן וועלדל. ס'ווילט זיך נישט אַריינגיין אין שטוב. דאָרט הערשט אַן אבל־שטימונג. ס'ברענט דאָרט אַ קליין פייערל און אַלע ריידן מיט אַ דערדריקטער שטימונג וועגן דער גזירה.

איך פיל זיך צעבראָכן און מיד פון דער אַרבעט און קעלט. איך גיי שלאָפן מיטן איינציקן באַגער די גזירה זאָל אָפּגעשאַפן ווערן. איך וויל בלייבן דאָ, ביי זיך אין געטאָ.

יום ה', 26.2.42.

די נאַכט האָט זיך געצויגן לאַנג, לאַנג. יעדע שעה — אַ יאָר. און איך ליג און טראַכט. ערשט פאַרטאָג בין איך איינגעשלאָפן און געחלומט שיינע חלומות.

כ'האָב זיך אויפגעכאַפּט זעקס אַ זייגער. דער הימל איז בלוי. די ערד איז ווייס, ריין פון אָנגעפאַלענעם שניי. אַך, ווי שיין איז די וועלט: ווי גוט איז צו לעבן און זיין פריי.

איך בין אַרויס אין גאַס. עס איז שוין געווען פול מענטשן. מען האָט הויך גערעדט און געמאַכט מיט די הענט, מער ווי געוויינלעך. און ווי דערפרייט בין איך געוואָרן דערוויסנדיק זיך, אַז דערווייל בלייבן מיר דאָ און מען שיקט אונדז ניט איבער אין אַ צווייטן געטאָ.

כ'קוק מיט אַ שמייכל אַרום זיך, אויף די הייזער, אויף דער היים. דאָס האַרץ פרייט זיך — מיר בלייבן דאָ, מיר בלייבן דאָ.

אומדערוואַרט איז געקומען די גוטע בשורה. כ'ווער מונטערער. איך זע אַלץ אין שיינע, ליכטיקע פאַרבן. ווער ווייסט, אפשר וועט אויך אונדזער באַפרייונג קומען אַזוי אומדערוואַרטעט?

פּורים, יום ג', 2.3.42.

שוין דריי חדשים ווי מיר זענען אין געטאָ. אומגעריכטערהייט האָט זיך דערנענטערט און געקומען דער פריידן־טאָג — פּורים. וואָס פאַר אַן אונטערשייד פון פאַרגאַנגענעם פּורים און היינט? דער פאַראַיאָריקער פּורים האָט אונדז געטראָפן פרייע און שטאָלצע מענטשן. אָפּן זענען פאַר אונדז געווען אַלע טירן פון לעבן: אַרבעט און בילדונג, האָפענונג און גלויבן. אומעטום האָט געהערשט ליכטיקייט. און היינט? —

הונדערטער, טויזנטער קרבנות אין ברידער־קברים. קברים, קברים אין די פעלדער און וועלדער. צעבראָכענע, נאַקעטע, פאַרשקלאַפטע יידן. פאַריתומטע, הונגעריקע, האַלב פאַרפראָרענע קינדער, וואָס האָבן שוין פון לאַנג פאַרגעסן פרייד און געלעכטער. קינדער, וואָס זענען אַלט געוואָרן, נאָך איידער זיי זענען אויפגעוואַקסן.

מען לייענט אין בית־מדרש די מגילה. הייסע טרערן קייקלען זיך ביי יידן פון די אויגן. ניין. דער היינטיקער פּורים איז גאָרנישט קיין פריילעכער יומטוב.

היינט האָב איך זיך געטראָפן מיט מיינע חברטעס — אסתר־ריווע און מאַשע. מיר האָבן זיך געפּרוווט טרייסטן און באַנייען די האָפענונג אויף בעסערע צייטן.

יום א׳, 8.3.42.

ווידער אַ טאָג מיט זיינע צרות און פּחדים. דאָס שרייבן ברענגט מיר טרייסט און פאַרלייכטערונגע אויפן האַרץ. אָן דעם וואָלט איך נישט אויסגעהאַלטן די צרות. ווען כ׳נעם די פּען אין האַנט און גיס אויס אויפן פּאַפּיר מיינע געדאַנקען, ווערט מיר לייכטער און כ׳פיל זיך דאָך גליקלעך.

מיר דוכט זיך אָפטמאָל, אַז כ׳בין אַנדערש פון אַנדערע מענטשן און אומגליקלעכער פון זיי. איך געזעגן זיך אין האַרץ מיט יעדער רגע לעבן. אַלע שעהן פון טאָג זענען פול מיט שרעק. און דאָס האַרץ ווייטיקט פאַר יעדער שמועה...

יום ג׳, 10.3.42.

איך מיש די פאַרשריבענע בלעטער פון פאָריקן יאָר און טרערן גיסן זיך פון מיינע אויגן. טרערן פון רחמנות צו זיך אַליין: וואָס בין איך געווען און וואָס איז געוואָרן פון מיר? כ׳לייען די פאַרשריבענע געדאַנקען און איבערלעבונגען פון דער צייט, וואָס כ׳בין געווען אַ פרייער מענטש — אַ באַלעבאָס איבער זיך אַליין. פריילעך איז געווען מיין געמיט, אַפילו ווען טיף אין האַרץ האָט געהערשט אומעט. די האָפענונג אויף גוטע צייטן איז ביי מיר געווען אַזוי שטאַרק. און איצט? — אַלץ איז אַזוי טראַגיש, טרויעריק. די יוגנט גיט מיר גאָרנישט.

די טעג זענען שיינע. עס דערנענטערט זיך דער פרילינג. נאָר פון דער נאַטור־שיינקייט און פון לעבן געניסן אַנדערע. מיר זענען אומגליקלעך. פאַר אונדז פאַרשטאַרקט עס נאָך מער דעם אומעט און דעם ווילן צום לעבן — פון וועלכן ס׳איז אונדז פאַרבאָטן צו געניסן.

מיר זענען דאָ אַלע פאַרעלטערט געוואָרן אויף צענדליקער יאָרן. די יוגנט איז פאַרוואַנדלט געוואָרן אין אַ זקנה. און דאָך? — היינט ווייס איך שוין, אַז ס׳איז דאָ נאָך ערגערס. די געטאָ איז נישט פאַרצוימט ווי אין אַנדערע שטעט. מען קען אַריין און אַרויסגיין. מיר ליידן נישט אַזוי קיין הונגער. דער טאַטע זאָל געזונט זיין, סטאַרעט זיך ברענגען עסן פאַר דער משפחה.

דאָס ברענגען עסן קומט אים אָן מיט אַזוי פיל שרעק און סכנה. ער איז דער איינציקער וואָס טראָגט דעם יאָך פון שטוב. איך קען גאָרנישט העלפן. מיר זענען צעבראָכן. זיצן און וואַרטן. אויף וואָס וואַרטן מיר?

יעדן טאָג געזעגנט מען זיך מיטן לעבן און מיט דער שיינער וועלט.

יום ד׳, 11.3.42.

דער פרימאָרגן איז היינט אַ וואַרעמער. די צייט גייט צו פּסח. די זון שיינט פון בלויען הימל און שפּיגלט זיך אין ווייסן שניי. די ליכטיקייט שניידט אין די אויגן.

איך האָב זיך אויפגעכאַפּט גאַנץ פרי, צו טאָן די אַרבעט אין שטוב. בכדי צו פאַרטרייבן די געדאַנקען, האָב איך גענומען לייענען דעם ראָמאַן פון יעקב דינעזאָן „דער שוואַרצער יונגערמאַנטשיק". אויפן האַרץ איז ווי שטענדיק אומעטיק און דאָס ביכל איז צוגעפּאַסט צו מיין שטימונג. פאַרענדיקט לייענען — און טרערן גיסן זיך פון מיינע אויגן. נישט צוליב דער אומגליקלעכער ליבע פון גיבורים אין ביכל; נישט צוליב דער טרויעריקער

ענדע פון ראָמאַן, נאָר צוליב דער פראַגע: — פאַר וואָס קומט שטענדיק צו ליידן דעם ערלעכן און פיינעם מענטשן. און דווקא די פאַלשע, ברוטאַלע מענטשן געניסן פון לעבן? די פראַגע בלייבט דערווייל פאַר מיר אומפאַרשטענדלעך.

יום ה׳, 12.3.42.

שוין עטלעכע טעג, אַז כ׳פיל זיך נישט גוט. איך נעם זיך שטאַרק איבער צוליב דער קרענק פון מיין בעסטער חברטע מאַשע.

כ׳האָב איר היינט געטראָפן אין אַ שווערן צושטאַנד. זעענדיק איר און הערנדיק איר צעבראָכענע שטימע — האָט מיר פאַרקלעמט ביים האַרץ און כ׳האָב נישט געקענט ריידן. כ׳בין געזעסן ביי איר אַ לאַנגע צייט, ביז ס׳איז פינצטער געוואָרן. כ׳האָב איר נישט געטאָרט און נישט געוואָלט אַליין איבערלאָזן.

מיר האָבן געטרייסט איינער דער צווייטער מיט אַ בעסערער צוקונפט. מיר ריידן פון האָפענונגען און ווייסן, אַז זיי וועלן זיך נישט פאַרווירקלעכן.

יום ב׳, 16.3.42.

די זון וואַרעמט שטאַרק און דאָס אייז אויף די שויבן הייבט אָן אָפגיין. ווי שיין איז די נאַטור אַצינד. אַלץ רופט צום לעבן. אָבער נישט מיך און נישט מיין געפּלאָגט פאָלק.

איך זיץ איינזאַם און קוק אַרויס צו די רויקע ווייסע פעלדער, צום שטילן, סודותדיקן וואַלד. קוק אויף די פּאָר ליידיקע הייזער אויסער דעם געטאָ. אַלץ שווייגט.

איך קען זיך נישט אָפרייסן פון יענער זייט, ווו אַלץ לעבט און אָטעמט פריי. אַלע דאָרטן, אויסער די געטאָ, דערוואַרטן דעם פרילינג. נאָר מיר דאָ האָבן נישט אויף וואָס צו וואַרטן.

דער טאָג פאַרגייט. איך לייען אַ סך, וואָס איך געפין נאָר אונטער דער האַנט. היינט לייען איך ספּעקטאָרס „די קללה פון שיינקייט".

איך וויל לעבן און האָף נאָך צו פאַרווירקלעכן מיינע צילן אין לעבן.

יום ה׳, 19.3.42.

כ׳האָב היינט געענדיקט לייענען „פאַרברעכן און שטראָף" פון דאָסטאָיעווסקין. די פרעסט זענען שטאַרק. דער שניי טראַכט נאָך נישט פונאַנדערצוגיין. כאָטש דער טאָג ווערט שוין גרעסער, פילט זיך נאָך נישט די דערנענטערונג פון פּסח.

יעדער טאָג ברענגט פרישע שרעק און טרויעריקע נייעס וועגן שחיטות אין די אַרומיקע שטעט. ווי שיין איז דאָס לעבן. ווען מיר וואָלטן זיין פריי און קענען זיכער און שטאָלץ שטעלן אונדזערע טריט און נישט מורא האָבן פאַר דעם גומענעם שטעקן, מיט וועלכע מען דערשלאָגט אונדז ביז טויט.

איך קוק אין בלויען הימל. עס שיינט די קאַלטע זון, וואָס שיקט אירע אָפּגעקילטע שטראַלן, עלעהיי אַ נדבה. אַ נדבה די אָרעמע געטאָ־יידן. מיר דוכט זיך, אַז ווען כ׳זאָל קענען מיט איר ריידן, וואָלט איך פון דער זון אַ טראָפּן גליק געבעטן און געפרעגט איר:

— ווען וועסטו, זון, ווירקלעך שיינען פאַר אונדז? און מיר וועלן עס פילן און זיין גליקלעך?

איצט איז דער גרעסטער גליק, וואָס מיר שטרעבן (אויב נישט לעבן ווי אַ מענטש) — שטאַרבן מיט אַ נאַטירלעכן טויט.

מיר שטייען אויפן שוועל פון טויט אין שטענדיקן פחד, געשפּאַנט און ס׳ווילט זיך, אַז וואָס גיכער זאָל קומען דער סוף. אויב דאָס איז אונדזער גורל — טאָ צו וואָס דאָס מאַטערן זיך?

איין ווונטש איז מיר נאָר פאַרבליבן: אונדזער אומשולדיק פאַרגאָסן בלוט זאָל ניט שווייגן. ס׳זאָל לאַנג נאָך אונדזער טויט קאָכן און רוישן און מאָנען גערעכטיקייט. זאָל ניט שטיל ווערן דאָס בלוט אין די טויזנטער ברידער־קברים, ביז די רוצחים און זייערע באַהעלפער וועלן ניט באַצאָלן פאַר זייערע מעשים און באַקומען זייער שטראָף.

אויב לעבן הייסטליידן — האָב איך שוין אָפּגעלעבט מיינע יאָרן.

אויב לעבן הייסט גליק — בין איך נאָך נישט געבוירן געוואָרן.

ס׳ווילט זיך זייער לעבן. כאָטש נאָך עטלעכע יאָר ווילט זיך לעבן און זען, ווי וועט דאָס לעבן אויסזען.

פאַר וואָס זענען דווקא מיר, יידן, אויסגעוויילט געוואָרן אַלס קרבנות? פאַר וואָס געפין איך ניט דערויף ביי קיינעם קיין ענטפער?

יום ב׳, 23.3.42.

כ׳האָב היינט געענדיקט לייענען „שמד און פאַרצווייפלונג” פון ספּעקטאָר. עס זענען ווידער אַדורך עטלעכע טעג זינט כ׳האָב גענומען מיין באַליבטע פען אין מיין פאַרחלשטער האַנט, וועלכע וויל ניט שילדערן שטענדיק די זעלבע, שלעכטע נייעס.

היינט האָבן מיר זיך דערוווסט, אַז אין דאָרף זשדאַנאָוויטש האָט מען אויסגעשאָכטן ניין יידן. אויך אין דאָרף ניידזשאַניעוויטש האָט מען געהרגעט פיר יידן — 2 יידישע אַרבעטער־משפּחות, צווישן זיי — פּיצלעך קינדער.

ריינע, אומשולדיקע קרבנות — בעט דאָרט אין הימל, ער זאָל אָפּשאַפן זיין מוראדיקע גזירה, וואָס ער האָט אַראָפּ געשיקט אויף אונדז.

דורך דער גאַנצער יידישער היסטאָריע פון גלות גייט אַדורך אַ רויטער פאָדעם פון בלוט־פאַרגיסונג, רדיפות, עלילות־דם און דער ווילן פון די פעלקער אויסצוואָרצלען דעם ייד. זיין איינציקער חטא איז וואָס ער האָט נישט קיין אייגן לאַנד און זיין לעבן הענגט אָפּ אין דעם גוטן ווילן פון זיינע שכנים.

אָ, גאָט! אָנשטאָט אונדז — שטראָף אונדזערע שונאים.

יום ג׳, 24.3.42.

די נאַכט האָט זיך געצויגן אַזוי לאַנג. עס האָט זיך געדאַכט, אַז זי וועט זיך קיינמאָל נישט ענדיקן. דער הימל איז געווען אויסגעשטערנט. די לבנה האָט געשיינט און אירע שטראַלן האָבן באַלויכטן די נאַכט. עס איז שטיל. איך ליג מיט אָפענע אויגן און כ׳זאַפּ איין די שיינקייט פון דער נאַכט און כ׳טראַכט: עס שווימען אַרויס דערינע־רונגען און באַלד ווערן זיי פאַרשוווּנדן. איך ליג און אין מיר ראַנגלען זיך צוויי כוחות: דער ווילן צום לעבן, דער גלויבן אין נס, און די פאַרצווייפלונג.

אַזוי איז פֿאַרגאַנגען די נאַכט. ס׳איז געוואָרן פינצטער — אַן אָנזאָג, אַז דער טאָג קומט.

כ׳בין אויפגעשטאַנען אַ מידע פון דער שלאָפלאָזער נאַכט. אָנגעטאָן זיך און אַוועק צו דער אַרבעט. מיר אַרבעטן ביים וועלגערן מצות. איך בין אין מאַשעס בריגאַדע. איך שטיי ביי דער ברעט און וועלגער אַ מצה, אַ צווייטע. דער זייגער איז 10. ס׳איז זייער הייס אין שטוב און איך בין מיד. כ׳האָב נאָך היינט ניט איבערגעביסן. אַרויס־גייענדיק אויף דער גאַס, אויפן וועג אַ היים — דערהער איך די שלעכטע בשורה — מענטשן געזעגענען זיך. פרויען לויפן אין גאַס און וויינען. אויך אין שטוב האָב איך דערהערט אַ מוראדיק געוויין. אין קאָפ האָט מיר גענומען רוישן. דאָס האַרץ האָט שטאַרק געקלאַפּט. טרערן האָבן געשטיקט און די הענט האָבן אונדז ניט געפאָלגט. אין אַ מוראדיק אָנגעשטרענגטער אַטמאָספער, בין איך צוריק אַוועק צו דער אַרבעט און דאָרט געאַרבעט ביז אַזייגער 7 אָוונט.

טרויעריקע און פאַרצווייפלטע זענען מיר זיך צעגאַנגען אַ היים. איך האָב זיך געלייגט אין בעט, אָבער נישט געקענט איינשלאָפן. כ׳הער ווי דער זייגער קלאַפּט אויס יעדע שעה, גלייך ער וואָלט געציילט די שעהן, וואָס זענען אונדז נאָך פאַרבליבן צום לעבן.

יום ה׳, 26.3.42.

פון היינט צו פסח — נאָך אַ וואָך. געלויבט איז גאָט, מען האָט אונדז געלאָזט לעבן דעם נעכטיקן טאָג און היינט. מיר בעטן, ער זאָל אויך ווייטער מיט אונדז טאָן נסים. די געטאָ שטייט אין אַ סכנה. מען לויפט אין בית־המדרש, מען פאַלט אַריין אין ארון־קודש און מען שרייט צו ג׳ און מען בעט, אַז ער זאָל פון אונדז אָפּווענדן די מוראדיקע גזירה.

אַלע גייען ארום פאַרצווייפלטע. מען טראַכט נאָר וועגן נאָענטן סוף — אַ לאַנגע, טיפע גרוב.

אונדזערע שונאים קוויקן זיך מיט אונדזערע יסורים. מיר הערן זייער לאַכן. זייער געלעכטער ווירקט אויף אונדז, ווי מען וואָלט אונדז געשניטן מיט טעמפע מעסערס.

די מערהייט אין געטאָ זיצט אין די שטובן, האָבן מורא אַרויסצוגיין אין גאַס. ווער ווייסט צי מאָרגן וועט מען נאָך לעבן — טראַכטן אַלע, און דאָס צוגרייטן אויף פסח ווערט איבעריק און נמאס.

אָ, טויט — ווען דו קומסט צו אונדז אַצינד, וואָלטן מיר דיך אויפגענומען מיט אויסגעשטרעקטע הענט.

הלוואי וואָלטן מיר זיך געלייגט שלאָפן און מער נישט אויפגעשטאַנען. געבענטשט וואָלטן מיר דיך פאַר אַזאַ גוטן סוף.

אָבער ווען מען רופט דיך אַרויס מיט געוואַלד, און דו דאַרפסט זיין דער שליח פון דער מענטש־חיה — שרעקסטו אונדז און מיר זענען אין פאַרצווייפלונג.

איין אויסוועג זעען מיר איצט פאַר אונדז — דער טויט. און דו, טאַטע אין הימל, קוקסט זיך צו און שווייגסט.

ווער האָט אַ האַרץ דאָס אַלץ איבערצוטראָגן און ווער קען זיין גלייכגילטיק צו

אַזאַ סוף? צי דען לעב איך נאָך? צי דען באַוועגן זיך נאָך מיינע אברים און ס׳קלאַפּט מיין האַרץ? צי דען בין איך נאָך אַ נאָרמאַלער מענטש, וואָס קען האַלטן די פּען אין האַנט, שרייבן, אויסדרוקן אַ לעבעדיקן געדאַנק? צי דען זענען דאָס די לעצטע מינוטן וואָס איך שרייב? און מאָרגן?

ווער ווייסט, ווו ס׳וועלן זיך וואַלגערן די בלעטער פון מיין באַליבטן טאָגבוך? וווהין וועט דער בייזער ווינט מיינע בלעטער פאַרטרייבן? ווער וועט אייך היטן, צערטלען — אָן מיר?

מיין טויט וועט זיין אויך אייער ענדע. בלעטערווייז וועט מען אייך רייסן — און צערייסן. ווער וועט אַ טראַכט טאָן, קוקנדיק אויף אייך, אַז געלעבט האָט אַן 18־יאָריק מיידל, וואָס האָט יאָרן לאַנג געצייכנט און געטרויט אייך אַלע געפילן און איבערלעבע־נישן? קיינער וועט אַפילו קיין זיפץ נישט אַרויסלאָזן, אַחוץ אייך — מיינע ליבע צעריסענע שטיקלעך פּאַפּיר, אַדורכגעווייקטע איצט פון מיינע ביטערע טרערן.

זאָל אייער סוף כאָטש נישט זיין ענלעך צו מיינעם.

ניין. כ׳וועל אייך נישט איבערלאָזן וואַלגערן אויף דער ערד, פאַרבייגייער זאָלן אייך טרעטן מיט די פיס. כ׳וועל אייך נישט מפקיר זיין. איך וועל אייך אויך נישט וואַרפן אין פייער און צוקוקן ווי איר און מיין פאַרגאַנגענהייט ווערן פאַרוואַנדלט אין אַש.

אויב איך וועל נאָך זיין ביים זינען, וועל איך אייך מיטנעמען אין קבר, אין קאַלטן: צוגעפּרעסט צו מיין האַרץ, וועלן מיר ליגן אין דער ערד. צוזאַמען וועלן מיר קומען צום כסא הכבוד און איך וועל „אים״ באַשולדיקן אין מיין צוגערויבטן יונגן לעבן. איר, מיינע טייערע בלעטער, וועלן זיין מיינע עדות.

דאָס האַרץ ציטערט און קלאַפּט שטאַרקער, בעת איך שרייב וועגן די לעצטע טעג און שעהן פון מיין לעבן און פון מיינע יידן אין געטאָ.

איך לייד און באַדויער דעם גורל פון מיין טאָגבוך. אָבער קיינער באַדויערט ניט און באַוויינט ניט דעם גורל פון אַזוי פיל אומשולדיקע יידן. קיינעם אַרט ניט אונדזער טויט. קיינער באַמיט זיך ניט אונדז צו העלפן.

איך קען מער ניט שרייבן. כ׳קען מער ניט באַוועגן מיט מיין האַנט. כ׳פיל, ווי דאָס האַרץ ווערט ביסלעכווייז פאַרפרוירן. כ׳קען ניט דורכלעבן אַזאַ ענדע.

ס׳ווילט זיך מיר זייער נאָך אַמאָל זען זיך מיט באַקאַנטע, הערן נאָך אַ פּאָר טרייסט־ווערטער. נאָר ליידער — קיינער רעדט ניט. ביי קיינעם עפנט זיך ניט דאָס מויל צו טרייסטן. אַלע שווייגן און וויינען.

איך טראַכט: אָט דערנענטערט זיך דער פרילינג. דער שניי וועט צעגיין. גרינע גרעזלעך וועלן שפּראָצן און באַדעקן די ערד מיט אַ גרינעם, שיינעם שלייער. ביימער וועלן געבן זייער פּרוכט. די זון וועט שיינען. דאָס לעבן וועט ווייטער לעבן — און איך?

מיר וועלן ניט זיין. אפשר וועלן אויך אויף אונדזער קבר שפּראָצן גרינע גראָזן, אָבער קיינער וועט ניט וויסן ווער ס׳ליגט אונטער דער ערד, אונטערן גרינעם גראָז. די זון וועט וואַרעמען אונדזערע קברים. און דו, גאָט, זעסט דאָס צו? —

אויב ווילסט אונדז שטראָפן — שטראָף אונדז אַזוי, אַז מיר זאָלן בלייבן לעבן און

קענען תשובה טאָן. און אויב שטאַרבן — טו עס מיט דיין האַנט אַליין — און נישט דורך דיינע ברוטאַלע שליחים.

איך ענדיק מיין וידוי. דאָך ווילט זיך האָפן, אַז אויך איצט וועסטו באַווייזן אַ נס. איך וועל דערלעבן צו לייענען די דאָזיקע ווערטער אין פריידן, פאַר אַלע מיינע באַקאַנטע און פריינד: דערמאָנען דערביי די שרעקלעכע מאָמענטן פון איצט, ווען מיר הערן זיך צו צו די שריט פון אָנקומענדיקן טויט.

שבת, 28.3.42.

אך, ווי גליקלעך איך בין היינט, דעם שבת הגדול. וויפל טרייסט, וויפל גוטע האָפענונגען און גלויבן אין איינציקן ג׳ האָט דער שבת מיר געבראַכט. די גזירה איז דערווייל אָפּגעשטויסן געוואָרן. דערווייל בלייבן מיר לעבן. פאַר מיין גאַנצן זיין אין געטאָ, איז היינט דער ערשטער טאָג, וואָס כ׳בין באַהערשט געוואָרן פון פריילעכע געפילן.

איך עפן מיין טאָגבוך און לייען וואָס כ׳האָב געשריבן ערשט מיט צוויי טעג צוריק. איך האָב אייערנעכטן נישט געגלויבט, אַז כ׳וועל היינטיקן שבת נאָך לעבן: קוקן מיט אָפענע אויגן אויפן לויטערן הימל, אָטעמען די ריינע פרילינגס־לופט.

ס׳איז מיר היינט אַזוי גרינג אויפן האַרץ. ווידער זע איך אַלץ אַרום מיר. כ׳הער זיך צו צום מורמלען פון די וואַסערן פונעם צעגייענדיקן שניי. כ׳קוק זיך צו צו די פעלדער, וואָס באַווייזן זיך שוין אונטערן שניי. דאָס זענען שוואַרצע אינדזלען פון פעטער, אויסגערוטער ערד.

היינט פיל איך זיך יונג, שטאַרק און ענערגיש.

איך מיש די בלעטער פון דער פאַרגאַנגענער יוגנט. לייענענדיק, דערמאָן איך זיך די פריילעכע אָוונטן, די צוזאַמען געווילטע שעהן מיט „אים״. כ׳בין שטאָלץ, וואָס כ׳בין געגאַנגען מיט אַן אמתן וועג. ליבע־דערקלערונגען און שיינע ווערטער, האָבן נישט געמאַכט אויף מיר קיין איינדרוק. אויך נישט באַאומרויִקט מיין יונג האַרץ.

כ׳האָב געזען, אַז „ער״ ליידט דערפון, וואָס איך נעם אויף זיינע ווערטער קאַלט־בלוטיק און מיט אַ שמייכעלע. ס׳פלעגט אים קימערן. ער האָט געטענהט, פאַר וואָס איך בין אַזוי פרעמד און לאַך פון ערנסטע ווערטער.

איך האָב דאָס שוין אַלץ פאַרגעסן. נאָר לייענענדיק וועגן יענע צייטן, דערמאָן איך זיך. עס זענען דאָך נישט מער ווי דערינערונגען. —

די נאַכט איז צוגעפאַלן און איך האָב ניט באַמערקט, מחמת דער פאַרטראַכטקייט. היינט פינקלען אַנדערש די שטערן אין הימל. דוכט מיר, אַז זיי שמייכלען צו מיר. אויך דער ווייסער שניי — אַלץ פרייט און מונטערט.

אין אָוונט, איינשלאָפנדיק — זע איך מיין שוועסטער. רעד מיט איר, חלום שיינע חלומות.

יום א׳, 29.3.42.

כ׳האָב היינט געענדיקט לייענען „דער וועג צוריק״ פון שלום אש. דעם גאַנצן

טאָג בין איך היינט פאַרנומען. מען גרייט זיך צו פסח. איך רוים די שטוב און די קיך. מען קומט מיך רופן וועלגערן מצות מיט דער צווייטער משמרת.

כ'שטיי אין „פּאַדריאַט"ביים וועלגער־טיש. דער זייגער איז שוין צוויי ביינאַכט. אין שטוב איז הייס. כ'בין מיד פון גאַנצן טאָג אַרבעט.

עס קלעפּן זיך די אויגן פון מידקייט. נאָר די מיידלעך מאַכן זיך פריילעך. מען רעדט. מען פאַרציילט פאַרשיידענע זאַכן — און אַזוי פאַרגייט די נאַכט.

דער זייגער איז 5 פאַרטאָג. מיר ענדיקן די אַרבעט און גייען שלאָפן.

ערב פסח, 1.4.42.

היינט ביינאַכט איז דער ערשטער סדר. מיט פינף טעג צוריק האָב איך נישט געגלויבט, אַז מיר וועלן עס דערלעבן. געקומען איז דער שיינער פסח און אויפן האַרץ איז אומעטיק.

נעכטן האָב איך דעם גאַנצן טאָג, ביז שפּעט ביינאַכט, געאַרבעט אין שטוב. גערייניקט, געפּוצט, כדי וואָס שענער אויפנעמען דעם יום־טוב.

אין שטוב איז זויבער, ציכטיק, יום־טובדיק. מצה האָבן מיר, כאָטש שוואַרצע, פון קאָרנמעל. אויך קאַרטאָפל איז דאָ. אַ פּאָר הינער אויך. אַלץ וואָלט געווען גוט, ווען אויפן האַרץ וואָלט אויך געווען פריילעך.

איך פאַרגלייך היינטיקן פסח מיטן פאַרגאַנגענעם. דאַן בין איך געווען אין דער פרעמד. עלנט. איצט בין איך צוזאַמען מיט מיין משפחה. אָבער פריילעך איז ניט. אַ סך טרערן וועלן יידן פאַרגיסן היינט ביים סדר.

שנעל איז צוגעפאַלן די נאַכט. דער הימל איז אויסגעשטערנט. די לבנה שיינט אַזוי רויק. צי דען זעט זי ניט די געטאָס און די לײדנדע מענטשהייט? צי דען זעט זי ניט די קברים, וואָס מערן זיך פון טאָג צו טאָג? פאַר וואָס איז זי אַזוי רויק אין איר וועג?

אין שטוב איז יום־טוב. דער טאַטע איז געקומען פון בית־המדרש. מען זעצט זיך פּראַווען דעם סדר.

עס פעלן אַ סך זאַכן צום סדר. אויך שוואַך, מאַטלאַז, קלינגען די ווערטער פון דער הגדה. נישטאָ די אַמאָליקע שמחה ביים לייענען די הגדה. די פיר קשיות פרעגט מען ניט און זיי ווערן ניט פאַרענטפערט.

...עבדים היינו לפרעה ממצרים — היינט איז אונדזער לאַגע פיל ערגער.

אַלע זיצן ביים טיש אומעטיקע און פאַרטראַכטע.

דער סדר ענדיקט זיך גיך און מען גייט שלאָפן. לאַנג ליג איך און טראַכט. כ'ווייס, אַז אַלץ איז פאַר אונדז פאַרלאָרן. ווי אַזוי ראַטעוועט מען זיך? ווו איז דער נס?

יום ה', 2.4.42.

היינט דער ערשטער טאָג פסח. דער טאָג פון באַפרייונג. מיט טויזנטער יאָרן צוריק האָבן מיר יידן אַראָפּגעוואָרפן פון זיך די פאַרשקלאַפונג, צעבראָכן די דיקע ווענט פון מצרישן געטאָ און אַרויס אויף דער פרייהייט. יאָרן אין מדבר געגאַנגען, די ווילדעניש ניט געפילט. אַלץ האָט געשמייכלט אַרום די באַפרייטע שקלאַפן. אָ, ווי שטאַרק וואָלט אויף

אונדז געווירקט די באַפרייונג פון געטאָ און פון די דייטשן, וועלכע זענען פיל גרויזאַמער ווי די אַמאַליקע מצרים?

געמיינט האָבן מיר, אַז דער טאָג וועט וועט אַדורק רויִק און מען וועט פּראַווען דעם צווייטן סדר. פּלוצים איז אָבער אַלץ פאַרשטערט געוואָרן.

היינט אָוונט זענען פּלוצים אַראָפּ געקומען פון איוועניץ געסטאַפּאָווצעס און געמאַכט פון געטאָ אַ שלאַכטפעלד. יידן זענען געכאַפּט געוואָרן, געפּייניקט און צעשלאָגן געוואָרן ביז בלוט. די געשרייען פון די געפּייניקטע האָבן זיך געהערט איבערן גאַנצן געטאָ. פּאַראַליזירט פון מורא, זענען מיר געזעסן אין שטוב און דערוואַרט דעם טויט. יעדער האָט געבעטן אין האַרצן, אַז דער סוף זאָל קומען וואָס שנעלער.

מיר דוכט, אַז כ׳וועל משוגע פון שרעק. כ׳קוק אַרויס אין דרויסן. וואָס טוט זיך דאָ? די גאַס האָט זיך געענדערט אין מיינע אויגן — נישט צו דערקענען. ס׳דוכט זיך מיר, אַז די ערד איז קיין ערד נישט. זי באַוועגט זיך און הייבט זיך, ווי עפּעס אַן עלאַסטישע זאַך. אָט שווימט זי און רירט זיך, נעמט אָן פאַרשיידענע פאָרמען. די הייזער ווערן דינער און ציען זיך אויס אין דער הייך. זיי וויגן זיך און ווערן פאַרלוירן אין שוואַרצע שאָטנס. די שאָטנס זענען ווי ריזיקע פליגלען, וואָס דרינגען אַריין אין שטוב און מאַכן דאָרט פינצטער.

איך ווייס ניט וואָס מיט מיר איז געשען. איך האָב פאַרלוירן די קאָנטראָל איבער זיך און ניט געוווּסט, צי לעב איך, צי בין איך ביים זינען, צי ניט. יאָ, איך בין פאַרחלשט געוואָרן. איך האָב אין דעם מצב אויך געזען, ווי ס׳קומט אַריין אַ ייד (מסתמא פון יודענראַט). ער איז ווייס פון שרעק. ער בעט עפּעס ביים טאַטן און גייט אַוועק מיט עפּעס אין האַנט.

פאַרטאָג בין איך אַ ביסל געקומען צו זיך. איך הער, אַז די געסטאַפּאָ האָט באַקומען וואָס זי האָט געפאָדערט. נאָכן באַקומען דאָס יידישע לעצטע ביסל גאָלד און צירונג — זענען זיי צוריק אַוועק קיין איוועניץ.

מיר אָטעמען פרייער אָפּ. געלויבט צו גאָט, וואָס ס׳איז געלונגען אויסקויפן עטלעכע טעג פון אונדזער לעבן.

יום א׳, 5.4.42.

ס׳ווילט זיך, אַז די טעג פון יום־טוב זאָלן וואָס פריער פאַרגיין. איך בין צעבראָכן און שלעכט געשטימט. פון מיר איז בלויז געבליבן אַן אומעטיק, אויסערלעך געשטאַלט, וואָס באַדאַרף שפּייז, כדי נישט צו פאַלן פון די פיס. דאָס געשטאַלט באַוועגט זיך, כדי נאָכצוקומען בלויז דעם אינסטינקט פון לעבן. עס איז שוין מיאוס געוואָרן צו לעבן דאָס שקלאַפן־לעבן. ס׳בענקט זיך אַזוי שטאַרק נאָכן פאַרלוירענעם מענטשן־שטאַלץ. ס׳ווילט זיך צוריק ווערן אַ מענטש און קוקן אויף דער ליכטיקער וועלט מיט ריינע, שטאָלצע אויגן.

דערווייל איז עס אַ נישט דערגרייכבאַרע האָפענונג.

יום ג׳, 7.4.42.

דער פערטער טאָג חול־המועד פּסח. דער פרימאָרגן איז היינט אַ טונקעלער. אין

דרויסן איז אַ נעפּל. די וואָלקנס מערן זיך און פאַרדעקן דעם בלויען הימל. דער נעפּל ווערט שטאַרקער. ס׳דוכט זיך, אַז די נאַטור פילט אונדז מיט און וויל ניט מער לויכטן און וואַרעמען די רוצחים.

מחשבות לאָזן מיך נישט רוען. זיי מאָנען אַן ענטפער אויף די אַלע פראַגן און קיין ענטפער איז נישטאָ.

יום ה׳, 9.4.42.

אָנגעקומען שוין די לעצטע טעג פּסח. די טעג זענען ווידער שיינע, זוניקע. די לופט אַרום איז ליכטיק און ריין. אַלץ אין דער נאַטור הייבט איצט אָן אויפצולעבן. די פעלדער ווערן באַדעקט מיט גרינס פון אויפגעשפּראָצטן, יונגן קאָרן. דיביימער האָבן שוין אַראָפּ געוואָרפן פון זיך דעם שניי. זיי שטייען דערוויל נאָך נאַקעט. באַלד אָבער וועלן זיך באַווייזן אויף זייערע צווייגן קליינע, גרינע בלעטעלעך. זיי זאַפּן זיך דערוויל אָן מיט וואַרעמע שטראַלן און זאַמלען נייע, יונגע קרעפטן פאַר זייער ווייטערדיקער אַנטוויקלונג.

דער האָריזאָנט אַרום איז לויטער. רויִק. פון ווייטנס זעען זיך הייזער פון די קריסטלעכע פערמעס: אַ שטוב, אַ הויף, אַ גרויסער הונט. די מענטשן גייען דאָרט אַרום רויִק, געלאַסן און זיכער. פאַר זיי זענען אַלע וועגן ברייט און אָפן. אַ, וויפל פרייד ברענגט זיי דאָס לעבן. אָבער ווער קען פאַרשטיין און באַגרייפן אונדזער לעבן? נישטאָ קיינער וואָס זאָל קענען באַנעמען און פאַרשטיין. דעריבער קענען אַפילו די גוטע מענטשן אונדז ניט מיטפילן. בלויז דער וואָס האָט עס אַליין אַדורכגעלעבט, בלויז דער וועט פאַרשטיין דעם גיהנום, אין וועלכן מיר לעבן.

שבת, 11.4.42.

און ווידער נעם איך מיין באַשיידענע און פאַראײנזאַמטע פען אין האַנט. ווידער פּרווו איך מיט דיר, מיין פען, פאַרלייכטערן מיין צעווייטיקט האַרץ. איך זוך אַ שמאָל שטעגעלע צו פאַרבעסערונג. כ׳בין דורשטיק נאָך פרייד, נאָך פרייהייט, נאָך ערלעכער מענטשלעכער געזעלשאַפט, כדי שפּאַנען צוזאַמען מיט זיי אין דער גרויסער ווייטקייט פון לעבן.

כ׳בין גרייט בלאָנדזשען און פּלאָנטערן זיך אין דער גרויסער וועלט. אַפילו ליידן, אָבער זיין פריי און נישט פאַרשפּאַרט אין אַ געטאָ. כ׳בין גרייט צו ליידן צוזאַמען מיט די, וואָס שרעקן זיך נישט אָפּ פאַר קיין זאַך און זוכן אַ צוקונפט פאַר דער מענטשהייט. ווי גוט איז צו שפּאַנען מיט זיכערע טריט אויף אַ פרייער ערד. אָטעמען די פרייע לופט און פאַרשיכורט ווערן פון דער שיינער וועלט אַרום. —

אָבער כ׳ווייס, אַז פאַר מיר איז דאָס וואָרט פרייהייט — אַן אילוזיע. דאָס איז פאַר מיר אַ קלאַנג אָן אינהאַלט. קען דען אונדזער באַפרייונג קומען אָן דער באַפרייונג פון דער מענטשהייט? כ׳גלויב ניט, אַז די באַפרייונג פון דער מענטשהייט וועט דערגרייכט ווערן בלויז דורך קאַמף. דער ציל וועט דערגרייכט ווערן דורך בילדונג. בילדונג פירט דעם מענטש צו פּערזענלעכער אויסלייטערונג. ער דערנענטערט זיך דורך דעם צו די קוואַלן פון שאַפונג, ווערט אַ שותף צו מעשי־בראשית. ער העלפט אַרויסרופן

די כוחות, וועלכע זענען פֿאַרבאָרגן אין דער נאַטור און נוצט זיי נישט צו מאָרדן מענטשן, נאָר לייכטער צו מאַכן זיי, לינדערן זייערע ליידן, כדי ברענגען דער מענטשהייט גליק און שמחה. דעריבער איז דער מענטשלעכער שכל — אַ הייליקטום. דער חוב פֿון יעדן מענטש, איז דעריבער צו אַנטוויקלען זיין שכל און טוען גוטס.

אמת, איצט איז דאָס אַלץ בלויז מחשבה. אַ סך מענטשן וועלן נאָך פֿאַלן אין קאַמף פֿאַר אַ בעסערער וועלט, און נישט אַ וועלט פֿון מאַניאַקעס און ברוטאַלע קאַריעריסטן. אָפֿן וועט דאַן זיין די גאַנצע וועלט פֿאַר אַלע מענטשן און אויך פֿאַרן ייִד, ער וועט קענען זיך פֿריי באַוועגן און זיין לעבן וועט זיין זיכער. יאָ, אַלץ וועט זיין, אַלץ. אָבער דערווייל, איז אונדזער לעבן שווער, זייער שווער.

יו֫ם ב׳, 13.4.42.

אַוועק זענען שוין די „אינהאַלטפֿולע" טעג פֿון פּסח. אַוועק און איבערגעלאָזט נאָך זיך שווערע אַדורכלעבונגען און אומעטיקע איינדרוקן. האָט זיך דען ווער פֿאָרגע־שטעלט דעם פֿאָריקן פּסח, אַז מענטשן קענען פֿאַרשפּאַרט ווערן אין אַ פֿינצטערן געטאָ? אַז מען וועט פֿאַרניכטן אומשולדיקע מענטשן און פֿאַרגיסן זייער בלוט?

צי דען האָט ווער געשפּירט די יומטובדיקייט פֿון פּסח? ניין. קיינער ניט. אַלע זענען אַרומגעגאַנגען מיט פֿאַראומערטע פּנימער. אַלע לעבן אין פֿאַרצווייפֿלונג און שרעק.

ווידער האָט זיך יעדער גענומען צו דער וואָכעדיקייט. ווייטער די זעלבע דאגות און זאָרגן, ווי אַזוי צו פֿאַרדינען ס׳שטיקל ברויט און אַ ביסל קאַרטאָפֿל. מען טראַכט ניט וועגן פֿאַרזאָרגן אויף לאַנג, נאָר בלויז דעם טאָג וואָס מען לעבט.

דעם גאַנצן פּסח בין איך געגאַנגען אַרבעטן אויפֿן וועג. אויך היינט האָט מען אונדז געשיקט צו דער זעלבער אַרבעט. אַרויסגייענדיק הינטערן שטאָט, האָט זיך פֿאַר מיינע אויגן אויפֿגעעפֿנט אַ ווונדערלעכע פּאַנאָראַמע: מיר האָט זיך אויסגעוויזן, אַז די גאַנצע וועלט ליגט אויסגעשפּרייט פֿאַר מיר. כ׳האָב גאָרנישט געוווּסט, אַז די וועלט איז אַזוי שיין און גרויס.

מיילן ווייט, ביזן ווייטן האָריזאָנט, האָבן זיך געצויגן די גרינע פֿעלדער, קוסטעס אוןביימער. אין דעם פֿרישן פֿרימאָרגן, זענען זיי געווען פֿול מיט לעבן. דער טייך האָט אַרויסגעגלאַנצט פֿון זיינע ברעגן, ווי אַ זילבערנער רוקן פֿון אַ פֿאַנטאַסטישן פֿיש, באַדעקט מיט פּערלדיקע שופּן. נאָכן טייך — ווידער גרינע לאָנקעס, וואָס פֿאַרלירן זיך אין דער ווייטקייט. פּראַכטפֿול האָט אויסגעזען די וועלט אויסערן געטאָ.

יו֫ם ד׳, 15.4.42.

דער פֿרימאָרגן איז אַ קילער און דער הימל איז פֿאַרוואָלקנט. די גאַסן אין געטאָ זענען שוין טרוקן און ריין. פֿאַרגאַנגען איז דער ווינטער און נישט איבערגעלאָזט קיין שפּור. ס׳האָט זיך געוואָלט עס זאָל שוין אָנקומען דער זומער מיט דער וואַרעמקייט. נאָר ווער ווייסט אויף וואָס צו בעטן און וואָס איז פֿאַר אונדז בעסער?

די טעג ציען זיך לאַנג, לאַנג, און דער אומעט לאָזט ניט אָפּ. איך וואַרף אַ בליק דורכן אָפֿענעם פֿענצטער אויף אונדזער געטאָ. אַלע מענטשן, באַקאַנטע און אומבאַקאַנטע, גייען מיט אַראָפּגעלאָזטע קעפּ. די אויגן געווענדט צו דער ערד. כ׳זע צווישן זיי אָרעמע,

האַלב־נאַקעטע, פאַרהונגערטע. זיי גייען מיט טאָרבעס אין די הענט. שטרעקן אויס זייערע הענט און בעטן אַ שטיקל ברויט, אָדער אַ קאַרטאָפל. עס זענען אויך דאָ הונגעריקע, וואָס זיצן פאַרחלשט אין זייערע הייזער און ווילן ניט אויסשטרעקן זייערע הענט נאָך אַ נדבה.

אויף די זאַטע מערקט מען. מען דערקענט זיי אין זייער האַלטונג, אין זייער גיין.

פון אונדזער שטוב, לאָזט ניט די מאַמע, זאָל געזונט זיין, קיינעם אַרויס מיט ליידיקע הענט. אַ סך העלפן מיט וואָס זיי קענען. אָ, לאַנג זאָל אַזאַ מצב ניט דויערן און אָנקומען זאָלן פאַר אונדז גוטע טעג און מיר זאָלן קענען דערמאָנען אַלץ אין פריידן.

יום ה׳, 16.4.42.

אַוועק איז דער קאַלטער און שטרענגער ווינטער. אַ סך האָבן אין אונדזער געטאָ געליטן קעלט, הונגער און נאַקעטקייט. אַ ווינטער פול מיט שרעק און שלעכטע ידיעות, וואָס האָבן פאַרציטערט אונדזערע צעווייטיקטע הערצער. אַוועק איז שוין דער שלעכטער ווינטער. אפשר האָט ער אויך מיטגענומען אונדזערע צרות? אפשר וועט דער פרילינג ברענגען פאַר אונדז ליכט און פריידן? כ׳ווייס אָבער, אַז דער ווינטער איז אַוועק און די צרות זענען פאַרבליבן.

יידן גייען אַרויס פון זייערע הייזער. מען שטייט אין די טויערן פון די הייף. דערשראָקענע קוקט מען אַרויס אין דרויסן, מען אָטעמט בגניבה אַ ביסל ריינע, פרייע לופט.

היינט בין איך נישט געגאַנגען צו דער אַרבעט. אַ גאַנצן טאָג געזעסן אין שטוב. כ׳ווייס, אַז די שיינקייט פון פרילינג איז נישט פאַר אונדז. עס דריקט נאָר דאָס האַרץ. זיץ איך איינזאַם אין שטוב און לייען שלום אַשס „פעטערבורג״. פאַרנאַכט איז אַריינגעקומען מיין חברטע — רחל חייקין און מיר זענען ביידע אַרויף צו איר אויפן הויף. דער פאַרנאַכט איז אַ מחייהדיקער. דער הימל איז בלוי און קלאָר. די שטערן צינדן זיך איינער נאָכן צווייטן. אַ סך פרייד און גליק לאָזט אַזאַ זומערדיקער פאַרנאַכט איבער. אַ סך פריילעכע געלעכטערס, פאַרווילונגען נאָך דער אַרבעט, אַ סך ליבע צום לעבן.

און מיר שטייען אויפן הויף מוטלאָזע, דערנידעריקטע, צעבראָכענע. מיר ווילן אויף אַ ווײלע פאַרגעסן און הנאה האָבן פון דעם שיינעם אָוונט. מיר קוקן מיט ליבע אויף דער נאַטור און שעפן פון איר שיינקייט. ס׳טוט וויי, פאַר וואָס מיר קענען נישט געניסן פון דעם אַלעמען.

מיר שטייען אַזוי ביידע לאַנג, לאַנג און טרערן גיסן זיך פון אונדזערע אויגן. ס׳ווילט זיך נישט גיין אַהיים. ס׳ווילט זיך אַזוי שטיין אין דער נאַכט־שטילקייט און טרוימען, טרוימען וועגן אַ פאַרבעסערונג...

יום ו׳, 17.4.42.

אויפגעכאַפּט זיך האָב איך היינט גאָר פרי און גענומען זיך צו דער שטוביקער אַרבעט. ס׳דוכט זיך, אַז פרייטיק איז דאָ מער אַרבעט, ווי אַ גאַנצע וואָך. דער פרימאָרגן איז זייער אַ שיינער. אויף דער גאַס זעען זיך נאָך נישט קיין מענטשן.

אַרומגעטאָן זיך מיט דער שטוביקער אַרבעט, און אָט איז מען מיך געקומען רופן צו דער אַרבעט — רייניקן דעם שפּיטאָל. ער געפינט זיך הינטער דער שטאָט, אין אַ געוועזענער פּוילישער קאַזאַרמע. גענומען דעם בעזים אין האַנט און אַוועק. מיט מיר גייט אויך אַ גראַנער מיידל — טייבע גאָרוויץ. מיר גייען מיטן טייך פאַרביי די גערטנער און אָט זענען מיר ביים בית־עלמין. עס וואַרפט זיך אין די אויגן די פּוסטקייט אויפן בית־הקברות. אַלע ביימער האָט מען אויסגעהאַקט. שטיל איז דאָ. שטילער ווי געווען. ס׳הערט זיך נישט מער דאָס זינגען פון די פייגעלעך. ס׳זעען זיך בלויז בערגלעך ערד און די אַלטע, אָפּגעבליאַקעוועטע מצבות. ס׳דוכט זיך, אַז אויך די קברים שטייען ווי באַליידיקטע אין זייער נאַקעטקייט.

מיר קומען אָן אין שפּיטאָל אַריין. ביז דריי אַזייגער האָט מען געאַרבעט. דער טאָג איז גיך אַדורך. מיר איילן זיך אַהיים. עס איז פרייטיק.

יום ה׳, 23.4.42.

שוין עטלעכע טעג פאַרלאָפן און כ׳האָב מיט דיר נישט געשמועסט, מיין ליבער טאָגבוך. גאָרנישט דיר דערציילט און גאָרנישט פאַר דיר אַנטפּלעקט. נישט געטיילט זיך מיט מיינע געפילן. נישט אָנגערירט דיך און נישט געבלעטערט דיינע פאַרצייכנטע בלעטער. געלעגן ביסטו שטיל און פאַראיינזאַמט. ניין. כ׳האָב דיך נישט פאַרגעסן. פּשוט, די געפילן זענען ביי מיר אַנטשלאָפן געוואָרן. כ׳האָב זיך נישט געוואָלט דערמאָנען וועגן „אַמאָל" און נישט טראַכטן וועגן „היינט". די געדאַנקען מיינע זענען געשטאַנען אין אַ זייט: נישט געקלערט און נישט געמאָנט קיין גערעכטיקייט פאַר דער וועלט, ווייל אַלץ איינס גיט עס נישט קיין פאַרלייכטערונג, נאָר פּיין און טרויער.

היינט פיל איך זיך אַנדערש ווי שטענדיק. ס׳לויפן אַדורך געדאַנקען און מערקווירדיקע דערינערונגען און אַלץ בינדט זיך אין אַ דיקער קייט פון אַדורכלעבונגען. שטעל זיך נישט אָפּ. פאָדער נישט פון זיך קיין ענטפער, אָדער דערקלערונגען. פאַרטיף זיך נישט. לאָז די מחשבות לויפן אומגעשטערט. דער מענטש קען קיין זאַך נישט פאָרויסזען. ער איז נישט קיין באַלעבאָס אויפן אייגענעם גורל. לאָז עס גיין ווי עס גייט...

די לופט איז אָנגעפילט מיט געזאַנג פון די פייגעלעך. זיי פליען אַרום און זענען פאַרטאָן אין בויען זייערע נעסטן, זוכן עסן פאַר זייערע קינדער. זיי פליען אַרום פריי, אומגעשטערט, ביז טיף אין הימל, ביז די וואָלקנס. אפשר דערפאַר זינגען זיי... זיי פליען אַרום אין קאָמפּאַניעס. באַפאַלן נישט איינער דער צווייטער. פאַר וואָס זענען מיר, מענטשן, נישט ווי די פייגעלעך? פאַר וואָס קענען די מענטשן נישט לעבן אין אחדות, אין שלום? פאַר וואָס קענען די מענטשן נישט פילן און שפּירן דעם צווייטנס ליידן? נאָר אין מענטש זענען איינגעוואָרצלט די ווילדע מידות: האַס און לוסט צו בלוט. קען ווער געבן אַן ענטפער דערויף?

שבת, 25.4.42.

היינט געאַרבעט אין דאָרף סולאַ ביים אויסוואָרצלען ביימער. נאָך נעכטן האָט

מען מיר אָנגעזאָגט, אַז כ׳דאַרף גיין היינט אויף אַרבעט אין סולאַ. צוליב דעם בין איך נישט געשלאָפן די גאַנצע נאַכט. כ׳האָב מורא געהאַט פאַרשלאָפן און פאַרשפעטיקן צו דער אַרבעט. יעדער ווײַלע האָב איך זיך אויפגעהויבן און געקוקט אין פענצטער, צי עס טאָגט שוין. פינף אַזייגער בין איך אויפגעשטאַנען און זיך אָנגעטאָן. אין דרויסן איז נאָך פינצטער. דער הימל איז פאַרוואָלקנט. אַ שטאַרקער ווינט בלאָזט אין גאַס.

מיר האָבן זיך צונויפגעקומען נעבן יודנראַט און פון דאָרט אַוועק קיין סולאַ. מיר זענען פופציק מאַן. מיט כ״ר געפינט זיך בתיה שמידט. מיר גייען לאַנגזאַם און ריידן צווישן זיך. מיר זענען אַרויס אין פעלד, די קעלט איז זייער גרויס. דווקא היינט באַווייזט זיך נישט די זון. מיר גייען און דער ווינט יאָגט אונדז צוריק. אויפן האַרץ איז ביטער. דווקא היינט, שבת, פירן אונדזערע שונאים זייערע קנעכט צו דער אַרבעט. און מיר זענען נאָך צופרידן, דאַנקען גאָט פאַר דעם און בעטן אים, ס׳זאָל נאָר נישט ערגער זיין...

לאַנגזאַם זענען מיר אַדורך די זעקס קילאָמעטער און אָנגעקומען צום אַרבעטס־פּלאַץ. אָט איז די מיל מיטן טייך און די געמויערטע הייזער פון „הויף״. מען לאָזט אונדז נישט רוען. מען פירט אונדז אַוועק אין אַ זומפּ, כדי אויסוואָרצלען דאָרטן די ביימער. די אַרבעט איז זייער אַ שווערע. מיר שטייען טיף אין וואַסער און אַרבעטן גיך, כדי צו דערוואַרעמען זיך אַ ביסל. איבער אונדז שטייט אַ פּאָליציאַנט. דראָט מיט קלעפּ און צווינגט אונדז נאָך שנעלער אַרבעטן. אָ, פאַר וואָס מאַטערט מען אונדז אַזוי, פּונקט ווי מיר וואָלטן נישט געווען קיין לעבעדיקע באַשעפעניש? ווי נישט פון פלייש און בלוט באַשאַפן, נאָר פון שטיין. מיר זענען שרעקלעך מיד. דער ווייטיק דרינגט אַדורך דעם גאַנצן קערפּער. ווי לאַנג וועל איך נאָך קענען אויסהאַלטן?

אָט קלינגט דער גלאָק און זאָגט אָן מיטאָג צייט. מיר פאַרלאָזן דעם זומפּ און קומען אַרויס אויף אַ העכער, טרוקענער אָרט. מיר פאַלן אַלע אַנידער דערשעפּטע. אויף אַ קורצע ווײַלע באַווייזט זיך די זון און באַהאַלט זיך צוריק אין די וואָלקנס. נאָך צוויי שעה רוען, קערן מיר זיך ווידער אום צו דער אַרבעט אין זומפּ. לאַנג ציען זיך די שעהן און ס׳דוכט זיך, אַז דער אָוונט וועט קיינמאָל נישט קומען. נאָר אָט קלינגט ווידער דער גלאָק. מיר קלייבן זיך אַהיים. מיר גייען שנעל, אונטערגעיאָגט פון ווינט. מען זעט שוין פון דערווייטן רוביזשעוויטש. כ׳פאַל אַריין אין שטוב אַ מידע, אַ דערפראָרענע. כ׳פיל גאָרנישט און קלער וועגן גאָרנישט און ס׳קימערט מיך גאָרנישט. איין געדאַנק באַהערשט מיך: דערוואַרעמען זיך און — שלאָפן. כ׳גיי גלייך אין בעט און ווער פאַרזונקען אין אַ שווערן שלאָף.

יום ב׳, 27.4.42.

דער פרימאָרגן איז אַ וואַרעמער. די זון שיינט מיט אירע שטראַלן און ברענגט פרייד יעדן, אַפילו אונדז, ליידנדע און פאַרשקלאַפטע. מען דאַרף נישט קיין וואַרעמע זאַך. מען דאַרף נישט קיין האָלץ. מען קען גיין באָרוויס. עס איז אויך לייכטער זיך אַרויסגנבענען פון געטאָ און גיין אויפן דאָרף וווּ מען קריגט מיט וואָס צו שטילן דעם הונגער.

אין שטוב ביי אונדז איז די מאַטעריעלע לאַגע ג׳ צו דאַנקען נישט שלעכט. עס איז דאָ ברויט און קאַרטאָפל. אין אַזאַ צייט, איז מיט אַזאַ שפייז נישטאָ וואָס צו פאַרזינדיקן.

עס גייען די טעג איינער נאָכן צווייטן. יעדער טאָג מיט זיין נייעס. זיי ברענגען קימער און ווייטיק. כ׳מיש די בלעטער פון טאָגבוך. ס׳איז שווער צו גלויבן, אַז מיר לעבן און זענען נאָך פעיִק צו טראַכטן און טרוימען.

אין געטאָ גייט אַרום אַ טיפוס און אַ סך זענען קראַנק. ניט יעדער גיט זיך אָפּ אַ דין־וחשבון ווו מיר האַלטן. מען פאַרשטייט אַלעס, אָבער מען מאַכט זיך נישט פאַרשטיין. מען פרוווט לאַכן. אַ סך יוגנט וויל פאַרברענגען און ראָמאַנסירן. מען וויל נישט טראַכטן וועגן דער ענדע, וואָס דערוואַרט. מען פרוווט זיך מונטערן און וועקן אין זיך דעם גלויבן אין בעסערס. אָבער נישט אַלע מאָל געלונגט עס. די בענקשאַפט נאָך דער פרייהייט איז גרויס. מיר איז באַזונדער שווער, בעת איך דערמאָן מיך דאָס פאַרגאַנגענע יאָר: מיין לערנען זיך, דאָס צוגרייטן די „אוראָקן״, דאָס גיין צו דער אַרבעט אין רעדאַקציע און טרעפן זיך דאָרט מיט פריינד. דאָס גיין אין קינאָ, דאָס ווײלן זיך, טאַנצן... אַלעס, אַלעס איז אַוועק. דאָס האַרץ בענקט און לאָקט נאָך יענע טעג. כ׳בלייב אַליין מיט מיין אומעט.

יום ד׳, 29.4.42.

היינט איז געגאַנגען אַ שניי. יעדער גרעזעלע האָט אַ מוטער — די זון. יעדער בלעטל ווערט געצערטלט אין די אָרעמס פון די וואַרעמע ווינטן. נאָר אין קיין שום פלאַץ איז נישט אַזוי שיין: אין קיין שום אָרט וואַרעמט נישט און צערטלט נישט די זון, ווי אין יענעם מזרח־לאַנד: דאָרט, ווו עס געפינט זיך אונדזער שיין היימלאַנד. דאָרט לעבן איצט די יידן פריי און אפשר אויך גליקלעך.

דאָרט שפּראָצן און פינקלען פון די ביימער די גאָלדענע פרוכטן. אויף די פעלדער בויגן זיך אונטערן ווינט די זאַנגען, ברענגען פרייד אין די יידישע הערצער, מאַכן זיי זאַט און שטאָלץ מיט לעבן.

אָט צו דעם לאַנד ציען זיך אַצינד מער ווי תמיד טויזנטער הערצער פון יידן. אָט צו דער ערד בענקען אַצינד אירע קינדער — די געמאַטערטע און פאַרשטויסענע און געפּלאָגטע יידן. אויסגעשעפּט זענען שוין אונדזערע כוחות פון ליידן. אונדזערע אויגן זענען שוין אויסגעטרונקט פון טרערן.

דער טאָג איז היינט אַ קאַלטער, אַ פאַרוואָלקנטער. אויך אויפן האַרץ איז קאַלט און פאַרוואָלקנט. עס הייבט אָן גיין אַ שניי און ס׳דוכט זיך, אַז דער ווינטער קומט צוריק. עס דויערט נישט לאַנג און דער שניי הייבט אָן צעגיין. דער הימל לייטערט זיך אויס און ס׳פאַלט צו דער פאַרנאַכט און מיט אים — דאָס געפיל פון אומעט און איינזאַמקייט.

יום ה׳, 30.4.42.

עס האָט ערשט אָנגעהויבן צו טאָגן. אָט ערשט האָב איך נאָך געחלומט שיינע חלומות. די נאַכט־שטילקייט האַלט נאָך אָן. נאָר דער פרימאָרגן שטופּט זיך לאַנגזאַם

אַריין. דער הימל איז באַדעקט מיט וואָלקנס, פונקט ווי ער פּילט אונדז מיט און לאָזט דער זון נישט שיקן אירע שטראַלן אויף דער ערד.

אויפגעוועקט האָט מיך דעם טאַטנס קול. ער גרייט זיך גיין אין דאָרף אַרבעטן. איך בין באַוּמרויִאיקט, מען זאָל אים, חלילה, נישט כאַפּן. ער זאָל זיך צוריקקערן, כאָטש געזונטערהייט, אַהיים. איך האָב מער נישט געקענט איינשלאָפן.

ס'דריקט מיך עפּעס אויפן האַרץ, אַ פאָרגעפיל? כ'בעט דעם טאַטן ער זאָל היינט בלייבן אין שטוב. ער נעמט אויף דער פּלייצע דעם זאַק מיט די אַרבעטס־כלים און גייט אַוועק.

דער טאַטע איז אַוועק און אומעטיק איז געוואָרן אין שטוב. אומעטיק — מער ווי אַלע מאָל. כ'קען מיר נישט שענקען, פאַר וואָס האָב איך אים געלאָזט גיין. איך געפין מיר קיין אָרט נישט אין שטוב און מיט די אויגן — ווי כ'וואָלט אים נאָכגעגאַנגען דעם וועג. כ'זע אים שפּאַנענדיק איבער ליידיקע סטעזשקעס, איינגעבויגן מיטן זאַק אויף די פּלייצעס, ווי דער אייביקער ייד, גייט ער מלא פּחד. זיינע אויערן זענען אָנגעשטרענגט — טאָמער יאָגט אים ווער נאָך. זיינע אויגן קוקן, זוכן, צי גייט קיינער נישט. ער זעט נישט די שיינקייט פון דער נאַטור. פּילט נישט די וואַרעמקייט פון דער זון. נאָר איין מחשבה האָט ער — ווי להבדיל ביי אַ גערודפטער חיה — מען זאָל אים נישט כאַפּן. ער איז מיד, דער טאַטע, פון גיין און פון שרעק. ער זעצט זיך אויף אַ שטיין אָפּרוען. נאָר לאַנג רוען קען ער נישט. די צייט שטייט נישט. אַ מידער, הייבט ער זיך אויף און גייט ווייטער. נישט מיטן אויסגעטראָטענעם וועג גייט ער, נאָר ווי אַ גנב גנבעט ער זיך צווישן קוסטעס און ביימער. ער גייט ווייטער, ווייטער, איז מסכן זיין לעבן, אבי צו ברענגען זיינע קינדער עסן. מיט וואָס קען איך דיר אָפּדאַנקען, טאַטע?

די קינדער זענען געבענטשט מיט גוטע מענטשלעכע מידות, מיט פעיִקייטן. ווען מיר זענען פריי, וואָלטן מיר געטאָן אַלץ, כדי אייך, טייערער טאַטע און מאַמע, צו באַגליקן. כדי אייך מידע און געפּייניקטע — געבן אַ גוטע און וואַרעמע עלטער.

דער טאָג גייט פאַרביי. ס'קומט די נאַכט. אין דער פינצטערקייט גנבענען זיך אַריין אין געטאָ טונקעלע שאָטנס, מיט זעק אויף די פּלייצעס. ענדלעך עפנט זיך די טיר און דער טאַטע, אַ מידער, אַ נאַסער פון שווייס, פאַלט אַריין אין שטוב מיט אַ זאַק קאַרטאָפל אויפן רוקן.

גאָט צו דאַנקען, וואָס ביסט געקומען אַ היים גאַנץ און געזונט.

יום ו', 1.5.42.

היינט געוואָרן פינף חדשים, אַז מיר זענען אין געטאָ.

דער טאָג איז אַ קאַלטער. עס גייט אַ געדיכטער רעגן און ס'בלאָזט אַ קאַלטער ווינט. אויפן האַרץ איז אומעטיק. זאָל כאָטש דער טאָג אַדורך אָן צרות. מען זאָל נישט אויסטראַכטן קיין בלבולים. זיצן די מענטשן אין די שטובן און ציטערן פאַר שרעק. דער פרימאָרגן איז אַדורך און ס'האָט גאָרנישט פּאַסירט. מען האָפט, אַז דער טאָג וועט אַדורך בשלום.

עס ענדערט זיך די צייט. עס ענדערן זיך די געפילן, געזעצן און דער אינהאַלט פון לעבן. נאָר איין זאַך איז אומגעענדערט — דער ווילן צום לעבן.

איין טאָג אַדורך, דער צווייטער — דוכט זיך, אַז אַלץ ענדיקט זיך און פאַרשווינדט אויף שטענדיק. און דאָך, אַפילו שטאַרבנדיק, לאָזט דיך נישט אָפּ די האָפענונג, אַז עפּעס וועט געשען אַ נס — און כ'וועל בלייבן לעבן.

מעגלעך, אַז אין דעם געפיל — איז באַהאַלטן דער יסוד פון לעבן און עולם־הבא, אין דער אומשטערבלעכקייט פון דער נשמה.

אָבער וועגן עולם־הבא און אומשטערבלעכקייט פון דער נשמה, קלערן מער די זאַטע און שטאַרקע, וועמען ס'איז אַ שאָד איבערצולאָזן זייער ערדיש גוטס, זייערע פאַרגעניגנס. זיי האָפן דעריבער אויך נאָכן טויט הנאה צו האָבן. דער אָרעמער און דערדריקטער מענטש, קען זיך אַפילו דעם לוקסוס פון טראַכטן דערפון נישט דערלויבן. ער נעמט אויף דעם טויט, ווי ער נעמט אויף דאָס לעבן — ווי אַ נויטווענדיקייט.

נאָך אַלעמען, וואָס איז דער טויט פאַר די, וואָס גלויבן אין שיינע אידעאַלן און זענען צונויפגעקניפּט אין לעבן מיט טויזנטער אָדער מיליאָנען מענטשן, וועמעס מחשבות און צילן זענען די זעלבע — שאַפן אַ בעסערע און גליקלעכע וועלט פאַר אַלע מענטשן.

ווען איך גיי אונטער, שטאַרב, ווער איך נישט פאַרניכטעט. איך לעב ווייטער אין די קערפּערס, אין די נשמות, אין די מחשבות פון אָט די טויזנטער און מיליאָנען, וועלכע טראַכטן ווי איך און זעצן פאָר מיין קאַמף און גייען צו אונדזער בשותפות־דיקן ציל. ס'האָבן מורא פאַרן טויט די נידערטרעכטיקע און די, וועלכע האָבן גאָרנישט אין זייער לעבן, אויסער — זיך אַליין.

שבת, 2.5.42.

ווידער פאַרגאַנגען אַ וואָך. ווידער אַ נייעס, נאָך אַ געשיכטע — און אַזוי פאַרגייט אַ טאָג נאָך אַ טאָג, פול מיט שרעק פאַרן קומענדיקן מאָרגן. כאָטש דער שכל לאָזט נישט, גלויבט דאָך דאָס האַרץ, אַז ס'וועט קומען אַ טאָג, ווען מיר וועלן מער נישט זיין פאַרשפּאַרט, פאַרשקלאַפּט און דערנידעריקט. אַז מיר וועלן מער נישט זיין קיין איבעריקע און אומנויטיקע מענטשן. שטאָלצע מענטשן מיט רעכט צום לעבן וועלן מיר זיין.

אין אונדזער לעבן אין געטאָ, קען מען דערלערנען און דערקענען מענטשן. מענטשן מיט פאַרשידענע כאַראַקטערן זענען געצוווּנגען צו לעבן צוזאַמען. אַנדערע האַלטן זיך כסדר אין קריגן. אַנדערע שווייגן און פאַרגינען נישט דעם צווייטן ס'לעבן. שנאה און קנאה לאָזט זיך מערקן ביי די געטאָ־מענטשן. אין דער שווערער תקופה וואָס מיר לעבן איבער, געפינען זיך נאָך מענטשן, וואָס פאַרגרעסערן איינער דעם צווייטנס פּיין — און דאָס, צוליב נאַרישקייטן: צוליב אַ טעפּל, אָדער אַ לעפל. מען פאַרגעסט וואָס עס שטייט אונדז פאָר. אַנשטאָט אחדות, מיטפילונג און איבער־געגעבנקייט איינער צום צווייטן — קריגן זיי זיך און מיינען, אַז דאָס וועט זיי ברענגען די ישועה.

נישט איינמאָל גיי איך אַרויס אין דרויסן און הער אין דער נאַכט־שטילקייט קללות און מיאוסע ווערטער. איך אַנטלויף צוריק אין שטוב אַריין.

לאַנגזאַם פאַרגייט דער שבת. ס׳איז אומעטיק אויפן האַרץ. אין דרויסן רעגנט. איך געפין זיך נישט קיין אָרט. כ׳נעם דעם טאָגבוך און בלעטער אים. איך פאַרליר זיך אין די פאַרגאַנגענע יאָרן, ווען כ׳בין נאָך אַ קינד געווען. איך האָב דעמאָלט געלערנט און געשטרעבט צו פאַרשטיין און אַריינדרינגען אין די זאַכן און דערשיי־נונגען, וועגן וועלכע מען האָט געלערנט.

איך לייען וועגן מיינע איינדרוקן פון יענער צייט. וועגן אונדזער לאָקאַל, פול מיט געזאַנג און טענץ. וועגן די אָוונטן וואָס כ׳האָב פאַרבראַכט מיט די חברטעס. וועגן די לעקציעס און ליבלעכע שמועסן מיט די מדריכים. ווי קינדעריש, ווי נאַריש און ווי גוט איז געווען יענע צייט.

איך מיש די בלעטער און לייען און ס׳דוכט זיך, אַז דאָס איז געווען בלויז אַ חלום. ס׳ווערט נאָך מער אומעטיק אויפן האַרץ. אַ בענקעניש נאָך די גאָלדענע מאָמענטן, וואָס זענען אַוועק און וועלן מער נישט צוריקקומען. און טרערן גיסן, גיסן זיך פון מיינע אויגן. כ׳באַוויין די צייט, וואָס איז אַוועק און די צוקונפט, וואָס דערוואַרט אונדז. שרעק. שוידער. פיין.

יום ג׳, 5.5.42, ל״ג בעומר.

היינט איז געגאַנגען אַ שניי. די טעג זענען אַזעלכע קאַלטע. דעם גאַנצן טאָג בלאָזט אַ ווינט און דער הימל איז פאַרוואָלקנט. אויף אַ מינוט באַווייזט זיך די זון און ווידער שניי. פאַרנאַכט ווערט וואַרעמער און דער שניי צעגייט. אין דרויסן ווערט אַ בלאָטע און אַ נאַסקייט.

ל״ג בעומר איז היינט, אָבער מען גייט נישט אין וואַלד און מען דערציילט נישט די געשיכטע און געשעענישן פון ל״ג בעומר.

דער טאָג פאַרגייט. כ׳שטיי ביים פענצטער, קוק אַרויס אויף דער גאַס און טראַכט וועגן דער פאַרגאַנגענהייט. כ׳טראַכט וועגן די רויִקע טעג פון אַרבעט, אויך וועגן די שווערע, אינערלעכע געראַנגלענישן מיט אייגענע געפילן, וועלכע כ׳האָב פאַר קיינעם נישט אַרויסגעבראַכט. כ׳ווייס איצט, אַז לעבן הייסט פילן און פילן מיינט ליידן. לעבן איז אַ שטענדיקער געראַנגל מיט זיך אַליין. ס׳איז דאָ אויך אַ לייכטערער וועג צום לעבן — מיט פאַלשקייט, שווינדל און אכזריות. איך אָבער האָב אויסגעקליבן דעם שווערן וועג.

אפילו חיות האָבן זייערע געזעצן, וואָס די נאַטור האָט אין זיי איינגעפלאַנצט. אָבער מענטשן, וואָס האָבן פאַרלוירן זייער געוויסן און זוכן אַ לייכט לעבן — זענען ערגער פון חיות. זיי ברעכן אַלע געזעצן. פאַר זיי איז נישטאָ קיין הייליקטום אין לעבן און אין טויט.

יום ד׳, 6.5.42.

היינט דערשאָסן אין איוועניץ צוויי בחורים פון רוביזשעווישער געטאָ: מולע

קאָסמאָיעוויטש און יוסף מאָרדכאָוויטש פון דערעווניע. מיד איז דאָס האַרץ פון טרויעריקע נייעס. דער קאָפּ בייגט זיך אַלץ נידעריקער און נידעריקער פון צרות.

צוויי הונגעריקע מיידלעך: חנה קיוואָוויטש פון כאַטעווע און חייה בערמאַן פון דערעוונע, האָבן זיך אַרויסגעגנבעט פון געטאָ און אַוועק אין דאָרף אַרבעטן און פאַרדינען אַ שטיקל ברויט. אויפן וועג האָט זיי געכאַפּט אַ פּאָליציאַנט און אַוועק געפירט אין דער געסטאַפּאָ קיין איוועניץ. דאָס וואָס זיי האָבן דאָרט דורכגעליטן, איז אוממעגלעך צו דערציילן. איין געבעט איז נאָר געווען ביי זיי אין האַרץ — דער טויט. דער טויט זאָל קומען וואָס שנעלער און אויסלייזן זיי פון די יסורים. נאָך צוויי וואָכן פייניקן זיי, האָט מען זיי צוריק געשיקט — קוים לעבעדיקע — אין רוביזשעוויטשער געטאָ. גרויס איז געווען אונדזער שמחה, דערזעענדיק זיי צוריק לעבעדיק. נאָר נישט לאַנג האָט אונדזער פרייד געדויערט. אויפן פערטן טאָג נאָכן צוריק קומען פון די מיידלעך, איז געשען אַ צווייטער אומגליק מיט אַ מיאוסן סוף. אונטערן אויסרייד פון נישט אויספירן די באַשטימטע אַרבעט, האָט די פּאָליציי געכאַפּט צוויי יידישע בחורים און זיי אָפּגעשיקט קיין איוועניץ אין דער געסטאַפּאָ. דאָרט האָט מען זיי פאַרמשפּט צום טויט. אָבער דער טויט אַליין איז, ווייזט אויס, געווען נישט גענוג פאַר די געסטאַפּאָ־מערדער. מען האָט די צוויי בחורים געפּייניקט און געמאַטערט און געצוווּנגען זיי אַליין אויסצוגראָבן פאַר זיך אַ קבר. היינט זעקס פאַרטאָג האָט מען זיי דערשאָסן. זעקס פאַרטאָג. די זון גייט אויף און שפּיגלט זיך אין די טראָפּנס טוי אויף זייער פרישן קבר. עס הייבט זיך אָן אַ נייער טאָג אויף דער ערד. אַ טאָג פון פרייד און האָפענונג און דערוואַרטונג פאַר מענטשן. אָבער מוליע און יוסף, די צוויי יונגע יידישע בחורים, זענען שוין נישטאָ.

צוזאַמען ליגן זיי אין איין שמאָלן קבר. פאַר זיי איז אַלץ געענדיקט. און דער הימל איז ריין, בלוי. און די פייגעלעך שפּרינגען אַרום און זינגען. מענטשן גייען צו זייער אַרבעט. ביימער שטייען אין זייער בליִונג. ווייסט דען נישט די נאַטור, וואָס עס איז איצט פאָרגעקומען ביים אָפענעם קבר, ווו מען האָט פאַרשניטן דאָס לעבן פון צוויי אומשולדיקע בחורים? איז דען גאָט אויך קעגן אונדז?

אין געטאָ ביי אונדז איז דער אומעט גרויס. מען טרויערט נאָך די צוויי דערהרגעטע. מיר פילן דעם פּחד פון טויט און די דערנידעריקונג פון אַזאַ לעבן. דאָס דערוואַרט דאָך אונדז אויך. טויט. טויט. און אפשר? אפשר לעבן?

יום ה׳, 7.5.42.

נישטאָ מער קיין געפיל ביי אונדז. מיר זענען מיד פון צרות. די טרויעריקע מחשבות דריקן און שטיקן אונדז. דער פּחד און די געפּאַנגענשאַפט מאַכן אונדז מיד, קראַנק און פאַרקירצט אונדזער לעבן. מיר זענען לעבעדיקע מתים און באַוועגן זיך קוים. אונדזער לאַגע איז, ווי מען וואָלט אונדז געבונדענערהייט אַריינגעוואָרפן אין אַ שלאַנגען־גרוב. מיר זענען אוממעכטיק, קענען זיך נישט פאַרטיידיקן. וואַרטן אויפן טויט. וואַרטן און קוקן זיך צו, ווי די שלאַנגען פויזען לאַנגזאַם, לאַנגזאַם צו אונדז...

מען שפּילט זיך מיט אונדזערע נשמות. אָט דוכט זיך, אַז אַלץ איז שוין

געענדיקט, דער סוף קומט. נאָר מען קערט צוריק אונדזערע נשמות, כדי מאָרגן פון דאָסניי דורכלעבן די גסיסה־יסורים.

אויב אַ מענטש קען נישט זיין פריי; אויב מען רויבט פון אים צו זיין כבוד און מען פאַרוואַנדלט אים אין אַ שקלאַף, איז דער טויט אַ סך בעסער פון אַזאַ לעבן.

מיר ווייסן, אַז עס דערנענטערט זיך אונדזער ענדע. אָבער מיר זענען פאַר־שטיינערט, פאַרהאַרטעוועט און גלייכגילטיק. איז אַזאַ מצב נאַטירלעך? קענען נאָרמאַלע מענטשן שטיין אַזוי שטיל ביים שוועל פון טויט? אַזוי גלייכגילטיק, איינשטימיק?

קענען דען נאָרמאַלע מענטשן אַדורכטראָגן אַזוי פיל ליידן, פיין, דערנידעריקונגען, שרעק און הונגער — און נישט ווערן משוגע?

לעב איך, אָדער בין איך טויט? געפין איך זיך צווישן לעבעדיקע וועזנס, אָדער טויטע? און אפשר גאָר צווישן שדים, אין אַ שרעקלעכער, אומנאַטירלעכער וועלט? אָ, געדאַנקען מיינע, פאָדערט פון מיר קיין ענטפער נישט. פייניקט מיך נישט. לאָזט מיך איבער אַליין אין מיינע לעצטע מינוטן, איך זאָל קענען גיין רויִק צו מיין ענדע.

דער טאָג איז שיין. די זון איז ליכטיק און רופט אונדז צום לעבן. אָבער ווו נעמט מען די פיזישע קראַפט, כדי צו רייסן די קייטן פון קנעכטשאַפט, מיט וועלכע מיר זענען געבונדן. ווו זענען די העלדן, וועלכע זאָלן אונדז קענען באַפרייען פון אונדזערע פייניקער. מיר זענען שוואַך, שוואַכער פון אַ מילב, געצוווּנגען צום שווייגן, צו בייגן אונדזערע קערפּערס.

איך האַס די וועלט וואָס שווייגט און ראַטעוועט אונדז נישט פון די פייניקער.

איך קען נישט מאַכן הערן דער וועלט אונדזערע יסורים, שרייב איך עס אויפן פאַפיר און עס מאַכט מיר אַ ביסל גרינגער.

כ'וויס, וואָס עס דערוואַרט מיר. אַנדערש קען עס שוין ניט זיין. נאָר איין געבעט האָב איך: מיין טויט זאָל זיין אַ נאַטירלעכער און נישט פון אַ מענטשנס האַנט, פון אַ קויל.

יום ששי, 8.5.42.

היינט צוועלף אַזייגער האָט מען אַרויסגעפירט פון געטאָ 203 יידן קיין איוועניץ.

און ווידער אַ צרה. ווידער דער אומעט פון געזעגענונג. ווידער געוויין און געשרייען. די היינטיקע וואָך איז פול מיט פיינלעכע געשעענישן. אַ וואָך פון דורכלעב־בענישן און צרות. איידער די ערשטע צרה פאַרגייט, קומט אַ פרישע און עפנט אַ פרישן קוואַל פון טרערן און ליידן. ס'ווילט זיך פשוט נישט אָנהייבן די היינטיקע טרויעריקע נייעס צו שרייבן. עס ציטערט די האַנט און טרערן באַנעצן דעם בלאַט.

אָבער איך מוז שרייבן און פאַרגרינגערן דורך דעם מיין ווייטיק. נעכטן אָוונט, גייענדיק שלאָפן, האָט זיך קיינער ניט פאָרגעשטעלט, וואָס עס דערוואַרט אונדז היינט. פאַרשטערט אונדזער פרייטיק, פאַרשטערט אונדזער לעבן אויף אייביק.

איך האָב זיך אויפגעכאַפּט אין דער פרי (די זון קוקט אַריין דורכן פענצטער, ווי זי וואָלט זיך רייצן מיט אונדז), אָפּגעשיילט קאַרטאָפל און זיך געשטעלט קאָכן, אַרומגעראַמט די שטוב און דעם הויף. אַלץ איז גרייט צום שבת. פלוצום הער איך

געשרייען און אַ געוויין אין דרויסן. כ׳גיי אַרויס אין גאַס און דערוויס זיך, אַז מען פירט אַרויס די אַרבעטער פון די אַרטעלן מיט זייערע משפחות. איך ווייס נישט וואָס צו ראַטן מיין פאָטער. כ׳מיין, אַז ער דאַרף אויך פאָרן. מיר ווייסן דאָך פון אַנדערע געטאָס, אַז נאָכן אַרויספירן די אַרבעטער מיט זייערע משפחות, האָט מען די פאַרבליבענע דערשאָסן. יעדער איז פאַרציטערט און ווייסט נישט וואָס צו טאָן. דאָ, אין געטאָ, איז געווען לייכטער צו קריגן אַ שטיקל ברויט. מען פלעגט זיך אַרויסגנבענען אין די דערפער, אַרבעטן און פאַרדינען וואָס צום עסן. אין איוועניץ איז אַ זיכערער הונגער־טויט.

די געסטאַפּאָווצעס מיט צוויי איוועניצער פּאָליציסטן גייען איבער די שטובער און שלאָגן ביז בלוט די יידן. כ׳זע, ווי עס גייט אַ ייד מיט אַ פּאַק אויף די פּלייצעס און אַ פּאָליציאַנט וואַרפט אויף אים גרויסע שטיינער און צווינגט אים לויפן. ער לויפט און פאַלט, פּרוּווט זיך אויפהייבן און פאַלט און דער שגץ לאַכט. עס גייען עטלעכע דייטשן, דוכט זיך, צו אונדז. איז נישטאָ ווו צו באַהאַלטן זיך? גאָט צו דאַנקען, זיי זענען אַדורך און נישט אַריין אין שטוב. פון דער ווייטנס שטייען די שטאָטישע קריסטן און לאַכן.

אויפן מאַרק שטייען די אָרעמע יידן מיט זייערע קינדער און וואַרטן מען זאָל זיי דערלויבן אויפצולייגן אויף די פורן זייערע פּעקלעך.

ס׳קומען אָן די פורן און מען פּאַקט זיי אָן מיט די פּעקלעך און די יידן שטעלן זיך אויס דריי אין אַ ריי. מאַמעס מיט עופּהלעך אויף די הענט, קאַליקעס, צעשלאָגענע און צעבלוטיקטע. אַ טייל קינדער פעלן. מען האָט זיי אין דער פרי אַוועקגעטריבן אויף אַרבעט קיין סולאַ.

די פאַרבליבענע יידן אין׳ געטאָ זיצן אין זייערע הייזער דערשראָקענע, פאַריאושטע און טראַכטן וועגן טויט, וועלכער דערוואַרט זיי דאָ. קיין צווייטער אויסוועג איז נישטאָ.

דער זייגער איז צוועלף, ווען די פורן רירן פון אָרט. די מענטשן, אַפילו קליינע קינדער — גייען צופוס נאָך די וועגענער. מיט געבראָכענע הערצער געזעגענען מיר זיי פון דער ווייטנס, צווישן זיי אויך די מומע רחל מיטן מאַן און קינדער. זיי וואַרפן אַ לעצטן בליק אויפן שטעטל, אויף די הייזער און לאָזן זיך אין זייער וועג צום אומדער־וואַרטעטן... און מיר אַלע ווייסן, אַז מיר וועלן זיך שוין נישט זען...

די שטימונג ביי די איבערגעבליבענע איז אַ שרעקלעכע. כ׳גיי אַריין אין די פּוסטע הייזער. זייערע טירן אָפן. ס׳וואַלגערן זיך אַרום זאַכן, וואָס מען האָט נישט באַוויזן מיט זיך צו נעמען. די פאַריתומטע ווענט קוקן אויף מיר מיט טרויער. ס׳הערשט אין די פּוסטע הייזער אַ בית־עולם שטילקייט.

און דאָרט, אין וועג, שפּאַנען זיי מידע, צעבראָכענע. אַרום זיי איז פול מיט לעבן. אין די פעלדער און וועלדער אַרבעטן פרייע און זאַטע מענטשן. נאָר מיר, יידן, שפּאַנען טיף געבויגן, מיטן שטאָק אין האַנט — אָן אַ היים און אָן אַ לאַנד.

אין אָוונט גיי איך אַרויס אין הויף. כ׳קוק אויף דער פאַרגייענדיקער זון און איך אָטעם טיף די ריינע לופט. כל־זמן איך בין נאָך פעיִק צו זען און אָטעמען — וויל איך עס אויסנוצן. איבערן געטאָ איז אויסגעשפּרייט אַ שרעקנדיקע שטילקייט. עס שרעקט די אָנקומענדיקע נאַכט און נאָך שרעקלעכער איז דער מאָרגן. איך קוק אויף דער פאַרגייענדיקער זון און מיר דוכט זיך, אַז זי פאַרגייט פאַר מיר אויף שטענדיק. אַז

מאָרגן וועל איך איר שוין נישט זען. אַ טויטע שרעק באַפאַלט מיך פאַר דעם געדאַנק. פּלוצום דערהער איך געשרייען און כ׳זע לויפנדע פיגורן. כ׳קום צו נענטער און דערקען מיין חברטע מאַשע און די איבעריקע קינדער, וועלכע האָבן זיך איצט צוריקגעקערט פון סולא. נישט געטראָפן דאָרט זייערע עלטערן, נאָר פּוסטע הייזער.

כ׳גיי אַריין צו מאַשען. זי איז נאַס פון טרערן און איך האָב איר נישט מיט וואָס צו טרייסטן. זיץ איך און וויין צוזאַמען מיט איר. מאָרגן פרי דאַרפן מיר זיך צעשיידן, מיין בעסטע חברטע. מאָרגן פרי פירט מען דיך אָפּ מיט די געבליבענע קינדער קיין איוועניץ. איך בלייב דאָ, באַצייכנט צום טויט. זיץ איך און קוק אויף איר. איך וויל איינזאַפּן איר געשטאַלט. מאָרגן וועסטו בלייבן פאַר מיר בלויז אַן אָנדענקונג. מער וועלן מיר זיך שוין נישט טרעפן. בלויז אין געדאַנק וועלן מיר דערמאָנען איינע די צווייטע.

ס׳איז שוין שפּעט. כ׳קער זיך אום אַהיים. דער אַמאַליקע פריילעכער פרייטיק־צונאַכטס מיט זיינע געזאַנגען און געלעכטערס, איז פאַרשטערט אויף אייביק.

ס׳איז אונדז ביז היינט געווען שלעכט, אָבער מיר זענען געווען צוזאַמען. האָט אונדז גאָט נאָך מער שלעכטס געטאָן. צו דעם דאַרף מען זאָגן „גאָט און זיין משפּט איז גערעכט״...

נאַכט. טרויעריקע נאַכט איז געקומען.

שבת, 9.5.42.

היינט ניין אַזייגער איז אָפּגעפאָרן אין איוועניצער געטאָ מאַשע און די פאַרבליבענע קינדער.

כ׳האָב זיך אויפגעכאַפּט פון שלאָף מיט אַ געשריי און געוויין. מיר האָט זיך געחלומט מאַשעס אַוועקפאָר. ס׳האָט ערשט אָנגעהויבן צו טאָגן. לאַנגזאַם וויקלט זיך פונאַנדער אַ שיינער פרימאָרגן. כ׳קוק אויף אים מיט האַס, ווייל נישט פאַר אונדז יידן איז ער געגעבן געוואָרן. כ׳גיי אַוועק צו מאַשען אויפן הויף און מיר זעצן זיך צום לעצטן מאָל אויף דער באַנק, אויף וועלכער מיר פלעגן אָפט זיצן און שמועסן און טרייסטן איינע די צווייטע, דערציילן און דערמאָנען די גוטע צייטן, וועלכע מען האָט דורכגעלעבט צוזאַמען אין די קינדער־יאָרן. אַנשטאָט ריידן, זיצן מיר און וויינען. באַלד וועט קומען די פור און ׳מיר וועלן זיך געפינען אין צוויי באַזונדערע וועגן. כ׳דערמאָן זיך אין די שטילע ווינטער־נעכט אין געטאָ, ווען מיר פלעגן זיצן צוזאַמען און אויסריידן זיך דאָס האַרץ. אָט היינט פאַרנאַכט, וועלן מיר שוין נישט זיצן צוזאַמען. איך וועל דיך שוין נישט זען. כ׳וועל אַריינקומען צו דיר אין שטוב און דיך ניט טרעפן. עלנט און פאַרשעמט וועט שטיין דער טיש אין דער פּוסטער שטוב. נאָך אַ ווײַלע און דו וועסט פאַרלאָזן דאָס שטעטל, ווו דו ביסט געבוירן געוואָרן, אַנטוויקלט זיך און פאַרבראַכט דיינע יוגנט־יאָרן.

די צייט פליט שנעל. כ׳האָב געוואָלט נאָך אַביסל זיין מיט דיר, נאָר עס קומט אָן די פור. מען טראָגט שוין די פּעקלעך. מיר הייבן זיך אָן געזעגענען. מיר געזעגענען זיך דאָך אויף אייביק. מיר נעמען זיך אַרום שטאַרק. מיר קוקן זיך אָן איינע דער צווייטער. הייסע קושן.

די פור איז שוין איינגעפּאַקט און מען פֿאָרט אַרויס. כ׳קוק לאַנג און באַגלייט איר מיט מיינע אויגן. זי גייט און קערט אָפּ יעדע ווײַלע איר פֿאַרוויינט פּנים און קוקט אויף מיר און אויפן שטעטל. אָט ווערט זי קלענער און קלענער. ס׳זעען זיך בלויז אירע אַקסלען, דער קאָפּ. און מיט אַמאָל פֿאַרשווינדט זי אין גאַנצן. זי איז אַוועק אין אַ ווייטן וועג און מיר זענען פֿאַרבליבן דאָ, מיט אונדזער פּחד פֿאַרן מאָרגן.

דער אָוונט פֿאַלט צו. כ׳גיי אַרויף אויף דײַן הויף, מאַשע, און דאָס האַרץ פֿאַרקלעמט מיר, דערמאָנענדיק זיך, אַז דו ביסט שוין מער נישטאָ. כ׳שטיי לאַנג ביים טויער פֿון הויף, כ׳רוף דיך און דו קומסט ניט אַרויס און רעדסט ניט מיט מיר. מיט וואַקלדיקע טריט קער איך זיך צוריק און אַ צעוויייטיקטע — אַ היים.

יום א׳, 10.5.42.

דער פֿרימאָרגן איז היינט זייער אַ שיינער, נאָר פֿאַר אונדז איז ער פֿול מיט אומעט. מען איז געשפּאַנט אין געטאָ און מען דערוואַרט מיט ציטערניש וואָס די שעהן וועלן ברענגען. איך האַס און שעלט דעם טאָג, וואָס כ׳בין געבוירן געוואָרן. אָ, לעבן, וואָס האָט מיר געבראַכט אַזוי פֿיל שלעכטס און טרויער. וואָס טויג אַזאַ לעבן? עס איז אָנגעזאַפּט בלויז מיט צרות, מיט מחשבות וועגן טויט, וועגן שחיטות. כ׳וואָלט וועלן וועגן עפּעס פֿריילעכס טראַכטן. נאָר אַזעלכע מחשבות קענען נישט געפֿונען זייער וועג אויף די גאַסן פֿון געטאָ. אַלץ איז פֿון אונדז אַוועקגערויבט געוואָרן און געבליבן זענען בלויז די טרויעריקע געדאַנקען. דאָס לעבן היינט זעט אויס טייערער פֿון שטענדיק. ס׳ווילט זיך לעבן און דערלעבן נאָך אַ ביסעלע גליק, וואָס זאָל פֿאַרגעבן אונדז פֿאַר די צרות וואָס מיר שטייען אויס. טאַטע אין הימל, שטאַרק אונדז און שיק אונדז דײַן גאולה!

יום ד׳, 13.5.42.

ווו זענט איר, מיינע מחשבות? צי דען האָט איר זיך דערשראָקן און געמיינט, אַז איך בין שוין נישט פֿעיִק צו באַנעמען און באַשרייבן? צי דען האָט איר געמיינט, אַז כ׳לעב שוין מער ניט און בין נישט פֿעיִק מער צו טראַכטן?

כ׳לעב נאָך. זע אַלץ. פֿאַרשטיי אַלץ און בין נאָך פֿעיִק צו טראַכטן. אַ סימן, אַז כ׳האָב זיך נאָך נישט צעשיידט מיט מיין טאָגבוך: מיט דיר, מיין אינטימסטער פֿריינד, וואָס ווייסט פֿון מיינע סודות און געדאַנקען. אָ, ווי כ׳בענק נאָך דיר, ווען ס׳גייען דורך עטלעכע טעג און כ׳קען ניט שמועסן מיט דיר, מישן דיינע בלעטער און אויסגיסן פֿאַר דיר מיין האַרץ.

אַן אומפֿאַרשטענדלעכע קראַפֿט שטויסט מיך נעמען די פֿען און שרייבן, שרייבן... און ווען איך שרייב, פֿאַרגעס איך אַלץ וואָס אַרום מיר איז. כ׳הער דאַן נישט און זע קיין זאַך ניט. כ׳זע נאָר פֿאַר מיר דעם ריינעם בלאַט און איך פֿאַרפֿול אים מיט מיין שריפֿט און גיס אויס מיינע געפֿילן. כ׳פֿיל זיך גליקלעך, נאָר ווען כ׳שרייב. ווי גוט מיר איז, אַז גאָט האָט מיר געשענקט דעם ווילן און ליבע צו שרייבן, דאָס קענען אויסדריקן אין שריפֿט געדאַנקען. און דו, מיין טאָגבוך? שווייגסט? ביסט פֿאַרשלאָסן

פאַר אַנדערע, נאָר מיר ביידע ווייסן פון אונדזערע מחשבות, פריידן און צער און מיר ביידע עקזיסטירן איינער פאַרן אַנדערן.

פאַריקן שבת האָב איך נישט געגלויבט, אַז כ׳וועל היינט נאָך לעבן. כ׳פיל זיך גליקלעך, אַז כ׳קען לעבן נאָך אַ טאָג און טאָג און שרייבן. ווי שיין איז דער טאָג. די לופט איז פול מיט ריחות פון די בליענדיקע ביימער. פייגעלעך פליען אַרום און זינגען. דער טייך פליסט שטיל. קליינע כוואַליעס לויפן מיט אַ שטילן פליסטער און פאַלן צו צום ברעג — ווי קינדער צו דער מאַמעס ברוסט. אַרום איז גרין און שטיל. אַלץ אַרום רופט צום לעבן. אָבער, ליידער, נישט פאַר אונדז, די פאַרשפאַרטע אין געטאָ. ווען כ׳וואָלט קענען זיך פאַרוואַנדלען אין אַ פייגעלע? שוועבן איבער די ביימער אין דער פרייער לופט? כ׳וואָלט דאַן פאַרפליגן צו דיר, מיין שוועסטער (אויב דו לעבסט נאָך) און ברענגען דיר אַ גרוס פון אונדז אַלעמען און דאַן צוריק אַוועקפליען אין מיין נעסט. שווער און אומברחמנותדיק איז איצט דאָס לעבן פון מענטש. נאָך שווערער איז דאָס לעבן פון אומבאַשיצטן ייד.

איבער אונדזערע קעפּ הענגט אַ שרעקלעכע נייעס, וואָס מאַכט אונדז ציטערן טאָג און נאַכט. שווער איז צו קוקן דעם טויט גלייך אין די אויגן. ביטער איז צו פאַרברענגען אַזוי די יוגנט־יאָרן. די שעהן און טעג פאַרלויפן און ברענגען שווערע דורכלעבונגען. פיין און אומעט. זיי ברענגען אונטערגאַנג פאַר אונדז. נישטאָ קיין וועג צו רעטונג און באַפרייען אונדז פון אונדזער פינצטער לעבן.

יום ה׳, 14.5.42.

איך זוך אַ געדאַנק, אַ רעטונג פאַר מיין מידן, געפייניקטן מוח. אַ געדאַנק, אָדער פאַנטאַזיע, וועלכע זאָל מאַכן מיך פאַרגעסן אין דער איצטיקער צייט. איך זוך דעם אַוועקגערויבטן פון מיר געפיל, וואָס זאָל מיך שטאַרקן און טרייסטן אין די שטילע פרימאָרגנס — דאַן ווען איך ליג מיט אָפענע אויגן און קוק זיך צו צום אָנקומענדיקן טאָג, בעת אַלע ליגן נאָך פאַרזינקען אין זייער שלאָף, חלומען, און דעם אָרעמען ייד דוכט זיך, אַז זיינע חלומות זענען די וואָרהייט.

ווען די נאַכט פאַרגייט לאַנגזאַם און אַלץ אין דער נאַטור וואַרט מיט אַ פאַרכאַפּטן אָטעם אויף דעם אָנקומענדיקן טאָג — דאַן כאַפּן מיך אַרום די שוואַרצע מחשבות און פייניקן, פייניקן ביז טרערן. די אומעטיקע געדאַנקען לאָזן זיך ניט ענדערן און טרייבן פון מיר אַוועק דעם ווילן צו לעבן. זיי נעמען מיך אַרום מיט אייזערנע צוואַנגען און לאָזן ניט אָפּ.

פאַר וואָס פאַרלאָזן זיי מיך ניט, די ביטערע מחשבות? פאַר וואָס גייען זיי ניט צו יענע, וועלכע טראַכטן אונדז אומצוברענגען? אפשר וואָלטן זיי אויך אַנדערש געפילט? אפשר וואָלט זיך דאַן ביי זיי דערוועקט דער חוש פון מיטגעפיל און רחמנות?

אָ, דאַן וואָלט איך אפשר דערפילט וואָס פריינדשאַפט איז און אויפגעלעבט וואָלט מיין יונג האַרץ. פול וואָלט עס געוואָרן מיט שמחה און מיטגעפיל און גרייטקייט צו העלפן דער ליידנדיקער מענטשהייט. כ׳וואָלט דאַן שפּאַנען מיט אַלע פרייע מענטשן און אַרויסרופן אַלע אומגליקלעכע פון זייערע פינצטערקייטן צו דער זון און באַפרייען זיי פון זייערע ליידן.

כ׳וואָלט זיי געלערנט גוטע מידות. דאָס בעסטע וואָלט געווען פאַר מיר, ווען איך וואָלט געקענט דערגרייכן צו אַט דעם שטאַפּל פון לעבן. געפינען זיך צוזאַמען מיט מענטשן, וואָס לעבן און שאַפן, נישט בלויז פאַר זיך, פאַרן „אייגענעם איך", נאָר אויך פאַר אַנדערע, וועלכע העלפן אומגליקלעכע און ליידנדע און לאָזן זיי נישט פאַלן. לאָזן זיי נישט זינקען אין זומפּ פון יאוש און ליידן.

כ׳וואָלט אויך וועלן געפונען אַ מענטש, וואָס זאָל אַזוי פילן און דענקען ווי איך און איך זאָל פון אים נאָך קענען לערנען גוטס. אָ, ווי עס בענקט מיין האַרץ נאָך ליבע און נאָך אַ פריינד, וועלכער זאָל זיין געטריי מיין מחשבות־גאַנג: לעבן מיט אים צוזאַמען און שטילן מיין לאַנגן, לאַנגן דורשט נאָך פריינדשאַפט און ליבע.

אָבער טיילמאָל באַטראַכט איך נישט און פרעג נישט דאָס יונגע האַרץ, צי דער פריינד איז גוט אָדער שלעכט. די אויגן זעען זיין שיינעם אויסערלעכן געשטאַלט, וועלכער פאַרבלענדט און מען זעט גאָרנישט, נאָר דער פאַרגעניגן מיט אים צו זיין. מען פילט זיין צערטלעכקייט און ליבע און מען טראַכט ניט וועגן דער צוקונפט. מען פייניקט זיך פון ליידנשאַפט, וועלכע מען מוז דערדריקן. און שפּעטער, דער גרויסער מאָמענט, ווען מען קען פריי אַרויסזאָגן, אַז מען איז פריינד אויפן גאַנצן לעבן.

ליבע און יוגנט — צוויי זאַכן, וואָס פאַרמאָגן אין זיך אַ סך פאַרבאָרגנקייטן. צוויי זאַכן, וועלכע בינדן זיך צוזאַמען. צוויי גליקלעכע תקופות, וועלכע מען פאַרגעסט נישט דאָס גאַנצע לעבן.

אָבער ניט פאַר אונדז אין געטאָ איז צו טראַכטן וועגן דעם און באַשרייבן. בלויז דער געדאַנק וועגן דעם פאַרשאַפט ווייטיק און פיין, ווייל נישט פאַר אונדז איז עס געגעבן. און וואָס מער כ׳טראַכט וועגן דעם — מער פאַרדראָס און ווייטיק ברענגט עס.

שבת, 16.5.42 — 16 אייר. רוביזשעוויטש.

היינט אַ וואָך, אַז מאַשע איז אַוועק געשיקט געוואָרן קיין איוועניץ.

מיומנו של ראובן פורט ז״ל

קשה לתאר מה שעבר עלינו תחת שלטון הנאצים. נודדים היינו, ללא בית, ללא מחסה. הסירו מעלינו כל צלם אדם וניתנה לכל נוצרי הרשות לעשות בנו כאוות נפשו. פחד־מוות ריחף מעלינו ללא הרף. מיעוט קטן מאתנו ידע והבין מה מצפה ליהודים. ולכן התחילו לארגן את הנוער, שאנו בתוכם, השתדלו להשיג נשק ולהתאמן בו לקראת בואו של היום המר, כדי שנוכל לעמוד על נפשנו.

המדריך שלנו, בחור מקוידנוב, יעקב ריבק, יצא אתנו מפעם לפעם לאימונים ביער אוסיפוביץ. לצערנו הרב, הוא נהרג בעת האימונים, כשנתן פקודה לירות ונפגע מכדור שנורה מהרובה שלי עקב אי־זהירות. „אל אלוהים, מה עשיתי" — צעקתי למרות שכל אשמה לא היתה בי, שהרי צייתתי לפקודתו. בכל זאת כדור שלי הוא שריצץ את מוחו, קיפד את חייו. כל שאיפתנו לארגן יחידת לחימה — עלתה בתוהו. ואני האשם...

אמרתי לחברי שימשיכו במשימה, שיתכוננו להגנה, אולם אני, ידי מגואלות בדם. הרגתי ידיד טוב וגוזר אני על עצמי נפש תחת נפש. ברגעים מרים אלה, במאבק בין חיים למוות, חשתי ביד החמה של חברי, המלטפת אותי בחמלה רבה. „לא רצחת איש, אין בך כל אשמה, הגורל המר הוא מנת חלקנו אמר. „קום נלך, עלינו להתגבר על כל חולשותינו, להתעלות מעל הרגשות האישיים וללחום את מלחמת עמנו המעונה, ושוב למרות הכל, נתאמן להגן בנשק על חיינו ולנקום נקמתנו מהרוצחים״.

ער דערציילט, אַז ר׳האָט געהערט וועגן דעם וואָס עס דאַרף פאָרקומען אין נאָוואָ־גרודעק, נאָר אַזוי ווי ער נייטיקט זיך אין אַרבעטער, האָט ער געבעטן טראַנספּאָרט און כלים אויף אַ שטיקל צייט, נאָר ער וועט מוזן אַלע צוריק שיקן.

האָט מען אָנגעהויבן פאַר אים וויינען און בעטן, ער זאָל לאָזן זיך אויסרועןן עטלעכע טעג און מיר וועלן אים געבן אַלץ וואָס מ׳האָט ביי זיך און דערנאָך טאָן אַלע שווערע אַרבעטן, וועלכע ר׳וועט הייסן טאָן. און אַזוי איז געווען. נאָך אַ שטיקל אָפּרו, האָבן מיר דערנאָך געאַרבעט שווער און ביטער אין משך פון 8 חדשים. אין פאַרלויף פון דער צייט, זענען די געסטאַפּאָ־מערדער געקומען אונדז ליקווידירן, נאָר דער לאַגער־קאָמענדאַנט האָט דערווייל אָפּגעשריען די גזירה מיט דער דערקלערונג, אַז ער דאַרף אונדז האָבן.

נאָכן אָפּמאַטערן זיך אין דעם לאַגער 8 חדשים — איז געקומען די שחיטה. די געוואַלדן און געשרייען איז ניט צום באַשרייבן. איך מיט מיין טאָכטער, ווי אויך עטלעכע רוביזשעוויטשער, זענען געווען צוזאַמען. אין דעם שרעקלעכן טומל בעת דער אַקציע אין דוואָרעץ, ווו עס זענען געווען צונויפגעטריבן די יידן פון אַ סך שטעטלעך, האָבן מיר זיך אַרויס געריסן און באַהאַלטן אין אַ וואַנט פון עפּעס אַ חורבה. געלעגן דאָרט פאַרשטעקט 2 מעת־לעת, ביז מיר האָבן דערהערט, אַז ס׳איז געוואָרן שטילער. האָט מען זיך געלאָזט לויפן איבער פעלדער און וועלדער. ביי טאָג פלעגן מיר ליגן באַהאַלטן אין וואַלד און ביינאַכט איז מען אַוועק אין די דערפער, צו באַקאַנטע פויערים, בעטן עפּעס עסן. אַ טייל פלעגן רחמנות קריגן און יאָ געבן אָפּצועסן, אָבער נעמען צו זיך שלאָפן האָבן זיי מורא געהאַט. איז מען צוריק אַוועק אין וואַלד. דערווייל האָבן מיר זיך געטראָפן מיט דער פאַמיליע סעגאַלאָוויטש און אַלע צוזאַמען זענען אַוועק אין אַ געדיכטן וואַלד.

8 חדשים זענען מיר אָפּגעלעגן אין דעם געדיכטן וואַלד און דערנאָך געהערט, אַז די פאַרשאָלטענע דייטשן פירן אַדורך אַן אָבלאַווע אין דער געגנט. איצט איז שוין אוממעגלעך געווען ביינאַכט גיין זוכן עסן. די אָבלאַווע האָט געדויערט עטלעכע וואָכן, נאָר צו אונדזער מזל האָט פאַר דער צייט געגנט — און דאָס האָט אונדז געראַטעוועט.

דערנאָך האָבן מיר געהערט, אַז אין דעם גרויסן וואַלד צווישן נאַליבאָק און לובטש אין די פּושטשעס, געפינען זיך יידישע פאַמיליעס. זענען מיר אַהין אַוועק. דאָרט זענען שוין געווען איינגעאָרדנט זיעמליאַנקעס אין דער ערד, מיט אַ קיך.

די יונגע מענטשן פלעגן ברענגען קאַרטאָפל מיט ברויט פון די דערפער. אין דער פושטשע זענען מיר געווען 9 חדשים.

דערווייל האָט זיך דערטראָגן די גוטע נייעס, אַז די רויטע אַרמיי איז ניט ווייט פון אונדז. נאָר אין די לעצטע טעג האָבן די דייטשן געמאַכט אויף אונדז אַן אָבלאַווע. דערהערנדיק דאָס, זענען מיר אַרויס פון די זיעמליאַנקעס און זיך באַהאַלטן אין די זומפּן פון וואַלד. אַז ס'איז געוואָרן שטילער, זענען מיר אַרויס פון די באַהעלטענישן, צוריק אין די זיעמלאַנקעס. דאָ האָבן מיר געפונען אַכט דערשאָסענע, וועלכע האָבן ניט געהאַט גענוג כוח צו אַנטלויפן און זיך אויסבאַהאַלטן, ווי מיר האָבן געטאָן.

יענעם טאָג איז די רויטע אַרמיי אַריין אין אונדזער געגנט און מיר זענען געוואָרן באַפרייט. אָבער מיין גוטער מאַן האָט דאָס ניט דערלעבט. ער האָט אַדורגעמאַכט אַלע שחיטות און אַקציעס, געלעבט מיטן געדאַנק, אַז ער וועט מיט זיין פרוי און קינד אַלץ איבערקומען. ר'האָט אָבער ניט דערלעבט דעם טאָג פון באַפרייונג.

איך אַליין, אויסגעמאַטערט, הויל און נאַקעט, ווייין מיט מיין טאָכטער. וווּהין גייט מען? מיר לאָזן זיך אַרויס פון געדיכטן וואַלד צופוס, צריק אין אונדזער שטעטל. איך קום אַריין קיין רוביזשעוויטש און עס באַפאַלט אַ שרעק. הייזער — סקעלעטן, מיט צעפּראַלעטע טיר און פענצטער, קיין גאַס, קיין הויז — אַ בית־עולם. איך וויין זיך פונאַנדער אויפן הויכן קול: „ווו איז מיין טאַטע־מאַמע, וואָס האָבן מיך געצערטלט און געקעכלט, ממש ניט געוווסט וואָס טאָן מיט מיר? ווו איז מיין ליבער מאַן, מיינע קרובים, חברים און פריינד, מיט וועמען כ'בין צוזאַמען דערצויגן געוואָרן און אויפגע־וואָקסן? אָט בין איך דאָ צוריק — אָבער ווו זאָל איך אייך זוכן?!”

איך לויף אַוועק פון שטעטל, קום צו צום דאָרף סימקאָוויטש, ניט ווייט פון קריסטלעכן מאָהילניק, ווו אין אַ ברידער־קבר ליגן 600 אונדזערע יידן, דאָס שענסטע און בעסטע וואָס דאָס שטעטל האָט פאַרמאָגט.

אָבער כל־זמן די אויגן זענען אָפן — דאַרף מען עסן, הגם וואָס צו טאָן איז נישטאָ. איך קער זיך צוריק קיין רוביזשעוויטש. דערקען ביי אַ ריי קריסטלעכע שכנים פון אונדזער האָב־און גוטס. בעת אַ טייל קאָן נישט צוזען מיין צער און ליידן, ווייסנדיק ווי גוט עס האָט זיך מיר געלעבט פאַרן קריג, און שענקען דערפאַר אַ ביסל קאָרן, — קוקן גאָר אַנדערע אויף מיר קרום, פאַרטראָגן ניט, אַז איך דערקען זיי און אונדזער פאַרמעגן, גלייך כ'וואָלט זיי געוואָלט באַראַבעווען. מיטן ביסל געשענקטן קאָרן פאָר איך אויפן מאַרק, אויסבייטן עס דאָרט אויף זאַלץ — און מיט דעם אַרטיקל ווידער אין די דערפער, כדי קריגן דערפאַר ביי די פויערים אַ ביסל פּראָדוקטן. האָט מען מיך אַרעסטירט, ווייל ביי די באָלשעוויקעס איז שטרענג פאַרבאָטן צו האַנדלען (מ'שטיינס געזאָגט אַ האַנדל!). 2 טעג זיץ איך אין טורמע, אָן עסן און טרינקען. מיין איינציק קינד ווייסט אפילו ניט ווו כ'בין אַהין געקומען. מען נעמט מיך אויף אַ פאַרהער און מ'וויל איינשמועסן, אַז כ'בין געקומען אַהער האַנדלען. איך טענה, אַז דעם קאָרן האָב איך באַקומען ביי אַ פויער פאַר אַ חוב און איך בעט זיך: „די דייטשן האָבן נישט איין מאָל געוואָלט מיך שיסן. כ'האָב זיך קוים געראַטעוועט מיט מיין טאָכטער. פון מיין גרויסער משפחה בין איך אַליין געבליבן, געוואַלגערט זיך אַזוי פיל חדשים אין די וועלדער. ווילט איר מיך איצט שיסן? איך האָב דאָך אויף אייך אַזוי געוואַרט

און געהאָפט". די רוסן האָבן מיך באַפרייט. איך קום צוריק קיין רוביזשעוויטש, דערצייל דעם קינד וואָס ס'האָט מיט מיר פּאַסירט. זי וויינט פון פרייד, איצט האָט זי אַן אָפּגעפונענע מאַמע. וואָס ווייטער ?

דאָס שטעטל איז חרוב, פוסט און וויסט. פון די פאַרבליבענע איינצלנע הייזער האָבן די „גוטע שכנים" אַלץ צעשלעפּט, צעראַבירט. פון אונדזער שטוב זענען געבליבן בלויז די ליידיקע ווענט. פאַר אַ קלייניקייט האָב איך עס פאַרקויפט אַ פּויער, צונויפגענומען דאָס ביסל אָרעמקייט און צוזאַמען מיט דער טאָכטער און עטלעכע לאַנדסלייט, זיך געלאָזט אויף מערב, נענטער צו נאָך יידן פון דער שארית־הפליטה. מיר ווילן קומען צו אַ היים, מיר פילן אַז אין די שטעטלעך ווו אונדזער בלוט איז אַזוי בעסטיאַליש פאַרגאָסן געוואָרן, איז נישטאָ איצט קיין אָרט. פּוילן איז פאַר אונדז אַ בית־עולם, וואָס דערמאָנט תמיד דאָס שרעקלעכסטע וואָס איז געווען. נאָך אַ סך מאַטערנישן און וואָגלענישן, זענען מיר אָנגעקומען קיין לאָדזש און צוזאַמען מיט דער משפּחה סעגאַלאָוויטש, באַזעצט זיך אין איין דירה. נאָר אויך דאָ האָט מען אונדז אָפּגעזוכט.

אַ געוויסע נאַכט זענען געקומען צוויי פּאָליאַקן באַוואָפנט מיט ביקסן און פאַרלאַנגט צו גיין מיט זיי. די באַנדיטן האָבן מסכים געווען צו נעמען ביי אונדז אַלצדינג און לאָזן פריי. זעענדיק וואָס אונדז דערוואַרט אין פּוילן, האָט מען שוין לאַנג ניט געטראַכט און ווידער זיך געלאָזט אין וועג אַריין.

פון לאָדזש איז מען אַריבער געפאָרן קיין בערלין, פון דאָרטן — אין דער אַמעריקאַנער זאָנע, ווו מען האַלט אונדז אין אַ לאַגער פון דער שארית־הפליטה, געראַטעוועטע פון די חשיטות און גאַז־קאַמערן. דע מערסטע פון אונדז וואַרטן צו קומען קיין ארץ־ישראל. אין נאָמען פון אייערע לאַנדסלייט, די געראַטעוועטע וואָס געפינען זיך אין לאַגער, בעטן מיר אייך צו טאָן וואָס איר קענט, צו געפינען פאַר אונדז אַ היים.

מיר קאָנען ניט פאַרבלייבן אויף דער פאַרשאָלטענער דייטשישער ערד ; מיר קאָנען ניט אָנקוקן אַ דייטש מיט זיין טריפהנעם, אָנגעפרעסענעם פּרצוף פון יידיש בלוט, האָב־און־גוטס...

די יידישע רוביזשעוויטש
האָט אויפגעהערט עקזיסטירן

משה גוריון / רמת־גן

א

ראש השנה 1939. עס הערט זיך אַ שטאַרקע שיסעריי און אַ גערויש פון עראָפּלאַנען. די גאַסן ווערן שנעל אויסגעליידיקט פון מענטשן. ביינאַכט האָט זיך די שיסעריי געשטאַרקט. זענען מיר אַריין אין קעלער. אַרום האַלבע נאַכט האָט זיך געהערט אַ שטאַרקע באַוועגונג און געזאַנג פון סאָלדאַטן. מיר זענען געווען זיכער, אַז דאָס

זענען דייטשן. כ׳האָב זיך צוגעגנבעט צו דער טיר, עטוואָס זי אויפגעמאַכט און דערהערט די רוסישע שפּראַך. בין איך געוואָרן דרייסטער און אַרויס אויפן גאַנעק. די סאָלדאַטן האָבן צו מיר אויסגערופן: „שרעק זיך ניט, חבר, מיר האָבן אייך באַפרייט פון פּוילישן יאָך״.

אויפן האַרץ איז געוואָרן לייכטער. גאָט צו דאַנק, די רוסן זענען דאָ — און ניט די דייטשן.

צו מאָרגנס האָט מען אויפגעשטעלט אַ בינע אין מאַרק און אָפּגעהאַלטן אַ מיטינג. מען האָט אונדז צוגעזאָגט אַ סך גוטע זאַכן און געפאָדערט מיר זאָלן מיטאַרבעטן מיט דער סאָוויעטן־מאַכט.

מיר האָבן געעפנט די געוועלבן, די זעלנער האָבן געקויפט וואָס עס איז נאָר געווען און געצאָלט מיט סאָוויעטישע רובלס.

אַ טייל פון די שטאָטישע יידן האָבן אָנגעהויבן צו אַרבעטן אַלס אָנגעשטעלטע. געצאָלט האָט מען זיי ניט מיט געלט, נאָר מיט פּראָדוקטן, ווי צוקער, זאַלץ א. א. וו. אַנדערע האָבן געהאַנדלט „אויף שוואַרץ״. פּרנסה איז געווען. אַזוי האָט זיך עס געצויגן, ביזן אויסברוך פון דייטש־רוסישן קריג.

מיין טאָכטער גיטל האָט געאַרבעט אויף דער פּאָסט. ווען עס האָט אויסגעבראָכן די קריג מיט דייטשלאַנד, האָט זי זיך געבעטן מיר זאָלן זיך עוואַקואירן מיט איר קיין רוסלאַנד. אָבער ווי פאַרלאָזט מען עס האָב־און־גוטס?

מיין טאָכטער ביילע איז געקומען צו לויפן פון באַראַנאָוויטש, געווען ביי אונדז עטלעכע טעג ביז די דייטשן האָבן פאַרנומען אונדזער שטעטל. האָט זי מיט איר מאַן זיך צוריק געקערט קיין באַראַנאָוויטש, און אומגעקומען אין דאָרטיקן געטאָ.

די קריסטן האָבן באַגעגנט די דייטשן מיט שמחה. אָבער מיר, יידן, זענען מיט קלאַפּעדיקע הערצער געזעסן אין די הייזער, ביי פאַרהאָנגענע פענצטער, געקוקט דורך די שפּאַרעס אויף די דייטשן.

עטלעכע טעג האָט געדויערט דאָס דורכמאַרשירן פון מיליטער, דערנאָך איז געקומען די געסטאַפּאָ, געשאַפן אַן אָרטיקע פּאָליציי, וועלכע איז באַשטאַנען פון פּויערים פון די אַרומיקע דערפער.

דער אַקטיווסטער אַנטיסעמיט אין שטעטל איז דעמאָלט געווען נאָוואָלינסקי און זיין ווייב גאַליע מיצקעוויטש, אַ טאָטערין פון שטעטל מיר. אירס אַ יונגערער ברודער האָט אין מיר דערהרגעט שרה גאַרמיזע. שפּעטער, ווען די דייטשן זענען אָפּגעטראָטן, איז ער אַנטלאָפן קיין פּוילן, און פון דאָרט קיין אַרגענטינע, צו זיין עלטערן ברודער. דער זעלבער נאָוואָלינסקי און זיינע פריינד, האָבן צונויפגעשטעלט אַ רשימה פון יידן, וועלכע זענען געווען אָנגעשטעלטע אין סאָוויעטישע אַמטן, און אויך פון די, אויף וועלכע זיי האָבן געהאַט אַ כעס. די רשימה האָבן זיי איבערגעגעבן דעם קאָמענדאַנט וועלכער האָט זי געדאַרפט איבערוויזן דער געסטאַפּאָ.

דער יודענראַט האָט זיך באַגעגנט מיטן קאָמענדאַנט, וועלכער איז געווען ניט קיין שלעכטער מענטש, מען האָט באַצאָלט אַ הויכן פּרייז, כדי ער זאָל די רשימה ניט צושטעלן דער געסטאַפּאָ.

פאַרניכטן די רשימה האָט ער ניט געוואַגט. ער האָט אָבער צוגעזאָגט איבערצולאָזן

זי אויף זיין טיש, אין פּאָליציי־אַמט, וועלכער האָט זיך געפונען אין מאיר אשעראָוויטשעס הויז — און לאָזן אָפן דאָס פענצטער. עמעצער האָט געדאַרפט זיך אַריינגנבענען אינעווייניק, פאַרגיסן מיט טינט די רשימה, כדי עס זאָל אויסזען, אַז אַ קאַץ, שפּילנדיק זיך, האָט איבערגעקערט דעם טינטער...

דער גורל איז געפאַלן אויף מיין טאָכטער, גיטל, וועלכע האָט זיך אַריינגעגנבעט דורכן פענצטער פון סאָד — און פאַרגאָסן מיט טינט די רשימה. די סכנה איז געווען גרויס, ווייל אין צווייטן צימער זענען געזעסן די פּאָליציאַנטן. עס איז געשען אַ נס, וואָס קיינער האָט ניט באַמערקט. מיטן פאַרניכטן די רשימה, איז דערווייל אָפּגעשטויסן געוואָרן די סכנה.

ב

מ׳האָט די יידן געשיקט אויף פאַרשידענע אַרבעטן, אָבער פאַר אַלעם האָבן געליטן די יידישע מיידלעך. די פּאָליציאַנטן פלעגן זיי שיקן אויף די מיאוסטע אַרבעטן, איבערהויפּט צו רייניקן די קלאָזעטן, פּאָליציי־קאָשאַרן, שפּיטאָל. רייניקן האָבן זיי געמוזט מיט די הענט. פאַרשמוצטע, האָבן זיי באַדאַרפט דורכגיין דאָס שטעטל צוריק אין געטאָ, ערשט דאָרט האָבן זיי געקענט זיך אַרומוואַשן.

אין אַ געוויסן טאָג האָט מען אונדז צוריק געקערט פון דער אַרבעט, געהייסן זיך אויסשטעלן אויפן מאַרק, כדי צו מאַרשירן קיין איוועניץ.

אין איוועניצער געטאָ האָט הערצל דאַנישעווסקי אונדז אַריינגענומען צו זיך אין שטוב, געגעבן עסן און אַן אָרט צום שלאָפן. עס זענען אַדורך עטלעכע וואָכן, האָט מען ווידער גענומען איבערקלייבן מענטשן, כדי צו שיקן אין אַ צווייטן געטאָ. איך מיט מיין ברודער לייזשע האָבן זיך באַהאַלטן. מיין ווייב חיה און מיינע דריי טעכטער: גיטל, בתיה און פאַניע, האָט מען צוזאַמען מיט די איבעריקע יידן אַוועק געפירט אין די קאָשאַרן.

צו מאָרגנס האָט מען מיך געפונען. ווען זיי האָבן מיך אַוועקגענומען פון שטוב, איז מיין קליין טעכטערל, מאַשינקע, געשלאָפן — און אַזוי האָב איך איר געזען דאָס לעצטע מאָל...

מען האָט מיך געבראַכט אין די קאָשאַרן, ווו כ׳האָב געפונען חייהן מיט די קינדער.

אין נאָוואָגרודעק האָט מען אונדז צעטיילט אויף צוויי גרופּן. איינע איז געבליבן אין אָרטיקן געטאָ, די צווייטע, ווו איך האָב זיך געפונען, האָט מען אַוועק געפירט קיין דוואָרעץ אין אַרבעטס־לאַגער. דאָרט איז די ענגשאַפט געווען זייער גרויס... מיר זענען באַדעקט געוואָרן מיט לייז און ווערים האָבן זיך פאַרקליבן אין אונדזערע ווונדן.

דאָס עסן איז געווען הונדערט גראַם ברויט אַ טאָג און אַ ביסל וואַרעמע וואַסער מיט מעל.

געאַרבעט האָבן מיר פון זון־אויפגאַנג ביז פינצטער.

די יעניקע, וועלכע האָבן ניט געהאַט קיין מעגלעכקייט צו קויפן עסן, זענען געשטאָרבן פון הונגער. צו אונדזער מזל איז מיין פרוי געווען אַ גוטע שניידערין, פלעגט זי אַרויסגנבענען זיך פון לאַגער און נייען ביי די רייכע קריסטן פאַר אַ ביסל קאַרטאָפל און ברויט, און דערמיט אונדז אונטערהאַלטן.


ג

עטלעכע טעג נאָכן אָנקומען קיין דוואָרעץ, האָבן מיר געדונגען צוויי קריסטן און זיי געשיקט קיין איוועניץ, כדי אַרויסצונעמען אונדזערע קינדער פון געטאָ און זיי ברענגען קיין דוואָרעץ. עס זענען אַדורך עטלעכע טעג און די קריסטן האָבן זיך אומגעקערט אָן די קינדער, געבראַכט איובס בשורה. מען האָט אַלע קינדער פון געטאָ (אַ 600) לעבעדיקערהייט אַריינגעוואָרפן אין אַ קבר און פאַרשאָטן מיט ערד.

נאָכן באַפרייען זיך, האָבן איוועניצער קריסטן דערציילט, אַז די דייטשן האָבן פון אָנהייב גוט דערנערט די קינדער, אָבער דערנאָך אויסגעצאַפּט זייער בלוט ביזן לעצטן טראָפּן, אַזוי, אַז ווען מען האָט די קינדער געפירט צום קבר, זענען זיי געווען ווי פאַרשלעפערט, ניט געוווּסט וואָס מיט זיי טוט זיך. נאָכן פאַרשיטן דאָס קבר, האָבן זיך נאָך די קינדער געראַנגלט מיטן טויט, ווייל די ערד איבערן קבר האָט זיך אַ לענגערע צייט באַוועגט.

דער אָנפירער פון לאַגער אין דוואָרעץ איז געווען אַ פאָלקס־דייטש, אַן אינזשיניער מיטן נאָמען אָסיפּאָוויטש. ער האָט געהאַלטן אין באַרימען זיך, אַז ער וועט זיין אַ מאָדערנער משה, ער וועט די יידן, וועלכע געפינען זיך אין לאַגער, ראַטעווען פון טויט. אויף דעם סמך האָט ער געהאַלטן אין איין צאַפּן געלט פון די יידן אין לאַגער און פון אָרטיקן יודענראַט.

אין אַ געוויסן טאָג האָבן מיר באַקומען אַ באַפעל צו שטעלן זיך אויפן מאַרק פאַר



הורים שכולים מרוביז'ביץ' על קבר ילדיהם שנרצחו באיבניץ.
פאַריתומטע עלטערן פון רוביזשעוויטש, אויפן קבר פון זייערע קינדער, דערמאָרדעטע אין איוועניץ

אַ קאָמיסיע. עס איז אַרויס אַ קלאַנג, אַז ס׳איז אַ סעלעקציע, אַז די קאָמיסיע וועט באַשטימען ווער צום לעבן און ווער צום טויט. דער קלאַנג האָט געהאַט אַ גרונט, ווייל מיט עטלעכע טעג צוריק האָבן די דייטשן געשיקט יידן אויפן בית־הקברות צו גראָבן טיפע גריבער, וועלכע האָבן כלומרשט געדאַרפט זיין אָקאָפּעס קעגן פּאַרטיזאַנער.

כדי אויסצוזען יונגער און געזונטער, האָבן אַלע זיך אָנגעטאָן אין די בעסטע זאַכן. פּרויען האָבן מיט רויטע פּאַפּיר אָפּגעפאַרבט זייערע ליפּן און פּנימער. אַזוי האָבן מיר אַדורכמאַרשירט פאַרביי אַ טיש, אַרום וועלכן עס זענען געזעסן עטלעכע אויסגעפּרעסענע דייטשן און דער אינזשיניער.

נאָך דער „קאָמיסיע״, האָט מען ווידער געקליבן געלט און צירונג, כדי זיך אויסצוקויפן פון דער שחיטה...

מיר האָבן געפילט, אַז אונדזערע טעג אין לאַגער זענען געציילטע און גענומען בויען אַ בונקער. דער אַריינגאַנג איז געוואָרן פאַרמאַסקירט מיט אַ פאַלשער וואַנט, די טיר איז געווען אויפן בוידעם.

אייניקע צווישן אונדז האָבן געקריגן געווער. אַ נאַליבאָקער ייד מיטן נאָמען ישראל קעסלער, האָט זיך אויסבאַהאַלטן ביי אַ קריסט, ניט ווייט פון דוואָרעץ. ער פלעגט ביי די קריסטן קויפן געווער און עס אַריינגנבענען אין לאַגער. ער פלעגט אויך אַרויסנעמען יונגטלעכע פון לאַגער און שיקן אין וואַלד אַלס פּאַרטיזאַנער.

ד

סוף דעצעמבער 1942. די קעלט אין דרויסן איז זייער גרויס. דאָס וואַסער איז געווען געפרּאָרן, נאָר קיין שניי איז נאָך ניט אויסגעפאַלן. אויפשטייענדיק אין דער פרי, ווי געוויינלעך, האָבן מיר געזען, אַז דער לאַגער איז אַרומגערינגלט מיט דייטשע זעלנער.

אין לאַגער איז געוואָרן אַ פּאַניק. מען איז אַרומגעלאָפן ווי פאַרסמטע מייז, זוכנדיק אַ פּלאַץ וווּ זיך צו באַהאַלטן. דערווייל זענען אָנגעקומען אין לאַגער לאַסט־אויטאָס און די דייטשן האָבן באַפוילן, אַז אַלע יידן זאָלן אַרויפגיין אויף די מאַשינען, זאָגנדיק, אַז מען פירט זיי איבער אין אַ צווייטן לאַגער. יעדן איז דערלויבט מיטצונעמען צען קילאָ באַגאַזש.

אַ טייל האָבן געגלויבט, אַז וואָס די דייטשן זאָגן, איז אמת. אַנדערע זענען שוין געווען אויף אַזוי פיל פאַריאושט, אַז זיי זענען פרייוויליק געגאַנגען אין די אויטאָס. מען האָט זיי אַוועק געפירט ניט ווייט פון דוואָרעץ, וווּ עס זענען שוין געווען פאַרטיקע גריבער — און זיי דערשאָסן.

זעענדיק וואָס עס קומט פאָר, האָב איך און מיין ברודער לייזשע גענומען לויפן צו אונדזער בונקער. מיט שווועריקייטן זענען מיר דאָרט אַריין, ווייל ער איז שוין געווען פול מיט מענטשן. ליאָטע סעגאַלאָוויטש האָט געהאַט אַ ביקס. ער איז געזעסן ביי דער טיר, גרייט צו שיסן דעם ערשטן דייטש, וועלכער וועט זיך באַווייזן. מען האָט געוווּסט וואָס אונדז דערוואַרט, אויב די דייטשן וועלן אונדז אַנטדעקן. דאָך האָבן אייניקע געבעטן ביי ליאָטען, ער זאָל באַהאַלטן די ביקס, ווייל אויב די דייטשן וועלן עס זען, וועלן זיי זיך „נוקם״ זיין אין אונדז...

מיט שרעק האָבן מיר זיך צוגעהערט צו דער שיסעריי אין דרויסן, צו די עקספּלאָדירנדיקע גראַנאַטן, וועלכע די דייטשן האָבן געוואָרפן אין די אַנטדעקטע בונקערס און צו די געשרייען פון די אומגליקלעכע, וועלכע זענען אַריינגעפאַלן אין די דייטשע הענט...

מיר האָבן געהערט ווי די דייטשן גייען איבער אונדזערע קעפּ, זוכן דעם אַריינגאַנג אין בונקער. זיי קומען און גייען אַוועק. אין בונקער פעלט שוין לופט צום אָטעמען. מיר שטיקן זיך. ווען עס איז פינצטער געוואָרן, האָבן די דייטשן אויפגעהערט צו זוכן — און מיר זענען אַרויף אויפן בוידעם כאַפּן אַביסל לופט. דערנאָך זענען מיר ווידער אַראָפּ אין בונקער און אָפּגעלעגן ביז פינצטער.

אין לאַגער זענען פאַרבליבן עטלעכע יידן מיט געווער. אויף דער צווייטער נאַכט, זעענדיק אַז דער לאַגער איז נאָך אַלץ אַרומגערינגלט מיט מיליטער, האָבן זיי אונטער־געצונדן די הייזער פון לאַגער, וועלכע האָבן זיך געגרעניצט מיטן שטעטל. כדי דאָס פייער זאָל זיך ניט אַריבערוואַרפן אויפן שטעטל, האָט מען די זעלנער געשיקט לעשן די שריפה, וואָס איז אויסגענוצט געוואָרן דורך די פאַרבליבענע יידן. זיי האָבן איבער־געשניטן די שטעכל־דראָטן און אַנטלאָפן.

אין דרויסן איז געווען פינצטער, מיר האָבן ניט געוווּסט ווו צו לויפן. צו אונדזער גליק האָבן מיר זיך אָנגעשטויסן אויף ברוך רוביזשעווסקי פון נאַליבאָק, וועלכער איז אויך אַנטלאָפן פון לאַגער. אין איין האַנט האָט ער געהאַלטן אַ רעוואָלווער, אין דער צווייטער האַנט — אַ מעסער. זיין פּנים — שוואַרץ פון רויך, די לאַנגע האָר צעפלויגן פון ווינט, זיינע אויגן האָבן געבליצט ווי פייער. ער האָט אין יענעם מאָמענט אונדז דערמאָנט אַ מלאך פון נקמה. ער האָט אונדז אָנגעוויזן אין וועלכער ריכטונג צו לויפן. מיר זענען צוגעקומען צו אַ וועלדל, ווו מיר האָבן זיך אויסבאַהאַלטן אַ גאַנצן טאָג.

ווען עס איז געוואָרן פינצטער, האָבן מיר זיך געלאָזט אין דער ריכטונג מיר—רובי־זשעוויטש. ביי טאָג פלעגן מיר ליגן האַלב פאַרפרוירענע אין די וועלדער און גיין נאָר ביינאַכט. אויף דער דריטער נאַכט זענען מיר אָנגעקומען אין אַ דאָרף. די גאַס איז געווען פול מיט מענטשן, וועלכע האָבן זיך צוגעקוקט צו דער שריפה אין אַ נאָענטן דאָרף, פון וועלכן עס האָט זיך געהערט אַ שטאַרקע שיסעריי. די קריסטן האָבן אונדז געוואָרנט ניט צו גיין אין יענער ריכטונג, ווייל דאָרט קומט פאָר אַ קאַמף צווישן פאַרטיזאַנער און דייטשן. זיי האָבן אונדז געגעבן צו עסן און געוויזן אַ זייטיקן וועג, כדי אויסצומיידן די דייטשן.

פאַרטאָג זענען מיר אָנגעקומען אין אַ כוטאָר. דער קריסט האָט אונדז געזעצט צום טיש, געגעבן עסן. פּלוצלינג זענען אין שטוב געקומען פאַרטיזאַנער, אָנגעטאָן אין דייטשע אוניפאָרמען און אונדז אַרעסטירט, אונטער דער באַשולדיקונג, אַז מיר זענען דייטשע שפּיאָנען. עס האָט ניט געהאָלפן אונדזער טענהן, אַז מיר זענען יידן, וועלכע זענען אַנטלאָפן פון דער דוואָרעצער שחיטה. זיי האָבן אונדז פאַרשפּאַרט אין אַ שייער.

שפּעט אין דער נאַכט האָבן מיר דערהערט טריט, און ווי אַ קול פון אַ מלאך, האָבן מיר דערהערט אויף יידיש: „שרעקט אייך ניט, די סכנה איז אַריבער". דאָס זענען

געווען עטלעכע יידישע פּאַרטיזאַנער און פּאַרטיזאַנקעס. זיי האָבן אונדז אַוועק געפירט צו זייער קאָמאַנדיר, וועלכער האָט אונדז ווידער געפּאָרשט און דערנאָך געהייסן באַפרייען, מיטן תנאי, אַז מיר זאָלן ניט פאַרלאָזן דאָס דאָרף, כל זמן די פּאַרטיזאַנער זענען דאָ. מען האָט אונדז געגעבן עסן און אַ וואַרעמען אָרט צו שלאָפן.

אויפשטייענדיק אין דער פרי, האָבן מיר זיך דערוווּסט, אַז די פּאַרטיזאַנער זענען אַוועק. אין דרויסן איז געווען אַ שניי־שטורעם, זענען מיר שוין געבליבן אין זעלבן דאָרף נאָך אַ נאַכט.

ה

צו מאָרגנס האָט דער שטורעם זיך איינגעשטילט. מיר האָבן אָנגעטראָפן אויף אַ קריסט, באַצאָלט אים מיט גאָלד, האָט ער אונדז דורכגעפירט דעם נאָוואָגרודקער טראַקט, וועלכער איז געווען פול מיט דייטשן, ביז אַ כוטאָר ניט ווייט פון שטעטל סאנאָוו. דאָרט האָט מען אונדז געגעבן צו עסן און מיר האָבן זיך אָפּגערוט דעם אָוונט. די קריסטן האָבן געזאָגט, ווי אַזוי צו גיין ביזן דאָרף בעליע לוגי, און געהייסן זיך ווענדן צו איינעם מיטן נאָמען איוואַנאָווסקי.

דער דאָזיקער איוואַנאָווסקי האָט אונדז אויפגענומען זייער פריינדלעך, מיט עסן און שלאָפן. זעענדיק אַז אונדזערע פיס זענען אַרומגעבינדן מיט נאַסע, צעריסענע שמאַטעס, האָט זיין גאַנצע משפחה זיך געזעצט פלעכטן פאַר אונדז (9 מאַן) „לאַפּטשעס", געגעבן ריינע לייוונט אַרומצוּוויקלען די פיס, איינגעפּאַקט עסן אויפן וועג, און אויך אַן אַדרעס ווּ זיך צו ווענדן אין נאָענטסטן דאָרף. איינער פון זיינע זון האָט אונדז באַגלייט אַ שטיק וועג, כדי מיר זאָלן ניט בלאָנדזשען.

מיר זענען צוגעקומען צו אַ טייך, מיט אַ פאַרברענטער בריק. ביים טייך איז געווען אַ מיל. מיר זענען אַריין צום מילנער, אים געבעטן ער זאָל אונדז אַריבערפירן דעם טייך. ער האָט זיך פונאַנדערגעשמייכלט און געזאָגט, אַז ער וועט אונדז פירן צו די דייטשן.

די קינדער האָבן פון שרעק גענומען וויינען. חייה האָט אים געבעטן רחמנות האָבן אויף די קינדער. זי האָט אַראָפּגענומען אירע גאָלדענע אויערינגלעך און אים געגעבן. דאַן האָט ער באַוויליקט אונדז אַרויסצולאָזן פון שטוב. מיר זענען אַוועק איבער די פאַרשנייטע פעלדער, כדי וואָס ווייטער צו זיין פון דעם מילנער.

גיטל, פייע׳ס 9־יאָריק מיידעלע, האָט זיך פּלוצלינג אַוועקגעזעצט אויפן שניי און מיט דער ערנסטקייט פון אַ דערוואַקסענעם, האָט זי געזאָגט:

— איך האָב ניט מער קיין כוח צו גיין. גייט אייך, איך וועל דאָ בלייבן. כ׳האָב געהערט, אַז עס טוט ניט וויי, ווען מען שטאַרבט פון קעלט.

כ׳האָב געוואָלט שילטן גאָט און די מענטשן, וועלכע האָבן אונדז דערפירט צו אַזאַ מדריגה. שווייגנדיק, האָב איך אויפגעהויבן דאָס מיידעלע אויף מיינע אַקסלען און מיט די לעצטע כוחות גענומען ווייטער גיין איבערן פאַרשנייטן פעלד.

אַזוי האָבן מיר זיך געשלעפּט, ביז מיר זענען אַרויס אויפן וועג קיין רוביזשעוויטש. דאָ איז אונדז שוין געווען לייכטער, ווייל מיר האָבן גוט געקענט די געגנט. אַ טייל פון די איינוווינער פון די דערפער האָבן אונדז געהאָלפן און געגעבן עסן.

ענדלעך זענען מיר אָנגעקומען קיין קאַראָלין, צו די ברידער בענדיקט. דאָרט האָב איך זיך דערוווּסט, אַז מיין ברודער לייזשע און אויך אשר לונגען, האָבן זיך געראַטעוועט פון דוואָרעץ און באַהאַלטן זיך אויס אין דאָרף.

מיר זענען דאָרט אָפּגעזעסן עטלעכע טעג, זיך אַרומגעוואַשן, געביטן די וועש און אָנגעהויבן זיך פילן ווי מענטשן.

פּלוצלונג האָט מען אונדז אָנגעזאָגט, אַז דייטשן זענען דאָ אין דאָרף. זענען מיר אַנטלאָפן אין אַ צווייטן דאָרף, אָסאָווע. מיר האָבן זיך אויסבאַהאַלטן ביי אַ באַקאַנטן קריסט אין אַ שטאַל, אַ 6—5 טעג. דאַן זענען מיר אַוועק קיין סלאָבאָדע, פון דאָרט קיין רוביזשעוויטש, ווו מיר האָבן געפונען מיין טאָכטער גיטל און ליוטע סאגאלאָוויטש מיט זיין משפּחה.

בלייבן לאַנג אויף איין פּלאַץ, איז געווען אַ געפאַר. הן פאַר די קריסטן, וועלכע האָבן אונדז אויסבאַהאַלטן, הן פאַר אונדז. האָבן מיר געוואַנדערט פון דאָרף צו דאָרף. אָפטמאָל פלעגן מיר באַצאָלן פאַרן עסן און פאַרן אָרט צום אָפּרוען. אָבער לרוב האָבן די קריסטן אונדז אויסבאַהאַלטן וואָכנלאַנג, אָן שום אָפּצאָל, און דערביי ריזיקירט מיט זייער לעבן.

אין דאָרף סלאָבאָדע האָט אונדז אויסבאַהאַלטן אַ באַקאַנטער קריסט מיטן נאָמען פּאָקע. ביי אים זענען מיר געווען אַ לענגערע צייט, בערך ביז פּורים. חייה פלעגט נייען פאַר די קריסטן און בתיה האָט געשטריקט — אַזוי האָט מען פאַרדינט אויף עסן.

עטלעכע טעג נאָך פּורים, זענען דייטשן אָנגעפאַלן אויפן דאָרף, דערהרגעט אַ גאַנצע משפּחה פאַר העלפן יידן און פאַרברענט זייער שטוב.

די יידן וועלכע זענען געווען אין דאָרף, זענען זיך צעלאָפן. ווען עס איז פינצטער געוואָרן, זענען מיר אַוועק קיין רוביזשעוויטש. אויפן וועג האָבן אונדז געכאַפּט רוסישע פּאַרטיזאַנער, גענומען פאַרשן. צום גליק, איז מיט זיי געווען יאָשע פּישקין. ער האָט פאַר אונדז ערוב געווען, האָבן זיי אונדז אָפּגעלאָזט.

ו

ווען די קריסטן האָבן זיך דערוווּסט, וואָס ס'איז געשען אין סלאָבאָדע, האָבן זיי מורא געהאַט אונדז אַריינצולאָזן צו זיך. די גאַנצע נאַכט האָבן מיר אַזוי געוואַנדערט. ווען עס האָט אָנגעהויבן צו טאָגן, זענען מיר אָנגעקומען קיין מיקוליטש און זיך אַריינגעגנבעט אין אַן „אָסיץ" (ווו מען טרוקנט פלאַקס). אינעווייניק איז געווען קאַלט, אָבער מיר האָבן קיין ברירה ניט געהאַט, ווייל אין דרויסן איז די סכנה געווען גרויס. דאָרט זענען מיר אָפּגעזעסן אַ חודש צייט, קיינער האָט פון אונדז ניט געוווּסט. ביינאַכט פלעג איך גיין קיין רוביזשעוויטש, כדי צו קריגן עסן. ביינאַכט פלעגן מיר אויך אָנגרייטן פלעשער וואַסער צום טרינקען, כדי ניט ריזיקירן בייטאָג אַרויס צו גיין.

דערווייל האָב איך זיך דערוווּסט, אַז אין מאַלע־רעטשקער וואַלד, געפינען זיך אַ סך רוביזשעוויטשער יידן. דער שניי איז צעגאַנגען, די טעג זענען געוואָרן לענגער, די זון האָט גענומען וואַרעמען. האָבן מיר באַשלאָסן אַריבערגיין אין וואַלד, כדי זיין צוזאַמען מיט די אַנדערע יידן.

מיר האָבן פון צווייגן אויפגעשטעלט ביידלעך און דאָרט אָפּגעלעבט 7—6 וואָכן.

די פּאַרטיזאַנער, וועלכע זענען געווען אין וואַלד, האָבן אונדז געהאָלפן מיט פּראָדוקטן און בכלל פריינדלעך זיך באַצויגן.

ווען די פּאַרטיזאַנער האָבן פאַרלאָזן דעם פּלאַץ, האָבן מיר אויך באַשלאָסן בייטן דאָס אָרט — און מיר זענען אַוועק אין פּאָדזשערנער וואַלד. דאָרט האָבן מיר געפונען נאָך עטלעכע משפחות פון רוביזשעוויטש.

אַ געוויסן טאָג האָבן אונדז באַזוכט טוביה ביעלסקי און חיים־מרדכי, שמואל ווענבורגס זון (ער איז שפּעטער אומגעקומען אין דער רויטער אַרמיי, קעמפנדיק מיט די דייטשן). זיי האָבן אונדז פאָרגעשלאָגן אַריבערצוגיין אין די נאַליבאָקער פּושטשע.

צו מאָרגנס פון זייער באַזוך, האָבן די דייטשן געמאַכט אַן אָבלאַווע אויף יידן און פּאַרטיזאַנער אין אונדזער געגנט. מיר זענען אַנטלאָפן און זיך אויסבאַהאַלטן אין אַ גרויסן זומפּ, וועלכער איז געווען פאַרוואַקסן מיט קוסטעס. ווען די דייטשן האָבן פאַרלאָזן דאָס אָרט, האָבן מיר זיך אומגעקערט אין וואַלד אַריין.

עטלעכע טעג נאָך דער אָבלאַווע, האָבן אונדז באַזוכט אַ גרופּע רוסישע פּאַרטיזאַנער. צווישן זיי זענען אויך געווען צוויי יידן: מרדכי קאָשטשעוויטש פון רוביזשעוויטש. און פּייוול אָגינסקי פון סטאָלפּצי.

עטלעכע טעג שפּעטער, בין איך אויפגעשטאַנען אין דער פרי, כדי אַוועק אין נאָענטסטן דאָרף ברענגען ברויט. אין וואַלד האָב איך זיך אָנגעשטויסן אויף צוויי דערשאָסענע פּאַרטיזאַנער, וועלכע זענען געלעגן אויף דער ערד, צו זיי איז געווען צוגעשטאָכן אַ פּאַפּיר מיט אַ רוסישער אויפשריפט: „דערשאָסן פאַר ראַבירן ביי דער ציווילער באַפעלקערונג”. די צוויי דערהרגעטע זענען געווען פּייוול אָגינסקי און מרדכי קאָשטשעוויטש. זייערע „חברים” האָבן אויסגענוצט די געלעגנהייט, כדי פּטור צו ווערן פון צוויי יידן...

איך בין שוין ניט געגאַנגען אין דאָרף אַריין, נאָר גענומען לויפן צוריק אין אונדזער לאַגער, כדי צו וואָרענען די מענטשן פון דער געפאַר וואָס דראָט אונדז פון די אַזוי גערופענע „פּאַרטיזאַנער”. כ'האָב אָבער ניט באַוויזן דערציילן וועגן די דערהרגעטע בחורים — און די אַכט באַנדיטן זענען שוין דאָ.

איך בין אויפגעשטאַנען און זיי באַגריסט:

— גוט מאָרגן, חברים.

— וואָס פאַר אַ חברים זענען מיר אייך? — האָבן זיי געענטפערט, — רויבער וואָס איר זענט.

מיר האָבן פאַרשטאַנען, אַז זיי ווילן אויך אונדז דערהרגענען, כדי עס זאָלן ניט זיין קיין עדות צו זייערע מעשים.

ניט לאַנג טראַכטנדיק, האָב איך אַ געשריי געטאָן:

— צעלויפט זיך!

שיסן האָבן די פּאַרטיזאַנער מורא געהאַט, כדי ניט ציען די אויפמערקזאַמקייט פון די דייטשן — און דאָס האָט אונדז געראַטעוועט.

מיר האָבן זיך אַ גאַנצן טאָג אויסבאַהאַלטן אין די פעלדער, ערשט ביינאַכט האָבן מיר זיך גענומען צונויפקלייבן. אין דער זעלבער נאַכט זענען מיר אַריבער אין מיכאַלאָווער וואַלד.

ז

חייהן האָט זיך געמאַכט אַ רויז אויפֿן פּוס, זי האָט באַקומען היץ, געליטן שטאַרקע ווייטאָגן. אין דאָרף פּאָדזשערנע איז געווען אַ קריסטין, קאַספּראָווע, וועלכע האָט געהיילט רויזן. פֿאַרטאָג האָט מיין טאָכטער בתיה גענומען איר מוטער אויף דער פּלייצע, זי צוגעטראָגן צום עק וואַלד און אַוועק צו דער קריסטין בעטן הילף פֿאַר דער מוטער, זי האָט ניט געוווּסט, אַז אויפֿן הויף געפֿינט זיך אַ בייזער הונט. ער איז באַפֿאַלן און צעביסן איר פֿוס.

די קריסטין האָט געהערט דעם הונט בילן, איז זי אַרויס, אַריינגענומען בתיהן אין שטוב, פֿאַרגאָסן איר ווונד מיט בראָנפֿן. דערוווּסנדיק זיך צוליב וואָס זי איז געקומען, האָט זי גענומען אַ קרוג מיט מילך און ברויט, אַוועק מיט איר צו חייהן, וועלכע איז געלעגן אין וואַלד.

נאָך דעם ווי זי האָט „אָפּגעשפּראָכן" די רויז, האָט בתיה ווידער גענומען חייהן אויף דער פּלייצע, די מילך און ברויט אין די הענט — און זיך צוריק געקערט צו אונדז אין וואַלד. חייהס פֿוס איז געוואָרן לייכטער, אָבער בתיה האָט באַקומען היץ פֿון די ווונדן, וואָס דער הונט האָט געביסן. דער פֿוס האָט גענומען אייטערן. ניט געווען מיט וואָס איבערצובינדן און צו רייניקן די ווונד. איך האָב געבעטן ביי אַ יונגן פּויער אין דאָרף, וועלכער האָט מיר געגעבן גאַזע און באָר־וואַסער. נאָך עטלעכע וואָכן, האָבן זיך די ווונדן גענומען היילן.

דערווייל האָבן זיך באַוויזן אין אונדזער געגנט פּוילישע פּאַרטיזאַנער, וועמענס הויפּט־אויפֿגאַבע עס איז געווען צו הרגענען יידן. מיר האָבן ניט געהאַט קיין געווער, און ס'איז געווען אַ סכּנה צו בלייבן. מיר זענען אַוועק אין דער נאַליבאָקער פּושטשע, ווו מיר האָבן זיך אויסבאַהאַלטן ביז דער באַפֿרייונג.

נאָך דער באַפֿרייונג, האָבן מיר זיך צוריקגעקערט קיין רוביזשעוויטש. אַ סך יידישע הייזער זענען געווען צעשטערט, פֿון דער שול און בית־המדרש זענען נאָר געבליבן די ווענט.

די אַטמאָספֿערע איז געווען אַ שווערע. די יידישע רוביזשעוויטש האָט אויפֿגעהערט צו עקזיסטירן. מיר האָבן מער ניט געהאַט קיין היים, קיין צוקונפֿט — און מיר האָבן ווידער גענומען וואַנדערן. אָבער דאָס מאָל האָבן מיר געהאַט אַ ציל — קיין ארץ ישראל. דאָ האָבן מיר געפֿונען אַ היים, פֿריינד און אַ צוקונפֿט פֿאַר אונדז און אונדזערע קינדער.

אין וואַלד און אין פעלד

ירחמיאל סעגאַלאָוויטש / רמת־גן

אין אַ פאַרוואָרפענעם ווינקל אין ווייסרוסלאַנד איז געלעגן דאָס שטעטעלע רוביזשעוויטש. געוווינט האָבן דאָרט אַן ערך 800 יידן. אַן אָרעם שטעטל, מיט נידעריקע הילצערנע הייזלעך, שמאָלע גאַסן, אָן עלעקטריע. וואַסער האָט מען געדאַרפט שלעפּן פון טייך, באַרג־אַרויף. יידן האָבן געלעבט אָרעם, געצויגן פרנסה פון קליינע געשעפטן און פאַרשידענע מלאכות. אַ גאַנצע וואָך איז מען געווען פאַרהאָרעוועט, נאָר שבת און יום־טוב האָט מען זיך געפילט — מיט מענטשן גלייך.

אַזוי האָט מען אָפּגעלעבט דורות לאַנג, באַשיידן, שטיל און ערלעך. ביז שוואַרצע וואָלקנס האָבן גענומען באַדעקן אונדזער הימל. צום ערשט האָט זיך גוט געגעבן צו פילן דער פּוילישער אַנטיסעמיטיזם. אין יאָר 1938, אין אַ שיינעם פרימאָרגן, האָבן די יידן געפונען אויף זייערע טירן אָנגעקלעפּטע צעטלען אין פּויליש: „קויפט ניט ביי יידן, נידער מיט די יידן", און „פאַרטרייבט די יידן פון פּוילן". די אַנטיסעמיטן האָבן געעפנט פּוילישע געוועלבער, מיט פרנסה איז געוואָרן שווערער און שווערער.

ס'איז אויסגעבראָכן דער דייטש־פּוילישער קריג. איך בין נאָך דעמאָלט געווען אַ קליין יינגל, אָבער די איבערלעבענישן פון יענער צייט האָבן זיך טיף איינגעקריצט אין מיין זכרון — און כ'וויל זיי אַרויסברענגען אויפן פּאַפּיר.

אין שטעטל איז געווען נאָר איין ראַדיאָ־אַפּאַראַט, ביים קריסטלעכן דאָקטאָר. מיר האָבן ניט געוווּסט קיין נייעס, ווו די דייטשן זענען און וואָס אונדז דערוואַרט.

ס'איז געווען ראש־השנה, די ערשטע נאַכט פונעם נייעם יאָר. די נאַכט איז שטיל, דער הימל אויסגעלייטערט. ווו־נישט־ווו זעט מען נאָך אַ ליכט אין אַ יידישער שטוב. יידן שלאָפן זיך רויִק, מיט האָפענונגען אויף אַ בעסער יאָר.

פון דערווייטנס, פון דער ריכטונג פון דער רוסישער גרענעץ, הערט זיך אַ רעש און אַ שטאַרקע שיסעריי ביי די קאָשאַרן פון דער פּוילישער גרענעץ־וואַך. דערשראָקענע, קוקן מיר אַרויס דורך די שפּאַרעס פון די פענצטער. מיר זעען זעלנער לויפן פאַרביי — און צו אונדזער גרויסער פרייד דערהערן מיר די רוסישע שפּראַך.

צומאָרגנס געפינען מיר דאָס שטעטל באַהאַנגען מיט רויטע פענער. עס הייבט זיך אָן אַ נייע תקופה. יידן אָטעמען אָפּ פרייער. די אַנטיסעמיטישע ענדעקעס זענען זיך צעלאָפן, אַ טייל באַהאַלט זיך, אַ טייל האָט מען פאַרשיקט קיין סיביר. מען הערט נישט מער דאָס וואָרט „זשיד". יידישע יוגנט קלייבט זיך צונויף אין שטאָטישן קלוב, ווו ס'איז פריער געווען פאַרבאָטן דער אַריינגאַנג פאַר יידן.

אַזוי איז אַריבער דער ווינטער, אַ זומער און אַ צווייטער ווינטער. עטלעכע יידן האָבן זיך געקויפט ראַדיאָ־אַפּאַראַטן, מיר פלעגן זיך צונויפזאַמלען הערן נייעס און באַהאַנדלען די לאַגע.

דעם 22־טן יוני 1941. עטלעכע מנינים יידן זיצן ביים ראַדיאָ און וואַרטן צו הערן די לעצטע נייעס. מאָלאָטאָוו דערקלערט, אַז די דייטשן זענען באַפאַלן רוסלאַנד.

ס׳איז אויסגעבראָכן די מלחמה. מיר האָבן דערפילט, אַז פינצטערע טעג רוקן זיך אָן. יאוש און פחד האָבן געהערשט אין שטעטל. עס האָבן זיך באַוויזן די ערשטע אָפּטרעטנדע רוסישע זעלנער, וועלכע זענען געגאַנגען אין דער ריכטונג פון מינסק. אין משך פון 2 וואָכן, טאָג און נאַכט, זענען די רוסן אָפּגעטרעטן, געלאָפן פון פראָנט. מיר האָבן נישט געוווּסט וואָס צו טאָן, מיט ווייטיק זיך צוגעקוקט צו דער מפּלה פון דער רוסישער אַרמיי.

אָנהייב יולי האָבן זיך באַוויזן די ערשטע דייטשן אין שטעטל. יידן האָבן באַקומען אַ באַפעל אָנטאָן אויפן לינקן אַרבל אַ ווייסן באַנד מיט אַ געלן מגן־דוד. די באַהאַלטענע אַנטיסעמיטן זענען אַרויס פון זייערע נאָרעס, מיטגעהאָלפן די דייטשן ראַבירן, פּייניקן און מאָרדן יידן.

צומאָרגנס נאָך זייער קומען, האָבן מיר זיי שוין גוט דערפילט. צו אונדז איז אַריין אַ דייטש מיט אַ רעוואָלווער אין האַנט און געפאָדערט פון טאַטן 60 צענטנער האָבער, ווייל מען האָט אים דערציילט, אַז דער פאָטער פאַרמאָגט אַ סך פעלדער. עס האָבן ניט געהאָלפן דעם טאַטנס טענות, אַז ער איז נישט קיין גוטבאַזיצער, אַז די תבואה פון די פעלדער איז נאָך ניט אַראָפּגענומען. דער דייטש האָט אים גוט צעשלאָגן און אַרעסטירט. מיין עלטערער ברודער האָט זיך נישט איינגעהאַלטן, צוגע־לאָפן צו די דייטשן און געפרעגט: „פאַרוואָס שלאָגט איר מיין פאָטער?״ זיי האָבן אויך אים פאַרהאַלטן און ביידע פאַרשפאַרט אין אַ ליידיקן שייער. דער פאָטער האָט דערזען ביים שייער אַן אָפיציר, אים דערציילט די גאַנצע געשיכטע. דער אָפיציר האָט באַפוילן באַפרייען דעם פאָטער, מיטן תנאי, ער זאָל שאַפן אַ ביסל האָבער פאַר זייערע פערד, דעמאָלט וועט ער באַפרייען זיין זון. אונדזער משפחה האָט גענומען בעטן ביי די שכנים תבואה. מען האָט צונויפגעקליבן 2 זעק און זיי האָבן דעם ברודער באַפרייט.

עטלעכע טעג שפּעטער איז דאָס דייטשע מיליטער אַוועק, און אין שטעטל איז געבליבן פּוילישע פּאָליציי, וועלכע האָט געפּייניקט און דערנידעריקט די יידן נאָך ערגער ווי די דייטשן.

דעם ערשטן דעצעמבער 1941, איז געשאַפן געוואָרן ביי אונדז דאָס געטאָ. מען האָט אַהין אָנגעטריבן אויך די יידן פון נאַליבאָק, דערעוונע, וואָלמע, קאַמין, כאָטעווע און גראַן. יידן האָבן געדאַרפט טראָגן געלע לאַטעס אויפן רוקן און ברוסט.

אין אַ געוויסן טאָג האָט מען אַלע אַרבעטס־פעיִקע יידן צוריק געבראַכט פון דער אַרבעט, צונויפגעזאַמלט אויפן מאַרק און אַוועק געפירט צופוס קיין איוועניץ, אַ מרחק פון 25 קילאָמעטער. די שטעטישע קריסטן זענען געשטאַנען פון דער זייט, געשפּילט אויף האַרמאָשקעס, געלאַכט פון אונדזער אומגליק. די דאָזיקע וועלכע האָבן נישט געקענט מיטהאַלטן דעם מאַרש, האָבן די דייטשן דערשאָסן און געלאָזן אויפן וועג.

ענדלעך, נאָך צרות און יסורים, זענען מיר אָנגעקומען קיין דוואָרעץ. די ענגשאַפט דאָרט איז נישט צום באַשרייבן. מען האָט געלעבט אין שטאַלן, שפּייכלער און שייערן. אַ גרויסער טייל איז געשוואָלן געוואָרן פון הונגער, פאַרלייזיקט און אויסגעגאַנגען ווי ליכט.

אונדזער אַרבעט איז באַשטאַנען אין גראָבן שטיינער פון די אַרומיקע בערג, אַנלאָדן זיי אין וואַגאָנען, וועלכע זענען געשיקט געוואָרן קיין סמאָלענסק. מיר האָבן

געקריגן 125 גראַם ברויט אַ טאָג און אַ ביסל וואַסערדיקע זופּ. ווער עס האָט נאָך געהאַט וועלכע זאַכן, האָבן זיי אויסגעביטן ביי די קריסטן אויף ברויט און קאַרטאָפל. די וועלכע האָבן גאָרנישט געהאַט — זענען געשטאָרבן פון הונגער.

דעם 28טן דעצעמבער 1942 איז דער לאַגער אַרומגערינגלט געוואָרן פון ס. ס. זיי האָבן באַפוילן אַלע יידן אַרויף אויף לאַסט־אויטאָס, מיטן תירוץ, אַז מען פירט זיי איבער אין אַן אַנדערן לאַגער. מיר האָבן אָבער שוין געוווּסט, וואָס עס האָט פּאַסירט אין די אַרומיקע שטעטלעך. מיר האָבן פאַרשטאַנען וואָס דאָס באַדייט. ס'איז אָבער נישט געווען וואָס צו מאַכן. מיין פאָטער, פאָראויסזעענדיק וואָס אונדז דערוואַרט, האָט צוגעגרייט אַ בונקער. אין אים האָבן זיך אָנגעקליבן איבער 160 מענטשן, מען איז כמעט דערשטיקט געוואָרן פון ענגשאַפט. אַזוי איז מען דאָרט אָפּגעלעגן 36 שעה. אַנדערטהאַלבן מעת־לעת זענען מיר געשטאַנען קעגן טויט און זיך צוגעקוקט ווי מען פירט אונדזערע טייערסטע צום אומקום — און נישט געקענט זיי העלפן. צוגעקוקט ווי די אָנגעלאָדענע מאַשינען פאָרן אַוועק, געהערט די שיסערייען, און ווי זיי קומען צוריק, לאָדן זיי אָן מיט נאָך מענטשן און פירן זיי צום טויט... די שחיטה האָט געדויערט אַ גאַנצן טאָג. אויף צומאָרגנס האָבן די מערדער געזוכט אויסבאַהאַלטענע יידן און זיי געשאָסן אויפן אָרט.

אויף דער צווייטער נאַכט איז מיין ברודער יחיאל, זיין ווייב שיינדל, איך און מרדכי ביילקין, אַרויס פון בונקער, צוגעקראָכן צו די דראָטן און דערזען, אַז די דייטשן היטן נישט מער. ווען מען האָט זיך דערפון דערוווּסט אין בונקער, האָט זיך אָנגעהויבן אַ שטופּעניש, כדי מען זאָל וואָס פריער אַרויס. דער לייטער איז צעבראָכן געוואָרן, האָט מען געמוזט איינער דעם אַנדערן אַרויסציען ביי די הענט. מיר זענען אַדורך דורך די דראָטן און אַנטלאָפן אין דערבייאיקן וועלדל.

דערווייל האָט יחיאל דערזען, אַז אַ פרוי מיט אַ קליין קינד, וועלכע זענען געווען אין בונקער, זענען נישט מיט אונדז. איז ער צוריק אַוועק אין לאַגער און זי געפונען אַ פאַרחלשטע פון שרעק אין בונקער. ער האָט זי אָפּגעמינטערט, אַרויסגעצויגן און געבראַכט צו אונדז אין וואַלד.

מיר זענען געווען איבער הונדערט יידן פון פאַרשידענע שטעטלעך. מיר האָבן באַשלאָסן זיך צעטיילן אין גרופּן, יעדער זאָל גיין אין דער ריכטונג פון זיין היים. אונדזער גרופּע האָט געציילט אַ 20 מאַן און מיר האָבן זיך געשלעפּט באָרוועסע און האַלב־נאַקעטע אין שניי, אַ גאַנצע וואָך, ביז מיר זענען אָנגעקומען קיין רוביזשעוויטש. דאָ האָבן מיר זיך דערוווּסט, אַז מיט עטלעכע וואָכן צוריק האָבן פּאַרטיזאַנער, מיט דער באַטייליקונג פון רוביזשעוויטשער בחורים, פאַרניכטעט די שטאַרקע פּאָליציי־סטאַציע. אין דער אַקציע האָבן זיך באַטייליקט: יוסף פישקין און זיין פאָטער שעפּסל, לייב סלאָבאָדקין, יודל און ראובן גארמיזע, אייזיק גראיער און דוד קירמאַן (די אַלע, אויסער יוסף פישקין און זיין פאָטער, זענען שפּעטער געפאַלן אין קאַמף מיט די דייטשן). נאָכן פאַרניכטן די פּאָליציי־סטאַציע, האָבן די אַרומיקע קריסטן, וועלכע האָבן מיטגעאַרבעט מיט די דייטשן, מורא געקריגן פאַר יידישער נקמה — און ס'איז מעגלעך געוואָרן זיך אויסצובאַהאַלטן אין רוביזשעוויטשער געגנט.

אין שטעטל זענען מיר אָנגעקומען אין מיטן נאַכט. צומאָרגנס האָבן מיר דערזען



קבוצת תלמידים בבי״ס הפולני ברוביז׳ביץ׳ (1937), שניספו בשואה.
אַ גרופּע שילערס פון דער פּוילישער שול אין רוביזשעוויטש (1937). אַלע אומגעקומען.

דעם חורבן. די מערהייט יידישע הייזער זענען געווען אויפגעריסן. דער ווינט האָט געפּייפט דורך די אָפענע פענצטער און טירן. מען האָט כמעט נישט געזען קיין מענטש אין גאַס. מיר האָבן זיך צונויפגעקליבן אַ 30 מאַן, וועמען ס׳איז געלונגען זיך צו ראַטעווען פון דוואָרעץ. דער רוב האָט זיך באַזעצט אין אונדזער חרובער שטוב. קריסטן, שכנים, האָבן אונדז געגעבן עסן. אַזוי זענען מיר אָפּגעזעסן אַ וואָך, ביז מען האָט דערהערט, אַז דייטשן דאַרפן אָנקומען. מיר זענען דעמאָלט אַוועק אין אַ וואַלד, נישט ווייט פון שטעטל.ביים ברעג וואַלד איז געשטאַנען אַ ליידיקע געביידע. מיר זענען דאָרט אָפּגעזעסן איבער 10 טעג.

אין אַ פּראַקטיקן פּרימאָרגן האָבן מיר דערהערט אַ שטאַרקע שיסעריי. מיר זענען אַנטלאָפן טיף אין וואַלד, קוים זיך דערוואַרט די נאַכט. מיר זענען צוגעקומען צו אַ כוטאָר אַ ביסל זיך אָנוואַרעמען. דאָרט האָבן מיר זיך דערוווּסט, אַז די דייטשן האָבן דערמאָרדעט דריי מיידלעך, וועלכע האָבן זיך אויסבאַהאַלטן אין דער צעבראָכענער מיל אויף קווידאַנאָווער גאַס. מיט זיי האָט זיך אויך באַהאַלטן יונה פּישקין. אַ קריסט האָט זיי אויסגעגעבן. ביים אַרויסגיין פון דער באַהעלטעניש, האָט יונה אַ שטויס געגעבן דעם דייטש און ער איז אַנידערגעפאַלן אויפן אייז. יונה איז אַנטלאָפן, זיי האָבן אים נאָכגעשאָסן און פאַרוווּנדעט. אים איז געלונגען זיך צו באַהאַלטן צווישן די חורבות. נאָכן באַפרייען, איז ער מאָביליזירט געוואָרן אין דער

רויטער אַרמיי, געפאַלן אויפן פראָנט. די דערמאָרדעטע מיידלעך זענען געווען די טעכטער פון זרח נאַליבאָצקי און סאָניע — איידלע גראַיערס טאָכטער.

מיר זענען אַוועק אין אַ דאָרף, אַריין אין אַ שייער, טיף זיך פאַרגראָבן אונטערן שטרוי. אין דער פרי האָבן די פויערים באַמערקט טריט, וועלכע האָבן געפירט אין שייער. זיי האָבן גענומען זוכן, אָבער נישט געפונען. מיר האָבן געהערט ווי זיי ווונדערן זיך: ווי איז עס מעגלעך, אַז טריט זאָלן פירן אַהער, און קיינעם נישט געפונען? דערווייל האָבן מיר געהערט ווי איין קריסט האָט געזאָגט דעם אַנדערן, אַז ער זאָל נעמען אַ היי־גאָפּל (אַ ווילע) און פרווון שטעכן אין שטרוי. מיר האָבן נישט געהאַט קיין ברירה און אויסגעשריגן: „דאָס זענען מיר" — און זענען אַרויס. די פויערים האָבן אונדז דערקענט און אויסגעשריגן: „פאַר וואָס האָט איר זיך נישט אויסגעגעבן פריער? מיר האָבן דאָך געשיקט אַ פרוי דערציילן די דייטשן, וועגן די געהיימע טריט וועלכע מיר האָבן געפונען, אַנטלויפט שנעל פון דאַנען". מיר האָבן אָבער געוווסט, אַז אויב מיר גייען אַרויס פון דאַנען אין מיטן העלן טאָג, זענען מיר סיי ווי פאַרלוירן, ווייל דייטשן, אָדער זייערע העלפערס וועלן אונדז באַמערקן, האָבן מיר געדראָט, אַז אויב די דייטשן וועלן קומען, וועלן מיר זאָגן, אַז איר האָט אונדז אויסבאַהאַלטן — און אייער סוף וועט זיין ווי אונדזערער. זיי האָבן גלייך געשיקט נאָכיאָגן און אומקערן די אַלטע קריסטין, וועלכע איז אַוועק צו די דייטשן. אַזוי האָבן מיר זיך ווידער אָפּגעראַטעוועט.

מיר זענען אָפּגעזעסן אין שייער ביז נאַכט, דערנאָך אַריין צום קריסט אין שטוב, אָפּגעגעסן און זיך אָנגעוואַרעמט. דער פויער האָט אונדז באַהאַלטן אין שטאַל, מיט די קי און שעפּסן, ווו מיר זענען געווען 5 טעג. דערווייל זענען די דייטשן אַוועק.

מיר האָבן זיך צעטיילט אין עטלעכע גרופּן, געוואַנדערט פון כוטאָר צו כוטאָר, יעדן טאָג ביי אַן אַנדערן פויער.

צו די פּאַרטיזאַנער האָבן מיר נישט געקענט גיין צוליב עטלעכע סיבות: ערשטנס, מיר האָבן נישט געהאַט קיין געווער, און אָן געווער פלעגן די פּאַרטיזאַנער נישט וועלן צונעמען. צווייטנס, צווישן אונדז זענען געווען פרויען און קינדער, פּאַרטיזאַנער האָבן אַפילו נישט געוואָלט הערן פון צונעמען קינדער צו זיך. און צו דעם אַלעם זענען מיר דאָך געווען יידן...

אַזוי איז אַדורך דער ווינטער 1943. די קריסטן האָבן אונדזער געגנט גערופן „פּאַלעסטינע", ווייל עס האָבן זיך דאָ אויסבאַהאַלטן פיל יידן, און די דייטשן האָבן נישט אָפּט באַזוכט רוביזשעוויטש, צוליבן פּחד פאַר די פּאַרטיזאַנער.

דעם 22טן מערץ 1943, ווען מיר האָבן זיך אויסבאַהאַלטן אין דאָרף סלאָבאָדע, האָבן די דייטשן אַרומגערינגלט דאָס דאָרף. אונדז איז געלונגען אַנטלויפן אין וואַלד. אַלס נקמה האָבן זיי דערמאָרדעט אַ פרוי מיט אירע צוויי קינדער און אונטערגעצונדן זייער שטוב. אויך איר מאַן, פּאָקע, האָבן זיי שטאַרק פאַרוווּנדעט. די דייטשן האָבן געמיינט, אַז ער איז טויט, האָבן זיי אים איבערגעלאָזן — און מ'האָט אים אָפּגעראַטעוועט.

נאָך דעם פאַל, האָבן מיר מער זיך נישט צוריקגעקערט אין דאָרף. מיר האָבן געוואַנדערט עטלעכע טעג, ביז אַ באַקאַנטער קריסט האָט אונדז געעצהט גיין אין וואַלד, ביי דער אַלטער רוסיש־פּוילישער גרענעץ, דאָרט זענען דאָ פּאַרטיקע גריבער, מיר

דאַרפן ווי נאָר צודעקן — און קענען דאָרט איבערלעבן דעם ווינטער. ער האָט אונדז געגעבן אַ זעג, אַ האַק און עטלעכע רידלען, און מיר האָבן זיך דאָרט באַזעצט.

דער ווינטער איז אַוועק. די זון האָט גענומען וואַרעמען. דער וואַלד איז געוואָרן גרין, ס'איז געווען לייכטער זיך אויסצובאַהאַלטן. ביינאַכט פלעגן מיר גיין אין די דערפער בעטלען עסן און בייטאָג געזעסן אין די גריבער. מיר האָבן באַקומען עטלעכע ביקסן, געפילט זיך זיכערער.

צופעליק האָבן מיר זיך דערוווּסט, אַז ביי איוואַנאָווסקין באַהאַלט זיך אויס אַ 7־יעריק רוביזשעוויטשער ייִנגל, ישראל־לייזער, דער זון פון אברהם און איטע חייקין, וועלכע זענען אומגעקומען פון די דייטשן. אַ קריסט האָט אים אויסבאַהאַלטן 10 חדשים אין שטאַל. ווען מיין פאָטער האָט זיך דאָס דערוווּסט, האָט ער דאָס ייִנגעלע צוגענומען צו אונדז אין וואַלד (ער געפינט זיך היינט אין ישראל).

אין מיטן זומער 1943, האָבן די דייטשן אָרגאַניזירט אַ גרויסע אָבלאַווע אויף פּאַרטיזאַנער אין אונדזער געגנט. מיר האָבן זיך אויסבאַהאַלטן אין אַ קליין וועלדל. דער זומער איז געווען זייער אַ נאַסער. עס האָט כסדר גערעגנט, און מיר זענען געווען אָן אַ דאַך איבערן קאָפּ, געשלאָפן אויף דער נאַסער ערד, די זאַכן וואָס מיר האָבן נאָך געהאַט, זענען צעפוילט געוואָרן פון פייכטקייט. אָבער דאָס האָט אונדז געראַטעוועט פון די דייטשע הענט, ווייל זייערע הינט האָבן נישט געקענט נאָכשמעקן אונדזערע שפּורן. די דייטשן האָבן געטראָגן רעגן־מאַנטלען מיט גרויסע קאַפּישאָנען איבער זייערע קעפּ, און זיי האָבן ניט געזען פון די זייטן. זיי זענען אַדורכגעגאַנגען נעבן אונדז, מיר זענען געלעגן צוגעפּרעסט צו דער נאַסער ערד, געהערט זיי ריידן צווישן זיך און — אונדז נישט באַמערקט.

די אָבלאַווע האָט געדויערט עטלעכע וואָכן, מיר האָבן יעדן טאָג געטוישט אונדזער פּלאַץ. געגאַנגען אין יענע ערטער, ווו זיי זענען שוין אַדורך. ווען זיי זענען אַוועק, האָבן מיר פרייער אָפּגעאָטעמט. די האָפענונג איבערצולעבן איז געוואָרן שטאַרקער. אַזוי האָבן מיר זיך דערוואַרט די שענסטע שעה פון לעבן, די באַפרייונג פון דער אָקופּאַציע און פון טויט־שרעק. אונדזער פרייד קען נאָר פאַרשטיין דער, וועלכער האָט עס אַליין אַדורכגעלעבט.

נאָך דער באַפרייונג זענען מיר אַ קורצע צייט געווען אין רוביזשעוויטש, נאָר מיר האָבן דאָרט נישט געקענט לעבן. מיר האָבן גענומען דעם וואַנדער־שטעקן אין האַנט. איצט האָבן מיר שוין געהאַט אַ ציל פאַר אונדז, אַ זוניק און ליכטיק ארץ־ישראל, צו וועלכער מיר האָבן טאַקע דערגרייכט.



מכתבים מימי הכיבוש

מנוחה לוין

הננו מביאים כאן את תמצית המכתבים שנכתבו ע״י מנוחה לוין, בת ציז׳ה והרב משה לוין, אותם הצליחה להעביר מפולין הכבושה ע״י הנאצים, לידי אחותה ברכה בשווייץ. (הגלויות תורגמו ע״י ברכה מפולנית — לעברית). מנוחה נולדה בשנת 1915, והחלה את לימודיה ברוביז׳ביץ׳ בבית־הספר העממי־פולני, והמשיכה את לימודיה בסמינריון למורות „בנות־יעקב״ בקראקוב. לא ידוע היכן ובאילו נסיבות ניספתה, אך דבריה הפשוטים ומשפטיה הקצרים, נוגעים ללב עד מאד ומטילים אור על יסוריהם ותקוותיהם של היהודים בגיטאות. יהיו שורות אלו למצבה על קברה הבלתי־ידוע.

13.5.40

ברכה׳לה יקירתי! קיבלתי את גלויתך רוויית השמש והאהבה והיא היתה לי מקור עידוד. אני נאבקת קשות על קיומי. מה שאני רואה סביבי, כל כך עצוב, עד שמשכיח את הכל. צר לי על הנעורים הכלים באפס אור ואהבה. המוות קרוב מאוד ואני כל כך חוששת מכך. הייתי רוצה לחיות עוד, לאהוב, לאהוב את בני האדם. אני נותנת שעורים ומרוויחה 60 זלוטי לחודש, אבל זה מעט מאוד, ממש כלום. יקירה הנתראה פעם, אחותי, הגידי?

15.6.40

...הכל קורא לי לחיים ועלי ללכת לטמיון? לא, לא אתן שיחסלוני, רוצה אני לחיות ולהתגבר על כל זה. אין אנו מקבלים עזרה משום ועד — הכל חוסל. אילו ידעתי רק שאשאר בחיים הייתי מוצאת בי און וכח־סבל בתקוות החיים. האשוב אי־פעם לראותך, אחותי האהובה?

מרץ 1941, ורשה

ברכה יקירתי!

קיבלתי את גלויתך. אני עונה על כל מכתביך, אבל משהו לא בסדר עם הדואר כאן... החיים אצלנו קשים מאוד, אני מרוויחה מעט מאוד. ידידינו משדליץ עוזרים לנו קצת ואני אסירת תודה להם. מירל באה אלינו כל יום, אך גם לה לא טוב... סביב עוני וצער, כל כך הרבה יגון וסבל, שאם זה לא ימיט עלינו מוות, בוודאי יחסן אותנו לעולמי־עד. אני קוראת קצת, וחשה בבדידות ובעוני הרב. מתגעגעת אליך עד מאד.

אחותך מנוחה

יולי 1941

בשדליץ אני מאושרת כי יש לי ידידים, המנסים לעזור לי. הייתי אצל האדון גנייבסקי. (ברכה היתה שם מורה במשך שנה אחת), הזקן מעריצך, אדם כל כך טוב, בפרידה נתן לי 20 זלוטי. אין להעריך עזרה כזאת בימים אלה. זה משמש מקור עידוד. מקווה אני, שמהיום יהיה יותר טוב. נוסעת אני ללוקוב על מנת להשיג שם עבודה. אל תדאגי יקירה, מרגישה אני את עצמי טוב יותר, ומוכרחה אני לראותך פעם. הנה הכתובת שלי בלוקוב.



2.3.42

אחותי היקרה לי מכל! קבלתי את גלויתך, כנראה אינך מקבלת את מכתבי, כי אני כותבת לך כל הזמן. אל תדאגי, בריאה אני ואיך שהוא מסתדרת. חיה אני בתקווה שעוד נתראה. כה רבים געגועי אליך, יקירתי!

14.3.42

...חלה איזה שהיא תקלה עם הדואר ובכן כותבת אני לך... אני מרוצה ועובדת עם ילדים שאוהבים אותי. התקווה שעוד אראך בחיי, מוסיפה לי אומץ וכוח, כי אין מלים בפי כדי לתאר מה עצובים הימים ומכתביך הם קרני השמש היחידים בחיי...

אפריל 1942

אחותי ידידתי ואהובת נפשי.

זה זמן רב שלא קיבלתי ממך מכתב. הן יודעת את מהם מכתביך בשבילי. מחייך יודעת אני מעט. הן לך מותר לכתוב הרבה והכל. ברצוני להכיר את ידידיך, להיות קרוב אליך לכל הפחות במחשבה. אני מודאגת מאד ולא שקטה... מאחלת אני לך חג שמח ומנשקת אותך חזק.

אחותך מנוחה

אין יענע אימהדיקע טעג

אהובה (ליובע) צוקער / תל־אביב

די ווייטערדיקע שורות — אַ ביסל דערינערונגען פון דער אַלטער היים — ווידמע איך דעם ליכטיקן אָנדענק פון מיין אומגעקומענער מוטער, שוועסטער, ברידער און דעם עלטסטן זון, אהרון ז״ל, וועמענס געדעכעניש וועט שטענדיק זיין איינגעקריצט אין מיין האַרצן. כבוד זייער אָנדענק!

די היים

מיינע אויגן זעען דיך אָפּט, מיין שטעטעלע, און מיינע ליפּן ריידן ניט איין מאָל אַרויס דיין נאָמען... איך זע אונדזער הייזקע מיטן הויכן גאַנעק, אַרומגערינגלט מיט פּרוכט־ביימער, שטאַלן און שפּייכלערס מיט תבואה. שטייענדיק אויפן גאַנעק, האָט מען זיך אַנטציקט מיט די גרינע פעלדער און לאָנקעס, בעת דער ריח פון דער קאָניטשינע, צי געטרוקנטן היי, האָט ממש פאַרשיכורט.

אין דעם זעלבן שטיבל ווו איך בין געבאָרן געוואָרן, האָט מיין זיידע־באָבע, מרדכי און רייכל קאָשצעוויטש, אויסגעהאָדעוועט אַ גרויסע און פאַרצווייגטע משפחה: פיר טעכטער און צוויי זין. איינער פון זיי, הירשקע, איז געפאַלן אין דער ערשטער וועלט־

מלחמה. קוים 20 יאָר אַלט געווען, נאָר געשמט פּאָר אַ גבר. מיין באָבע האָט געטרויערט אויף זיין טויט ביז איר קבר.

מיין פאָטער יעקב איז געווען דער עלטסטער זון. באַקומען אַ רעליגיעזע דערציאונג און אָפּגעהיטן אַלע מצוות און געבאָטן פון דער תורה און שולחן ערוך. געווען באַשאָנקען מיט דער פעיקייט צו טוען אַלערליי אַרבעטן, ניט געווען פאַר אים קיין שווערע זאַך. אַליין באַאַרבעט זיין פעלד, געפירט אַ שטיל לעבן און אָפּגעגעבן אַ סך כבוד מיין מאַמען, שיינע־פייגע, וועלכע האָט געשטאַמט פון סטאָלפּצי, אַ טאָכטער פון דער איידעלער און פאַרצווייגטער משפחה ראַזאָווסקי. זיי זענען געווען ניין שוועסטער און צוויי ברידער. ליידער, אַלע זענען אומגעבראַכט געוואָרן דורך די דייטשן און זייערע העלפערס.

מיין עלטערע שוועסטער חנה, האָט אַלס חלוצה עולה געווען אין יאָר 1933. מיט אַ יאָר שפּעטער, איז מיין ברודער צבי געקומען קיין ארץ־ישראל. אויך מיין פאָטער האָט געשטרעבט עולה צו זיין — אָבער דער אויסברוך פון דער צווייטער וועלט־מלחמה האָט צונישט־געמאַכט די דאָזיקע שטרעבונג.

מיר, די איינוווינער פון אַ קרעסן־שטעטל, האָבן מער פון אַנדערע געלעבט מיט דער אילוזיע, אַז ביז וואַנען די דייטשן וועלן קומען קיין רוביזשעוויטש, וועט די פּוילישע אַרמיי, צוזאַמען מיט ענגלאַנד און פראַנקרייך, צעקלאַפּן היטלערס חיילות. אמת, קיין דייטשן זעלנער האָבן מיר אין די סעפּטעמבער־טעג 1939 ניט געזען — אָבער שוין דעם 17טן סעפּטעמבער, אַ דאַנק דעם מאָלאָטאָוו־ריבענטראָפּ אָפּמאַך, איז צו אונדז אַריין די רויטע אַרמיי. עקאָנאָמיש איז די לאַגע פאַר די יידן ניט געווען אַזאַ גוטע אונטערן סאָוויעטישן רעזשים, מ'האָט אָבער געלעבט אין פאַרהעלטניסמעסיקער רויִקייט. אַנטקעגן דער לאַגע פון די יידן אונטער דער דייטשער אָקופּאַציע אין פּוילן — זענען מיר געווען די גליקלעכע. אָבער דעם 22טן יוני 1941, איז דייטשלאַנד באַפאַלן רוסלאַנד, אַפילו אָן אַ קריגס־דערקלערונג — און אונדזער שטעטל רוביזשעוויטש איז געווען איינע פון די ערשטע קרבנות פון דער דאָזיקער אַגרעסיע.

„ווּ איז מיין קינד ? !..."

עס הייבט זיך פאַר אונדז אָן אַ לעבן פון פּיין, דערנידעריקונג, צרות, הונגער, געטאָ, קראַנקייטן, געלע לאַטעס, פאַרפאָלגונגען און דערשיסונגען. די דאָזיקע שווערע לאַגע האָט זיך געצויגן ביז ערב שבועות 1942.

יענעם טאָג איז פון שטעטל אָפּגעשיקט געוואָרן אַ גרעסערער טראַנספּאָרט יידן אינעם לאַגער אין דוואָרעץ. אונדזער משפּחה ווערט צעריסן. איך און אפרים געזעגענען זיך מיט טאַטע־מאַמע און אונדזער 3½־יאָריקן זון אהרון. דאָס קינד בלייבט ביי מיין מאַמען — און איך ווייס, אַז זי וועט אים אָפּהיטן ווי דאָס שוואַרצאַפּל פון אויג. „מיין גוטע מאַמע וועט דיר נישט לאָזן שלעכטס טאָן, מיין קינד!" — זאָג איך צו אים בעת דער צעשיידונג. איך מיט מיין אפרים פאַלן דעמאָלט אַריין אין ערשטן טראַנספּאָרט.

די רוצחים טרייבן אונדז צופוס קיין דוואָרעץ. אויפן גאַנצן וועג הער איך ניט אויף טראַכטן וועגן די עלטערן און מיין זון. מיר פאַרפאָלגט איין געדאַנק: „ווּ איז איצט מיין קינד ?"

מיין פאָטער האָט מען מיטן צווייטן טראַנספּאָרט אַרויס געשיקט אין לאַגער קיין נאָוואָגרודעק. שפּעטער געלונגט אים צו קומען קיין דוואָרעץ, אין אונדזער לאַגער. דאָ, צו די שווערע, אוממענטשלעכע באַדינגונגען, אין וועלכע ס'איז אויסגעקומען צו לעבן, האָבן זיך נאָך דערטראָגן ידיעות וועגן אומקום פון אונדזערע נאָענטסטע אין שטעטל. מען האָט די געבליבענע יידן דערשאָסן ביים ראַנד פון אַ ברידער־קבר, וואָס איז פריער צוגעגרייט געוואָרן לעבן שימקאָוויטש. דייטשע מערדער און זייערע אונטערהעלפער, די ווייסרוסן, האָבן געטריבן די אומגליקלעכע צום מאַסן־גרוב און דאָרט זיי אומגעבראַכט. אַ טייל יידן האָט מען דערשאָסן אין שטעטל גופא. אין יענע אימהדיקע טעג האָבן אַ סך טויטע קערפּערס זיך געוואַלגערט אויף די רוביזשעוויטשער גאַסן און הייף. אויף דעם הויף פון אַלתר־אושר דער שניידער זענען אומגעקומען: מיין מאַמע, מיין זון אהרון און מיין יינגסטע שוועסטער רייכל. די דאָזיקע שרעקלעכע ידיעה איז צו מיר דערגאַנגען אין לאַגער — נאָר דער קוואַל פון טרערן האָט ווי אויסגעטרוקנט און דאָס האַרץ איז געווען פאַרקלעמט. צוגענומען די נאָענטסטע און טייערסטע — וואָס דערוואַרט אונדז?

קיינער האָט נישט געהאַט קיין אילוזיעס וועגן דעם, אַז אויך די יידן וואָס זענען פאַרשפּאַרט הינטער די שטעכלדראָטן, וועלן אומקומען, הגם עס האָט זיך געוואָלט גלויבן אין אַ נס. נאָר קיין נס איז ניט געשען. דער טאָג פון ליקווידירן דעם לאַגער איז אָנגעקומען. דעמאָלט איז גראָד מיין מאַן אפרים און מיין ברודער מרדכי פאַרבליבן אין פעלד, אויסער דעם לאַגער. איך און מיין פאָטער זענען געווען אינעווייניק. ווי נאָר די לאַסט־אויטאָס זענען פאַרפאָרן, האָבן אַ סך רעזיגנירטע און פאַרצווייפלטע, אַנטוישטע און מידע פון דעם כסדרדיקן געראַנגל פאַרן לעבן, אַליין אַוועק צו די אויטאָס. זיי האָבן געוווּסט ווו מען פירט זיי, ס'איז אָבער נמאס געוואָרן דאָס קאָשמאַר־לעבן אין לאַגער.

ווי אַזוי מיין פאָטער האָט מיך געראַטעוועט

צו'מאָרגנס — דאָס זעלבע בילד: יידן פון לאַגער און פון שטעטל דוואָרעץ גייען פרייוויליק צו די אויטאָס, וועלכע וועלן זיי פירן אויפן לעצטן וועג. נאָר אַ סך באַהאַלטן זיך אויס אויף די ביידעמער, קעלערס, שטאַלן און קאַמערן. מיין טאַטע און איך שלייכן זיך איבער די געסלעך פון דוואָרעץ, מען זוכט אַן אָרט ווו אַנטרונען צו ווערן. מיין פאָטער האָט פון ערגעץ־ווו גענומען אַ קאָלדרע מיט אַ שטריק. ער פירט מיך ביים האַנט, רעדט ניט קיין וואָרט... פון לאַגער דערטראָגן זיך שיסערייען און געשרייען. מיט אַמאָל דערפילן מיר, אַז די רוצחים האָבן אונדז אַנטדעקט און באַפעלן צו בלייבן שטיין. מיין פאָטער לויפט מיט מיר אַריין אין אַ פאָדערהויז וואָס פירט צו אַ בוידעם. נאָר כדי צוקומען צום בוידעם, מוז מען אַרויפקלעטערן אויף אַ וואַנט פון 2½ מעטער די הייך. דער טאַטע באַווייזט דאָ זיין געשיקטקייט — אָט איז ער שוין אין דער הייך. איך שריי אַ פאַרצווייפלטע: „טאַטע, טאַטע, ווו ביסטו? וואָס לאָזטו מיך אַליין?!“ ער באַרוהיקט מיך, באַפעלט צו זיין שטיל. דערנאָך לאָזט ער אַראָפּ די שטריק און הייסט מיך אַרומבינדן. אָט בין איך שוין אין דער הייך, צוזאַמען מיטן טאַטן. אונטן דערהערט זיך דער טומל פון די מערדער, וועלכע האָבן אונדז געיאָגט. זיי גלויבט זיך ניט קלעטערן אויפן בוידעם, שיסט מען אַרויף. מיר זענען פאַרשטעקט הינטער אַ ליימענעם קוימען און די קוילן גרייכן ניט אַהער.

אַז די שיסעריי האָט אויפגעהערט, האָבן מיר באַמערקט אויפן בוידעם אַ טירל, וואָס האָט געפירט צו אַ סכראָן. דאָרט זענען געלעגן אויסבאַהאַלטן אַ סך יידן, אָבער זיי האָבן ניט געהאַט צופיל חשק אונדז אַריינצונעמען. מיין טאַטנס כוח האָט פריי געמאַכט דעם וועג אין דער דאָזיקער באַהעלטעניש.

דאָס איז געשען סוף ווינטער 1942. די קעלט און פרעסט זענען געווען שטאַרקע. די דייטשן און זייערע העלפערס זענען געווען פאַרנומען מיט אויסזוכן די באַהעלטענישן מיט יידן און אויך ליקווידירן ענדגילטיק דעם דוואָרעצער לאַגער. אין פאַרשטענדיקונג און הילף פון אַ גרופּע פאַרטיזאַנער, האָט די אונטערגרונט־באַוועגונג אין לאַגער אים אונטערגעצונדן, כדי אויסנוצן דעם כאַאָס און טומל און אַנטלויפן. איך און מיין פאָטער זענען צוגעקראָכן צו די דראָטן און אונדז איז געלונגען זיך אַרויס צו באַקומען אויף דער פריי. אָבער ווו גיין, אין וועלכער ריכטונג זיך לאָזן לויפן? איך בין אָן שיך, פאַרשטאַרט פון קעלט און איבערגעשראָקן פון די געשעענישן. איך צי אַראָפּ פון אַ טויטן קערפער די אונטערהויזן און וויקל זיך אַרום די באָרוועסע פיס. מיר לאָזן זיך גיין אין דער פינצטערער נאַכט און מיין פאָטער הערט ניט אויף מתפלל זיין אַ גאַנצן וועג.

פאַרטאָג, ניט ווייט פון לאַגער, האָבן מיר באַגעגנט מיין מאַן אפרים און מיין ברודער מרדכי. מ׳האָט זיי איבערגעגעבן, אַז אונדז איז געלונגען ביינאַכט זיך אַרויס צו רייסן פון לאַגער.

דערנאָך האָבן מיר „געלעבט" אין פעלדער, וועלדער, אין לאַגערן, אין שטענדיקן נע־ונד און כסדרדיקן געראַנגל פאַרן לעבן. מיין ברודער מרדכי האָט ניט זוכה געווען ד׳ באַפרייונג. אייגענע חברים, רוסישע פאַרטיזאַנער, מיט וועלכע ער איז געווען צוזאַמען, האָבן אים דערהרגעט אין פאָדזשערנער וואַלד, נאָך דעם ווי זיי האָבן זיך געהאַט אָנגעשיכורט.

אַז די רויטע אַרמיי האָט באַפרייט אונדזער געגנט, איז די ערשטע אויפגאַבע פון מיין פאָטער ז״ל, געווען — צונויפקלייבן דעם געביין פון מיין מאַמען, זון און שוועסטער און זיי ברענגען צו קבר ישראל. אָבער אויף קברים ווילט זיך ניט ווינען. זענען מיר אין 1945 — מיין פאָטער, מאַן און איך, אַוועק קיין דייטשלאַנד און פון דאָרט געקומען קיין ארץ־ישראל.

אין די נאַצישע טויט־לאַגערן

יעקב פישקין / ברוקלין

זומער 1942, האָבן קיין דוואָרעץ זיך דערטראָגן קלאַנגען וועגן די שחיטות וועלכע די דייטשע רוצחים האָבן אַדורכגעפירט איבער דער יידישער באַפעלקערונג אין נאָוואָ־יעלניע, זשעטל און מיטשעט. אָן שום ספק, אַז איצט קומט די ריי אויף דוואָרעץ.

אַ געוויסן אָוונט האָט דער יודענראַט געמאָלדן, אַז יידישע שוסטערס און שניידערס, וואָס ווילן פאָרן אויף אַרבעט קיין סמאָלענסק, זאָלן זיך צושטעלן אויף אַ באַשטימטן אָרט אין געטאָ. פון די רוביזשעוויטשער האָבן זיך צוגעשטעלט: מיכל דער שניידער מיט זיין זון ראובן; שמואל־דוד מיט זיינע צוויי זין יעקב און זעליג; איצקע דער שניידער; יעקב משה־אייזיקס מיט זיין פלימעניק; משה־אייזיק צווערין; יוספקע ביניעס; לייזער דעם שמידס זין יעקב און ארע; איצקע פריידע־יענטעס מיט זיין זון הירשל; שעפסעלע מאַטעס; יוסף אפרימס; איצקע דער שוסטער מיט זיין זון אלתר; רובע און גאָדל; יצחק וועלוול־יאָסלס קינדער; מיין פאָטער דוד און איך; אַ סטויפצער; בערל דעם שניידערס אַ פלימעניק און זייערער אַ קרוב העניך, אַ וואַרשעווער.

מיין מאַמע שאָשקע האָט פאַרפאַקט אַ פעקל און אַהין אַריינגעלייגט אַ מאַקאַטקע, וועלכע ס'האָט אויסגענייט מיין שוועסטער יענטל, ווען זי האָט נאָך אין שול געלערנט — רויזן אין אַ קאָשיק; און אַ צווייטע מאַקאַטקע פון מיין שוועסטער שרה, וואָס האָט פאָרגעשטעלט ווי אַ מאַמע בענטש ליכט. די מאַמע האָט אויך ניט פאַרגעסן אַריינצולייגן דאָס לעצטע ביסל גרויפּן וואָס מיר האָבן פאַרמאָגט און — דאָס לעצטע קישעלע...

— נעם, מיין קינד, אפשר וועסטו דאָס קענען אַמאָל אויסטוישן אויף אַ שטיקל ברויט?!

—דאָס איז דאָך דאָס לעצטע וואָס דו פאַרמאָגסט, מאַמע — זאָג איך צו איר מיט אַ טרויעריקן שמייכל. זי האָט צוריק געשמייכלט, הגם די טרערן האָבן איר געשטיקט אין האַלדז.

— נעם, יאַנקעלע... — און האָט עס מיר אַריינגעשטופּט אין בוזעם אויף שנעל, ווייל דער פאָליציאַנט האָט זי גענומען שלאָגן מיט דער נאַהייקע. זי איז נאָך צוגעלאָפן צום טאַטן, אים עפּעס איינגערוימט אין אויער, הגם די קלעפּ האָבן ניט אויפגעהערט. זי האָט זיך געקלאַמערט אין אונדז אַ פאַרלאָרענע און פאַרצווייפלטע. — זייט געזונט, זייט געזונט! — האָבן מיר געהערט איר געזעגענונג, ביז זי איז פאַרשוווּנדן צווישן המון. איך בין דעמאָלט אַלט געווען ניט קיין פולע 18 יאָר.

✶

צומאָרגנס אין דער פרי, האָט מען אונדז אָפּגעפירט קיין נאָוואָ־יעלניע און פאַרשפּאַרט אין אָרטיקן בית־המדרש, מיט נאָך יידן. דעם צווייטן טאָג זענען געקומען יידן פון נאָוואָגרודעק — שוסטערס און שניידערס. צווישן זיי: ליאָטע, משה־לייבס איידעם פון באַראַנאָוויטש און צוויי קוידאַנאָווער. מען האָט אונדז אַלע אַריינגעשטופּט אין וואַגאָנען און אַוועק געפירט קיין סמאָלענסק. נאָך עטלעכע טעג רייזע, האָט מען

אונדז געבראַכט אין אַ פאַרשטאָט פון סמאָלענסק, קראַסני באָר, פאַרשפּאַרט אין אַ בוידעם איבער אַ שיך־פאַבריק, צוגעוואָרפן אַ ביסל שטרוי צום שלאָפן — און דאָ האָבן זיך אָנגעהויבן נייע צרות.

כדי אַרויפגיין אויפן בוידעם, האָט מען זיך באַנוצט מיט אַ לייטער. די דייטשע סאַדיסטן און דריי רוסישע אָפיצירן, קריגס־געפאַנגענע, וועלכע זענען באַשטימט געוואָרן אַלס אונדזערע אויפזעער, האָבן געטריבן די יידן ארויף און אַראָפּ פון לייטער, געשלאָגן און געשריגן. איינער איז געקראָכן איבערן אַנדערן, מען איז געפאַלן, צעבראָכן אַ האַנט צי אַ פוס — און ווי אַזוי די אומגליקלעכע האָבן שפּעטער נאָך געקענט אַרבעטן, פאַרשטיי איך נישט ביזן היינטיקן טאָג.

אין דער פרי און פאַרנאַכט האָט מען איינגעאָרדנט „אַפּעלן״, בעת וועלכע מ׳האָט געציילט די יידן. יעדער האָט געמוזט שטיין אויסגעצויגן ווי אַ סטרונע, אַ ניט איז מען מערדערלעך צעשלאָגן געוואָרן. אויף פרישטיק האָט מען באַקומען אַ ביסל וואַרעם וואַסער מיט קאַרטאָפל־שאָלעכץ, ווו עס האָט אַמאָל אַרומגעשווומען אַ ביינדל פון אַ פערד. נאָך דעם מאָלצייט האָט מען געטריבן צו דער קאַטאָרזשנער אַרבעט. אויף אָוונט־ברויט האָט מען אונדז געגעבן אַ האַלבן פונט ברויט מיט אַ שטיקל פאַרפוילטן קעז, אָדער פאַרשימלטן וווּרשט, צי פאַרלעגענע פיש־קאָנסערוון. זונטיק, אַנשטאָט אַרבעט, האָט מען מיט אונדז מושטרירט, געהייסן לויפן אין אַ ראָד, אָדער ליגן שעהן אויף דער ערד.

פון אַזאַ רעזשים און עסן, זענען אונדזערע רייען געוואָרן שיטערער — צוליב הונגער, דערשעפּונג, דיזענטעריע, טיפוס און אַנדערע קראַנקהייטן. אויסער דעם האָבן די רוצחים אַוועק גענומען פון אונדז די אָפּגעשוואַכטע און אויסגעצערטע, כדי זיי שיקן אין סמאָלענסק אויף אַן אָרט, ווו זיי זענען דערשאָסן געוואָרן.

די ערשטע רוביזשעוויטשער קרבנות אין סמאָלענסקער לאַגער זענען געווען שמואל־דוד און זיין זון זעליג, אַ שניידער. ער האָט געוואָלט אַנטלויפן פון דעם גיהנום, האָבן זיי אים דערשאָסן ביים אַנטלויפן. דערנאָך האָבן זיי צוגענומען איטשקע פריידע־יענטעס מיט זיין זון הירשל. אין עטלעכע וואָכן אַרום — משה אייזיק צווערין און יוסף אפרימס. פון פיר הונדערט יידן איז אין משך פון אַ קורצער צייט געבליבן אַ העלפט.

*

די פאַרבליבענע יידן האָט מען צעשיקט אין די שוסטער־ און שניידער־וואַרשטאַטן. מען האָט זיי באַפוילן פאַריכטן שיך פאַרן מיליטער. מיך האָט מען אַוועק געשטעלט ביי אַ באַרג איינצלנע שיך און באַפוילן צוקלויבן צו דער פּאָר — אַ רעכטן צו אַ לינקן שיך, און פאַרקערט. גראָד פון דער דאָזיקער אַרבעט האָב איך טיילמאָל באַקומען מוט און האָפענונג, ווייל דאָס זענען געווען שיך פון געהרגעטע אָדער פאַרווונדעטע דייטשע זעלנער און איך האָב אינעווייניק, צי אין דרויסן געפונען פאַרגליווערטע שטיקער בלוט, אַ פינגער און אַנדערע סימנים, אַז אַ טייל פון דער „ווערמאַכט״ האָט אויפגעהערט עקזיסטירן... איך האָב געטרייסט מיין פאָטער, אַז אויך זיי, די דייטשן, כאַפּן קלעפּ אויף די פראָנטן, אויך זיי בלוטיקן.

ביי דער אַרבעט האָב איך ניט איין מאָל באַקומען געשלאָגן מיט דער נאַהייקע, צי

מיט אַ שטעקן. די שוסטערס האָבן געמוזט צושטעלן אַ נאָרמע שיך, אַ ניט האָבן זיי באַקומען קלעפּ.

די שניידערס זענען געווען באַשעפטיקט ביים נייען הענטשקעס און פאַריכטן מונדירן, דייטשן און זייערע העלפערס־אויפזעער זענען געשטאַנען איבער אונדז און אַכטונג געגעבן מען זאָל שנעל און גוט אַרבעטן פאַרן „דריטן רייך". וועגן אַנטלויפן האָט ניט געקענט זיין קיין רייד, ווייל אַרום אונדז האָבן זיך געפונען מיליטערישע לאַגערן און פונקטן. דער פראָנט איז ניט געווען אַזוי ווייט, אומעטום האָבן מיר געזען דראָט־פאַרצוימונגען און באַוואָפנטע דייטשן. נאָך אַ שווערן טאָג פון קאַטאָרגע־אַרבעט, זענען מיר געווען גליקלעך וואָס מען קען ענדלעך אַרויפקריכן אויפן בוידעם און אויפן פאַרפוילטן שטרוי זיך אַוועקלייגן. אָבער ריזיקע מייז, ווי די קעץ, האָבן מיט חוצפה זיך אַרומגעדרייט אויפן בוידעם און מען האָט באַדאַרפט אָנווענדן אַ סך כוח און מי, כדי זיי פאַרטרייבן און אָפּטמאָל — כאַפּן און אָפּקאָכן... דאָס האָבן אונדז אויסגעלערנט די רוסישע קריגס־געפאַנגענע פון דערבייאיקן לאַגער. די עטלעכע הונדערט רוסן זענען אויך געווען אויף צרות — אָבער נאָך אַלץ ניט קיין פאַרגלייך מיט אונדז.

כמעט יעדער נאַכט האָבן מיר געהערט הודזשען רוסישע עראָפּלאַנען, וועלכע האָבן אויך באָמבאַרדירט דעם פראָנט, באַזאַמען מיט דער אַרטילעריע. דאָס איז פאַר אונדז געווען נצחון־מוזיק און שטאַרק געהויבן די מאָראַל. מיר האָבן געשיקט אַ תפילה, אַז די פליערס זאָלן בשלום זיך אומקערן אויף זייערע באַזעס, כדי מאָרגן ווידער קלאַפּן דעם פאַרהאַסטן שונא. איך האָב ביי יעדער שטאַרקן אויפרייס זיך געטוליעט צום טאַטן, גענוי ווי אַלס קינד, ווען עס האָט שטאַרק געדונערט.

✶

עס האָבן זיך אָנגערוקט די קילע און טונקעלע טעג פון רוסישן האַרבסט. דער טריבער וועטער האָט נאָך טריבער געמאַכט אונדזער געמיט. דעם זיך דערנענטערנדיקן ווינטער דאַרפן מיר אויפנעמען האַלב־נאַקעטע, באָרוועסע, הונגעריקע, דערשלאָגענע. „זאָרג נישט, מיין קינד, איך וועל דיר מאַכן עפּעס אָנצוטאָן אויף די פיס, זאָלסט ניט אַזוי ליידן פון דער קעלט" — האָט מיין פאָטער מיך געטרייסט. מיר האָבן ניט געטאָרט זיך באַנוצן מיט דייטשע שיך, אַפילו די וואָס זענען שוין געווען צום אַוועקוואַרפן. דעם טאַטן איז דאָך געלונגען באַהאַלטענערהייט צונויפשטעלן פאַר מיר און פאַר זיך אַ פּאָר באָטן.

פאַר די עטלעכע הונדערט יידן האָט מען אויפגעבויט באַראַקן און ס'איז געקומען דער טאָג, ווען מיר האָבן באַדאַרפט אַהין זיך אַריבערקלויבן. מ'האָט באַפוילן גיין אין אַ באָד — און ווי נאָר דאָס וואַסער האָט קוים איינגענעצט, האָט מען די יידן געטריבן אויפן גאַס, אין דער קעלט, אין גאַנצן נאַקעט, דערביי האָט מען געטיילט קלעפּ אין אַלע זייטן. נאַקעטערהייט, האָט מען אַדורכגעפירט ביי יעדער איינעם אַ פּערזענלעכע רעוויזיע און אויך גענישטערט אין זייער גאַרדעראָב. ביי מיר האָט מען געפונען אַ פּאָר שמאַטעס פון אַ דייטשן מונדיר און ביי מיין פאָטער — אַ פּאָר שקאַרפּעטן. פאַר אַזאַ „פאַרברעכן" קומט 25 שמיץ. איך ליג שוין אַן אויסגעצויגענער אויף דער באַנק און מיין טאַטע דאַרף מיך האַלטן ביים קאָפּ... דער רוצח האָט מיט הנאה געשמיסן מיט אַ דיק־

געפלאָכטענער נאַהייקע און געציילט. מיין געזעס האָט זיך באַגאָסן מיט בלוט, דער טאַטע האָט געוויינט און איך האָב געשריען פון ווייטיק און חרפה. דערנאָך — די עקזעקוציע איבערן טאַטן. איצט דאַרף איך אים האַלטן ביים קאָפּ...

אין אַזאַ עת צרה האָט איינער געהאָלפן דעם אַנדערן מיט אַ גוט וואָרט, וואָס האָט פאַרלייכטערט די יסורים און פיין. נאָר אַלע מאָל ווערט ווייניקער. ביי די קלעפּ האָט איטשקע אבראמקעס פאַרלוירן דאָס באַוווסטזיין. שעפּסעלע מאַטעס און ליאָטעס איידעם האָט מען צוגענומען. נאָך יידן פאַרשווונדן — און מיר ווייסן ניט וואָס מיט זיי איז געשען. איך זאָג מיין טאַטן, אַז מיר מוזן געפינען אַ וועג צו באַקומען אַ ביסל עסן. איך פלעג זיך אַוועקגנבענען פון דער פאַבריק צו דער דייטשער קיך, אָדער אין אַ קעלער און געפונען עטלעכע קאַרטאָפל, צי בורעקעס — און באַלד זיי אָפּקאָכן. אָבער ניט איין מאָל בין איך דורכגעפאַלן ביי אַזעלכע גניבות. 4 מאָל האָט מען מיך געכאַפּט — און געשמיסן. נאָר די ערשטע 6 שמיץ האָבן שטאַרק ווי געטאָן, דערנאָך ווערט דאָס האַרץ פאַרקלעמט און... גלייכגילטיק. אָבער מיר איז געלונגען נאָך אַ סך מאָל זיך אַרויסרייסן פון דער פאַבריק און ערגעץ־ווו אויסגעפונען אַ ביסל עסן. בעת אַזאַ „אויספלוג” האָט מיין טאַטע שטענדיק געבעטן גאָט און געזאָגט תהילים, אַז איך זאָל מצליח זיין.

✶

ס׳איז אָנגעקומען דער ווינטער — אַ ביטערער און גרויזאַמער. די ווינטן און קעלט האָבן געשניטן ווי מיט מעסערס. פון לאַגער האָבן מיר געזען דורכפאָרן לאַנגע עשעלאָנען מיט פאַרוווּנדעטע דייטשן, ווייל אויף די דעכער און ווענט פון די וואַגאָנען זענען געווען אויסגעמאָלן גרויסע רויטע קרייצן. אויך אין אונדזער פאַבריק זענען אָנגעקומען גרעסערע טראַנספּאָרטן שיך, שטיוול און באָטן פון דייטשע זעלנער. ניט אַנדערש, היטלערס חילות כאַפּן קלעפּ אויף די רוסישע פראָנטן. באַשטעטיקט האָט דאָס אויך די כסדרדיקע אַרטילעריע באַשיסונג וואָס האָט זיך געהערט גאַנץ נאָענט פון סמאָלענסק. אַ סימן, אַז דער פראָנט דערנענטערט זיך. וועלן מיר דערלעבן דעם טאָג פון באַפרייונג?

די מערדער האָבן ניט געענדערט זייער באַציִונג צו אונדז. דער זעלבער שטרענגער רעזשים, קלעפּ, הונגער, באַליידיקונגען און רציחות. מיט אַמאָל — די עוואַקואַציע פון אונדזער לאַגער. מען פירט אונדז איבער קיין מאָהילעוו. דאָ איז דער לאַגער שוין ניט אַזוי באַוואַכט. פון די געהרגעטע און געפּגרטע פערד וועלכע מען האָט געבראַנגט אויפן הויף פון לאַגער, געלונגט טיילמאָל צו גנבענען אַ שטיק פלייש פאַר די פאַרשפּאַרטע יידן. בדרך־כלל איז דער לאַגער ניט אַזוי שטרענג באַוואַכט — און כ׳האָב אָנגעהויבן טראַכטן וועגן אַנטלויפן. נאָך אַ 15 מאַן האָט זיך פאַרגלוסט צו טאָן דאָס זעלבע, צווישן זיי — די רוביזשעוויטשער: יוסף ביניעס, רובע און גאָדל (מיינע קוזינען), לייזער דעם שמידס, יעקב און אַנדערע. מען האָט זיי אַלע געכאַפּט, שרעקלעך צעשלאָגן און אַוועק גענומען. מיר האָבן געמיינט, אַז מ׳האָט זיי געשאָסן.

מיין פאָטער, וועלכער איז געווען קעגן די פּרוּוון צו אַנטלויפן, האָט געזאָגט, אַז מען דאַרף פאָלגן אַ טאַטן. האָב איך אים געענטפערט, אַז ווען צוויי וואָלטן פּרובירט אַנטרונען צו ווערן, וואָלט עס גיכער געלונגען, ווען דאָס טוען פופצן. די דייטשן זענען געווען זיכער, אַז מיר האָבן פאַרבינדונגען מיט די פאַרטיזאַנער אין דער געגנט

און דערפֿאַר איז מען אונדז דערגאַנגען די יאָרן, געפּייניקט אָן אויפֿהער. אין מיטן נאַכט האָט מען אונדז אויפֿגעוועקט, אויסגעשטעלט צום אַפּעל, געציילט און געשלאָגן, געהאַלטן אויף דעם פֿראָסט אין דער אונטערוועש. דערנאָך האָט מען באַפֿוילן צו לויפֿן און דערביי האָבן די רוצחים געטיילט קלעפּ אומעטום. פֿון די רוביזשעוויטשער ייִדן זענען מיר דעמאָלט געווען אין לאַגער: יאַנקל משה־אייזיקס, טעוול דער שניידער און זיין זון, מיין פֿאָטער און איך. מיר האָבן געהאָפֿט, אַז די פּאַרטיזאַנער וועלן אונדז באַפֿרייען, איידער די רויטע אַרמיי וועט קומען קיין מאָהילעוו. נאָר די האָפֿענונגען זענען שנעל צערונען געוואָרן, ווען מ׳האָט אַ געוויסן טאָג אַרומגערינגלט די באַראַקן און באַפֿוילן אַלעמען זיך אויפֿזעצן אויף ריזיקע לאַסט־וואָגנס, וועלכע האָבן אונדז צוגעפֿירט צום מאָהילעווער וואָקזאַל. מיר זענען געווען זיכער, אַז דאָס פֿירט מען אַלע צום דערשיסן.

✶

אויפֿן וואָקזאַל זענען שוין געווען צונויפֿגעטריבן אַ צוויי טויזנט ייִדן פֿון מאָהילעוו, צווישן וועלכע מיר האָבן אויך אויסגעפֿונען אונדזערע רוביזשעוויטשער, וועלכע מ׳האָט געכאַפּט ביים אַנטלויפֿן פֿון לאַגער. זיי זענען אָבער געווען אַזוי צעממיתט, אַז ס׳איז שווער געווען צו דערקענען עמעצן. באַגלייט מיט קלעפּ און זידלערייען, האָט מען אַלע אַריינגעשטופּט אין לאַסט־וואַגאָנען. מיר זענען זיכער, אז איצט פֿירט מען אונדז צום טויט. מיר זענען אָנגעקומען קיין מינסק, אין אַ שטרענג באַוואַכטן לאַגער, אַרומגעצוימט מיט אַ הויכן פּאַרקאַן שטעכלדראָט. דאָ זענען מיר געווען אַ 2 וואָכן. דערנאָך פֿאָרן מיר ווייטער — קיין בירקענאו.

טעג און נעכט זענען מיר געפֿאָרן אין די וואַגאָנען, אָן עסן און אָן אַ טראָפּן וואַסער, ביז מ׳האָט אונדז אַראָפּ געלאָזט אויף אַ פּלאַץ, אַרומגערינגלט מיט דייטשן, אוקראַינער און הינט, וועלכע האָבן געשלאָגן, געביסן און געשאָסן. דערנאָך האָט מען אונדז געטריבן אויף אַן אָרט, ווו עס האָבן זיך געזען קוימענס. די סעלעקציע האָט לאַנג ניט געדויערט, בלויז עטלעכע שניידערס און שוסטערס זענען דערווייל געבליבן, בעת די אַנדערע האָט מען געשיקט אין די קרעמאַטאָריעס (בשעת־מעשה האָבן מיר ניט געוווּסט צוליב וואָס די קוימענס).

נאָך דעם אומגליק, זענען מיר געבליבן פֿיר רוביזשעוויטשער: יוסף ביניעס, רובע טעוולס, מיין טאַטע און איך, אויך עטלעכע קאָסאָווער און קאַרטוז־בערעזער שוסטערס. מיר ווערן ווידער אויפֿגעלאָדנט אויף וואַגאָנען. נאָר דאָס מאָל — אַ פּיל שרעקלעכע רייזע פֿון פֿריער. די היץ האָט געברענט, קיין וואַסער גיט מען נישט. מיר האָבן געטרונקען די אייגענע אורין, די פֿיזיאָלאָגישע באַדערפֿענישן דערליידיקט הינטער זיך, די ענגשאַפֿט און שטיקעניש איז זיך גאָרניט פֿאָרצושטעלן. די טויטע האָט מען פֿון אונדז ניט צוגענומען. מיין פֿאָטער איז געלעגן מיט אַן אָפֿן מויל, אַרום מויל איז געווען שוואַרץ און דער גאַנצער קערפּער — בלוי. ער האָט ניט געקענט קיין וואָרט אַרויסריידן. מיט מיין לעפֿל האָב איך אויסגעקראַצט אַ לעכל אין דער הילצערנער פּאָדלאָגע פֿון וואַגאָן, צוגעלייגט דאָרט מיין טאַטנס מויל — און ער האָט גענומען לייכטער עטעמען. דערנאָך האָב איך געטאָן דאָס זעלבע. דאָס פֿרישע ווינטל האָט אונדז אַריינגעבלאָזן אַ נייעם גייסט. אויך אַנדערע אומגליקלעכע אין וואַגאָן האָבן זיך עטוואָס אָפּגעקילט און פֿרייער אָפּגעאָטעמט.

די שרעקלעכע נסיעה האָט געדויערט 9 טעג. ווען מען האָט עפּעס יאָ צוגעוואָרפן עסן, האָבן מיר אויסגעקליבן אַ מין קאָמיטעט, וועלכער זאָל פאַרטיילן צווישן די לעבע־דיקע די פּאָרציעס וועלכע מיר האָבן באַקומען אויך פאַר די טויטע. ערשט אויפן צענטן טאָג האָבן די סאַדיסטן גענומען גיסן אין וואַגאָן וואַסער — אַז מען האָט געקענט פאַרפלייצט ווערן. דאָס איז געווען עטלעכע שעה פאַרן אָנקומען אין לאַגער בליזשין, ניט ווייט פון ראַדאָם. ווען מ׳האָט באַפוילן צו פאַרלאָזן די וואַגאָנען, האָבן מענטשן ניט געקענט שטיין אויף די פיס, דער קאָפּ האָט זיך פאַרדרייט פון דער פרישער לופט. אין לאַגער האָט מען באַפוילן זיך אויסטאָן נאַקעט, די רוצחים האָבן געזוכט גאָלד און צירונג אויף אונדזערע פאַרשמאַכטע קערפּערס. דערנאָך האָט מען געהייסן זיך אַרומוואַשן אין אַ שמוציקער לוזשע וואַסער, אָבער נאָך דער „באָד”, האָט מען זיך צעלאַכט, ווען איינער האָט אָנגעקוקט דעם צווייטן. דאָס איז געווען דער ערשטער שמייכל נאָך אַזוי פיל טעג פון ליידן און פּיין...

✶

אין לאַגער בליזשין זענען געווען פאַרשפּאַרט אַ 20 טויזנט מענער און פרויען. דער לאַגער־עלטסטער פלעגט זיך אַרומדרייען מיט אַ ריזיקן הונט, וועלכער איז אָפט באַפאַלן אַ קאַצעטלער און געריסן פון אים שטיקער פלייש. דער רוצח פלעגט מיט סאַדיסטישער הנאה זיך צוקוקן ווי דער הונט האָט געפּייניקט זיין קרבן.

אין לאַגער איז אויסגעבראָכן די טיפוס־קראַנקייט, וועלכע האָט אויך מיך ניט אויסגעמיטן. וועגן אַ דאָקטאָר צי מעדיקאַמענטן איז ניט געווען וואָס צו טראַכטן אַפילו. מ׳איז געלעגן אויף דער נאַרע און געוואַרט אויפן טויט. מיין פאָטער פלעגט אָפט צו מיר קומען, טרייסטן, לאָזן אַ טרער און מתפלל זיין. אַז ער האָט איין מאָל געזען ווי איך פאַרליר דעם באַוווסטזיין, האָט ער אָנגעהויבן שרייען אויף מיר און פאָדערן איך זאָל זיך האַלטן. (אין יענעם מאָמענט האָב איך זיך דערמאָנט, אַז אויך אין רוביזשעוויטש פלעגט מען טיילמאָל „אָפּשרייען” דעם טויט...). אַ פאַקט איז, אַז כ׳האָב גענומען זיך פילן בעסער, געהאָלפן אַנדערע קראַנקע און געטאַפּט דעם טאַטנס קאָפּ, צי ער האָט, חלילה, אַליין זיך ניט אָנגעשטעקט מיט דער שרעקלעכער קראַנקייט. זייער ווייניק, האָבן אין די באַדינגונגען פון לאַגער, געשטעלט זיך אויף די פיס נאָך אַ טיפוס. איך בין צוריק אַוועק אין שוסטער־וואַרשטאַט, ווו עס האָט געאַרבעט יוסף ביניעס. אַז די אויפזעער זענען ניט געווען, האָט ער זייער שיין געזונגען יידישע לידער.

אַ געוויסן זומערדיקן טאָג האָט מען אַלע צונויפגעטריבן אויפן אַפּעל־פּלאַץ און באַפוילן קוקן גלייך — ווי מען פירט אַדורך די עקזעקוציע איבער צוויי יידן, וועלכע האָבן פּרובירט אַנטלויפן פון לאַגער. איך האָב געזען ווי צוויי יונגע מענער, מיט פאַרבונדענע הענט, זענען לאַנגזאַם צוגעגאַנגען צו דער טריבונע. מען האָט זיי געבונדן אויך די פיס — און נאָכן אויסלייענען דעם אורטייל, איז דער לאַגער־עלטסטער צו צו ביידע קרבנות און יעדערן אַריינגעשאָסן אַ קויל אין שלייף*.

אין לאַגער איז אויך געווען אַ יידישע פּאָליציי — פלעגן זיי טיילמאָל זיין ערגער

* מיט יאָרן שפּעטער בין איך פון ניו־יאָרק געפלויגן קיין דייטשלאַנד עדות זאָגן קעגן דאָזיקן קריגס־פאַרברעכער.

פון די דייטשן. געווען דאָרט אַ קעלער מיט קאַרטאָפל, ווו איך און נאָך עטלעכע הונגעריקע ריזיקאַנטן פלעגן זיך לאָזן גנבענען קאַרטאָפל. איין מאָל האָט מען אונדז אַנטדעקט. איך בין געבליבן אין קעלער, הערנדיק ווי אין דרויסן האָט מען געכאַפּט עטלעכע „פאַרברעכער”. מיט אַמאָל הער איך טריט אין קעלער— און לאָז זיך לויפן דורך דעם צווייטן אַרויסגאַנג. נאָר אַ דייטש באַמערקט מיך, ער דראָט מיט שיסן, אויב איך בלייב ניט שטיין. איך ציִ זיך אויס פאַר אים ווי אַ סטרונע, און אויף זיין פראַגע צי כ'האָב קאַרטאָפל, ענטפער איך מיט אַ דרייסטן „ניין, הער אָבערשאַרפירער”! (אין די הויזן־קעשענעס זענען יאָ געלעגן עטלעכע קאַרטאָפל). דער מערדער האָט מיר געגלייבט אויפן וואָרט און פריי געלאָזט. דערנאָך האָט מיך אָפּגעשטעלט אַן אוקראַיִנישער פּאָליציאַנט און הגם ער האָט געזען ווי די קעשענעס שטאַרן אָפּ און אַז דאָרט זענען פאַראַן געגנבעטע קאַרטאָפל — האָט ער מיר באַפוילן צוריק גיין אין מיין באַראַק. נאָר ביים באַראַק האָט מיך אָפּגעשטעלט אַ יידישער פּאָליציאַנט און גענומען שלעפּן צום דייטשן וואַך־פונקט. די מענטשן אין באַראַק האָבן גענומען זיך בעטן ביים פּאָליציאַנט ער זאָל אָפּלאָזן, מיין טאַטע האָט געוויינט — און ס'איז געשען אַ נס, וואָס דער יידישער סאַדיסט האָט מיך ניט אויסגעליפערט די דייטשן.

✶

איצט זענען מיר אין אַ נייעם לאַגער — פּלאַשאָוו, הינטער קראָקע. עסן איז דאָ געווען גענוג, ניט ווייל די דייטשן האָבן געזאָרגט פאַר די פאַרשפּאַרטע יידן, נאָר אין דעם לאַגער זענען געווען אויך פּאָליאַקן, פּאָליטישע אַרעסטירטע און יידן פון קראָקע, וועלכע האָבן זיך זייער גוט באַצויגן צו די פריש געקומענע קרבנות און זיי געהאָלפן מיט אַלעמען. דער פּלאַשאָווער לאַגער איז געווען שטאַרק באַוואַכט, דער עיקר פון אוקראַיִנער, אויך דער רעזשים איז געווען אַ שטרענגער. פון דעסטוועגן איז דאָרט געווען אַן אונטערגרונט־באַוועגונג און מיר האָבן געוווּסט נייעס פון די פראָנטן, אַפילו געהערט וועגן דעם פּוילישן אויפשטאַנד אין וואַרשע. נאָכן אונטערדריקן דעם אויפשטאַנד, האָט מען געבראַכט קיין פּלאַשאָוו אַ סך גלחים און סתם פּאָליאַקן און זיי דערשאָסן.

גראָד אין דעם לאַגער, ווו ס'איז ניט געווען קיין מאַנגל אין עסן, איז מיין פאָטער שווער קראַנק געוואָרן. די פיס זענען אים געוואָרן געשוואָלן, דערנאָך — דאָס פּנים. איך האָב זיך שטאַרק דערשראָקן פאַר אים, ער איז תמיד געווען שטאַרקער און געזונטער פון מיר. איך פלעג אָפּט זיך צעוויינען. אָבער ניט ווען מיין פאָטער האָט געזען. איין מאָל האָט מיך אַזוי אַ וויינענדיקן באַמערקט אַ קראָקעווער ייד, וועלכער איז געווען פייערלעשער אין לאַגער. די פייערלעשער האָבן געהערט צו די פּריווילעגירטע. אויף זיין פראַגע פאַר וואָס איך וויין, האָב איך אים דערציילט מיין גאַנץ ביטער האַרץ — און ער האָט מיר צוגעזאָגט הילף. צו מאָרגנס איז מיין טאַטע אַריינגענומען געוואָרן אין לאַגער־שפּיטאָל און דער ייד האָט מיר אַלע מאָל געבראַכט אייער, בראָנפן און אַפילו רעצעפּטן אַראָפּ צו נידערן דאָס געשווילעכץ. עס איז אַלץ געטאָן געוואָרן, כדי אים צוריק שטעלן אויף די פיס — ביז עס איז געקומען אַ נייע עוואַקואַציע פון לאַגער. דאָס מאָל — קיין מאַטהאוזען, אין עסטרייך. איך בין געווען גליקלעך, וואָס דער טאַטע איז מיט מיר געפאָרן צוזאַמען. נאָר אָנקומענדיק קיין מאטהאוזען, האָט ער ניט געקענט אפילו זיך אויפזעצן.

וועגן גיין — איז דאָך געווען אָפּגערעדט. איך האָב אים געשלעפּט מיט די לעצטע כוחות די 5 קילאָמעטער פון דער באַן־סטאַציע ביזן לאַגער. דאָס האָט געזען אַ דייטשער אױפזעער און אָנגעשריִען אויף אַנדערע, הלמאי זיי העלפן מיר ניט טראָגן דעם קראַנקן. דער דייטש האָט אַפילו מיר אַריינגעשטופּט אַ שטיקל ברויט אין האַנט. איך האָב עס געגעבן דעם טאַטן, איז ער ניט געווען מסוגל אפילו דאָס אַראָפּצושלינגען.

ענדלעך זיך דערשלעפּט אין לאַגער. אויך דאָ די זעלבע פּראָצעדור פון סעלעקציע. די קראַנקע באַזונדער, די געזונטע באַזונדער. מיין פאָטער מאַכט דעם לעצטן אָנשטרענג זיך אויפצושטעלן, ער ציט אויס די רעכטע האַנט צו מיר — איך לאָז זיך לױפן צו אים. נאָר צוויי געזונטע הענט כאַפּן מיר אָן און שליידערן צוריק, צו די געזונטע. איך שריי פאַרצווייפלט „טאַטע! טאַטע!״ — איך רייס זיך צו אים, נאָר אומזיסט... אַזוי האָב איך מיין טאַטן געזען צום לעצטן מאָל — מיט דער אויסגע־צויגענער רעכטער האַנט, ווי ער וואָלט מיך געוואָלט גלעטן און צערטלען.

איך צעוויין זיך יאָמערלעך... געווען אַזוי שטאַרק צוגעבונדן צו מיין פאָטער, ער האָט מיך זייער ליב געהאַט. באַזאַמען אַדורכגעמאַכט אַזאַ שרעקלעך־לאַנגן וועג פון יסורים. איצט איז מיין דראַנג צום לעבן געוואָרן אָפּגעהאַקט, איך האָב אויסגעקוקט דעם טויט.

✶

ווידער אין באַראַק, 4 מאַן אויף איין נאַרע. צו מאָרגנס באַקומט יעדער אַ נומער. איך בין איצט נומער 84248. מאטהאוזען איז געווען אַ פאַרשיקונגס־לאַגער ווו עס האָבן זיך געפונען פראַנצויזן, אונגאַרער, רוסן, שפּאַניער, גריכן, דייטשן, פּאָליאַקן און יידן. פּאָליטישע פאַרברעכער, באַזאַמען מיט מערדער, גנבים, האָמאָסעקסואַליסטן. דאַקעגן די גאַז־קאַמערן האָבן געאַרבעט נאָר פאַר יידן. אַזוי ווי מען האָט אונדז געהאַלטן אָפּגעזונדערט, איז ניט געווען קיין ספק, אַז מיר זענען קאַנדידאַטן אין די קרעמאַטאָריעס.

דער לאַגער האָט זיך געפונען עטלעכע הונדערט קילאָמעטער פון ווין. דאָ האָט מען געבויט ריזיקע אונטערערדישע פאַבריקן, אין די בערג. פון אויבן — וואַלד. באָמבעס, וועלכע די אַמעריקאַנער און ענגלענדער האָבן ניט געזשאַלעוועט אין יענער צייט, האָבן דאָ ניט געקענט שאָדענען. אָבער אין לאַגער, אונטער דער ערד, זענען מענטשן געפאַלן ווי די פליגן פון הונגער, פּייניקונגען און קראַנקייטן. פון דער גאַנצער סמאָלענסקער גרופּע זענען מיר איצט פאַרבליבן פינף יוגנטלעכע — צוויי פון זשעטל, איינער פון דוואָרעץ, איינער פון נאָוואָ־יעלניע און איך — דער איינציקער רובי־זשעוויטשער. מיר האָבן זיך געהאַלטן צוזאַמען, ווי ברידער.

אַ געוויסן זונטיק בין איך מיט מיין חבר געלעגן אויף דער נאַרע און זיך אונטער־געזונגען אַ רוסיש לידל. דערהערט אונדזער געזאַנג- האָט דער קאַפּאָ אין אונדזער באַראַק, אַ קריגס־געפאַנגענער רוסישער מאַיאָר, אַן אויסוווּרף און סאַדיסט, פאַר וועמען אַלע האָבן געציטערט. ער רופט מיך צו צו זיך און הייבט אָן פאָרשן ווער איך בין, פון וואַנען איך קום און פאַרהערט מיך אַפילו צי איך קען שרייבן רוסיש. ער ווייסט, אַז אַלע יידן זענען בראָדיאַגעס, אָבער ניט קיין „רוסקי יעווּרעי״. ער וויל וויסן

ווי אַזוי קום איך אַהער אין אַ פּוילישן טראַנספּאָרט, ווייל רוסישע יידן האָט מען בכלל ניט געברענגט אין קיין לאַגערן. דער עיקר — ער באַפעלט אַלע אין באַראַק מיך ניט אָנרירן, אַפילו געבן עסן. אויפן צווייטן טאָג קומט ער צו מיר מיט אַ טענה, פאַר וואָס כ'האָב אים אָפּגענאַרט. ער האָט קאָנטראָלירט לויט מיין נומער, איך בין אַ פּוילישער ייד און ניט קיין „רוסקי יעווריי". איך דערקלער אים, אַז צוליב דעם וואָס ביי די דייטשן זענען אַלע רוסישע יידן אָנגעגאַנגען אַלס קאָמוניסטן און מ'האָט זיי דערפאַר דערהרגעט, האָב איך זיך אָנגעגעבן אַלס פּוילישער ייד... ער האָט מיר ניט געגלייבט און כ'האָב געזען, ווי ער הייבט אָן ווערן אין כעס און גרייט זיך מיר שלעכטס צו טאָן. האָב איך זיך אַוועק געשטעלט גלייך, אויסגעצויגן די האַנט ווי מען פלעגט עס טאָן אין „פּיאָנער" — די קינדער־אָרגאַניזאַציע אין סאָוויעט־רוסלאַנד און אָפּגעבן אַ פייערלעכע שבועה: „יאַ, יונני פּיאָנער סאָיוזאַ סאָוויעטסקיך סאָציאַליס־טיטשעסקיך רעספּובליק" („איך, דער יונגער פּיאָנער פון פאַרבאַנד פון די סאָוויעטישע סאָציאַליסטישע רעפּובליקן") אאז"וו. ער האָט מיר צוריק סאַלוטירט — און געגלויבט דער שבועה... מיך צוגעפירט צו נאָך צוויי רוסישע קריגס־געפאַנגענע, אַ קאַפּיטאַן און אַן אינזשעניער־עלעקטריקער. זיי האָבן זיך מיט מיר פאַרנומען, געגעבן עסן. עס האָט זיך דערנאָך אַרויסגעוויזן, אַז זיי אַלע האָבן געהערט צו דער אונטערגרונט־אָרגאַניזאַציע אין לאַגער. צוויי פון זיי האָט מען עפּנטלעך אויפגעהאָנגען, ווען די דייטשן האָבן זיי געכאַפּט ביי אַ קאָנספּיראַטיווער אַרבעט.

*

עס איז געוואָרן עטוואָס וואַרעמער. דער זיך דערנענטערנדיקער פרילינג האָט אויך אָנגעזאָגט אַן אַנדערן פרילינג — פון באַפרייונג. די אָנפליען פון דער אַמעריקאַנער אַוויאַציע זענען געוואָרן אַלץ אָפטער — און מיר האָבן אָנגעהויבן וואַרטן אויף דעם גליקלעכן טאָג. די רוצחים האָבן אָבער געהאַט זייערע פּלענער. מען טרייבט אונדז ווידער פון לאַגער — צום טייך דונאַי. מיר ווערן אויפגעלאָדן אויף באַרזשעס און נאָך עטלעכע טעג זיין אויפן וואַסער, זענען מיר אָנגעקומען קיין לינץ און פון דאָרט האָט מען אונדז צופוס געטריבן ביז עבענזעע — אַ לאַגער צווישן די הויכע אַלפּן־בערג. דאָרט האָט מען געזען נאָר הימל און באַרג, אָבער אויך געפילט דעם הונגער און טויט. עס ווערן פון אונדז אַלץ ווייניקער און ווייניקער. מיט עסן איז געווען ערגער ווי אין אַלע ביז איצטיקע לאַגערן. דאָס ביסל וואָס מ'האָט באַקומען, האָט מען געריסן פון די הענט. איך האָב אַפילו געזען, ווי איינער האָט געשניטן אַ שטיקל פלייש פון אַ טויטן קערפּער. דער מענטש איז פאַרוואַנדלט געוואָרן (בעצם — מ'האָט אים פאַרוואַנדלט) אין אַ חיה...

מיר פינף האָבן זיך געהאַלטן צוזאַמען, געשלאָפן אין איין ווינקל, קיינעמען ניט צוגעלאָזן צו זיך. האָט ווער געוואָלט צוכאַפּן אונדזער ביסן ברויט, האָבן מיר אַלע פינף געוווסט ווי אַזוי זיך פאַרטיידיקן. מען פלעגט גריזשען די קאָרע פון די ביימער. אויך מיר זענען געשוואָלן געוואָרן — פריער אונטער די אויגן, דערנאָך — די פיס. אַ גליק, וואָס מ'האָט אונדז ניט געטריבן צו דער אַרבעט. אין דער אמתן, זענען מיר געווען צו אַלץ און אַלעמען גלייכגילטיק.

מיט אַמאָל — אַמעריקאַנער טאַנקן באַווייזן זיך אין לאַגער. מיר זענען פרייע מענטשן, נאָר מ'איז צו שטאַרק דערשעפּט און צו פיל אָפּגעטעמפּט, מען זאָל דאָס דערשאַצן. די אַמעריקאַנער האָבן אַלץ געטאָן, כדי אונדז דערהאַלטן ביים לעבן, געגעבן גוט צו עסן, מעדיצינישע הילף אדג"ל. אָבער טויזנטער זענען געשטאָרבן שוין נאָך דער באַפרייונג.

ווען עס האָט זיך באַרויִקט אין לאַגער נאָך עטלעכע טעג, האָט דער אַמעריקאַנער קאָמענדאַנט אַלעמען צונויפגערופן און דערקלערט, אַז מיר זענען פריי. געהייסן זיך אויסשטעלן לויט דער נאַציאָנאַל'יטעט־אָנגעהעריקייט און זינגען זייער נאַציאָנאַלן הימן. די גרופּע אויסגעמאַטערטע יידן האָבן מיט טרערן אין די אויגן און גרויס געריִרטקייט אָנגעהויבן זינגען די „התקוה". דער קאָמענדאַנט, שטייענדיק אויפן טאַנק, האָט סאַלוטירט. מיר האָבן געזען, ווי טרערן שטייען אין זיינע אויגן, ווי אויך ער לעבט איבער די זעלבע געפילן וואָס מיר.

*


עטלעכע ווערטער וועגן זיך:

איך בין געבוירן געוואָרן אין יאָר 1926 אין רוביזשעוויטש. מיין פאָטער האָט געהייסן דוד, מיין מוטער — שאָשקע. מיינע שוועסטערס: יענטל, שרה, מערי־ליבע און איטינקע. זיי אַלע זענען אומגעקומען. ס'איז אויך אומגעקומען מיין מאַמעס אַ שוועסטער און ברידער מיט זייערע קינדער און מיין טאַטנס שוועסטער מיט די קינדער — אַרום 50 פּערזאָן פון איין משפּחה.

כבוד זייער אָנדענק!

איכרים עזרו לנו...

יצחק ברקוביץ' / פתח־תקוה


לייזר ברקוביץ' ז"ל

אבי, לייזר ברקוביץ, מצוייד היה ברשוין יציאה מן הגיטו ולעבודה בנפחיה שלו, שברחוב איבניץ. ערב קייצי אחד, הופיעו בנפחיה מספר איכרים בני הסביבה, והודיעו שלמחרת היום יחוסלו יהודי הגיטו וכי למטרה זו נחפר בור גדול. אבי ווערוול שמעונוביץ תיכננו לעזוב את רוביז'ביץ ולנדוד למחנה דבז'רץ, בו נמצאו ילדיהם. אבי ביקש מאמי החורגת, שתודיע לשמעונוביץ שיעזוב את המקום לפנות־בוקר. בשובה מהגיטו לנפחיה, לאחר שהודיעה לשמעונוביץ, נתפסה אמי החורגת ע"י שוטרים בילורוסיים, שהקיפו בינתיים את הגיטו, והללו רצחוה נפש. לאבי נודע במהרה על המקרה ויחד עם אחותי הקטנה, רייזלה הסתתר בנפחיה. בבוקר סגרו החיילים הגרמנים על מבואות הגיטו. בעלת האחוזה וויצ'כוביץ, הציעה לאבי שיתחמק ויעבור לאחוזתה. אבי נטל עמו את אחותי בת ה־7, ודרך חצרות הבתים וסימטאות צדדיות

חמקו וחצו את הנחל הסמוך לאחוזה, שם הסתתרו במשך שבוע ימים. בדרך מקרה נודע לאבי, שהמשטרה מתכוונת לערוך חיפוש באחוזה. אבי נאלץ ליטול שוב את מקל־הנדודים ופנה עם הילדה מכפר לכפר ומאיכר לאיכר, בבקשת מחסה.

עם תחילת החורף, כשהקור החל חודר לעצמות, חשה רייזעלע ברע. כל גופה התכסה בפצעים והיא קדחה מרוב חום. תושבת הכפר דובנרי, מורוז שמה, הסכימה לבקשת אבי להסתכן ולהעביר את הילדה למשפחתו אשר בסטולפצי. רייזעלע נשארה שם עד שחיסלוה יחד עם כל יהודי העיירה. אבי הסתתר בכפר זפולצי עד חודש אפריל 1943.

באותה עת נמצאתי במחנה דבורץ. במחנה זה היתה קבוצת צעירים בני רוביז׳ביץ׳ שהיו מצויידים בנשק. ביום חיסול הגיטו, הצטרפתי אליהם ויחד ניסינו לפרוץ את גדר התייל שהקיפה את המחנה. נתקלנו בגרמנים שפתחו עלינו באש חזקה והרגו כמעט את כולם. הצלחתי לחזור בזחילה לשטח הבתים ומרחוק הבחנתי בר׳ יעקב קושצביץ ובבתו ליובה, המתחמקים לאחד הבתים. רצתי אחריהם, אך כבר לא מצאתי אותם. עליתי לעליית הגג של הבית ומצאתי מקום מסתור מאחורי הארובה. עם רדת החשיכה הבחנתי בדלת מוסווית היטב, שהתרוממה לידי. קפצתי מבלי להסס פנימה ומצאתי את עצמי בבונקר שנבנה ע״י ר׳ ליוטה סגלוביץ. הבונקר היה מלא אנשים ונחתתי ממש על ראשיהם. למחרת בלילה פרצה במחנה שריפה והגרמנים הוזעקו לכבותה. אנו מצידנו ניצלנו עובדה זו עד תום. פרצנו את גדר התייל ונמלטנו על נפשנו, כל עוד רוחנו בנו.

כך הגעתי לסביבות רוביז׳ביץ׳ וכעבור מספר חודשים נודע לי כי אבי חי. ואכן, סמוך לחג הפסח, נפגשתי עמו. את השמחה וההתרגשות שאחזו בנו קשה לתאר. מכל בני המשפחה נותרנו רק שנינו ומאז ועד השחרור לא נפרדנו. זמן רב שהינו ביערות נאליבוק. לאחר השחרור, חזרנו לרוביז׳ביץ׳ ואבי שב לעבוד כנפח. באופן בלתי צפוי נתקבל מכתב מאחותי מילה מארץ־ישראל. שמחתנו לא ידעה גבול וההתרגשות הרבה הסעירה אותנו. לא יכולנו להאמין למראה עינינו, שעה שחזינו בבול הנושא עליו אותיות עבריות. מכתב זה הוא שנתן לי את הדחיפה לעלות לארץ.

עברתי ללודז׳ והצטרפתי לקיבוץ של „השומר הצעיר״, שם היכרתי את אשתי לעתיד, ויחד יצאנו לארץ־ישראל. בגרמניה הצטרף אלינו גם אבי. בשנת 1947 הגענו לחופי הארץ באניה המפורסמת „אקסודוס״ והוחזרנו לאירופה. בראשית 1948, לפני קום המדינה, הגענו שנית ארצה, כתיירים, והשתקענו בה. ב־1956 נודע לנו, באמצעות הסוכנות היהודית, שאחי מיכאל חי ונמצא בפולין. התקשרנו עמו ובשנת 1957 עלה אף הוא ארצה.

מיכאל גוייס לצבא־האדום עם פרוץ המלחמה בין גרמניה לרוסיה. מאוחר יותר, הועבר כאזרח פולני לצבא פולין שבשורותיו לחם עד תום המלחמה.

כאשר צפים ועולים בזכרוני המאורעות שחלפו ועברו עלינו והעזרה שהגישו לנו האיכרים תוך סיכון נפשותיהם, הרי שמעשיהם דומים בעיני לניצוצות־אור שהאירו את חשכת הגלות האיומה שאפפה אותנו. תודתי נתונה לכל אותם אנשים פשוטים וטובים, עבור העזרה שהגישו לנו.

טראַגישע דערינערונגען
פון די אָקופּאַציע־יאָרן

אליעזר גוריון / רמת־גן

א

עס איז געווען סוף זומער 1939, אַ פּאָר וואָכן פאַר ראש־השנה, ווען די נייעס פון דייטש־פוילישן קריג האָט אונדז דערגרייכט. אין שטעטל איז דערקלערט געוואָרן אויסנאַם־צושטאַנד, ס'איז פאַרבאָטן געוואָרן ביינאַכט אַרויסצוגיין אין די גאַסן. יעדער איינוווינער האָט געמוזט ביי זיך אויפן הויף אויסגראָבן אַ סכראָן (מקלט) און אים פאַרמאַסקירן מיט צווייגן.

אַרבעטער פון אַנדערע שטעט זענען געברענגט געוואָרן. זיי האָבן מינירט אַלע בריקן און וועגן, וועלכע האָבן געפירט פון דער רוסישער גרענעץ.

ראש־השנה 1939, איז געווען ניט קיין פריילעכער. ווער ווייסט וואָס דאָס נייע יאָר וועט ברענגען ? !...

מוצאי ראש־השנה האָב איך זיך פרי געלייגט שלאָפן, אַ פאַרדאגהטער און נידער־געשלאָגענער. אין מיטן נאַכט האָב איך געפילט ווי עמעצער וועקט מיך :

— שטיי אויף, די דייטשן זענען דאָ, זיי האָבן פאַרכאַפּט די קאַזאַרמעס.

געוועקט האָט מיך יוסף בעלקין, וועלכער האָט זיך דורכגעגנבעט דורך די גערטנער און געקומען צו מיר.

אין דרויסן האָט זיך געהערט אַ שטאַרקע שיסעריי. איך בין צוזאַמען מיט מיין ווייב און די קינדער אַנטלאָפן אין קעלער.

פאַרטאָג בין איך אַרויס פון קעלער — און גענומען לויפן אין סכראָן.

— ווו לויפסטו ? — פרעגן מיך די קריסטלעכע שכנים. — די רוסן זענען דאָ !

איך האָב זיי ניט געגלויבט, ביז איך האָב אין גאַס דערזען רוסישע פּאַטרולן. אַ שטיין איז מיר אַראָפּ פון האַרצן.

די באַציִונג פון די רוסישע זעלנער איז געווען אַן אָנשטענדיקע. וואָס זיי האָבן געקויפט — האָבן זיי באַצאָלט.

די קרעמער האָבן געקריגן אַ באַפעל אויסצופאַרקויפן זייערע סחורות און ליקווידירן זייערע קלייטן. עס זענען געעפנט געוואָרן רעגירונגס־געשעפטן.

די סאָוויעטישע מאַכט האָט אַרויפגעלייגט אויף דער באַפעלקערונג שטייערן — אין פּראָדוקטן ; אויף די געוועזענע סוחרים און קרעמער — אַ קאָנטריבוציע אין געלט. די וועלכע האָבן ניט באַצאָלט די קאָנטריבוציע, האָט מען פאַרשיקט קיין סיביר. פון רוביזשעוויטש זענען פאַרשיקט געוואָרן : לעוויטאַס, גינצבורג פון „גילאָוועקע", וועלכער איז אָנערקענט געוואָרן אַלס „קולאַק". די אַרבעטער אין שטעטל זענען אָרגאַניזירט געוואָרן אין אַרטעלן.

דעם פוילישן פאָלקס־קלוב האָט מען איבערגעאַנדערשט אויף אַן אַרבעטער־קלוב. די שול איז געווען אָפן. ווער עס האָט געוואָלט, איז געגאַנגען דאַווענען. יידישע יום־טובים האָט מען ניט געשטערט צו פייערן. נאָר מיט פרנסה איז געווען שווער.

קיינעם איז ניט געקומען אויפן געדאַנק, אַז די רוסן וועלן די שטאָט פאַרלאָזן.

דאָס שטעטל איז געווען פול מיט יידישע פליטים פון פוילן, וועלכע זענען אַנטלאָפן פון די דייטשן. די סאָוויעטישע מאַכט האָט פאַרטיילט צווישן זיי אַנקעטע־בויגנס, וועלכע זיי האָבן געדאַרפט אויספילן, ווו אַהין זיי ווילן פאָרן: קיין רוסלאַנד, אָדער צוריק אין אָקופּירטן פוילן.

פסח האָט מען צונויפגעזאַמלט די יעניקע, וועלכע האָבן זיך געוואָלט צוריק קערן קיין פוילן. צו זיי האָט מען אויך צוגעגעבן „קולאַקעס", קריסטן פון דער סביבה, אַרויפגעזעצט זיי אויף פורן און אַלעמען אָפּגעשיקט קיין סטאָלפּצי צו דער באַן, און פון דאָרט — קיין סיביר.

פאַר וואָס מען האָט זיי געפירט קיין סטאָלפּצי צו דער באַן, בעת ניגערעלאָיע און קוידאַנאָוו זענען געווען פיל נענטער — דאָס ווייסט קיינער ניט. אויך איז פאַר אונדז ניט פאַרשטענדלעך, הלמאי די אַלטע פּויליש־רוסישע גרענעץ איז געבליבן פאַרשלאָסן, אין משך פון דער גאַנצער צייט, וואָס די רוסן זענען געווען ביי אונדז. מיר האָבן זיך פריי געקענט באַוועגן קיין סטויפּעץ און באַראַנאָוויטש. עס איז אָבער ניט געווען קיין מעגלעכקייט דורכצוגיין די אַלטע פּוילישע גרענעץ. אמת, די גרענעץ־סלופּן האָבן די רוסן אַרויסגעריסן, אָבער רוסיש מיליטער האָט ווייטער געהיטן די גרענעץ. (אפילו נאָכן אויסברוך פון דייטש־רוסישן קריג, איז נאָך עטלעכע טעג די גרענעץ געבליבן געשלאָסן. די אָפּטרעטנדע אַרמיי האָט געמוזט גיין ביז ראַקאָוו און ערשט דאָרט אַריבער די גרענעץ).

ב

דעם 22טן יוני 1941, צוועלף אַ זייגער בייטאָג, האָט ראַדיאָ מאָסקווע געמאָלדן, אַז 4 אַ זייגער פאַרטאָג, האָבן די דייטשן באָמבאַרדירט קיעוו און ס'איז אויסגעבראָכן די מלחמה צווישן דייטשלאַנד און רוסלאַנד.

די רוסן האָבן גענומען אָפּטרעטן, אָבער די באַפעלקערונג האָט ניט געוואָלט גלויבן. צוויי וואָכן, טאָג און נאַכט, איז דורך רוביזשעוויטש, אין דער ריכטונג צו מינסק, אָפּגעטרעטן דאָס רוסישע מיליטער מיט איר אַרטילעריע און טאַנקען. אַלע וועגן זענען שוין געווען פאַרכאַפּט פון די דייטשן, נאָר דער וועג דורך רוביזשעוויטש איז געווען פריי.

די נעכט זענען געוואָרן מוראדיקע. אַרום און אַרום האָבן געברענט שטעט און דערפער, דער הימל איז געווען רויט פון די שריפות. עס האָבן זיך געהערט שיסערייען און אויפרייסן. מיר האָבן געוווסט, אַז עפּעס שרעקלעכס דערנענטערט זיך צו אונדז. אָבער עס איז ניט געווען ווו צו לויפן און ווו זיך צו באַהאַלטן.

דעם 30טן יוני 1941, צוויי אַ זייגער בייטאָג, האָבן זיך אין שטעטל באַוויזן די דייטשן. צו ערשט זענען געקומען 4 מאָטאָציקליסטן. דערנאָך, האָט אויף דער איוועניצער גאַס, באַוויזן זיך דייטשיש מיליטער. די קריסטלעכע איינוווינער האָבן זיי באַגעגנט מיט בלומען, אין די פענצטער האָבן זיי אַרויסגעשטעלט דעם קרוציפיקס...

די יידן זענען דערשראָקענע געזעסן אין די הייזער, מורא געהאַט צו באַווייזן זיך אין גאַס.

דער טויט איז אַרומגעגאַנגען אין די גאַסן...

איבער נאַכט איז דאָס שטעטל פול געוואָרן מיט דייטשיש מיליטער.

צו מאָרגנס, מיר זיצן אין שטוב, עפנט זיך די טיר, און עס קומט אַריין אַ דייטשער סאָלדאַט. ער פרעגט:

— יודע אָדער פּאָליאַק?

איך בין געווען ווי געליימט פון שרעק, ניט געקענט אַרויסריידן קיין וואָרט. צום גליק, איז ביי מיר געזעסן אַ קריסטלעכער שכן, סטעפאַן קוזמיטש. ניט לאַנג טראַכטנדיק, רופט ער זיך אָפּ מיט אַ דרייסטער שטים:

— פּאָליאַק.

דער דייטש האָט אים געפרעגט:

— און ווו זענען יידן?

— ווייטער, — האָט אים דער שכן געענטפערט, און מיט דער האַנט אָנגעוויזן אין דער ריכטונג פון קלויסטער.

נאָך עטלעכע טעג, ווען דאָס מיליטער איז אַדורך, איז די מאַכט איבערגעגעבן געוואָרן אין די הענט פון דער אָרטיקער פּאָליציי. איר קאָמענדאַנט איז געוואָרן אַ געוויסער זשיכער, פונעם דאָרף זאַסוליע. אַלס פּאָליציאַנטן זענען באַשטימט געוואָרן קריסטן פון רוביזשעוויטש און אומגעגנט. דער פּאָליציי־אַמט האָט זיך געפונען אין הויז פון מאיר אַשעראָוויטש.

איצט האָבן זיך אָנגעהויבן די צרות. די פּאָליציי האָט גערויבט, געשלאָגן און באַליידיקט יידן. די דייטשן האָט מען כמעט ניט געזען. די דאָזיקע „שיינע" אַרבעט האָט אויסגעפירט די אָרטיקע פּאָליציי.

עס איז אַרויס אַ באַפעל, אַז די יידן דאַרפן אָנטאָן אָרעם־בענדער מיט אַ מגן דוד.

ג

אַ געוויסן זונטיק, האָבן זיי צונויפגעטריבן אַלע יידישע מענער און באַפוילן צו מאַרשירן איבער די גאַסן און זינגען דעם „אינטערנאַציאָנאַל". די קריסטן זענען געשטאַנען אויסגעפוצט אין זייערע זונטיקדיקע קליידער, געשעפּט נחת פון דער „פּאַר־שטעלונג" — אָבער ביי אונדז האָט אַלץ געברענט פון פּאַרדרוס און שאַנדע.

איין מאָל זענען אָנגעקומען פון קודאַנאָוו אַ סך אויטאָס מיט דייטשע סאָלדאַטן. זיי האָבן זיך אָפּגעשטעלט אויף דער סטויפּצער גאַס, ביי דער פּוילישער פּאָלקס־שול און באַפוילן, אַז די יידן מוזן פּאַר זיי תיכף צושטעלן פלייש, אייער, צוקער און אַנדערע פּראָדוקטן.

שפּעטער, איז אין זעלבן טאָג אָנגעקומען אַ צווייטער באַפעל, אַז מאָרגן פרי, דאַרפן אַלע אָן אויסנאַם, יידן, אַפילו אַלטע און קינדער, זיך צושטעלן ביי דער פּאָלקס־שול. מיר זענען געווען זיכער, אַז מאָרגן איז אונדזער לעצטער טאָג.

ווען מיר האָבן זיך צונויפגעקליבן ביי דער שול, האָט מען אויסגעשטעלט די מענער באַזונדער, פרויען באַזונדער און קינדער באַזונדער און פּאָרגעלייענט אַ וואָרענונג, אַז פּאַר יעדן געהרגעטן דייטש, וועלן זיי אויסשיסן 100 יידן. דערנאָך האָבן זיי געפרעגט, צי עס זענען דאָ צווישן אונדז קאָמוניסטן. פּאַרשטייט זיך, אַז מיר האָבן געשוויגן. דער פּאָליציי־קאָמענדאַנט זשיכער האָט געענטפערט דעם דייטשן אָפיציר, אַז דאָ, אין

שטעטל, זענען ניטאָ קיין קאָמוניסטן. דערנאָך האָט מען די מענער און פרויען צעטיילט אין אַרבעט־בריגאַדעס — און מיר האָבן זיך צוריקגעקערט אין אונדזערע היימען.

אַזוי זענען ווידער אַדורך עטלעכע וואָכן — און אַ נייער באַפעל: אַלע יידן דאַרפן אָפּגעבן די ווערטפולע זאַכן, וועלכע זיי האָבן, ווי צירונג, גאָלד, זילבער, קופּער און פעלצן. מען דאַרף עס צושטעלן אין איוועניץ. די וועלכע וועלן ניט אויספילן דעם באַפעל און מען וועט ביי זיי געפינען ווערטפולע זאַכן — וועלן ווערן דערשאָסן. צענדליקער פורן מיט יידיש האָב־און־גוטס, האָבן זיך געלאָזן פון רוביזשעוויטש קיין איוועניץ.

צווישן די יידן, וועלכע האָבן געברענגט זייער פאַרמעגן, איז אויך געווען דער קורצזיכטיקער יצחק גוריון. די דייטשן האָבן קאַלטבלוטיק אַראָפּגענומען זיינע ברילן, זיי צעטראָטן, און אַלס צוגאָב אים גוט צעשלאָגן. דער ייד האָט געוויינט. אָן די ברילן איז ער געווען הילפלאָז. ניט געקענט זען וואָס עס טוט זיך אַ פּאָר טריט פון אים. נייע ברילן האָט ער אַלס ייד ניט געקענט באַקומען.

ווידער זענען אַוועק עטלעכע וואָכן — און עס איז געקומען אַ באַפעל, אַז יידן דאַרפן גיין אין געטאָ.

דאָס געטאָ האָט זיך אָנגעהויבן ביי ישעיהו שפּיראָס הויז אויף דער ראַקאָווער גאַס, אַרומגענומען דעם גאַנצן מאַרק־פּלאַץ, דאָס שול־געסל און אַ טייל פון דער קוידאַנאָווער גאַס. די עטלעכע קריסטן וועלכע האָבן געוווינט אין דעם אויסגעטיילטן געטאָ־ראַיאָן, האָבן די דייטשן איבערגעפירט אין יידישע הייזער, וועלכע האָבן זיך געפונען אויסער דעם געטאָ.

ד

חנוכה 1941, האָט מען אונדז איבערגעפירט אין געטאָ. מען האָט אַהין צונויפגעבראַכט אויך די יידן פון קאַמין, וואָלמע, נאַליבאָק, דערעוונע, כאָטעווע און גראַן. די ענגשאַפט איז געווען גרויס. מען האָט אין יעדן הויז אָנגעפּאַקט אַ 5—6 משפחות. פאַר יעדער ייד — איין קוואַדראַט מעטער.

אויפן דריטן טאָג פון אונדזער זיין אין געטאָ, איז אויסגעבראָכן אַ שריפה. ס'זענען אָפּגעברענט געוואָרן עטלעכע הייזער. די ענגשאַפט איז געוואָרן נאָך גרעסער. די יידישע הייזער, וועלכע זענען געווען אויסערן געטאָ, האָט די פּאָליציי פאַרחתמעט אוז דאָס מעבל און שטוב־זאַכן קאָנפיסקירט.

פאַרן איבערגיין אין געטאָ, האָט דער קאָמענדאַנט זשיכער דערלויבט די יידן אין משך פון איין טאָג אַרויסצונעמען פון די קעלערן די קאַרטאָפל און אויך האָלץ — און עס איבערפירן אין געטאָ. מיט עסן איז געווען שווער, איבערהויפּט פאַר יענע יידן וועלכע מען האָט אַהער געבראַכט פון אַנדערע ערטער.

די יעניקע וועלכע האָבן געהאַט ביי די קריסטן באַהאַלטן ווערטפולע זאַכן (און די קריסטן האָבן עס ניט פאַרלייקנט), האָבן זיי אויסגעשטוישט אויף עסן און זיך געטיילט מיט יענע, וועלכע האָבן ניט געהאַט.

פאַר קריסטן איז דער אַריינגאַנג אין געטאָ געווען פאַרבאָטן. ווען די פּאָליציי פלעגט כאַפּן אַ קריסט אין געטאָ, וועלכער איז געקומען פאַרקויפן עסנוואַרג, פלעגן זיי אים

אָנטאָן אויפֿן ברוסט אַ געלע לאַטע און אים פֿירן איבער די גאַסן, כדי דערמיט אָפּצושרעקן אַנדערע קריסטן פֿון פֿאַרקויפֿן עפּעס צו ייִדן.

נאָכן פֿאַרשפּאַרן די ייִדן אין געטאָ, האָט די פּאָליציי באַפֿוילן אויסצווויילן אַ יודענראַט. אין ראַט זענען אַריין: אליהו (לאַטע) אייזנבוד, יצחק גוריון (איטשע פֿריידע־יענטעס), וועלוול שימאַנאָוויטש און סאָלאָמיטש.

יעדן טאָג האָט מען די ייִדן געטריבן צו אַרבעט. אויב עס איז ניט געווען וואָס צו טאָן, פֿלעגט מען באַפֿעלן אויפֿצורייסן די שטיינער פֿון ברוק — און זיי צוריק אויסלייגן.

די קינדער האָבן ניט געלערנט. עס איז ניט געווען ווו צו לערנען און דער קאָפּ איז ניט געווען דערצו. דער פֿעלדשער זאַגאָוואָלסקי פֿלעגט זיך פֿון צייט צו צייט אַריינגנבענען אין געטאָ, באַזוכן קראַנקע קינדער — אָבער קיין רפֿואות איז ניט געווען ווו צו קריגן.

אין מיטן ווינטער איז אָנגעקומען אַ באַפֿעל צוצושטעלן 100 יונגע מענטשן אין אַרבעטס־לאַגער אין דוואָרעץ. פֿרייוויליק האָט קיינער ניט געוואָלט גיין, האָבן די דייטשן מיט כּוח געשלעפּט פֿון די הייזער יונגע מענער, זיי געפּאַקט אויף פֿירן. עטלעכע טעג פֿאַר פּסח, איז אַ טייל פֿון זיי געלונגען צו אַנטלויפֿן פֿון דוואָרעץ און זיך צוריק קערן אין רובּיזשעוויטשער געטאָ. די אַנדערע זענען פֿאַרבליבן אין דוואָרעץ ביזן ביטערן סוף.

ה

דאָס לעבן אין געטאָ איז געוואָרן אַלץ שווערער. יעדער וואָך פֿלעגן קומען צו פֿאָרן פֿון איוועניץ געסטאַפּאָוצעס און פֿאָדערן פֿון יודענראַט פֿעלצן, לעדער, צירונג א. א. וו.

אויך דער קאָמענדאַנט זשיכער פֿלעגט פֿון צייט צו צייט דערציילן, אַז דאָס געטאָ שטייט פֿאַר אַן אַקציע, און כדי זי אָפּצושטויסן — דאַרף ער געלט...

אויסקויפֿן זיך איז געוואָרן אַלץ שווערער. אייניקע קריסטן, ביי וועמען די ייִדן האָבן באַהאַלטן ווערטפֿולע זאַכן, האָבן דאָס אָפּגעלייקנט. ביי אַנדערע האָבן זיך גענומען אויסשעפּן די געלט־רעזערוון און זאַכן. עס איז דעריבער געוואָרן שווער צו קריגן עסן און צושטעלן די דייטשן די געפֿאָדערטע קאָנטריבוציעס.

פֿון פּאַרטיזאַנער האָבן מיר דעמאָלט נאָך ניט געהערט, אַנטלויפֿן איז ניט געווען ווו אַהין. זענען מיר פֿאַריאושטע געזעסן אין געטאָ און געוואַרט אויפֿן טויט...

אין יענער צייט איז אין קוידאַנאָוו פֿאָרגעקומען די שחיטה. עטלעכע מענער און פֿרויען איז געלונגען פֿון דאָרט זיך צו ראַטעווען, זענען זיי געקומען אין אונדזער געטאָ. בייטאָג פֿלעגן זיי זיך אויסבאַהאַלטן אין באָד, און ביינאַכט — אַריינגנבענען אין די הייזער, כדי זיך אַ ביסל אָנצוּוואַרעמען און אָפּעסן. מיר האָבן געוווסט, אַז אויך אונדז דערוואַרט דער זעלבער סוף. אָבער מיר האָבן באַוווסטזיניק געפּרוּווט אָפּשטויסן די שוואַרצע מחשבות, טרייסטן זיך, אַז ביי אונדז וועט דאָס ניט געשען...

ס׳איז אָנגעקומען דער ערשטער פּסח אונטער די דייטשן. יעדער האָט געבאַקן מצה פֿאַר זיך. אַנשטאָט וויין, האָט מען געטרונקען פֿאַרזיסט וואַסער.

דער סדר איז געווען זייער אַ טרויעריקער. מיר האָבן געזאָגט „מועדים לשמחה״,

„זמן חרותנו" — און טרערן האָבן געשטיקט. ווען וועלן מיר באַפרייט ווערן פון אונדזער שקלאַפעריי און צרות?

צום צווייטן סדר זענען אָנגעפאָרן געסטאַפּאָווצעס מיט גומענע שטעקנס. מען האָט צעשלאָגן דעם יודענראַט, צוגערויבט וואָס ס'איז נאָר געווען צום רויבן. ביז אין דער פרי האָבן זיי געזויפט און געהוליעט.

אַ חודש נאָך פסח זענען ווידער אָנגעפאָרן געסטאַפּאָווצעס און געפאָדערט, אַז 300 יידן זאָלן זיך צושטעלן. מען האָט זיי אַוועקגעפירט קיין איוועניעץ. איך און מיין ברודער משהל מיט אונדזערע פאַמיליעס זענען געווען צווישן זיי.

פאַרן פאַרלאָזן דאָס געטאָ, האָבן מיר זיך נאָך געמוזט צוקוקן צום „ספּעקטאַקל", ווי אַ וואָלמער קריסט האָט ביז בלוט געשלאָגן ר' אליהו אייזנבוד, ביים געלעכטער פון די דייטשן, פאָליאַקן און פּאָליציי.

אין איוועניעץ האָט מען אונדז געבראַכט אין געטאָ, אויפן שולהויף גאַס — און אָפּגעלאָזן. יעדער האָט געדאַרפט זאָרגן פאַר זיך צו קריגן אַ פּלאַץ צום שלאָפן און פּראָדוקטן צום עסן.

אַזוי זענען אַדורך דריי וואָכן. יעדן טאָג פלעגט מען אונדז פירן גראָבן בונקערס פאַר די דייטשן, צום שיצן זיך פון די פּאַרטיזאַנער, וועלכע זענען געווען טעטיק אין ראַיאָן.

שבועות האָט מען געבראַכט אין די קאָשאַרן דעם צווייטן טראַנספּאָרט פון רובי־זשעוויטשער געטאָ. גלייכצייטיק האָט דער יודענראַט געקריגן אַ באַפעל צוצושטעלן 600 יידן. איך און משה האָבן זיך באַהאַלטן. אונדזערע פרויען און קינדער האָבן זיך צוגעשטעלט אויפן זאַמל־פּלאַץ.

ליגנדיק באַהאַלטן, האָבן מיר געהערט ווי אונדזערע קינדער, וועלכע האָבן זיך צוריק געקערט פון זאַמל־פּלאַץ, גייען אַרום איבער דער שטוב און וויינען:

— וואָס וועלן מיר איצט טאָן אָן אַ טאַטן און אָן אַ מאַמען?

ווען זיי האָבן אונדז דערזען, איז קיין גרענעץ ניט געווען צו זייער שמחה. מיט טרערן זענען זיי צו אונדז צוגעפאַלן און גערעדט און איבערגעחזרט:

— ווי גוט איז אונדז, וואָס מיר האָבן אַ טאַטן.

די נאַכט איז געווען אַ רויִקע, אָבער מיר האָבן ניט געקענט שלאָפן. וואָס איז מיט אונדזערע פרויען? ווי העלפט מען זיי? און וואָס וועט זיין מאָרגן מיט אונדזערע קינדער און מיט אונדז?

צו מאָרגנס פרי האָבן די דייטשן ווידער גענומען אַרומלויפן איבער די הייזער, זוכן די באַהאַלטענע יידן. זיי האָבן געפונען מיין ברודער משה מיט הערצל דאַני־שעווסקי — און זיי צוגענומען. ווען עס איז רויִקער געוואָרן, בין איך אַרויס פון מיין באַהעלטעניש. שמואל אָקון האָט מיך אַריינגענומען צו זיך אין בונקער, וועלכער איז געווען אויסגעגראָבן אונטער דער פּאָדלאָגע.

ו

צו מאָרגנס, ווען די דייטשן זענען אַוועק, בין איך אַרויס אין גאַס. צענדליקער טויטע יידן זענען געלעגן אין זייער פאַרגליווערט בלוט. דאָס איז געווען די שטראָף פאַר באַהאַלטן זיך.

דער יודענראַט האָט געקריגן אַ באַפעל איבערצופירן די קינדער פון די קאַשאַרן אין געטאָ אַריין. איך בין אַוועק מיטן יודענראַט צו די קאַשאַרן.

ווען מיר האָבן זיך דערנענטערט, האָבן מיר געהערט אַ געוויין פון קינדער. איין וואַנט פון די קאַשאַרן איז געווען באַפלעקט מיט בלוט און מאַרך (שפּעטער האָבן מיר זיך דערוווּסט, אַז דאָס איז בלוט און מוח פון רוביזשעוויטשער עופּהלעך, וועלכע די דייטשן האָבן געוואָרפן אין וואַנט און אַזוי זיי געהרגעט).

דאָס בילד וואָס מיר האָבן געזען אין די קאַשאַרן, איז שווער צו פאַרגעסן. דאָס צימער איז געווען פול מיט קליינע, וויינענדיקע קינדער. אָט זיצט אויף דער פּאָדלאָגע אַ צוויי־יעריק מיידעלע און וויגט אויף אירע קניעלעך אַ פאַרנעצט און שוואַך עופּהלע, ביידע וויינען פון הונגער און עלנטקייט.

אָט זיצט אַ 7—8 יעריק ייִנגל און צו אים זענען צגעטוליעט זיינע צוויי קליינע שוועסטערלעך — און אַלע דריי וויינען. קינדער האָבן זיך געטוליעט איינער צום צווייטן, געזוכט און זיך געגעבן וואַרעמקייט, ווילנדיק פאַרגעסן זייער עלנטקייט, זוכנדיק מוט און האָפענונג איינער ביים צווייטן.

די מערהייט קינדער זענען געווען אָנגעטאָן אין זייערע שבתדיקע בגדים. דאָס לעצטע ביסל ליבע און אויפמערקזאַמקייט, וועלכע די עלטערן האָבן געקאָנט געבן צו זיי, איידער מען האָט זיך צעשיידט. ביי אַ טייל קינדער זענען געווען אָנגעניייט אויפן האַרצן זייערע נעמען. איך האָב דאָרט דערקענט כמעט אַלע רוביזשעוויטשער קינדער.

ווען מיר זענען אַהין אַריין און די קינדער האָבן דערזען ניט זייערע, נאָר פרעמדע טאַטעס — איז זייער געוויין שטאַרקער געוואָרן.

מיר האָבן זיי געפּרוּווט איינשטילן, אַז זיי זאָלן מיט אונדז גיין אין געטאָ. מיר האָבן זיי געזאָגט, אַז אין געטאָ איז דאָ צו עסן און צו טרינקען, נאָר די לעבעדיקע יתומים האָבן ניט געוואָלט הערן. זייער געוויין האָט זיך געשטאַרקט.

— טאַטע, מאַמע, — האָבן זיי געוויינט.

מיר האָבן געפּרוּווט זיי איינשטילן:

— קינדער, וויינט ניט. די דייטשן וועלן נאָך דערהערן אייער געוויין און קומען אַהער.

אָבער די קינדער ווילן אונדז ניט הערן. די באַוווּסטע קינדער האָבן רעוואָלטירט און געשריגן:

— טאַטע, מאַמע...

אַ לענגערע צייט האָבן מיר געפּרוּווט זיי איבערצורעדן זיי זאָלן גיין מיט אונדז, אָבער זיי האָבן געהאַלטן אין איין שרייען און פאָדערן זייערע עלטערן.

צום סוף האָבן מיר גערופן אין אַ זייט די עלטערע קינדער און געפּרוּווט דורך זיי משפּיע צו זיין:

— איר זעט דאָך שוין גרויסע מענטשן און דאַרפט פאַרשטיין, אַז די קליינע קינדער וועלן דאָ אומקומען פון הונגער און דורשט. ווער וועט דאָ אויף זיי אַכטונג געבן און אַרומרייניקן?

זיי האָבן זיך געלאָזט איבעררעדן און איינגעשטילט די קליינע קינדער. אַזוי האַנט ביי האַנט, האָט זיך געצויגן אַ שורה פון עטלעכע הונדערט קינדער — פון די קאַשאַרן אין

געטאָ. די גרעסערע האָבן געטראָגן די פּיצלעך אויף די הענט. זייערע פּנימער — נאַס פון געוויין און פאַרשטיינערט פון צער. זייערע אייגעלעך האָבן געקוקט אויף גאָטס וועלט, ניט געקענט פאַרשטיין וואָס דאָ קומט פאָר.

...און אויף די גאַסן זענען געשטאַנען קריסטן, נעכטיקע גוטע שכנים, געקוקט אויף די מאַרשירנדיקע פאַריתומטע קינדער און געשוויגן. קיין האַנט האָט זיך ניט אויסגע־שטרעקט מיט אַ שטיקל ברויט, אָדער אַ ביסל מילך פאַר די יידישע קינדער...

אין געטאָ האָבן די פרויען אַרומגעוואַשן די קינדער, זיי צעטיילט אין די הייזער, אָנגעקאָרמעט מיטן ביסל עסן וואָס זיי האָבן געהאַט. קיין מילך איז ניט געווען, האָבן די עופהלעך געטרונקען פאַרזיסטע וואַסער.

ז

איך האָב זיך אַרויסגעגנבעט פון געטאָ און אַוועק צו מיין קוזין חיים־איסר בעלקין, וועלכער האָט געאַרבעט אַלס ציין־דאָקטאָר ביי די דייטשן און געלעבט אויסערן געטאָ. איך האָב אים דערציילט וועגן די קינדער און געפרעגט אַן עצה, ווי אַזוי זיי איבערצופירן צו זייערע עלטערן. אָבער קיין עצה צו דעם איז ניט געווען.

ביי אים האָב איך געטראָפן דעם פעטער אברהם מיט זיין זון שמואל, וועלכן די דייטשן האָבן אַרויסגעלאָזן פון רוביזשעוויטשער געטאָ (נאָך דריי זין זענען געבליבן אין געטאָ און אומגעקומען אין רוביזשעוויטש).

אַ פּאָר וואָכן נאָך שבועות, האָט מען צונויפגעקליבן אַלע יידן ביז 50 יאָר, זיי אַוועק געפירט אין די קאָשאַרן, כדי פון דאָרט אַוועקגעשיקט צו ווערן קיין נאָוואָגרודעק.

מיין 8־יאָריקער זון, שמואל, האָט זיך אַרויסגעגנבעט פון געטאָ, מיך דעריאָגט און געגאַנגען מיט מיר קיין נאָוואָגרודעק. אָבער מיין 6־יעריק טעכטערל, ברײנע, איז פאַרבליבן אין געטאָ. ביז היינט קלינגט מיר אין די אויערן איר געוויין און בעטן זיך, איך זאָל זי ניט איבערלאָזן אַליין אין געטאָ. איך זע איר ווי לעבעדיק, ווי זי שטייט ביים טויער פון געטאָ, האַנט ביי האַנט מיט משהס מיידעלע, מאַשע, טרערן גיסן זיך פון זייערע אייגעלעך, זיי שטרעקן אויס זייערע דאַרע הענטעלעך צו מיר איך זאָל זיי מיטנעמען, ניט איבערלאָזן אין קאַלטן, פינצטערן געטאָ...

דאָס איז געווען דאָס לעצטע מאָל וואָס איך האָב זי געזען...

אַ קורצע צייט נאָכן אָנקומען קיין נאָוואָגרודעק, האָב איך מיט נאָך צוויי איוועניע־צער יידן געדונגען אַ קריסט, און אים געשיקט מיט אַ פור ברענגען אונדזערע קינדער. אָבער ער איז אָנגעקומען צו שפּעט, עטלעכע טעג נאָך דער שחיטה (כ״ג סיוון 1942).

אָנקומענדיק אין די איוועניעצער קאָשאַרן, האָבן מיר שוין דאָרט געטראָפן אויך דעם לעצטן טראַנספּאָרט פון רוביזשעוויטשער געטאָ.

די געסטאַפּאָווצעס — אויסגעפּאַשעטע אין זייערע „גאַליפע״־הויזן און גלאַנציקע שטיוועלעך, זענען געשטאַנען מיט די גומענע שטעקנס אין די הענט און באַטראַכט די „סחורה״, וועלכע מען האָט זיי אַריינגעשיקט: מידע, צעשראָקענע באַשעפענישן, וועלכע האָבן געוואַגט צו רופן זיך „מענטשן״. מיר האָבן געוווּסט: באַלד וועלן זיי גיין אַ היים, אַרומוואַשן זיך, עסן צו דער זעט, שלאָפן אין אַ בעט מיט ריינע ליילעכער...

ביינאַכט האָט מען אונדז ווי די בהמות פאַרשפּאַרט אין קאָשאַרן. גאַנץ פרי האָט

מען אונדז געטריבן צופוס קיין נאַליבאָק. מיין 8־יעריקער שמואליק איז מיטגעגאַנגען, ווי אַ דערוואַקסענער מענטש.

אין נאַליבאָק האָט מען אונדז פאַרשפאַרט אין אַ שטאַל. ווייסרוסישע פּאָליציי זענען אונדז באַפאַלן, צעשלאָגן און צוגענומען די בעסערע קליידער און שיך. פון נאַליבאָק זענען מיר אַוועק קיין ליובאַטש, און פון דאָרטן מיט דער קליין־באַן קיין נאָוואָגרודעק. אין די וואַגאָנען איז געווען דערשטיקט צו ווערן. שמואליק איז געבליבן לעבן אַ דאַנק דעם, וואָס מיר האָבן אים געהאַלטן הויך איבער אונדזערע קעפּ.

ח

אין נאָוואָגרודעק האָבן מיר זיך דערוווּסט וועגן דער רוביזשעוויטשער שחיטה. כ״ג סיוון 1942, האָבן די דייטשן אַרומגערינגלט דאָס געטאָ. מען האָט די יידן צונויפגע־קליבן אויפן מאַרק, און פון דאָרט אַוועק געפירט אין סימקעוויטשער וואַלד, וווּ עס איז שוין געווען אויסגעגראָבן אַ גרויסער קבר.

באַקאַנטע קריסטן האָבן דערציילט, אַז דער רוביזשעוויטשער רב, ר׳ אליעזר איידלמאַן, איז געגאַנגען פאָרויס אין טלית און תפילין, און פון זיינע זייטן — דער קאַמינער רב, ר׳ גדליהו צופין און ר׳ אליהו אייזנבוד.

דעם אָוונט פאַר דער שחיטה איז אַ רוביזשעוויטשער קריסט מיטן נאָמען טריזנע, געלאָפן איבערן געטאָ, און געשריגן:

— יידן, ראַטעוועט אייך, אַנטלויפט! מען איז אַוועק גראָבן פאַר אייך קברים.

(ראובן פאָרט ז״ל, וועלכער האָט זיך געראַטעוועט פון דער שחיטה צוזאַמען מיט יידל גארמיזע, אַנגעטאָן אַלס פּאָליציאַנטן, אויף דעם קאָמענדאַנטס מאָטאָציקל, און די דייטשן האָבן זיי אַרויסגעלאָזט פון שטאָט, האָט דערציילט, אַז אין דער נאַכט פאַר דער שחיטה, איז ער געקומען צו אליהו אייזנבוד און אים געראָטן צו אַנטלויפן פון געטאָ, כל זמן מען קען. ליאָטע אייזנבוד האָט אָנגעוויזן אויף די צענדליקער יידן וועלכע זענען געלעגן פאַריאושטע ביי אים אין שטוב, און געענטפערט:

— און זיי? אויף וועמען וועל איך זיי איבערלאָזן? ניין, איך בלייב מיט זיי).

איטשע גוריאן (זיין פרוי האָט געהייסן חנהקע) איז בלויז לייכט פאַרוווּנדעט געוואָרן. ער האָט זיך אָבער געמאַכט טויט, געלעגן אין קבר צוזאַמען מיט אַלע דערהרגעטע. ווען די דייטשן זענען אַוועק און די קריסטן האָבן גענומען פאַרשיטן דעם קבר, איז ער אויפגעשטאַנען און זיך געבעטן מען זאָל אים לאָזן גיין. די אָרטיקע פּאָליציי אָבער האָט אים דערהרגעט און צוריק אַריינגעוואָרפן אין קבר.

אין נאָוואָגרודקער געטאָ איז די לאַגע געווען פיל ערגער ווי אין אַנדערע געטאָס. ס׳איז אַפילו ניט געווען געגוג וואַסער צו טרינקען. לייז און ווערעם האָבן געגעסן אונדזערע קערפּערס. מיר זענען געווען באַדעקט מיט אייטערדיקע ווונדן, אין וועלכע ס׳האָבן זיך געהאַלטן גרויסע ווערעם. דאָס עסן איז באַשטאַנען פון 100 גראַם ברויט אַ טאָג און אַ ביסל וואַרעם וואַסער.

כ׳האָב געפונען אַ קריסט, וועלכער האָט מסכים געווען איבערצופירן שמואליקן צו מיין ווייב אין דוואָרעצער לאַגער. עטלעכע טעג שפּעטער האָב איך זיך אַרויסגעגנבעט

פון דער אַרבעט, אַראָפּגעריסן די געלע לאַטע, און דער זעלבער קריסט האָט מיך אָפּגעפירט קיין דוואָרעץ.

ט

דאָס געטאָ איז געווען אין אַ קריסטלעכן קוואַרטאַל. די קריסטן האָט מען איבערגעפירט אין די יידישע הייזער. דאָס געטאָ איז געווען אַרומגערינגלט מיט שטעכלדראָט, ווייסרוסישע פּאָליציי האָט געהיטן. קאָמענדאַנט פון לאַגער איז געווען אַ פאָלקס־דייטש, אַן אינזשיניער מיטן נאָמען אָסיפּאָוויטש. אַרום 3000 יידן זענען געווען אין דוואָרעצער לאַגער, צונויפגעטריבן פון די אַרומיקע שטעט און שטעטלעך: רוביזשעוויטש, איוועניץ, דערעוונע, נאַליבאָק, וואָלמע, נאָוואָגרודעק, מאַלדשאַט, נאָווע־יעלנע, זשעטל און באַראַנאָוויטש.

די ענגשאַפט איז געווען גרויס. אין די הייזער האָט מען אויסגעבויט דריי־שטאָקיגע נאַרעס, אַנדערש איז ניט געווען קיין פּלאַץ צום שלאָפן.

דאָס עסן איז געווען 100 גראַם ברויט אַ טאָג און אַ ביסל זופּ פון וואַסער און מעל. מען האָט אונדז איינגעטיילט אין בריגאַדעס און פון 6 אין דער פרי ביז פינצטער, פלעגן מיר אַרבעטן אויסערן לאַגער. די אַרבעט איז באַשטאַנען אין לאָדענען שטיינער אין וואַגאָנען, וועלכע זענען געגאַנגען אויף צו בויען דייטשע פאָרטיפיקאַציעס קעגן דער רויטער אַרמיי. יונגע דייטשע זעלנער, וועלכע פלעגן פאָרן מיט דער באַן, האָבן צו אונדז געשריגן:

— יודע קאַפּוט! — און מיט דער האַנט אַ פיר געגעבן איבערן האַלדז, ווי מען שעכט...

אויך די קליינע קינדער זענען געווען אָרגאַניזירט אין קינדער־בריגאַדעס און געלאָדנט אין די וואַגאָנען קלענערע שטיינער.

די סאַניטאַרע באַדינגונגען זענען אין לאַגער געווען שרעקלעכע. טאָג־טעגלעך פלעגן מענטשן שטאַרבן פון אונטערדערנערונג, קראַנקייטן און קעלט.

דער אינזשיניער אָסיפּאָוויטש פלעגט פון צייט צו צייט קומען אין יודענראַט און פאָדערן געלט, צוזאָגנדיק, אַז ער וועט אויסהיטן די יידן פון טויט.

אַ 15 יידן פון נאַליבאָק האָבן באַשלאָסן צו אַנטלויפן אין דער נאַליבאָקער פּושטשע. נאָך אַ קורצער צייט, זענען זיי צוריק געקומען אין לאַגער, ווייל אָן געווער איז ניט געווען מעגלעך צו לעבן און זיך אויסבאַהאַלטן אין דער פּושטשע.

אַ געוויסן טאָג איז געקומען דער אינזשיניער אויף אונדזער אַרבעטס־פּלאַץ און גערופן אַלע מענער. ער האָט פאָרגעלייגט זיך צו פאַרשרייבן צו פאָרן אויף אַרבעט קיין סמאָלענסק און צוגעזאָגט, אַז מיר וועלן דאָרט האָבן בעסערע באַדינגונגען ווי דאָ. אַ טייל איז מסכים געווען צו פאָרן. מען האָט זיי פון דער אַרבעט אַוועק געפירט צו דער באַן, אַריינגעזעצט אין וואַגאָנען און געשיקט קיין סמאָלענסק. פון דער גאַנצער גרופּע, זענען לעבן געבליבן בלויז צוויי: דוד־גרשון דעם שוסטערס זון און טעוול, דעם שניידערס זון. מיר האָבן זיי באַגעגנט נאָך דער באַפרייונג אין דייטשלאַנד. זיי האָבן אונדז אַ סך דערציילט פון די גרויזאַמקייטן אין דעם לאַגער אין סמאָלענסק, ווו נאָכן אויסנוצן די לעצטע כוחות פון די יידן, האָט מען זיי דערשאָסן.

פון צייט צו צייט פלעגן צו אונדז דערגיין ידיעות וועגן שחיטות אין די אַרומיקע שטעטלעך. די וועלכע האָבן זיך געראַטעוועט פון טויט, פלעגן קומען צו אונדז אין לאַגער.

אַ געוויסן טאָג האָט מען אונדז געשיקט אויפן בית־הקברות גראָבן קברים. אונדז האָט מען געזאָגט, אַז דאָס זענען שוץ־גרובן קעגן די פּאַרטיזאַנער. עס איז געוואָרן אַ טומל, אַ שרעק איז אָנגעפאַלן אויף אונדז. דער יודענראַט איז געלאָפן צום אינזשיניער, עס האָט געקאָסט געלט — און ער האָט געהייסן פאַרשיטן די קברים...

כדי אַרויסצושלעפּן מער געלט פון די יידן, האָט ער איינגעאָרדנט אָפּט סעלעקציעס. מען פלעגט טיילן די יידן אויף רעכטס און לינקס, און דערנאָך צוריקשיקן אין לאַגער. מען האָט ניט געוווּסט וואָס דאָס מיינט. אָבער געלט האָט מען אים געצאָלט...

אין נאָוועמבער 1942 האָבן די דייטשן אַרויס געפירט פון לאַגער אַלע סטאָליערעס. דער תירוץ איז געווען, אַז זיי פאָרן אויפשטעלן אַ נייעם לאַגער פאַר אונדז.

י

סוף דעצעמבער 1942 האָבן מיר זיך דערוווּסט, אַז קריסטן זענען אַוועק גראָבן פאַר אונדז קברים. אין דער פרי האָבן מיר געזען, אַז דער לאַגער איז אַרומגערינגלט מיט 3 רייען דייטשן, באַוואָפנטע מיט מאַשין־געווער. מיר האָבן גענומען לויפן צום בונקער, וועלכער איז געווען אויסגערעכנט אויף 40 מאַן, אָבער אין אים זענען אַריין אַ 100 מאַן. מיר זענען געווען די לעצטע, וועלכע זענען דאָרט אַריין. קיין לופט איז ניט געווען צום אָטעמען, מען האָט זיך געבאָדן אין שווייס.

דערווייל זענען די דייטשן אַריין מיט אויטאָס אין לאַגער און גענומען זוכן יידן. זיי האָבן געשלעפּט צו די אויטאָס. מיר האָבן געהערט די געשרייען, געוויינען און שיסעריי. מיר זענען געשטאַנען אין בונקער פאַרשטיינערטע און געוואַרט... די דייטשן האָבן גענומען זוכן אין די שטובן. מיר האָבן געהערט, ווי זיי גייען אַרום איבער אונדזערע קעפּ, זוכן דעם בונקער.

פלוצלינג האָבן מיר געהערט אַ שאָס. באַלד האָט גענומען טריפן אויף אונדז בלוט פון בוידעם. שפּעטער האָט זיך אַרויסגעוויזן, אַז די רוצחים האָבן געפונען אויפן בוידעם אַ ייד פון נאָווע־יעלניע, און זיי האָבן אים געשאָסן. ער איז געפאַלן אויף דער טיר, וועלכע האָט געפירט אין בונקער — און מיט זיין קערפּער האָט ער פאַרדעקט די טיר. דאָס האָט אונדז געראַטעוועט, ווייל די דייטשן, זעענדיק דעם געהרגעטן, האָבן שוין מער ניט געזוכט.

אַזוי האָט זיך געצויגן ביזן פינצטער ווערן. איך מיט יחיאל ליאָטעס האָבן ריזיקירט און אַריין אין שטוב. דאָרט איז געווען אַ גאַנצע איבערקערעניש. אין דרויסן האָבן די דייטשן געהיט דעם לאַגער ווי פריער, ס׳איז ניט געווען קיין מעגלעכקייט אַרויסצורייסן זיך פון דאָרט.

צו מאָרגנס פרי האָבן די דייטשן ווידער גענומען זוכן באַהאַלטענע יידן. זענען מיר ווידער אַראָפּ אין בונקער. מיר זענען געווען דורשטיק, קיין וואַסער איז ניט געווען.

פאַרנאַכט האָבן מיר געהערט, ווי דער אינזשיניער פרעגט די באַלעבאָסטע פון אונדזער שטוב אין פויליש, צי זי זעט ניט וועלכע עס איז ענדערונגען אין איר דירה. זי האָט זיכער באַמערקט די דאָפּלטע וואַנט, וואָס מיר האָבן אויפגעשטעלט. אָבער

זי האָט געענטפערט, אַז זי זעט ניט קיין שום ענדערונג. מעגלעך, זי האָט עס געטאָן אויס רחמנות צו אונדז, אָדער זי האָט אונדז ניט אויסגעגעבן צוליבן פחד, אַז די דייטשן וועלן פאַרברענען די שטוב, מיט אונדז צוזאַמען.

ווען עס איז פינצטער געוואָרן, זענען מיר ווידער אַרויס פון בונקער און דערזען, אַז איין זייט פון לאַגער ברענט. די דייטשן זענען ניט געווען ביי דער פאַרצוימונג, נאָר פאַרנומען זיך מיטן לעשן די שריפה. מיר האָבן לאַנג ניט געטראַכט, געלאָפן צום צוים, אים אַדורך — און גענומען לויפן וואָס ווייטער פון לאַגער.

דאָס איז געווען דעם ערשטן יאַנואַר 1943. אין דרויסן האָט געקנאַקט אַ פראָסט. מיר זענען האַלב־נאַקעטע געלאָפן אין דער קאַלטער נאַכט, געזוכט אַ דאַך איבערן קאָפּ. אויפן וועג זענען מיר אַריין אין אַ כוטאָר, כדי זיך אָנוואַרעמען. דאָרט האָבן מיר געטראָפן ראובן פאָרט און בן־ציון לונגען. פאַרטאָג זענען מיר געקומען אין וואַלד. דאָרט האָט אונדז אָנגעיאָגט שייקע אָשעראָוויטש מיט זיין פאַמיליע.

דעם גאַנצן טאָג זענען מיר געזעסן אין וואַלד, פרירנדיק פון קעלט. ווען עס איז געוואָרן פינצטער, האָבן מיר ווידער גענומען גיין. די געגנט איז געווען אומבאַקאַנט, בלית־ברירה זענען מיר אַריין צו עטלעכע פויערים אין די דערפער. כמעט אַלע פלעגן אונדז געבן עסן, לאָזן זיך אָנוואַרעמען. אויפן צווייטן טאָג האָט אונדז אַ קריסט באַהאַלטן אויפן פעלד אין אַ גרוב פון קאַרטאָפל. אַפילו געבראַכט אונדז עסן.

ביינאַכט זענען מיר אויפן אייז אַדורך דעם ניעמאַן און דערנאָך זיך צעטיילט. די נאַליבאָקער זענען אַוועק אין דער ריכטונג פון נאַליבאָק, די דערעוונער — אין דער ריכטונג פון דערעוונע, מיר — קיין רוביזשעוויטש.

איך און אשר דער קצב האָבן זיך פאַרהאַלטן אין קאַראָלין, ביי שפּילעווסקין. ער האָט אונדז וואַרעם אויפגענומען. געגעבן עסן און באַהאַלטן אין שטאַל. מיר זענען ביי אים געווען עטלעכע טעג. דערווייל איז אָנגעקומען קיין קאַראָלין אויך מיין ברודער משהל מיט דער מִשפחה, פייע מיט אירע קינדער און גישקע. אַזוי האָבן מיר געוואַנדערט פון קריסט צו קריסט דעם גאַנצן ווינטער.

יא

פאַר פסח האָבן עטלעכע קריסטן פון דאָרף סלאָבאָדע, עמיל פּאָקע און וואָיטקאָוויטש, אויסגעגראָבן אין פעלד אַ בונקער פאַר מיר מיט שייקע אָשעראָוויטש. די ערשטע נאַכט אין בונקער איז אַדורך רויִק. צו מאָרגנס פרי, האָבן זיך געהערט פון דאָרף שיסערייען און געשרייען. בייטאָג האָבן מיר ניט געקאָנט אַרויס פון בונקער, מען זאָל אונדז ניט דערזען. אַזוי האָבן מיר געוואַרט מיט אומגעדולד ביזן פינצטער ווערן. שפּעט ביינאַכט איז צו אונדז געקומען וואָיטקאָוויטש און געבראַכט עסן. ער האָט דערציילט וואָס עס איז געשען אין דאָרף:

— דייטשן זענען אין דער פרי באַפאַלן דאָס דאָרף. זיי האָבן דערשאָסן עמיל פּאָקע מיט זיין ווייב און קינדער און פאַרברענט זיין שטוב. פּאָקען האָבן זיי ניט דערשאָסן אויף טויט, נאָר פאַרוווּנדעט, אָבער ער האָט זיך געמאַכט טויט. ווען די דייטשן זענען שוין אַוועק פון דאָרף, האָט מען אים גענומען צו אַ דאָקטאָר, וועלכער האָט אים געגעבן הילף און ער איז געבליבן לעבן.

מיר האָבן אָפּגעלעבט אין בונקער אַ דריי מאָנאַטן. ביינאַכט פלעגן מיר אַרויס באַזוכן באַקאַנטע קריסטן אין די אַרומיקע דערפער. דאָרט פלעגן מיר עסן און זיך אַרומוואַשן.

מיט די קריסטן האָבן מיר געהאַט אַן אָפּגערעדטן סימן: אויב אויפן צוים איז געהאָנגען אַ ווייסע שמאַטע, איז דאָס אַ סימן, אַז אין שטוב זענען דאָ פרעמדע מענטשן — און מיר פלעגן די שטוב אויסמיידן, ניט אַריינגיין.

אין דער זעלבער צייט, וואָס מיר זענען געווען אין בונקער, איז פייע מיט אירע צווי מיידעלעך געזעסן אין סלאָבאָדע ביי אַ באַקאַנטער קריסטין מיטן נאָמען וואַראַקסע, אַן אלמנה. נאָך דעם ווי די דייטשן האָבן דערהרגעט פּאָקעס משפּחה, האָט די אלמנה געבעטן פייען, זי זאָל נעמען אירע קינדער און פאַרלאָזן די שטוב. זי האָט מורא געהאַט, אַז די דייטשן זאָלן אויך איר ניט דערהרגענען. פייע האָט גענומען פאַר איר וויינען:

— ווו אַהין קאָן איך גיין מיט צווי קליינע קינדער?

די אלמנה האָט איר געזאָגט:

— איך וועל פרעגן אַן עצה ביים רוביזשעוויטשער גלח — און ווי ער וועט זאָגן, וועל איך טון.

אין עטלעכע שעה שפּעטער איז די אלמנה צוריק געקומען און געזאָגט צו פייען:

— בלייב מיט דיינע קינדער ביי מיר, דער קסיאָנדז טאַראַסעוויטש האָט מיר אַזוי געהייסן — און זאָל אונדז גאָט אויסהיטן פון צרות.

איין מאָל ביינאַכט איז געפאַלן אַ שטאַרקער רעגן, וועלכער האָט אָפּגעשווענקט די ערד פון בונקער — און עס האָט זיך אָנגעזען דאָס האָלץ. פּאַסטעכער, וועלכע האָבן געפּאַשעט אין פעלד זייערע בהמות, האָבן עס דערזען. מיר האָבן פאַרשטאַנען, אַז בלייבן ווייטער אין בונקער איז אַ געפאַר, האָבן מיר באַשלאָסן ביינאַכט אים צו פאַרלאָזן.

דערווייל זענען די פּאַסטעכער אַוועק אין דערבייאיקן דאָרף כאַרטאָנאָוועס, ווו עס האָבן זיך געפונען פּאַרטיזאַנער און זיי דערציילט וועגן בונקער.

פלוצלינג הערן מיר פון דרויסן אַ געשריי:

— יודע אַרויס!

מיר זענען געווען זיכער, אַז די דייטשן האָבן אונדז געפונען. די קינדער האָבן אויסגעבראָכן מיט אַ געוויין, און מיר זענען אַלע דערשראָקענע אַרויס פון בונקער.

פאַר אונדז זענען געשטאַנען דייטשן, וועלכע האָבן צו אונדז גערעדט רוסיש. אין אַ ווײַלע שפּעטער האָט זיך אַרויסגעוויזן, אַז דאָס זענען געווען פּאַרטיזאַנער. זיי האָבן אונדז באַזוכט, צי מיר האָבן ניט קיין געווער. זיי האָבן אונדז געזאָגט, אַז ס׳איז דאָ אַ באַפעל, אַז אַלע יידן וועלכע קעמפן ניט, דאַרפן אַוועק אין דער נאַליבאָקער פּושטשע. אויב זיי וועלן אונדז מאָרגן דאָ געפונען, וועלן זיי אונדז דערשיסן.

מיר האָבן געוואַרט ביז זיי זענען אַוועק, דערנאָך זענען מיר אויך אַוועק אין פּאָדזשערנער וואַלד, ווו מיר האָבן געטראָפן נאָך עטלעכע משפּחות. מיר זענען דאָרט אָפּגעלעגן עטלעכע וואָכן.

יב

אַזוי האָבן מיר געוואַנדערט איבער די וועלדער ביז יוני 1944, ווען מיר זענען

באַפרייט געוואָרן דורך דער רויטער אַרמיי. מיר האָבן זיך צוריק געקערט קיין רוביזשעוויטש. כמעט אַלע יידישע הייזער זענען געווען צעשטערט. דאָס האָלץ האָבן די אָרטיקע קריסטן גענוצט פאַר זייער געברויך. פון גאַנצן מאַרק און פון דער שול גאַס, איז ניט געבליבן קיין זכר.

אין סימקעוויטשער וואַלד, ווו עס איז דער ברידער־קבר, האָבן מיר געפונען קעפּ און ביינער, וועלכע זענען אויסגעשווענקט געוואָרן פון קבר און זיך געוואַלגערט אויף דער ערד. אין די קוסטעס האָבן מיר נאָך געפונען רעשטלעך פון קליידונג, וועלכע האָבן געהערט צו די דערהרגעטע.

קיין רוביזשעוויטש האָבן זיך אומגעקערט 66 פערזאָן, אָנשטאָט 800 נפשות (180 משפחות) פאַר דעם אומגליק.

די רוסישע מאַכט האָט אונדז באַזאָרגט מיט אַרבעט און וווינונגען. די וועלכע האָבן פאַרנומען פּאָסטנס פאַר דעם קריג, האָבן זיך צו זיי צוריק געקערט. אַזוי איז ראובן פּאָרט געוואָרן דער פאָרזיצער פון דעם קאָאָפּעראַטיוו, און שייקע אָשעראָוויטש — דער פאַרוואַלטער פון קאָאָפּעראַטיוו.

ווען עס איז אַרויס אַ באַפעל, אַז די וועלכע זענען געווען ביז 1939 פּוילישע בירגער, קענען זיך צוריק קערן קיין פּוילן, האָבן מיר אויסגענוצט די רעכט און אַוועק קיין פּוילן. פון דאָרט זענען מיר אַוועק קיין פערענוואַלד — דייטשלאַנד, ווו מיר זענען אָפּגעזעסן 4 יאָר. אין 1949, נאָכן אַנטשטיין פון דער יידישער מדינה, זענען מיר אָנגעקומען קיין ישראל. מיר האָבן געפונען אַן אָרט צו אַרבעטן און לעבן אָן שרעק, מיט מענטשן גלייך.



יום זכרון ראשון לקדושי רוביז'ביץ' בפרנוואלד, גרמניה (1946) — בדרך לארץ־ישראל.
ערשטע אזכרה פאַר די קדושים פון רוביזשעוויטש, אין פערנוואַלד (דייטשלאַנד), אין 1946 — אויפן וועג קיין ארץ־ישראל.

ווי אַזוי מיר האָבן זיך געראַטעוועט

אליהו סעגאַלאָוויטש / עכו

שטעטעלע דוואָרעץ אין נאָוואָגרודקער געגנט, — דו ביסט דורכגעזאַפּט מיט אַזוי פיל זכרונות פון פּיין, ליידן און טראַגעדיעס. דיינע זאַמדן האָבן צוגעדעקט אַ סך פון אונדזער יוגנט. דיין ערד האָט איינגעזאַפּט אין זיך אומשולדיק פאַרגאָסן בלוט פון אונדזערע קינדער, שוועסטער, ברידער און עלטערן. גאַנצע משפּחות זענען געוואָרן אָפּגעמעקט, נישט איבערלאָזנדיק קיין זכר.

אויף דיין באָדן האָבן די היטלעריסטישע מערדער געשאַפן אַ קאָנצענטראַציע־לאַגער, אַרומגערינגלט מיט אַ ריזיקן צוים פון שטעכלדראָט, כדי דאָרט אומברענגען אונדז. חדשים לאַנג האָט מען געפירט אַהין צו דער עקדה די נאָך איבערגעבליבענע, אַרבעט־פעיִקע יוגנט, ווו זיי זענען פאַרמשפּט געוואָרן אויף אַ לאַנג־דויערנדיקן משונהדיקן טויט, וועלכער האָט אויף זיי תמיד געלויערט. אויסגעמאַטערטע פון הונגער און נויט, גייסטיק צעבראָכענע, פאַריאושטע, האָבן זיי זיך פאַרשטעקט ווי נאָר איינער האָט געקענט — און זענען אויסגעגאַנגען ווי ליכט, ווערים האָבן געגעסן נאָך ביים לעבן.

אויף אַלע פעלדער, אַלע וועגן געפינען זיך די קברים פון אונדזערע קדושים. זייערע לעצטע זיפצן, יאָמערן, קלינגען נאָך אין מיינע אויערן. כ׳וועל דאָס ניט פאַרגעסן.

I

אַ ניי קאַפּיטל האָט זיך אָנגעהויבן אין אונדזער לעבן. געווען איז דאָס אין שבועות, 1942. אונדזער פריילעכער יומטוב איז פאַרוואַנדלט געוואָרן אין שרעק און טרויער. באַלד אין דער פרי האָט מען מיך, מיין ווייב און קינדער, צוזאַמען מיט אַ גרופּע פון אַ 600 מאַן פון רוביזשעוויטש, דערעוונע, נאַליבאָק און וואָלמע, אַרויסגעפירט פון אונדזער געטאָ און געהייסן מאַרשירן צו דער איוועניצער גאַס. מיר האָבן נישט געוווּסט צו וואָס און ווען. איך געזעגן מיין שטעטל רוביזשעוויטש, כ׳וואָלט געוואָלט נאָך אַ קוק טאָן אויף דיר און מיין שטוב, ווו מיר האָבן געלעבט דורות לאַנג. מען טאָר אָבער ניט אומדרייען זיך, כאַפּן אַ בליק אויף צוריק. פאַר אַן אומפאָרזיכטיקן שריט, פאַר אָפּרוקן זיך פון דער ריי — וואַרט אַ קויל פון אונדזערע באַגלייטער, די דייטשע מערדער און זייערע נאָכשלעפּער, די ווייסרוסישע פּאָליציי. אַ סך קרבנות זענען געפאַלן לענגאויס דעם גאַנצן וועג.

מיר גייען מיט אַראָפּגעלאָזטע קעפּ, איינגעהילט אין שרעק און טרויער. יעדער שלעפּט מיט זיך אַ פּאַק אויף זיינע פּלייצעס. נאָך 2 טעג און נעכט וואַנדערן, אָן עסן און אָן וואַסער, מידע און צעבראָכענע, זענען מיר ביינאַכט אָנגעקומען קיין דוואָרעץ. קוים די ביינער געבראַכט אַהער. די פּעק צעזייט און צעשפּרייט אויפן לאַנגן, שווערן וועג. ווי בהמות האָט מען אונדז אַריינגעטריבן אין אַ שייער און פאַרשפּאַרט ביז מאָרגן פרי.

אַ גאַנצע נאַכט האָב איך קיין אויג ניט צוגעמאַכט. איך האָב געטראַכט און נאָך אַ מאָל איבערגעטראַכט אונדזער לאַגע. אַלע לעצטע געשעענישן האָבן אָנגעזאָגט ניט קיין פריילעכע צוקונפט.

צו מאַרגנס, גאַנץ פרי, זענען מיר שוין געשטאַנען אין די רייען אין צענטער פון לאַגער. מען האָט אונדז יעדן איינגעטיילט צו אַרבעט און צו ווינען אין קריסטלעכע הייזלעך: איך מיט נאָך עטלעכע משפחות, צוזאַמען איבער 30 פערזאָן, זענען אַריין אין אַ קליין אַלט הייזל. אַרום די ווענט זענען געווען צוויי־שטאָקיגע נאַרעס צום שלאָפן. די געביידע איז געווען אַ לאַנגע, אַ צוזאַמען געבויטער שפייכלער מיט אַ שייער.

פאַכלייט צווישן אונדז, ווי סטאָליערס, שניידערס, שוסטערס און בלעכערס, האָבן געאַרבעט ביי זייער פאַך פאַר די דייטשן, אַנדערע זענען געווען באַשעפטיקט אין פעלד, געהאַקט שטיינער און זיי געלאָדן אין וואַגאָנען. די אַרבעט — אַ שווערע, איבערהויפּט פאַר פרויען. מיט עסן איז געווען ביטער. מיר פלעגן באַקומען אַ לעבל ברויט, עפּעס מער פון אַ קילאָ פאַר 10 פערזאָן — צו דעם האָט מען צוגעגעבן אַ „פּאָכליאָפּקע". אמת, וויפל ווער ס'האָט געוואָלט האָט באַקומען די „זאַטשערקע" פון קלייען. די וועלכע האָבן מיטגעבראַכט ווערטפולע זאַכן, האָבן זיי געקענט אויסטוישן אויף אַ שטיקל ברויט, צו דערהאַלטן זייערע כוחות. עס פלעגן אָפט קומען קריסטן, וועלכע האָבן געפירט דעם האַנדל. ווי איז אָבער געווען צו די, וועלכע האָבן ניט געהאַט וואָס צו פאַרקויפן. זיי זענען געפאַלן פון הונגער און פאַרשידענע קראַנקייטן. די טויט־פאַלן האָבן זיך געמערט פון טאָג צו טאָג.

2

לאַנג האָבן זיך ביי אונדז געצויגן די טעג און נעכט. די שרעק פון די לעצטע מינוטן האָט געשוועבט איבער אונדזערע קעפּ. גאַנץ אָפט פלעגן די רוצחים אַריינמאַרשירן אין לאַגער און אונדז האָט זיך אויסגעוויזן, אַז זיי קומען מאַכן אַ סוף. אין דער אמתן זענען דאָס געווען נאָר הכנות צו יענע שרעקלעכע טעג, וואָס האָבן באַדאַרפט קומען.

דער לאַגער־פירער איז געווען אַן אינזשיניער. אַ סך האָבן געגלויבט, אַז ער איז אַ גוטער מענטש. ער האָט צוגעזאָגט אונדז צו ראַטעווען. „משה רבנו האָט די יידן אַרויסגעפירט פון מצרים — און איך, וועל אייך אויסלייזן פון לאַגער" — זענען געווען זיינע רייד. עטלעכע טעג פאַר דער שחיטה, האָט ער אַזוי העפלעך גערעדט צו דער יוגנט, אַז ווער ס'האָט געלט, זאָל זיך צוגרייטן שפּייז, ווייל בקרוב וועט מען זיי איבערפירן אין אַן אַנדערן לאַגער.

פאַר מיר איז אָבער געווען קלאָר, אַז דער אינזשיניער דאַרף אונדז האָבן. פאַר אים איז דאָס געווען אַ גאָלד־גרוב, אַ גוטער מקור אָנצוזאַמלען אַ פאַרמעגן. מיר האָבן אים געגעבן אַלץ, וואָס מ'האָט געהאַט: גאָלדענע פינגערלעך, זייגערלעך, אויערינג־לעך — אַבי אויסצוקויפן אונדזער לעבן.

אין קאָנטאַקט מיטן אינזשיניער איז געשטאַנען אונדזער יודענראַט, בראש מיטן פּרעזעס נאָוויק. אַ קלוגער ייד געווען, אַ בן־תורה. געבוירן אין דוואָרעץ, געפירט דאָרט אַ שיין און גליקלעך לעבן. ער האָט ערלעך געגלויבט, אַז אונדזער באַפרייונג וועט קומען. ער האָט געזוכט פאַרשידענע וועגן, געבעטן שטיצע פון עטלעכע קהילות אונטערצוקויפן דעם אינזשיניער, דעם אויסלייזער פון אַלע אונדזערע צרות...

דערווייל זענען טאָג־טעגלעך אָנגעקומען שרעקלעכע ידיעות וועגן שחיטות אין דער געגנט. איינצלנע געראַטעוועטע פון די שטעטלעך זענען אַנטלאָפן און געקומען אין

לאַגער. זיי האָבן אונדז דערציילט די לעצטע מינוטן פון אונטערגאַנג פון זייערע קהילות.

די אַלע ידיעות האָבן אויף מיר געמאַכט אַ שווערן רושם. איך האָב גענומען זוכן אַן אויסוועג, אין קאָפּ האָבן זיך געוועבט פאַרשידענע געדאַנקען וועגן שאַפן אַ סכראָן צו ראַטעווען וועמען איך וועל קענען. דער ווילן צום לעבן איז דאָך אַזוי שטאַרק, אַז איך בין גרייט געווען אַלץ צו טאָן.

איין מאָל, גייענדיק אַזוי צוריק פון אַ שווערן אַרבעטס־טאָג, פאַרזינקען אין געדאַנקען ווי אַזוי מיין פּלאַן צו פאַרווירקלעכן, האָבן מיינע פיס אַרויפגעטרעטן אויף אַן אייזן. איך האָב זיך איינגעבויגן און אַרויסגעצויגן אַ האַלב־באַגראָבן און פאַרזשאַווערט העקעלע. איך האָב זיך נישט איינגעהאַלטן און אויסגעשריגן, אַז גאָט האָט מיר דאָס צוגעשיקט, כ׳זאָל קענען בויען דעם סכראָן.

איך האָב דאָס העקעלע אָפּגערייניקט, אָנגעשאַרפט און באַלד זיך גענומען בויען די באַהעלטעניש. איך האָב אַלע מיטוווינער אין אונדזער דירה מאָביליזירט צו דער אַרבעט. מען האָט געאַרבעט ביינאַכט, ווייל דאָס האָט געמוזט זיין שטרענג געהיים. צו ערשט האָבן מיר איבערגעטראָגן די וואַנט, וואָס האָט אָפּגעטיילט אונדזער שטוב. אַזוי האָט זיך געשאַפן אַ באַהעלטעניש צווישן די צוויי ווענט, אַן ערך אַנדערטהאַלבן מעטער די ברייט. צווישן ביידע ווענט האָבן מיר אויסגעגראָבן די ערד ביז אַנדערטהאַלבן מעטער טיף. די ערד האָבן מיר פאָרזיכטיק אַרויסגעטראָגן, אַז קיינער זאָל ניט באַמערקן, און אַריינגעשאָטן אין צעבראָכענעם ברונעם, ניט ווייט פון הויז. איך האָב געזאָרגט, אַז די וואַנט זאָל זיין גוט פאַרשמירט מיט בלאָטע, כדי דאָס נייע אויף דעם אָרט זיל זיך ניט וואַרפן אין די אויגן. דער אַריינגאַנג אין סכראָן איז געווען קליין, נאָר פאַר איין מענטש אַריינצוגיין. פון בוידעם, אויפן טירל, איז געווען אָנגעקלאַפּט שטרוי, און פון אינעווייניק האָט זיך געצויגן אַ שטריקל, כדי גוט צו פאַרמאַכן דאָס טירל. פון דרויסן האָט מען גאָרנישט געקענט באַמערקן. דאָס בויען דעם סכראָן האָט זיך געצויגן עטלעכע וואָכן. ווען דער טאָג פון דער שחיטה איז געקומען — איז דער סכראָן געווען פאַרענדיקט.

3

געווען איז דאָס אַ מאָנטיק גאַנץ פרי, ווען די ערשטע גרופּע, איז ווי געוויינלעך, אַרויס צו דער אַרבעט אין פעלד. די צווייטע גרופּע האָט געדאַרפט גיין צו דער אַרבעט מיטאָג־צייט. פּונקט 8 אַ זייגער, זענען אַריינגעפאָרן אין לאַגער לאַסט־אויטאָס, וועלכע זענען לאַנגזאַם געפאָרן אַרום די שטעכל־דראָטן. פון די אויטאָס זענען אַרויסגעשפּרונגען מיליטער־לייט מיט ביקסן אין די הענט. זיי האָבן זיך צעצויגן אין אַ קייט, אַרומגערינגלט דעם לאַגער. נאָך עטלעכע מינוט, זענען דערשינען ס.ס.־לייט, מיטן אינזשיניער בראש, און אָוועקגענומען מיט זיך דעם יודענראַט. זיי האָבן געמאָלדן, אַז אַלע מוזן זיך שטעלן אויף אַ באַשטימטן אָרט, מען פאָרט איבערו אויף אַ צווייטן אַרבעטס־פּלאַץ. פון די הייזער זענען אַלע אַרויס, געוואָר ווערן וואָס קומט פאָר. פאַרן רוב איז געווען קלאָר דער ציל פון די מערדער. מיר האָבן געזען ווי קריסטן גייען מיט לאָפּעטעס, הינטער דער פאַרצוימונג. צעטומלטע זענען מיר געלאָפן הין־און־צוריק. ווי פאַרסמטע מייז, האָבן מיר געזוכט אַ לאָך ווו זיך צו פאַרשטעקן.

אַ טייל יידן, וועלכע האָבן געגלויבט די מערדער, ווי אויך די וועלכע האָבן זיך מיאש געווען פון לעבן, האָבן זיך אויסגעשטעלט אין די רייען. צווישן זיי האָבן מיר געזען לייבע סעגאַלאָוויטש. איינער האָט אים אויפמערקזאַם געמאַכט, אַז מען פירט אים צום גרוב. ער האָט געענטפערט: „איך ווייס, נאָר וואָס טויג מיר מיין לעבן? איך האָב שוין קיינעם נישט אויף דער וועלט. דער טויט איז מיר ליבער ווי אַזאַ לעבן".

אין משך פון עטלעכע מינוט, האָט אונדזער סכראָן זיך אָנגעפולט מיט מענטשן. עס זענען אַריינגעקראָכן העכער 160 מאַן. מיר זענען געשטאַנען קעפּ אויף קעפּ, בישט געקענט זיך רירן פון אָרט, געפּאַקט ווי הערינג אין פאַס. אַלע באַדערפעניש האָט מען דערליידיקט אונטער זיך. קיין אַנדערע ברירה איז נישט געווען. אין אַ ווינקל פון סכראָן, אונטן, האָב איך געמאַכט אַ קליינע שפּאַרע, צו אָבסערווירן וואָס עס קומט פאָר אין לאַגער.

בעת די עטלעכע מינוט וואָס עס האָט געדויערט דער שמועס צווישן די עלטסטע פון די טויט־באַנדעס און דעם יודענראַט, האָט זיך צו זיי דערנעענטערט בנימין רודיצקי, דער זון פון שמעון און מלכה בנימין־יעקבס און געבעטן דעם פּרעזעס נאָוויק זיך דערווייטערן פון זיי, ווייל ער וויל אַלעמען אויפרייסן. אין איין האַנט האָט ער געהאַלטן אַ שטיק פלייש, געגעסן מיט אַפּעטיט, כדי נאָך איין מינוט הנאה האבן פון לעבן. און אין דער צווייטער האַנט, אין קעשענע, אַ גראַנאַט. ער האָט געוואָלט אומברענגען דעם אינזשיניער און די ס. ס.־אָפיצירן, צוזאַמען מיט זיך. „תמות נפשי עם פלישתים" האָט ער אויסגעשריען. דער פּרעזעס נאָוויק האָט זיך ביי אים געבעטן: „קינד מיינס, אַ ביסל געדולד. ס'איז נאָך דאָ אַ האָפענונג. אפשר וועט געשען אַ נס, כל זמן מיין שמועס איז נאָך נישט געענדיקט".

עטלעכע מינוט זענען אַדורך. דער פּרעזעס איז געקומען צוריק אַ צערודערטער, זיינע אויגן אויסגעלאָשן. ער האָט זיך געווענדעט צו די יידן מיט אַ צעבראָכענער שטימע: „יידן, טייערע יידן, ס'איז נישטאָ קיין האָפענונג. שמע ישראל". ער איז דער ערשטער אַרויף אויפן לאַסט־אויטאָ וואָס האָט געפירט צום ברידער־קבר.

אייניקע באַוואָפנטע חברה, ווי בנימין רודיצקי, איסר בעקמאַן, משה פּונט, האַלטן אָפּ אַ קורצע באַראַטונג אין אַ שייער. זיי באַשליסן נישט לאָזן זיך שעכטן ווי די קעלבער, אַרויס אין קאַמף, דורכרייסן די דראָטן און אַנטלויפן פון לאַגער. מיט הילכיקע געשרייען „הורא", האָבן זיי זיך געלאָזט צו די דראָטן. די דייטשן האָבן געעפנט אַ שטאַרק פייער פון מאַשין־געווער — און די אַנטלויפנדע זענען געפאַלן מיט די הענט אויף די דראָטן. בלויז צוויי פון זיי איז געלונגען זיך צו ראַטעווען. זיי האָבן זיך צוריק געקערט אין אונדזער סכראָן. פון די שיסערייען איז געפאַלן תנא דער נאָוואָיעלנער, ממש ביים טירל פון סכראָן.

ווי פאַרשטיינערט בין איך געזעסן ביי דער שפּאַרע. איך האָב געזען ווי אונדזערע יידן ווערן געלאָדן אויף די אויטאָס און אַרויסגעפירט. די אויטאָס האָבן זיך באַלד צוריק געקערט, כדי נעמען די איבערגעבליבענע.

די לאַגע אין סכראָן איז געווען אַ געשפּאַנטע. די פּאַניק האָט אָנגענומען ערנסטע פאָרמען. דערווייל האָט זיך פאַרשפּרייט אַ קלאַנג, אַז דער סכראָן ברענט. מענטשן האָבן גענומען שרייען, אַז בעסער זאָלן זיי אומקומען פון אַ קויל, איידער פאַרברענט

ווערן לעבעדיקערהייט. ביי די רייד איז מימע ביילקין אַרויס פון סכראָן — און מער נישט צוריק געקומען.

געענדיקט מיטן אַרויספירן די פרייוויליקע, האָט זיך אָנגעהויבן דער צווייטער עטאַפּ. מען האָט גענומען זוכן די באַהאַלטענע יידן. די רוצחים האָבן מאַרשירט פון שטוב צו שטוב, געזוכט בונקערס און אַנדערע באַהעלטענישן. מיט גראַנאַטן האָבן זיי אויפגעריסן די קעלערס און פאַרשאָטן די קרבנות.

10 אַ זייגער אין דער פרי האָב איך באַמערקט, אַז זיי דערנעענטערן זיך צו אונדז. אַלע זענען זייער דערשראָקן, איינער דעם אַנדערן האָט גענומען איינשטילן. פון דעם „שאַ! שאַ!״ האָט זיך געשאַפן אַ גרויסער טומל, נאָר אַ נס מן השמים האָט אונדז געראַטעוועט. אין שטוב זענען געזעסן מיינע ביידע קינדער, וועלכע האָבן שוין נישט באַוויזן אַריין אין סכראָן. יחיאל איז אַריינגעקראָכן אין קאָטוך פון פּיעקאַליק, וואָס איז געווען ברייט אינעווייניק און שמאָל אין דרויסן ביים אַריינגאַנג. דאָ איז געווען אַ הון — און יחיאל האָט זיך מיט איר פאַרשטעלט, מען זאָל אים נישט באַמערקן. אַ דייטש האָט זיך איינגעבויגן, אַריינגעקוקט אין קאָטוך — אָבער אים ניט געזען. ס׳איז ניט צום באַשרייבן מיין פרייד, ווען איך האָב אים געזען צוריק אַ לעבעדיקן. מיין צווייטער זון, אברהמל, האָט זיך פאַרשטעקט אונטער אַ זאַק מיט מעל. ער האָט זיך דעמאָלט געראַטעוועט, אָבער שפּעטער פאַרלוירן געגאַנגען — און קיינער ווייסט ניט ווו ער איז געפאַלן.

4

נאָך אַ פּאָר שעה, זענען די מערדער ווידער געקומען. זיי האָבן אַרויפגעקלעטערט אויפן בוידעם, געפונען דאָרט דעם דערשאָסענעם ייד, תנא דער נאָוואָיעלנער. מיר האָבן געהערט ווי די מערדערריידן צווישן זיך. איינער האָט געזאָגט, אַז דאָ ליגט אַ יודע טויט. „דאָס איז נאָר געמאַכט — האָט געענטפערט דער צווייטער. — גיב אים נאָך איין קאָפּ־שאָס און פאַרטיק״.

עטלעכע מינוט שפּעטער האָבן מיר געהערט, אַז מען קלאַפּט אויפן בוידעם, רופנדיק אין ווייס־רוסיש, אַז „די מויזעשן זאָלן אַרויסגיין״.

לאַנג נאָך האָט זיך געצויגן דער טאָג אין שרעק און אין ליידן. קיין עסן, קיין וואַסער, אָן לופט צום אָטעמען. פיל האָבן געשריגן: „ליוטע, עפנט דאָס טירל, מיר ווערן דערשטיקט״. מיר האָבן אָבער ניט געטאָרט עפענען, ווייל דאָס וואָלט געווען אומקום. איך האָב זיך באַמיט זיי צו באַרויִקן. נאָך אַ ביסל ליידן, וויפל מען קען נאָר, אפשר וועט אונדז געלונגען זיך צו ראַטעווען. דאָך האָב איך, וויפל נאָר מעגלעך, געעפנט דאָס טירל און אַריינגעלאָזן אַ ביסל פרישע לופט.

עד היום קען איך ניט פאַרגעסן יענעם שרעקלעכן טאָג, בפרט די לעצטע שעהן פון דעם טאָג, ווען איך האָב דורך דער שפּאַרע געזען, ווי די מערדער דערשיסן אויפן פּלאַץ יידן, וועלכע זיי האָבן געכאַפּט פאַרנאַכט און ניט באַוויזן אַרויסצופירן אויפן פעלד. מיינע פויסטן האָבן זיך געביילט פאַר כעס פון דער אוממעכטיקייט זיי צו העלפן.

דער אָוונט איז געקומען. אַ טויטע שטילקייט הערשט אין לאַגער. איך האָב געעפנט דאָס טירל, אריינגעלאָזט אַ ביסל פרישע לופט. עטלעכע זענען אַרויס פון סכראָן

אין שטוב. אַלץ האָט מען דאָ געפונען צעבראָכן און איבערגעדרייט. מיר האָבן אָפּגעהאַלטן אַ באַראַטונג וואָס צו טאָן. עס ווערט אָנגענומען אַ באַשלוס צוזאַמענצונעמען אַלץ וואָס ס׳איז נאָך פאַרבליבן פון געלט און ווערטפולע זאַכן, כדי אונטערקויפן דעם דייטשן פּאָסטן. עטלעכע פרויען מעלדן זיך פרייוויליק, צווישן זיי — שיינדל פּלאָטניק. צום סוף בלייבט, אַז נאָר אײַנע זאָל גיין, די פרוי פון קארעליץ. זי איז געגאַנגען — אָבער מער ניט צוריקגעקומען. אַ מערדערישע קויל האָט זי אומגעבראַכט. צו אונדז איז בלויז דערגאַנגען איר לעצטער אויסגעשריי: „אוי״ און אַ שאָס. פון אונדזער פּלאַן איז גאָרנישט געוואָרן.

די ערשטע נאַכט איז אַדורך. מיר זיצן אין סכראָן. דער צווייטער טאָג פון דער שחיטה קומט. אַלע גלידער ציטערן פון שרעק. עטלעכע האַלטן ניט אויס, פאַלן אַנידער, בלייבן אַזוי ליגן. קיין הילף, קיין אויפמערקזאַמקייט. וואָס שפּילט דען איצט אַ ראָל דאָס לעבן פון אַ מענטש?

באַלד אין די ערשטע שעהן פון טאָג, בין איך געזעסן אויף דער לייטער, אין איין האַנט געהאַלטן דאָס שטריקל פון טירל, און אין דער צווייטער — אַן אָנגעלאָדענע ביקס. איך בין געווען אַנטשלאָסן צו דערשיסן יעדן, וועלכער וועט דאָס טירל אויפרייסן. ביז מיטאָג האָבן זיך געהערט נאָר איינצלנע שאָסן, אָדער אויפרייסן פון גראַנאַטן.

דורך דער שפּאַרע האָבן מיר געזען, ווי אייניקע מערדער דערנענטערן זיך צו אונדז. אַלע ווערן דערשראָקן און צעטומלט. מיט מי איז מיר געלונגען איינצושטילן דעם עולם. די דייטשן ריידן צוויש יך, אַז וואַרשיינלעך זענען דאָ באַהאַלטן יידן. זיי האָבן אויפגעריסן די ברעטער פון דער פּאָדלאָגע, געוואָרפן מאַגנעטן צו אַנטדעקן די באַהאַלטענע יידן. צום סוף האָבן זיי געברענגט די באַלעבאָסטע פון הויז און זי געפרעגט, צי עס זענען ניט געמאַכט געוואָרן וועלכע ענדערונגען אין הויז. זי האָט געזאָגט, אַז זי זעט ניט קיין ענדערונגען. אונדז האָט זיך געדאַכט, אַז זי האָט געזאָגט: „די וואַנט איז אַ נייע, אָבער דאָס האַלץ איז דאָס זעלבע״. אונדז איז געווען קלאָר, אַז זי האָט אונדז פאַראַטן, אויסגעגעבן אונדזער סוד. ווער איז אומשטאַנד איבערצוגעבן די עטלעכע מינוט? די דייטשן האָבן זי ווידער געפרעגט: „ביסטו זיכער, אַז עס זענען ניט געמאַכט געוואָרן קיין ענדערונגען?״ „וואָס קלערסטו? — האָט זי אויסגעשריגן — איך וועל מיין קאָפּ געבן פאַר די זשידעס?״ די ווערטער האָבן אונדז געראַטעוועט — און די מערדער האָבן פאַרלאָזט דאָס הויז.

אין דרויסן הייבט אָן ווערן טונקל. צו אונדזער שייער איז צוגעפאָרן אַן אויטאָ און געבליבן שטיין, אָבער דער מאָטאָר האָט געאַרבעט אָן אויפהער. דורך דער שפּאַרע האָבן מיר געזען פאַרשידענע קאָלירטע פייערלעך. אַלע סימנים האָבן געוויזן, אַז די מערדער לאָזן אויף אונדז גאַז. ס׳האָט זיך אַפילו געדאַכט, אַז מען שפּירט דעם ריח פון גאַז. איך האָב זיך ניט געקענט באַהערשן און אַרויסגעשעפּטשעט: „טייערע ברידער, די דייטשן ווילן אונדז פאַרגאַזעווען״. נאָענט צו מיר איז געשטאַנען דער רב פון דערעוונע. ער האָט אויפגעהויבן זיין קאָפּ צום הימל און מיט פאַרמאַכטע אויגן שטילערהייט געזאָגט וואָרט ביי וואָרט „וידוי״. איך האָב נאָכגעזאָגט און פאַרענדיקט מיט „שמע ישראל״.

עטלעכע מינוטן זענען אַדורך. מיר האָבן געזען, אַז מיר לעבן נאָך און אויך דער

אויטאָ איז אַוועק. האָבן מיר זיך געשטאַרקט און געשיקט אייניקע אויסצופאָרשן די לאַגע אין לאַגער. אין דרויסן איז געווען רויִק. איין זייט פון לאַגער האָט געברענט, און די דייטשן זענען געווען באַשעפטיקט מיטן לעשן די שריפה. מיר האָבן באַשלאָסן, אַז איצט איז די צייט צו אַנטלויפן. אַלע דאַרפן אַרויס פון סכראָן, בלייבן אויפן בוידעם. דערנאָך, קריכנדיק אויף אַלע פיר, דערנענטערן זיך צו די דראָטן, זיי פונאַנדערשפּרייטן און אַרויס פון לאַגער. ביים אַרויסקריכן פון סכראָן, האָט זיך דער לייטער צעבראָכן און איך האָב געמוזט שווער אַרבעטן, אַרויסצובאַקומען די מענטשן. איך בין געלעגן איבערן טירל און איינציקווייז געשלעפּט די מענטשן פון סכראָן. אין אָוונט זענען מיר שוין אַלע געווען אויסערן לאַגער. אַלע איילן זיך וואָס שנעלער דערווייטערן זיך פון דעם אָרט. איך מיט מיין משפחה קענען ניט אַוועק. מיר מוזן וואַרטן, ביז מיין זון יחיאל וועט צוריק קומען פון לאַגער. ער האָט גענומען אויף זיך מקיים זיין אַ וואָרט, וואָס ער האָט געגעבן צו ראַטעווען אַן אומגליקלעכע פרוי, וועלכע האָט געבעטן מען זאָל זי נישט איבערלאָזן אַליין אין לאַגער. 2 שעה האָבן מיר געוואַרט אין שרעק. זיי האָבן זיך געצויגן ווי דער יידישער גלות — און ווען מיר האָבן אים ענדלעך דערזען, האָבן מיר געוויינט פאַר פרייד און אים געקושט פאַר זיין העלדישן אויפטו...

מלחמתו של בן רוביז׳ביץ׳

יצחק קוסובר / קיבוץ עינת

ב־־22 ליוני 1941, עם פרוץ המלחמה בין גרמניה לרוסיה, שבתי מיד לרוביז׳ביץ׳, לאחר שעבדתי במנסרה באיבניץ. אני ועוד כמה חברים הצטרפנו לקבוצת חיילים רוסיים וניסינו להגיע יחדיו למינסק. בדרך הזהירו אותנו האכרים, שהגרמנים שורצים בכל הדרכים ואם ניתפס — יוציאו אותנו להורג. ברוב יאושנו חזרנו לרוביז׳ביץ׳. בינתיים, הגיעו לעיירה גרמנים והם אירגנו משטרה מקומית מקרב אכרי הסביבה, שהעבידו אותנו קשות ואף התעללו בנו.

ב־1.12.41 כלאו אותנו בגיטו ובכל בית שיכנו 6—5 משפחות כך, שהצפיפות היתה רבה. בראשית שנת 1942 הוציאו מהגיטו 200 צעירים, ואותי בתוכם, והעבירו אותנו למחנה דבורץ, העבידו אותנו בפרך בהעמסת אבנים על קרונות רכבת. החלטנו, מרדכי־משה בקמן, ראובן אושר ואני לברוח חזרה לרוביז׳ביץ׳. לפני חג הפסח ביצענו את הבריחה וחזרנו הביתה.

יום אחד לפני חג השבועות, אספו בגיטו את רוב היהודים ושלחו אותם למחנה דבורץ. את הנשארים חיסלו בדם קר. המצב בדבורץ היה קשה מנשוא. אנשים רבים חלו ואחרים סבלו מתת־תזונה.

ב־28.12.42 הקיפו הגרמנים את המחנה וידענו כי הגיע הקץ. קבוצת נוער מזויינת בנשק, ניסתה לפרוץ את גדר התיל, אך כולם נקטלו ע״י הגרמנים. אני התחבאתי בבונקר של ר׳ ליוטע סגלוביץ וכעבור יומיים ברחנו מהמחנה. אחרי טלטולים רבים וסכנות לא

מעטות חזרתי לרוביז׳ביץ׳, שם פגשתי את מרדכי־משה גראיער. השגנו נשק והתקבלנו לפלוגת הפרטיזנים ע״ש ז׳וקוב.

בקיץ 1943, בקרב בקרבת נליבוק, חוסלה כמעט כל הפלוגה. מרדכי־משה ואני ניצלנו, אך הגורל המר ארב לחברי וכעבור מספר ימים הוא נתפס ע״י הגרמנים ונרצח. עברתי לפלוגת ביילסקי. חזרתי בשנת 1944 לרוביז׳ביץ׳ וגוייסתי מיד לצבא האדום. לחמתי בחזיתות ורשה, פוזנן וברלין ורק בחודש יוני של שנת 1946 שוחררתי מהצבא. ברוביז׳ביץ׳ קשה היה להשאר. כל יום הזכיר לי מחדש את הטרגדיה והעינויים שעבו״ז על משפחתי ובני עירי. קיבלתי היתר יציאה לפולין ומשם עליתי ארצה בשנת 1948.

אונדז איז געלונגען צו אַנטלויפן

רחל בעלקין־סינדער / חיפה

אין 1939 האָב איך געאַרבעט אין וואַרשע אַלס קראַנקן־שוועסטער. איידער די דייטשן זענען אַריין קיין וואַרשע, האָבן זיי די שטאָט שטאַרק באָמבאַרדירט און אַ סך איינוווינער, קריסטן און יידן, האָבן פאַרלאָזן די הויפּט־שטאָט. איך בין געווען פאַרבינדן מיט מיין אַרבעט און געמוזט אַ פּאָר חדשים נאָך דער דייטשער אָקופּאַציע פאַרבלייבן אין וואַרשע. די פרייזן פון פּראָדוקטן זענען שטאַרק געשטיגן, אַ סך משפחות האָבן ממש געהונגערט.

די דייטשן פלעגן מאַכן אָבלאַוועס אויף יידן, זיי שלאָגן, טרייבן אויף אַרבעט און פייניקן. מיר האָבן געלעבט אין שטענדיקן פחד.

עס זענען דעמאָלט געווען אין וואַרשע קריסטן, וועלכע האָבן פאַר אַ גוטער באַלוינונג זיך פאַרנומען מיט אַריבערפירן איבערן בוג אויף דער רוסישער זייט. כ׳האָב זיך פאַרבונדן מיט איינעם פון זיי, אים גוט באַצאָלט, האָט ער מיך, מיט אַנדערע מענטשן, אַריבערגעפירט ביזן בוג. קיין דאָקומענטן האָב איך ניט געהאַט, האָט ער אויף מיר געזאָגט, אַז איך בין אַ קריסטין. ווען עס איז פינצטער געוואָרן, האָבן מיר זיך אַריינגעגנבעט אין אַ דאָרף און זיך באַהאַלטן ביי אַ קריסט אין שטוב. פאַרטאָג, ווען עס איז נאָך געווען זייער פינצטער, האָט מען אונדז אין אַ שיפל אַריבערגעפירט איבערן בוג. ווידער האָבן מיר זיך אויסבאַהאַלטן ביי אַ קריסט ביז אָוונט. דערנאָך זענען מיר אַוועק צו דער נאָענטסטער באַן־סטאַציע און אָנגעקומען קיין סטויפּץ. פון דאָרט — אַ היים, קיין רוביזשעוויטש. דער טאַטע האָט שוין ניט געלעבט. די משפחה האָט ניט געוווסט צי איך לעב און וואָס מיט מיר איז געשען.

איך האָב אָנגעהויבן צו אַרבעטן אין אָרטיקן שפּיטאָל אַלס שוועסטער. אַדמיניס־טראַטאָר פון שפּיטאָל איז געווען לייבל סלאָבאָדקין.

ווען עס איז אויסגעבראָכן די רוסיש־דייטשע קריג, בין איך מיט אַ סך רוביזשע־וויטשער מענער מאָביליזירט געוואָרן. מען האָט אונדז אַוועקגעפירט קיין איוועניץ. דאָרט זענען מיר געווען נאָר איין טאָג. עס האָט זיך אָנגעהויבן די פּאַניק פונעם

אָפּטרעטן פון דער רויטער אַרמיי. מיר האָבן זיך דעריבער צוריקגעקערט קיין רובי־זשעוויטש און ווייטער געאַרבעט אין שפּיטאָל.

טאָג־טעגלעך זענען אָנגעקומען פאַרווונדעטע זעלנער. עס איז ניט געווען קיין פרייע בעטלעך פאַר זיי, אויך קיין מעדיקאַמענטן. ס'איז געווען אַ צער צו קוקן אויף זיי.

אַ מאָל האָט מיך ד"ר הורוויץ אויפגעוועקט אין מיטן דער נאַכט און געבעטן קומען אין שפּיטאָל. מען האָט געברענגט אַ סך שווער פאַרווונדעטע. די נאַכט איז געווען אַ ליכטיקע, די גאַס — פול מיט אָפּטרעטנדיקע זעלנער. זייערע קעפּ זענען געווען טיף געבויגן, שווייגנדע און פאַריאושטע האָבן זיי זיך געצויגן אין רייען, אין דער ריכטונג קיין ראַקאָוו.

ווען די דייטשן זענען אָנגעקומען, האָבן מיר נאָך עטלעכע וואָכן געאַרבעט אין שפּיטאָל. דערנאָך האָבן זיי אַרויסגעפירט די פאַרווונדעטע רויט־אַרמייער. ווו אַהין, האָט קיינער ניט געוווּסט — און אויסגעליידיקט דאָס שפּיטאָל.

אין געטאָ האָב איך געאַרבעט אַלס שוועסטער, האָט מען מיך באַפרייט פון צוואַנגס־אַרבעט. ד"ר הורוויץ האָט געלעבט אויסערן געטאָ.

אין מאַי 1942 האָט מען מיך צוזאַמען מיט נאָך אַ סך אַנדערע יידן אַוועק געשיקט קיין איוועניץ, פון דאָרט — קיין דוואָרעץ.

אין דוואָרעץ זענען געווען עטלעכע דאָקטוירים און שוועסטערס. מיר האָבן איין צימער פאַרוואַנדלט אין אַ שפּיטאָל. פאַרשטייט זיך, קיין מעדיקאַמענטן און בינד־מאַטעריאַלן זענען ניט געווען צו קריגן. אין דעם זעלבן צימער איז געווען אַן אויוון מיט אַ קאָטוך. מיר האָבן אויסגעגראָבן אונטערן צימער אַ בונקער און דער אַריינגאַנג צו אים איז געווען דורכן קאָטוך. אינעם טאָג פון דער שחיטה, האָבן אַ סך מענטשן זיך אָנגעפּאַקט אין דעם בונקער. מיין שוועסטער חיה האָט מיר און מיין שוועסטער שולע געברענגט ברויט אין בונקער אַריין, אָבער בלייבן דאָרט האָט זי ניט געוואָלט — און איז אַוועק מיט שאַשקען און מוליען צום אויטאָ, צו זייער טויט.

די דייטשן האָבן געזוכט דעם בונקער, אָבער ניט געקענט געפונען דעם אַריינגאַנג. מיר האָבן געהערט, ווי זיי שיסן אין צימער די קראַנקע. אין בונקער איז געווען אַ פרוי מיט אַ פּיצל עופהלע, וואָס האָט גענומען וויינען. מען האָט דאָס קינד ניט געקענט באַרויִקן. די דייטשן זענען געווען אין צימער איבער אונדזערע קעפּ, האָט די מוטער ניט געהאַט קיין ברירה און דערשטיקט איר קינד, כדי אונדז ראַטעווען אין בונקער...

אין דער צווייטער נאַכט, ווען ס'איז אויסגעבראָכן די שריפה, בין איך מיט שולען אַנטלאָפן אין פעלד. מיר האָבן ניט געוווּסט ווו צו גיין. מיר זענען צוגעשטאַנען צו אַ גרופּע זשעטלער יידן. זיי האָבן אָבער אונדז אַוועק געטריבן. מיר האָבן דאָך זיך נאָכגעשלעפּט נאָך זיי און אָנגעקומען אין דער לוביטשער פּושטשע, אין אַ משפחה־לאַגער. צום באַדויערן, האָבן אונדז די יידן ניט געוואָלט אויפנעמען. אפילו אָנוואַרעמען זיך ניט געלאָזט אין זייערע בונקערס. איך און שולע האָבן געפונען אַ ליידיקן, האַלב־איינגעפאַלענעם בונקער, און דאָרט געבליבן. ביינאַכט פלעגן מיר גיין אין די אַרומיקע דערפער בעטלען.

אָנהייב זומען זענען די דייטשן איבערגעפאַלן דעם לאַגער. מיר און שולען איז

געלונגען צו אַנטלויפן, אָבער אַ סך יידן זענען דאָן אומגעקומען. מיר האָבן זיך שוין מער ניט אומגעקערט אין וואַלד אַריין, נאָר כסדר געוואַנדערט איבער די דערפער און זיך אויסבאַהאַלטן ביי באַקאַנטע קריסטן — ביז די רויטע אַרמיי האָט באַפרייט די געגנט פון די דייטשן.

בגיטו וביערות

פניה הורביץ־ליכטנשטיין / רמת־גן

עם פרוץ המלחמה בין רוסיה לגרמניה ב־1941, הייתי בברנוביץ׳, שם היה לנו בית משותף עם משפחת ברמן־גולדברג. הגרמנים הפציצו קשות את העיר וביתנו נהרס כליל. החלטנו לחזור אל הורינו, בגריאן, מרחק של כ־80 ק״מ מברנוביץ. יצאנו ברגל, אני, לאה גולדברג וחיה עם ילדיה. בדרך, הבחנו ביחידת צנחנים גרמנית והסתתרנו מהם בתוך הקמה שנערמה בשדות, כשסכנות אורבות לנו על כל צעד ושעל, הגענו לבסוף לדרבנה. רגלינו היו פצועות וכואבות ולא היינו מסוגלות להמשיך ברגל את המרחק הקטן שנותר לנו, כדי להגיע לביתנו. איכר מקומי הסכים להסיענו עד גריאן.

את שמחת הורי, כשראוני, לא ניתן לתאר במלים. אבא ניחם אותנו שהכל יבוא על מקומו בשלום, כי אלוהים בעזרנו. אחי יעקב לא קיבל את ניחומיו של אבא והחליט לא לסמוך על נסים ולצאת לרוסיה. הוא הספיק להגיע ברכיבה על אופניו רק עד רוביז׳ביץ׳ ושמה נודע לו שהגרמנים נמצאים כבר בקוידאנוב ובמינסק והדרך לרוסיה חסומה. הוא חזר הביתה שבור ומדוכא. החלטנו, שבזמנים כאלה מסוכן לשתי משפחות יהודיות להתגורר מבודדות בתוך היער, ועל כן עברנו לדרבנה. מספר ימים לאחר מכן הגיעה לעיירה קבוצת בני־נוער היטלראי, רכובה על אופנועים. הם ערכו חיפושים בכמה מבתי היהודים, אך ביהודים עצמם לא פגעו, והסתלקו כלעומת שבאו. נדמה היה שהסכנה חלפה וחזרנו לגריאן.

כמעט מדי יום ביומו היו הגרמנים באים אלינו מדרבנה ורוביז׳ביץ׳ ולוקחים מאתנו דברי מזון. הגרמנים הובילו אותנו לכל מיני עבודות עבורם. לאחי היה אקדח מפורק ולמרות הסכנה שבדבר הוא לא מסר אותו, כי קיווה שיוכל להשתמש בו, להגנה עצמית.

ב־1.12.41 העבירו אותנו לגיטו רוביז׳ביץ׳. הירשו לנו לקחת מה שנוכל להעמיס על עגלה אחת. נטלנו עמנו מצרכי מזון, כגון: קמח ותפוחי־אדמה וכן חפצים שנוכל להמירם במזון בשעת הצורך. אנו השתרכנו אחרי העגלה כשאנו מותירים אחרינו כל רכושנו בגריאן הפקר.

ברוביז׳ביץ׳ הכניסו אותנו לביתו של נח ברזוביץ. למרות הצפיפות הרבה שם. הקימונו מיטות בנות שתי קומות. המשטרה היתה מוציאה אותנו יום־יום לכל מיני עבודות, אך הידידים שבין האיכרים המקומיים היו דואגים לנו ומביאים מעט מזון עבורנו. אמא חלתה כתוצאה מתת־תזונה כי את מעט המזון שקיבלנו היתה משאירה למעננו. לא פעם הייתי מתגנבת מהגיטו, מחופשת כאיכרה, הולכת לגריאן ומבקשת מהפועלים

שלנו בעבר קצת מזון. כשהתארגנה בגיטו קבוצה בת 25 בחורים, שיצאו ליער כדי להקים גרעין של יחידה פרטיזנית, הצטרף אליהם אחי יעקב, אך הנסיון לא עלה יפה, והם שבו לאחר זמן קצר לגיטו.

המשטרה הבילורוסית התנהגה אתנו יותר גרוע מהגרמנים עצמם. הם היכו והתעללו בכל יהודי הגיטו. במשלוח הראשון מגיטו רוביז'ביץ' לנובוגרודק ודבורץ נמצאו בין השאר גם אחי יעקב ואחותי שולמית. אני הסתתרתי ולא הופעתי למסדר, כי לא רציתי להשאיר את הורי לבדם. הורי התחננו כי אלך, כיוון שידעו מה צפוי לנשארים...

בינתיים הורע מצבה של אמי ואחרי השתדלויות ותחינות, הצלחנו להעבירה לבית־החולים וניתנה לי רשות להשאר לידה. עבדתי ועזרתי שם לאחיות, כדי שאוכל להיות בקרבתה. כעבור מספר ימים, באחד הערבים, נפטרה אמי. בלילה לא יכולתי לחזור לגיטו ולא גיליתי לאף אחד את דבר מותה של אמי. שכבתי לידה כל הלילה, כשאני ממררת בבכי.

בבוקר הלכתי לגיטו והודעתי לאבי על פטירת אמי. חזרתי לביה"ח, ובעזרת כמה יהודים, העברתי את אמי לקבורה. שבוע לאחר מכן הקיפו הגרמנים את הגיטו ואנו הסקנו מכך כי הקץ קרוב. אבי הכין מקום־סתר במרתף של ברזוביץ וציווה עלינו לשכב בשקט, מבלי להוציא הגה. דודתי פסיה ומספר נשים מקוידנוב הסתתרו עמנו במרתף. בבוקר שמענו כיצד אוספים ומובילים את היהודים אל דרכם האחרונה דרך רחוב קוידנוב. הם חלפו ליד המקלט שלנו ולאחר מכן שמענו את הדי היריות שחיסלו אותם. שכבנו דוממים כשאנו נחנקים מבכי. לאחר מכן שמענו כיצד מזיזים את הרהיטים בביתו של ברזוביץ ואשה אחת שהסתתרה עמנו, לא יכלה להבליג יותר, הזיזה את האבנים שחסמו את פתח הבונקר ויצאה החוצה. זינקתי אחריה, כדי לעצור בעדה ומפאת החשיכה ששררה בבונקר, סבר אבי כי אף אני יצאתי, והוא יצא לחפשני. הוא הגיע עד הגשר כשתפשוהו השוטרים יחד עם עוד כמה יהודים ורצחוהו.

ישבנו בבונקר עד שהחשיך ואז עברנו דרך החצרות, עקפנו את העיירה והמשכנו לגריאן. מחשבה אחת מילאה את מוחי — למצוא פרטיזנים, להצטרף אליהם ולנקום! לנקום את הירצחו של אבא, את יסוריה ומותה של אמא ואת דמם של בני עמי. הייתי מאובנת כולי כשרגש הנקמה כמעט והעבירני על דעתי.

בגריאן הסתיר אותנו אחד הפועלים שלנו, שלקביץ שמו. באותו זמן הגיע לגריאן אחי עם שני בחורים שברחו מגיטו נובוגרודק והחליטו להשיג כאן נשק ולארגן בריחה המונית מגיטו נובוגרודק. החלטנו לצאת ליער ולחפש את הפרטיזנים. בלילות היינו חוזרים כדי להצטייד במזון ויוצאים שנית עם שחר. פעם פגשנו אצל שלקביץ את הירשל שקלוט ואת לאה, אברהם ונחמן ברמן שהצליחו להמלט מהשחיטה השניה בנובוגרודק. הם בישרונו על מותה של אחותי שולמית בת ה־16, שניספתה בשחיטה הראשונה. היא היתה ילדה שקטה וצייתנית, טובת־לב, צחקנית וחביבה על הכל.

שוב יצאנו ליער ללא נשק. ביום הסתתרנו בביצות ובלילה שוטטנו ביער. לבסוף נפגשנו עם קבוצה קטנה של פרטיזנים רוסיים שהסכימו לספחנו אליהם. הלכנו אתם לבסיס פלוגתם שנמצא בסביבות מינסק. בהגיענו לכפר נוביקי, עלינו על מארב שערכו משתפי־הפעולה הפולניים. נפתחה עלינו אש מקלעים חזקה ואחי יעקב נהרג במקום. אנו הצלחנו לסגת והגענו לגדוד הפרטיזנים ע"ש צ'קאלוב, שבסביבות מינסק. כעבור

זמן מה, בהיותי בפעולה בסביבות נוביקי, סיפרו לי האיכרים כי הם קברו את אחי לא רחוק מהכפר רוסקי ובלילה הובילה אותי איכרה אחת לקברו. שכבתי שם כל הלילה ולא יכולתי להיפרד מעליו, סירבתי להאמין כי אחי יעקב, מלא חדוות־חיים — איננו עוד.

החיים בגדוד היו קשים ומלאי סכנות וחוויות כאחד. אני מצידי, עשיתי ככל אשר יכולתי להשיב לצוררינו כגמולם. לאחר שחרור הסביבה, הגעתי לוולוז׳ין ולאיבניץ. שם עבדתי כפקידה בצרכניה.

בשנת 1944, ביום א׳ של פסח, עליתי על הרכבת בסטולפצי וכנתינת פולין עברתי ללודז׳, שם התארגנה קבוצה לעליה לארץ. בקבוצה היו 9 בנים ו־3 בנות. פגשתי שם את אושמן, א. ויינר מנליבוקי ואת ישראל ברזובסקי מלידה. חצינו את הגבול האוסטרי, הגענו לאיטליה ובעליה ב׳ — ב־27.6.46 הגענו לארץ ישראל. נתפסנו ע״י הבריטים והיינו עצורים במשך חודש ימים במחנה עתלית — עד ששוחררנו.

שנים רבות חלפו מאז, אך את משפחתי, את בית הורי ואת יהודי העיירה לא אוכל לשכוח ולא אוכל למחול למרצחיהם לעולם.

יהי זכרם ברוך!

איך בין געווען אַ קריגס-געפאַנגענער

שמעון סעגאַלאָוויטש / נחניה

אין מערץ 1939 בין איך אַוועק אין פוילישן מיליטער. איך האָב געמיינט, אַז נאָכן אָפּדינען די עטלעכע יאָר, וועל איך זיך צוריקקערן אַ היים, אין מיין שטעטעלע רוביזשעוויטש. די ערשטע 3 חדשים בין איך געשטאַנען מיט מיין אָפּטיילונג אין פּאָמערן, נישט ווייט פון גדאַנסק. שפּעטער האָט מען אונדז איבערגעפירט צו דער דייטשער גרענעץ. געווען קלאַנגען, אַז עס דערנענטערט זיך אַ קריג מיט דייטשלאַנד. מען האָט טאַקע אָנגעהויבן באַפעסטיקן די גרענעץ, גראָבן אָקאָפּעס, מיליטער האָט געשטראָמט, אַלע הכנות זענען געמאַכט געוואָרן.

פרייטיק פאַרטאָג, דעם 1טן סעפּטעמבער 1939, האָב איך מיט מיין קאָמפּאַניע פאַרנומען אונדזער פּאָזיציע אויף דער ערשטער ליניע פון פראָנט. אַ גאַנצן טאָג איז אָנגעגאַנגען אַ שטאַרקע שיסעריי, שראַפּנעלן זענען געפלויגן פון אַלע זייטן. איך בין געווען באַשעפטיקט מיטן אויספירן טריי די באַפעלן פון מיין אָפיציר און נישט געטראַכט וועגן זיך.

ביים ענדע טאָג איז אונדזער מאַיאָר געפאַלן. אַ צווייטער האָט איבערגענומען די קאָמאַנדע און באַפוילן אָפּטרעטן צו דער צווייטער ליניע.

18 טעג האָבן מיר געקעמפט — און געהאַלטן אין איין אָפּטרעטן. איך בין געווען אָנגעלאָדן מיט אַ שווערן רוקזאַק מיט קוילן, אין פּאַס — פאַרשטעקטע גראַנאַטן. איך האָב זיך געזעצט אַ ביסל אָפּרוען. פּלוצלינג האָב איך דערהערט אַ שטאַרקן קנאַל. אַ שראַפּנעל האָט עקספּלאָדירט נישט ווייט פון מיר. איך האָב געשפּירט אַ שרעקלעכע

היץ, אָבער מיר איז גאָרנישט געשען. ערשט שפּעטער האָב איך באַמערקט, אַז מיין רוקזאַק איז דורכגעשאָסן, דער באַגנעט פון מיין ביקס צעבויגן. ווען די קויל פאַלט אַ ביסל נידעריקער, וואָלט איך זיך אויפגעריסן מיט מיינע גראַנאַטן.

אין סאָכאַטשעוו, 50 קלמ. פון וואַרשע, בין איך מיט מיין קאָמפּאַניע אַריינגעפאַלן אין געפענגעניש. די דייטשן האָבן אונדז באַזוכט, צוגענומען דאָס געווער. מאַרשירנדיק עטלעכע טעג צופוס, זענען מיר אָנגעקומען אין אַ שטעטל קעמפּנע, נישט ווייט פון פּאָמערן. דאָ האָט מען אונדז איינגעשפּאַרט אין אַ סטאָדאָלע, באַוואַכט פון דייטשיש מיליטער. יעדן טאָג האָבן אונדז באַוואָפנטע זעלנער אַרויסגעפירט אויף אַרבעט צו בויען שאָסייען. מיין אַרבעט איז באַשטאַנען אין גיסן סמאָלע אויפן שאָסיי, וועלכער האָט געפירט פון דייטשלאַנד דורכן פּוילישן קאָרידאָר. ביי דעם בין איך געווען באַשעפטיקט 5 וואָכן — און מיין שרעק אַלס ייד איז געוואָקסן פון טאָג צו טאָג.

פון דאָרט האָט מען אונדז איבערגעפירט מיט צוג קיין אָבערשלעזיען, אין אַ לאַגער פון קריגס־געפאַנגענע אין לאַמפּדאָף. דעם זעלבן טאָג האָט מען אונדז געפירט אין באָד, ווו מיר האָבן באַקומען איינשפּריצונגען קעגן פאַרשידענע קראַנקייטן. דערנאָך האָט מען אונדז איינגעטיילט אין גרופּן פון 20 אָדער 40 מאַן — אַלע פעיִקע צו לאַנדווירטשאַפטלעכער אַרבעט.

באַלד איז געקומען אַ דייטש מיט אַ פּנים פון אַ מערדער און באַפוילן, אַז אַלע יידן זאָלן אַרויסטרעטן פון די רייען.

מיין האַרץ האָט געציטערט פאַר שרעק. איך האָב פאַרלוירן די פעיִקייט צו טראַכטן. מיט מיר האָט זיך געפונען נאָך אַ ייד פון האָראָדישטש, מיטן נאָמען מענאַקער. עס זענען אויך געווען עטלעכע פּוילישע זעלנער פון מיין געגנט. זיי האָבן מיך אָנגעכאַפּט פאַר דער האַנט און געהייסן בלייבן מיט זיי, אַלס קריסט.

אין פאַרלויף פון עטלעכע חדשים בין איך געווען באַשעפטיקט ביי פעלד־אַרבעט. דערנאָך — ביי אַ פּויער אין נאָענטן דאָרף. אַזוי האָט מען מיך טאָג־טעגלעך געפירט גאַנץ פרי צו דער אַרבעט, און אין אָוונט — צוריק אין לאַגער.

אין דעם לאַגער פלעגן אָפט צוקומען נייע קריגס־געפאַנגענע. פון זיי האָבן מיר באַקומען ידיעות פון דרויסן. זיי האָבן דערציילט, אַז יידישע געפאַנגענע האָבן מזל, מען האָט זיי באַפרייט אַ דאַנק אַמעריקאַנער געלט, בעת מיר, פּאָליאַקן, דאַרפן זיך וואַלגערן אין געפענגענשאַפט. דאָס האָט זיך מיר נישט געלאָזט גלויבן. איך האָב ווייטער פאָרגעזעצט מיין אַרבעט, נישט געוואָלט זיך אויסגעבן אַלס ייד, הגם מיין ווילן צו קומען אַ היים איז געווען שטאַרק.

איך האָב זיך באַראַטן מיט מיין חבר מענאַקער — און ביידע האָבן באַשלאָסן צו אַנטדעקן אונדזער אָפּשטאַמונג. ווען דער דייטשער וואַך־פּאָסטן איז געקומען גאַנץ פרי אונדז אַרויספירן צו דער אַרבעט, האָבן מיר זיי דערקלערט, אַז מיר זענען יידן. דאָס האָט שרעקלעך געווירקט אויפן דייטש. ער איז אָפּגעשפּרונגען עטלעכע טריט אויף צוריק און געשריגן: „ווי אַזוי איז דאָס מעגלעך? די יידן איז דאָך פאַרבאָטן אַרויס־צופירן אויף אַרבעט?"

אונדז האָט מען באַלד פאַרשפּאַרט אין אַ באַזונדער צימער. אין אָוונט האָט מען אונדז צוריק געפירט אין לאַגער אין לאַמפּדאָף.

אין לאַגער האָבן מיר געטראָפן 600 יידן, וועלכע האָבן געדאַרפט אין אייניקע טעג שפּעטער פאָרן קיין פּוילן. אַ געוויסע גרופּע יידן, וועלכע זענען געווען פון רוסישן געביט, זענען געבליבן אין לאַגער. זייער מצב איז נישט געווען קלאָר. איך מיט מענאַקערן האָבן אויך געהערט צו דער גרופּע און מיט שרעק און שפּאַנונג דערוואַרט וואָס וועט זיין.

צווישן אונדז איז געווען אַן עלטערער ייד. ער האָט געקענט דייטש און אין נאָמען פון אונדזער גרופּע געשריבן צום אַרבעטס־אַמט אין לאַגער, אַז מיר זענען קוואַליפיצירטע פאַכלייט און בעטן אונדז צוטיילן צו אַרבעט.

עטלעכע טעג שפּעטער האָט אונדז אַ דייטש געמאָלדן, אַז מיר וועלן אַרויסגעשיקט אויף „קאָמענדע" און דערביי געראָטן, אַז אויפן נייעם אַרבעטס־פּלאַץ זאָלן מיר זיך נישט אויסגעבן אַלס יידן. דאָס וועט זיין בעסער פאַר אונדז. עטלעכע טעג שפּעטער האָט מען אונדז אַלע פאַרשריבן אין אַרבעטס־אַמט, און דערביי האָט דער דייטש אונדז געוואָרנט מיט די ווערטער: „איר זייט אַלע יידן, אויב איר וועט שלעכט אַרבעטן, וועט מיט אייך פּאַסירן דאָס זעלבע ווי מיט אייערע קאַמעראַדן".

זיינע ווערטער האָבן מיר ניט פאַרשטאַנען. ערשט שפּעטער האָבן מיר זיך דערוווּסט וואָס עס האָט פּאַסירט מיט 360 יידישע געפאַנגענע פון אונדזער געגנט (רוסישער געביט). די דייטשן האָבן זיי איבערגעגעבן צו די אוקראַינישע פּאָליציי (די „שוואַרצע מאַנטלען" האָט מען זיי גערופן) און אויפן וועג פון לובלין קיין ביאַלע־פּאָדלאַסק, האָבן די אוקראַינער זיי אַלעמען דערשאָסן.

אויפן נייעם פּלאַץ האָבן מיר פלייסיק געאַרבעט. דער אָבערמייסטער האָט אונדז גערימט און באַפוילן פאַרבעסערן אונדזער עסן.

מיר האָבן דאָרט געאַרבעט ביז ראש־השנה 1940. שפּעטער האָט מען מיך מיט נאָך אַ גרופּע פון 40 יידן אַריבערגעפירט קיין קעניגסבערג. מיר זענען דאָ געווען מיט נאָך יידישע קריגס־געפאַנגענע, אין אַ באַזונדערן לאַגער. יעדער נאַכט פלעגן די פּוילישע קריגס־געפאַנגענע מיט די דייטשע וואַכלייט אונדז באַפאַלן, אַוועק נעמען אַלץ וואָס מיר האָבן געהאַט: עסן, זייגערלעך, שטיוול, מאַנטלען, וועש. אויב עס האָט זיך ווער קעגנגעשטעלט — איז ער שטאַרק צעשלאָגן געוואָרן.

שמחת תורה 1940 האָט מען אונדז אַרויס געפירט קיין פּוילן.

אויף דער סטאַציע אין ביאַלע־פּאָדלאַסק האָט מען אונדז אויסגעשטעלט צו 5 אין דער ריי און די דייטשן האָבן אונדז איבערגעגעבן צו די אוקראַנישע פּאָליציאַנטן. זיי האָבן באַלד אָנגעהויבן אונדז פייניקן און שלאָגן. דעם גאַנצן וועג פון דער באַן ביז דער שטאָט, 5 קילאָמעטער, האָבן זיי אונדז געיאָגט און מערדערלעך געשלאָגן. ענדלעך זענען מיר אָנגעקומען צו אַ ריזיקן טויער מיט אַן אויפשריפט מיט גרויסע אותיות: „יודען־לאַגער". מיר האָבן שוין פאַרשטאַנען, אַז די פריערדיקע רעכט אַלס קריגס־געפאַנגענע זענען ביי אונדז צוגענומען געוואָרן, אַז אונדזער לעבן איז אין געפאַר.

אין דעם לאַגער האָב איך זיך געמאַטערט ביז פּורים 1941. מיר האָבן געליטן קעלט, הונגער און טיפוס־קראַנקייטן. פון 1,200 יידן, זענען איבערגעבליבן בלויז אַ 400 — און דאָס במשך פון קנאַפּע 5 חדשים. נאָר אייניקע איז געלונגען צו אַנטלויפן. דער גרעסטער טייל איז איבערגעשיקט געוואָרן אין טויט־לאַגערן, דערשאָסן געוואָרן אויפן

אָרט, געשטאָרבן פון הונגער און טיפוס. איך בין אויך געלעגן 5 וואָכן מיט הויכע היץ. ווער האָט דען געטראַכט וועגן לעבן? עד היום ווייס איך ניט, ווי אַזוי איך בין געזונט געוואָרן. איך האָב קוים געשלעפּט די פיס. איך האָב געבעטן מען זאָל מיך שיקן אויף אַרבעט, ווייל אין דרויסן האָבן מיר געבעטלט ביי יעדן אַ שטיקל ברויט און מיט דעם דערהאַלטן די כוחות. דער טאָג ווען איך האָב געאַרבעט, פלעגט זיין ביי מיר אַ יום־טוב. דאָס פלעגט מיך קרעפטיקן און מיר אַריינגעבן האָפענונג, אַז מיר וועלן אַלץ אַריבער־טראָגן — ביז עס וועט קומען די ישועה.

עטלעכע וואָכן פאַר פסח האָט מען מיך צוזאַמען מיט אַ גרופּע יידן געברענגט אין אַן אַנדערן לאַגער אין קאָנסקע־וואָליע. דאָרט האָבן מיר געגראָבן אָקאָפּעס און געבויט פעסטונגען (צום קאַמף מיט רוסלאַנד, אַזוי האָבן מיר געשמועסט צווישן זיך).

ווען די דייטשן האָבן געמאַכט דעם איבערפאַל אויף רוסלאַנד, בין איך מיט נאָך עטלעכע יידן אַנטלאָפן פון לאַגער. טעג און נעכט האָבן מיר זיך געשלעפּט איבער פעלדער און וועלדער, ביז מיר זענען אָנגעקומען צו אַ פעטער פון איינעם פון אונדזער חברה. זיין פעטער איז געווען גוט באַקאַנט צווישן די אָרטיקע קריסטן. אַ דאַנק אים האָבן מיר געקריגן אַרבעט ביי אַ גוט־באַזיצער. מיר האָבן געאַרבעט נאָר פאַרן עסן.

פון די אָרטיקע קריסטן האָב איך זיך דערוווּסט, אַז אין איניקע טעג וועט מען אַלע יידן אַרויספירן אין אַ געטאָ אין אַן אַנדער אָרט. איך האָב זיך באַראַטן מיט מיין חברה וועגן מאַכן פליטה. נאָר איינער איז צוגעשטאַנען צו מיין פּלאַן. ביינאַכט זענען מיר אַנטלאָפן צוריק קיין קאָנסקע־וואָליע. מיין חבר האָט גוט געקענט די געגנט. איז אונדז געלונגען צו בלייבן אַרבעטן ביי די קריסטן אין פעלד אַ גאַנצן זומער. איך בין געווען אָנגעטאָן ווי אַ פּויער, פאַרלאַטעטע קליידער, באָרוועס, מיט אַ רויטן פּנים, אָפּגעברענט פון דער זון. טאָג־טעגלעך זענען פאַרביי געפאָרן דייטשע זעלנער און פּאָליציי און זעענדיק מיך ביי דער פעלד־אַרבעט, מיין אויסזען און מיינע קליידער, האָבן זיי זיך אַפילו ניט געקענט פאָרשטעלן, אַז איך בין אַ ייד.

אַ געוויסן אָוונט איז צו מיר געקומען דער סאָלטיס פון דאָרף און געזאָגט: „שימעק, צי אָפּ. דייטשן זענען געקומען, זיי זוכן יידן און פּאַרטיזאַנער". איך בין אַוועק צו אַן אַלטיטשקן קריסט, וועלכער האָט מיך גוט געקענט. ער האָט נישט לאַנג געטראַכט, אַריינגעפירט מיך אין סטאָדאָלע און געהייסן אַרויפקריכן אויף דעם היי, האַרט אונטערן דאַך. כ'האָב זיך דאָרט כמעט דערשטיקט. כדי צו אָטעמען, האָב איך מיט די הענט אויפגעריסן די שטרוי פון דאַך און געכאַפּט פרישע לופט.

איך בין דאָרט געלעגן, געהערט ווי די דייטשן זענען געקומען און געפרעגט דעם קריסט מיט שפּאַס: „נו, ווו זענען די באַהאַלטענע פּאַרטיזאַנער?" זיי האָבן מיט ווידלעס געשטאָכן אין היי, קוים האָט זיך דאָרט ווער באַהאַלטן. איך בין געלעגן מיט שרעק און איינגעהאַלטן דעם אָטעם. זיי האָבן מיך ניט געזען. דער קריסט האָט רויִק אָפּגעענט־פערט: „כ'האָב קיינעם ניט באַהאַלטן". ניט געפונענדיק גאָרנישט, האָבן זיי צום קריסט געזאָגט: „אויב אַזוי, זיי אונדז מכבד מיט וואָדקאַ". ער האָט זיי אַרויסגעפירט פון דער סטאָדאָלע און איינגעלאַדן אין שטוב טרינקען.

די טאָכטער איז געקומען צו לויפן אין סטאָדאָלע מיט אַ געשריי: „שימעק, האָב רחמנות אויף אונדז, אַנטלויף! וועלן זיי דיך געפונען, וועלן זיי אונדז אַלע אומ־

ברענגען". כ'האָב זיך ביי איר געבעטן זי זאָל ניט שרייען, אָבער זי איז אַריין אין אַ היסטעריע און שרייט. כ'האָב ניט געהאַט קיין ברירה, אַראָפּגעשפּרונגען אויף דער ערד, גענומען לויפן צום וואַלד, ווו כ'האָב זיך באַהאַלטן, ביז עס איז געוואָרן פינצטער. דערנאָך האָב איך זיך אַריינגעגנבעט צום קריסט, ווו איך האָב געאַרבעט. ער איז געווען זייער דערשראָקן, געגעבן מיר צו פאַרשטיין, אַז כל זמן די דייטשן זענען אין דאָרף, קען ער מיך נישט האַלטן ביי זיך.

איך האָב באַשלאָסן זיך צוריקקערן אין לאַגער. אַריין דאָרט איז געווען לייכט. אָבער צומאָרגנס האָט מען אונדז אַלע אַוועק געפירט אין אַ קאָנצענטראַציע לאַגער נעבן לובלין. דאָרט איז געווען אַ גיהנום. 2 מאָל בין איך געשטאַנען צום שיסן. הונגער, קעלט און קלעפּ איז געווען אַ געוויינלעכע זאַך אין דעם לאַגער. די דראָטן אַרום דעם לאַגער זענען געווען עלעקטריזירט, די וואַך אַ שטאַרקע, אַזוי אַז ס'איז אוממעגלעך געווען צו אַנטלויפן.

דריי יאָר בין איך געווען אין דעם לאַגער. דעם 7טן יולי 1944 האָט מען אונדז אַריבערגעפירט קיין ווייעליטשקע, אין די אונטערערדישע זאַלץ־גרובנס. נאָך עטלעכע חדשים האָט מען אונדז ווידער געפירט קיין לייצמאַריץ, אין סודעטן־געביט. דאָרט האָבן זיך אויך געפונען פּוילישע און רוסישע קריגס־געפאַנגענע. פון זיי האָבן מיר, די יידישע קריגס־געפאַנגענע, געליטן מער צרות ווי פון די דייטשן. מען האָט אונדז אויסגעטאָן נאַקעט, יעדן יידישן געפאַנגענעם אָנגעשריבן אויפן שטערן אַ לויף נומער. עטלעכע טעג זענען מיר אַזוי אַרומגעגאַנגען און געשלאָפן אָן קליידער. דערנאָך האָט מען אונדז אַריבערגעפירט קיין דאכאו. פון אונדזער גרופּע, וועלכע האָט געציילט 1,200 געפאַנגענע, זענען נאָך אַ קורצע צייט געבליבן 360 מאַן. די רעשט זענען דערשאָסן געוואָרן אָדער געשטאָרבן פון הונגער און קרענק. אונדז, די איבערגעבליבענע, האָט מען איבערגעפירט קיין לאַונבערג, ביי שטוטגאַרט. מיר זענען דאָרט געווען געצוווּנגען צו אַרבעטן אין דער „מעסערשמידט"־פאַבריק. געלעבט אין פחד, נאָר אויך אין פרייד, ווייל יעדער ווײלע, טאָג און נאַכט, פלעגן אָנפליען אַמעריקאַנער עראָפּלאַנען און באָמבאַרדירן די פאַבריק און די געגנט.

דאָרט האָבן מיר זיך דערוואַרט די ישועה, ווען די אַמעריקאַנער אַרמיי האָט אונדז באַפרייט.

נאָכן באַפרייען זיך פון לאַגער, האָב איך צו מיין גרויסער פרייד, אָפּגעפונען אין דייטשלאַנד, אויפן וועג קיין ישראל, מיינע עלטערן און ברידער און שוועסטער. נאָר מיין שוועסטער חנה־ליבע און מיין ברודער אברהמל זענען אומגעקומען פון די נאַצישע רוצחים. צוגלייך מיט דער שמחה, איז גרויס געווען מיין טרויער, דערוויסנדיק זיך וועגן זייער טויט.

אַזוי צוזאַמען איז אונדזער משפחה אָנגעקומען קיין ישראל צו אַ נייעם לעבן. איך האָב דאָ חתונה געהאַט, האָב אַ פרוי און צוויי קינדערלעך — און גאָט זאָל זיי אויסהיטן פון די צרות און אוממענטשלעכע יסורים, וואָס איך האָב אַדורכגעלעבט; ער זאָל אויסהיטן מיין פאָלק און די גאַנצע מענטשהייט פון אַ צוריקקער צו יענער תקופה, ווען מערדער האָבן געהערשט און אומגעבראַכט אומשולדיקע מענטשן.

פון דער חרובֿער רוביזשעוויטש — ביזן שטורעמען בערלין


בנימין רייכלסאָן / עכו

איך, מיינע עלטערן, צוויי שוועסטער און אַ ברודער, האָבן זיך געפונען אין דוואָרעצער לאַגער. דאָרט האָט מיר אַ קריסט פאָרגעשלאָגן, אַז איך זאָל ביי אים דרעשן תבואה. יעדן אין דער פרי, פלעג איך נאָכן אַרויסגיין מיט מיין בריגאַדע פון לאַגער, זיך אָוועקגנבֿענען צום קריסט. פאַר מיין אַרבעט ביי אים פלעגט ער מיר געבן 4 ק״ג קאַרטאָפל יעדן טאָג. מיט דעם האָב איך אויסגעהיטן מיין משפחה פון אַ הונגער־טויט.

דעם 27.12.42, אַ זייגער 11 פאַרמיטאָג, האָט מיר דער קריסט געברענגט עסן אין שייער און געזאָגט: „עס שנעל און אַנטלויף, ווייל דער לאַגער איז אַרומגערינגלט פון דייטשן. קריסטן זענען געשיקט געוואָרן צו גראָבן פאַר אייך גריבער״...

איך בין געלאָפן דורך פעלדער, אָנגעקומען צו מיין בריגאַדע און זיי דערציילט וואָס איך האָב געהערט. אָבער זיי האָבן ניט געוואָלט גלויבן.

דערווייל איז אָנגעקומען פּאָליציי און געהייסן אַלעמען זיך צוריקקערן אין לאַגער, ווייל מען פירט אונדז איבער אין אַ צווייטן, בעסערן לאַגער. בלויז איך און נאָך צוויי רוביזשעוויטשער יידן האָבן זיך באַהאַלטן אין פעלד. פון דער ווייטנס האָבן



פגישה בברלין אחרי כיבושה בין בנימין ריכלסון (המחבר) ומיכאל זבילביץ׳ ז״ל.
אַ באַגעגעניש אין בערלין נאָכן דעראָבערן די שטאָט, צווישן בנימין רייכלסאָן (מחבר פון די זכרונות) און מיכאל זאווילעוויטש ז״ל.

מיר געזען, ווי מען פירט אַרויס אין אויטאָס די יידן פון לאַגער — און אין אַ 20 מינוט שפּעטער האָבן מיר געהערט אַ שיסעריי פון מאַשין־געווער און פאַרשטאַנען, אַז דאָס איז דער סוף פון די אַרויסגעפירטע יידן.

ווען ס'איז פינצטער געוואָרן, האָבן מיר זיך דערווייטערט פון לאַגער און אויפן וועג אָנגעטראָפן נאָך יידן. צוזאַמען זענען מיר געווען אַ 20 מאַן. מיר זענען געגאַנגען אַ גאַנצע נאַכט. אין אַ דאָרף האָבן מיר זיך אָנגעגעבן אַלס פּאַרטיזאַנער, האָט מען אונדז געגעבן עסן...

ווען עס האָט געגומען טאָגן, האָבן מיר זיך באַהאַלטן אין אַ וואַלד. דער פראָסט האָט געברענט, מיר האָבן זיך קוים דערוואַרט עס זאָל פינצטער ווערן און באַשלאָסן צוריק גיין קיין דוואָרעץ, אפשר וועלן מיר דאָרט טרעפן וועמען פון אונדזערע משפחות.

אין דאָרף אוזשיראַן, אַ 5 קילאָמעטער פון דוואָרעץ, האָב איך צו מיין פרייד אָנגעטראָפן שטעטישע יידן, וועלכע האָבן זיך אויסבאַהאַלטן אין אַ בונקער. זיי איז געלונגען צו אַנטלויפן פון לאַגער. צווישן זיי איז אויך געווען מיין פרוי חייה־ריווע.

מיר, די רוביזשעוויטשער, האָבן באַשלאָסן צו גיין אין דער ריכטונג פון שטעטל. בייטאָג פלעגן מיר זיך אויסבאַהאַלטן און ביינאַכט גיין. ענדלעך זענען מיר אָנגעקומען קיין רוביזשעוויטש. געווען דאָרט עטלעכע טעג, ביז עס זענען אונדז באַפאַלן „פּאַרטיזאַנער" און צוגענומען אַלע ווערטפולע זאַכן, ווי: פעלצן, שטיוול, זייגערלעך. איך מיט חייה־ריווע האָבן מער ניט געוואָלט בלייבן אין שטעטל און זענען אַוועק צו באַקאַנטע קריסטן אין אַ כוטאָר.

דעם 1.5.43, האָבן מיר אָנגעטראָפן פּאַרטיזאַנער פון אָטריאַד א. נ. פון קוטוזאָוו. מיר האָבן זיי אָנגעגעבן נעמען פון רוביזשעוויטשער קריסטן, וועלכע האָבן מיטגעאַרבעט מיט די דייטשן, ווי: ראַהאָזע, ראַמייקע און בריטשקע. די פּאַרטיזאַנער האָבן ביי זיי צוגענומען פיל זאַכן, תבואה און לעבעדיקן אינווענטאַר און זיי צעטיילט צווישן די אָרעמע קריסטן פון שטעטל און צווישן די יידן, וועלכע האָבן זיך אויסבאַהאַלטן אין די אַרומיקע וועלדער.

סוף זומער זענען מיר אָנגעקומען אין ביעלסקיס משפּחה־לאַגער און דאָרט געווען ביז דער באַפרייונג, אין יולי 1944.

נאָך דער באַפרייונג בין איך מאָביליזירט געוואָרן אין דער רויטער אַרמיי און צוגעטיילט געוואָרן אַלס שאָפער אין אַן אָפּטיילונג פון דער שווערער אַרטילעריע אין פויזנער געגנט. די קאַמפן זענען געווען פאַרביטערטע, אָבער די רויטע אַרמיי איז געגאַנגען פאָרויס. די גאַנצע דייטשע באַפעלקערונג איז אַנטלאָפן. ביי פראַנקפורט אַן אָדער האָבן די דייטשן געמאַכט זייער לעצטע אָנשטרענגונג און ווידערשטאַנד פאַר בערלין. ערשט נאָכן איבערגיין דעם טייך אָדער, האָבן מיר אָנגעטראָפן די דייטשע ציווילע באַפעלקערונג. אַלע וועגן זענען געווען פאַרפלייצט מיט זיי. דערשראָקענע, פאַריאושטע, צעבראָכענע און הונגעריקע, אַ סך קראַנקע, קינדער און אַלטע — האָבן זיך געשלעפּט אויף וועגעלעך און צופוס. מיר זענען געווען געצוווּנגען צו פאָרן אויף דער לינקער זייט פון שאָסיי, ווייל די רעכטע זייט איז געווען פאַרפלייצט מיט די אַנטלויפנדיקע דייטשן.

דעם 25.4.45 זענען מיר געשטאַנען 14 ק"מ פון בערלין און זיך געגרייט צום

לעצטן אַנגריף. אונדזער גענעראַל האָט צונויפגעזאַמלט די גאַנצע דיוויזיע און געהאַלטן אַ קורצע רעדע. ער האָט פאַרענדיקט מיט די ווערטער:

— ווער וועט זיך נוקם זיין פאַר אייערע משפחות, וועלכע זענען פאַרפייניקט געוואָרן דורך די היטלעריסטן? איר אַליין! נאָר איר! ביי אייך אין די הענט איז דאָ געווער, די רעכט און מעגלעכקייטן. הרגעט, ברענט און פאַרניכטעט דעם שונא פון דער מענטשהייט!!

מיט די ווערטער האָט ער געהויבן די מאָראַל פון די פאַרמאַטערטע זעלנער. אין יענער נאַכט האָבן מיר שוין קיין אויג ניט צוגעטאָן, געלעגן אין שפּאַנונג און מיט אָנשטרענגונג געוואַרט אויפן אָנהייב פון דער אַטאַקע.

דעם 26.4.45 פּאַרטאָג, 4 אַ זייגער, האָבן הינטער אונדז זיך אָנגעצונדן אומצאָליקע שטאַרקע רעפלעקטאָרן, וועלכע האָבן פאַרבלענדט די אויגן פון שונא. ס'האָט זיך אָנגעהויבן דאָס באָמבאַרדירן פון בערלין. 4 שעה, ביז 8 אין דער פרי, האָט זיך געצויגן די באָמבאַרדירונג אָן אויפהער. דערנאָך האָבן מיר זיך געלאָזט שטורעמען די שטאָט. אַלע גאַסן זענען געווען פאַרבאַריקאַדירט. די דייטשן פלעגן שיסן פון די הייזער און זיך געשלאָגן ביי יעדער באַריקאַדע. וואָס נענטער צום רייכסטאַג, איז זייער ווידערשטאַנד געווען שטאַרקער. די ציווילע באַפעלקערונג איז געלעגן אין די קעלערן, אין די פענצטערס האָבן געהאָנגען ווייסע פענער. אַ סך דייטשן האָבן זיך פאַרפעסטיקט אין די טונעלן פון דער אונטערערדישער באַן, וווּ עס זענען פאָרגעקומען שווערע קאַמפן.

דעם ערשטן מאַי 1945 האָט בערלין קאַפּיטולירט. מיר זענען געשטאַנען 1,5 קילאָמעטער פון רייכסטאַג. צווישן אונדז האָט אויסגעבראָכן אַ גוואַלדיקע שמחה. מיר האָבן זיך געקושט, געזונגען און ... געטרונקען.

דעם 9טן מאַי האָט דייטשלאַנד קאַפּיטולירט אויף אַלע פראָנטן. אין בערלין איז געווען אַ הונגער, עס האָט געפעלט וואַסער צום טרינקען. דעם 11.5.45 האָבן מיר אונדזער ראַיאָן איבערגעגעבן די פראַנצויזן און אַוועק קיין מאַגדעבורג, ביי דער עלבע. דער טייך איז געווען פאַרפולט מיט דייטשע שיפן, שיפלעך און באַרזשעס, אָנגעלאָדענע מיט דייטשיש גוטס. מען האָט געקענט אַדורך דעם טייך — פון שיף צו שיף.

דעם 21טן מאַי האָט מען מיך צוריק געשיקט קיין בערלין, אַלס שאָפער פון אַדמיראַל אפאנאַסיעוו, וועלכער איז געווען דער רוסישער פאַרשטייערביים צעטיילן דעם דייטשן פלאָט צווישן די פיר גרויסמאַכטן. דאָ האָב איך צופעליק געטראָפן מיין קוזין מיכאל זבילעוויטש — און אונדזער שמחה איז געווען גרויס.

דעם 1.7.46 בין איך באַפרייט געוואָרן פון דער אַרמיי און זיך צוריק געקערט אַ היים. אויף יעדער באַן־סטאַציע האָט מען אונדז באַגעגנט מיט מוזיק און מתנות. אָבער ווען מיר זענען אַריבערגעפאָרן דעם בוג, האָט זיך די שטימונג געענדערט. אויף די באַן־סטאַציעס זענען געזעסן צענדליקער קריגס־אינוואַלידן און געבעטן נדבות. מיט יעדער סטאַציע האָט זיך זייער צאָל פאַרמערט — און מיר האָבן שוין ניט געהאַט וואָס זיי צו געבן. די סאָלדאַטן אין די וואַגאָנען זענען געוואָרן פאַרביטערט. „פריער

האָט מען אונדז געדאַרפט", — האָבן זיי געזאָגט. — „איצט זענען מיר הפקר — בעטלער"...

אין רוביזשעוויטש האָב איך געפונען עטלעכע יידישע משפחות (די מערהייט איז שוין געווען אויפן וועג קיין ארץ־ישראל). די קריסטן האָבן אונדז זייער וואַרעם אויפגענומען. יעדן אָוונט בין איך מיט מיין חייה־ריווע געווען פאַרבעטן צו אַ צווייטן קריסט.

עטלעכע חדשים האָב איך געאַרבעט אין „סעלפאָ". אָבער איך האָב זיך געפילט דאָ פרעמד און איבעריק. און דערפאַר באַשלאָסן ווידער צו נעמען דעם וואַנדער־שטעקן אין האַנט.

דעם 27.12.46 בין איך מיט נאָך אַכט יידישע משפחות אַוועק קיין פוילן, פון דאָרט, דורך בראַטיסלאַווע — קיין עסטרייך, ווו איך בין געווען אַנדערטהאַלבן יאָר און געאַרבעט אַלס שאָפער אין „דזשאָינט". דעם 16.10.48 זענען מיר אָנגעקומען קיין ארץ־ישראל. איך בין גלייך מאָביליזירט געוואָרן אין צה"ל. דערנאָך באַקומען אַ וווינונג אין עכו, ווו איך אַרבעט און לעב מיט מיין פרוי און צוויי זין (דער עלטערער איז געבוירן אין רוביזשעוויטש) און אַ טאָכטער.

איך האָב געזאַמלט געווער...

שמעון שוסטער / תל־אביב

פסח 1947, אין דער עסטרייכישער שטאָט לינץ. אַ שיינע שטאָט — אָבער ניט פאַר מיר. געבליבן פון דעם גרויסן חורבן אַן עלנטער, אָן עלטערן און שוועסטער־ברידער — דריי איך זיך אַרום אויף די ציכטיקע גאַסן — און זוך אַ פריינד, אַ נאָענטן מענטשן, פאַר וועמען אַראָפריידן זיך פונעם האַרץ, וואָס איז אָנגעפילט מיט ליידן און שרעקלעכע איבערלעבונגען בעת דער היטלער־אָקופאַציע, ווען איך בין נאָך אַ קינד געווען. די באַלעבטע און באַווינטע שטאָט האָט ניט פאַר מיר קיין פריינד — ווערסט דו, דאָס שטיקל פאַפיר, זיין דער, פאַר וועמען כ'וועל דערציילן מיין אומגליק און דעם אומקום פון מיינע טייערסטע. האָב געדולד, פאַפיר, נעם אַלץ אויף, כדי זאָלסט עס דערנאָך איבערגעבן פון דור צו דור...

ווילסט אוודאי וויסן וועגן מיר און מיין אָפשטאַם. ערשט מיט 2 יאָר צוריק בין איך דאָך געווען אויסערן געזעץ, אַ געיאָגטע חיה, פאַרמשפט צום טויט, מיט וועלכן כ'האָב לאַנגע און שווערע חדשים זיך געראַנגלט. געלאָפן איבער פעלדער און וועלדער, געוואָלט אויסמיידן די עקזעקוציע. אויף מיין פאָלק איז אַרויס געטראָגן געוואָרן אַ טויט־אורטייל, קיין זכר טאָר ניט פון אים בלייבן. און די וועלט האָט געשוויגן, קיין איינע פון די גרויסמאַכטן האָט זיך ניט געאיילט צו ראַטעווען די אומגליקלעכע יידן. מיר זענען געוואָרן אויסגעליפערט דעם אייגענעם גורל.

נעם־זשע אויף מיין פריינד די דערציילונג וועגן אונטערגאַנג פון מיין פאַרצווייגטער פאַמיליע.

פון מיין גאַנצער משפחה, האָב איך אַליין זיך געראַטעוועט. מיינע ברידער און שוועסטער, לייבע, ישראל, משה און חיה־פריידל, האָט מען פאַרשלעפּט אין דוואָרעצער לאַגער און דאָרט זענען זיי אומגעקומען. מיין מוטער און די שוועסטער סאָניע מיט אירע דריי קינדערלעך — חנה, חיה, זעלדע, האָט מען עטלעכע טעג נאָך דער שחיטה אין רוביזשעוויטש, אַנטדעקט אין אַ קעלער, געבראַכט אויפן בית־הקברות און דאָרט זענען זיי דערשאָסן געוואָרן דורך אונדזער קריסטלעכן שכן סטאַש ראמייקע. ער האָט זיך פרייוויליק געמאָלדן צו העלפן די דייטשן אויסמאָרדן די יידן. אין 1943 האָב איך אים דערשאָסן — און אַזוי ארום נוקם געווען פאַרן פאַרגאָסענעם יידישן בלוט. מיין ברודער לייזער האָבן די היטלער־מערדער געבראַכט קיין טרעבלינקע, אַלס פּוילישן קריגס־געפאַנגענעם און פאַרברענט אין קרעמאַטאָריע. מיין ברודער מרדכי איז געפאַלן אַלס זעלנער אין דער רויטער אַרמיי, אין די ערשטע טעג פון קריג צווישן רוסלאַנד און דייטשלאַנד. מיין עלטסטער ברודער האָט פאַר דער מלחמה געוווינט אין קודאַנאָוו. אין יאָר 1939 האָט אים די נ. ק. וו. ד. אַרעסטירט אין מיטן נאַכט — און מיר האָבן פון אים מער ניט געהערט. ער האָט איבערגעלאָזט אַ פרוי מיט צוויי קליינע קינדער, וועלכע זענען אומגעקומען דורך די דייטשן אין יאָר 1942.

ווען די דייטשן זענען צו אונדז אַריין, בין איך אַלט געווען 16 יאָר. זיי האָבן מיך פון רוביזשעוויטש פאַרשלעפּט אין פאַרשידענע געטאָס: איוועניץ, באָוואָגרודעק און אנד. צום סוף בין איך אַריינגעפאַלן אין אַרבעטס־לאַגער אין דוואָרעץ.

אין רוביזשעוויטש האָבן די דייטשן מיך גענומען אויף אַרבעט אין דער פאָווּשעכ־נער שול. דאָרט זענען איינגעשטאַנען אַ גרופּע דייטשן, וועלכע האָבן געזאַמלט די טראָפייען פון דער רויטער אַרמיי. מיין אַרבעט איז געווען אָנצולאָדן די אויטאָס מיט די טראָפייען. ביי דער אַרבעט איז מיר אַריינגעפאַלן אין האַנט אַ קליינער רעוואָלווער מיט קוילן — און מיר איז געלונגען אים צו באַהאַלטן אין קעשענע. די אויטאָס מיט טראָפייען זענען אַוועק קיין איוועניץ. איך האָב געפילט, אַז אַלע מיינע איברים שטאַרבן אָפּ פון שרעק. דערווייל האָב איך באַקומען פון דיזשורנעם דייטש אַ באַפעל צו רייניקן דעם אויטאָמאַט פון זיין עלטסטן. ער האָט מיר געבראַכט אַ שטיקל ברויט מיט פּוטער. זעט אויס, ער האָט געזען מיין בלייכן פּנים און אויף מיר רחמנות געהאַט. די מינוטן, ווען דער דייטש האָט זיך צוריק געקערט פון איוועניץ, האָט מיך אין גאַנצן דערשיטערט. מיר האָט זיך געדוכט, אַז ער האָט אַנטדעקט די גניבה.

צוזאַמען מיט מיר האָבן געאַרבעט נאָך ניין יידישע ייִנגלעך, און אָט וועלן מיר זיין די ערשטע קרבנות אין רוביזשעוויטש. ווען איך האָב באַמערקט אַז דער דעזשורנער דייטש דערנענטערט זיך צו מיר, האָב איך מיט אַלע כוחות געפּרוּווט דערשטיקן מיין פחד.

איך האָב געענדיקט פּוצן דעם אויטאָמאַט, די אַרבעט איז אים געפעלן געוואָרן. האָט ער מיך באַפרייט און געלאָזט אַ היים. מיין פרייד איז געווען גרויס. איך טראָג ביי זיך אַ רעוואָלווער, כ׳וועל האָבן מיט וואָס צו קעמפן פאַר מיין לעבן.

אין געטאָ זענען מיר געווען בשכנות מיט חיים־זעליגן און ליבע־העניע. אין הויז

האָט זיך געפונען אַ גרויסער קעלער, ווו כ׳האָב געמאַכט אַ באַהעלטעניש פאַרן געווער וואָס איך האָב פלאַנירט צו שאַפן, כדי זיך גרייטן צום קאַמף, ווען די צייט וועט קומען. מיט אונדז האָט געוווינט אַ קוידאַנאָווער בחור, יעקב ריבאַק. אים איז געלונגען צו שאַפן נאָך אַ רעוואָלווער, וועלכן ר׳האָט געקויפט פאַר זיינע שטיוול. דערנאָך זענען צוגעקומען נאָך 2 ביקסן. מיר האָבן אָרגאַניזירט אַ גרעסערע גרופּע, געמאַכט מיליטערישע איבונגען אין אַשיפּאָוויצער וואַלד. צוליב אומפאָרזיכטיקייט, איז אונדזער קאָמאַנדיר יעקב ריבאַק דערשאָסן געוואָרן דורך איינעם פון דער גרופּע. דער אומגליקס־פאַל האָט צונישט געמאַכט אונדזער פלאַן. נידערגעשלאָגענע, האָבן מיר זיך צוריק געקערט פון וואַלד.

אין געטאָ האָבן איינציקע מענטשן געוווסט, אַז איך האָב אַ רעוואָלווער, און זיי האָבן געמיינט, אַז דאָס קען אויף אַלעמען ברענגען אַן אומגליק. זיי האָבן אוודאי געטראַכט, אַז איך בין נאָך אַ קינד, אַז דער רעוואָלווער איז נאָר אַ שפּילצייג. איך אָבער האָב אין דעם געזען מיין רעטונג, מיין מלאך הגואל. הלוואי וואָלטן אַלע יידן אַזוי פאַרשטאַנען — און נישט געלאָזט זיך אָפּנאַרן דורך די מערדער. איין ייד האָט קאַטעגאָריש געפאָדערט, איך זאָל דעם רעוואָלווער אַוועקגעבן אַ יידישן פּאָליציאַנט. ער האָט מיך נאָך מכבד געווען מיט אַ פּאָר פייערדיקע פּעטש פאַר מיינע קינדערישע מעשים. אָבער מיך האָט קיין זאַך ניט איבערגעשראָקן — און דער רעוואָלווער איז געבליבן ביי מיר.

נישט לאַנג האָט געדויערט מיין זיין אין רובּיזשעוויטשער געטאָ. די דייטשן האָבן מיך געכאַפּט און צוזאַמען מיט נאָך 150 יונגע מענטשן, אַוועקגעפירט אין איוועניצער געטאָ. נאָך 2 וואָכן — אין נאָוואָגרודקער געטאָ. זייער אוממענטשלעך באַהאַנדלען אונדז, האָט אָנגעזאָגט אַ שנעלן סוף. נאָך עטלעכע טעג, האָב איך געטראָפן מיין יונגערן ברודער משה און בין מיט אים אַנטלאָפן פון אַרבעטס־פּלאַץ אין נאָענטן וועלדל, און פון דאָרט — אין דוואָרעצער לאַגער. דאָ האָבן מיר געהאָפט צו געפינען אונדזערע שטעטישע, כדי צו אָרגאַניזירן אַ גרופּע, וועלכע זאָל פון לאַגער אַוועק אין וואַלד און קעמפן ווי פּאַרטיזאַנער. איך האָב זיך באַמיט צו פאַרשפּרייטן דעם פּלאַן צווישן אייגענע חברה, אָבער קיין קאָנקרעטע באַשלוסן זענען ניט אָנגענומען געוואָרן. מען האָט כסדר אָפּגעלייגט די פאַרווירקלעכונג.

פּלוצלינג זענען אָנגעקומען קיין דוואָרעץ פיל דייטשן. מיר האָבן פאַרשטאַנען, אַז זיי זענען געקומען אונדז ליקווידירן. איך, משה ליפשיץ, מאָניע גוריאָן, ניאָמע רודיצקי און אַנד., האָבן דורכגעריסן די דראָטן פון לאַגער און אַנטלאָפן אין דער ריכטונג פון וואַלד. דאָ האָבן מיר באַשלאָסן צו גיין אין די רובּיזשעוויטשער וועלדער און אויסגראָבן דאָס געווער, וואָס מיר האָבן דאָרט באַהאַלטן. צום באַדויערן, האָבן מיר דאָס געווער ניט געפונען. מיר זענען אויך געוווויר געוואָרן, אַז די דייטשן האָבן פאַרלאָזט דוואָרעץ, אַז דאָרט האָט גאָרנישט פּאַסירט. דערפאַר האָבן מיר באַשלאָסן זיך צוריק צו קערן.

דער באַזוך אין רובּיזשעוויטש האָט דאָך געהאַט אַ נוצן. מיר איז געלונגען צו באַקומען פון יאשקע טריזנעס אַ רעוואָלווער מיט 19 קוילן. מיר האָבן געהאַט נאָך

פון פריער 2 ביקסן מיט 90 קוילן, וועלכע מיר האָבן מיטגענומען בעתן אַנטלויפן פון דוואָרעץ.

דער וועג צוריק קיין דוואָרעץ האָט געדויערט 3 טעג און 3 נעכט. בייטאָג זענען מיר געלעגן אין וואַלד, ביינאַכט זענען מיר געגאַנגען. די לעצטע נאַכט איז געווען זייער אַ פינצטערע, האָבן מיר פאַרלוירן די ריכטונג פון אונדזער מאַרשרוט. דערווייל האָט יוסף געפאָדערט, אַז איך זאָל אים אַוועקגעבן מיין רעוואָלווער. ער איז געווען אַ ביסל אָנגעשיכורט (פון צרות האָט מען אַמאָל געמאַכט אַ כוסה, מען זאָל זיך אַ ביסל פאַרגעסן). איך האָב ניט געוואָלט מאַכן קיין טומל אין וועג — אין אים געגעבן דעם רעוואָלווער. ניט לאַנג האָט געדויערט און ס׳האָט זיך דערהערט אַ שאָס. דערשראָקענע און פאַרביטערטע זענען מיר זיך צעלאָפן פון דעם אָרט, כדי די דייטשן זאָלן אונדז ניט כאַפּן. צום גליק, האָט קיינער ניט געהערט און ס׳האָט גאָרנישט פּאַסירט. מיר זענען צוריק אין דוואָרעץ, אָבער מיין רעוואָלווער איז געבליבן ביי יוספן.

✶

זייפעלדין, עסטרייך. יוני 1947

נאָך פיל וואַנדערונגען פון איין פליטים־לאַגער אין אַנדערן, בין איך אָנגעקומען קיין זייפעלדין. מיין האַרץ איז פול מיט ליידן און בענקשאַפט נאָך די אומגעבראַכטע שוועסטער און ברידער. איך בין בסך־הכל 23 יאָר אַלט — און פיל אַזאַ עלנט און איינזאַמקייט. כ׳וואָלט איצט ווי אַ קליין קינד, גערן זיך אויסגעוויינט פאַר דער מאַמען, אפשר וואָלט מיר לייכטער געוואָרן אויף דער נשמה. ווער וועט מיטפילן מיין ביטער האַרץ?

איך בין שוין דאָ 2 וואָכן, אָבער אַלץ איז מיר פרעמד און דערווידער. מיין איינציקער פריינד איז דאָך דאָס שטיקל פּאַפּיר — וועל איך פאַר דיר פאַרזעצן מיין דערציילונג.

אין דוואָרעץ האָט מיין פּלאַן ניט געהאַט קיין דערפאָלג ביי דער יוגנט. דאָך איז מיר געלונגען אין דעצעמבער 1942, עטלעכע טעג פאַר דער שחיטה, צו אַנטלויפן צוזאַמען מיט אַ גרופּע פון 9 פּערזאָן. אויפן וועג קיין רוביזשעוויטש, 14 קילאָמעטער פון דוואָרעץ, אין דאָרף זאַפּאַליע, האָט אונדז באַגעגנט אַ גרופּע פּאַרטיזאַנער. איינער פון אונדז האָט אויסגעשריגן: „ראַטעוועט זיך, אַנטלויפט!" מיר זענען זיך צעלאָפן, אָבער דאָך האָט עס אונדז געקאָסט איין קרבן. די פּאַרטיזאַנער האָבן געכאַפּט יעקב פישקינען און אים דערשאָסן אין דאָרף. דער שרעקלעכער פאַל, אַז יידיש לעבן איז הפקר אַפילו ביי די פּאַרטיזאַנער, האָט אונדז געצוווּנגען זיך אומצוקערן קיין דוואָרעץ.

✶

אויגוסט 1947. מילאַנאָ, איטאַליע.

מיינע געדאַנקען ציען זיך נאָך ארץ־ישראל. דאָרט וועל איך אָנהייבן אַ ניי לעבן. 9 חדשים זענען שוין פאַריבער זינט איך האָב פאַרלאָזט די חרובע רוביזשעוויטש, וווּ עס איז פאַרשניטן געוואָרן אַ דורות־לאַנגער יידישער לעבן. ווי אַ וואַגאַבונד שלעפּ איך זיך אַרום איבער אייניקע איראָפּעישע לענדער. הונגעריק, אָפּגעריסן, אָן געלט.

ווי נעבעכדיק איך זע אויס אין מיין אָפּגעטראָגענעם מונדיר פון דער רוסישער אַרמיי, אין דער שיינער איטאַליענישער שטאָט.

אַ שווערן וועג דורכגעמאַכט ביז כ'האָב זיך דערשלאָגן אַהער. אין אינסבורג, עסטרייך, אַפילו פאַרזוכט דעם טעם פון תפיסה. פאַר וואָס — ווייס איך נישט. אַ דאַנק דעם „דזשאָינט" בין איך באַפרייט געוואָרן.

נעם־זשע אויף מיין פריינד די ווייטערדיקע דערציילונג, ווי אַזוי איך בין געקומען אַהער:

ווען איך בין צוריק געקומען קיין דוואָרעץ, און נאָך דעם ווי מיין רעוואָלווער איז געבליבן ביי יוספן, האָב איך נאָך געהאַט 2 ביקסן מיט קוילן. איך האָב זיי באַגראָבן אין וואַלד, נישט ווייט פון דוואָרעץ, גוט באַצייכנט און פאַרגעדענקט דאָס אָרט, כדי זיי צו קענען געפינען אין אַ נויט. איך האָב געוווינט צוזאַמען מיט חיים דאַנישעווסקי פון איוועניץ. מיט אים בין איך אַוועק פון לאַגער זוכן אַ שטיקל ברויט ביי זיינע באַקאַנטע קריסטן, אין נאָענטן דאָרף. דאָ האָבן מיר זיך דערוווּסט, אַז די דייטשן האָבן אַלע יידן צוריק געבראַכט פון די אַרבעטס־פּלעצער און פון די פעלדער — אין לאַגער אַריין. מיר האָבן פאַרשטאַנען, אַז מען דאַרף וואָס שנעלער אַנטלויפן. איך האָב חיימען דערציילט, אַז איך האָב 2 ביקסן, אַז מיר וועלן האָבן מיט וואָס זיך צו פאַרטיידיקן קעגן די מערדער.

מיר האָבן זיך צוריק געצויגן אין וואַלד. דאָ האָבן מיר שוין באַגעגנט עטלעכע יידן, אַנטלאָפענע פון דוואָרעץ. מיר האָבן פאַרשטאַנען, אַז מיר טאָרן ניט בלייבן נאָענט פון דוואָרעץ. איז מען געלאָפן ווייטער. אויפן וועג האָבן מיר באַגעגנט ישראל קעסלער פון נאַליבאָק און יקותיאל (קסיל) קיוואָוויטש. מיר האָבן זיי דערציילט, אַז מיר גייען אויסגראָבן 2 ביקסן וואָס ליגן באַהאַלטן אין וואַלד. „גוט, — האָט קעסלער געזאָגט. — מיט די ביקסן וועל איך אייך מיטנעמען אין מיין פּאַרטיזאַנער־אָפּטיילונג". חיים דאַנישעווסקי איז געבליבן מיט קעסלערן וואַרטן אין וואַלד און איך בין מיט קיוואָוויטשן אַוועק ברענגען די ביקסן.

די ביקסן האָב איך ניט געפונען — און קיוואָוויטש האָט מיך באַשולדיקט, אַז איך האָב פשוט אָפּגענאַרט. ער האָט געוואָלט צוריק גיין צו קעסלערן. אָן די ביקסן האָב איך ניט געהאַט ווו צו גיין. מיר איז געווען שרעקלעך צו בלייבן איינער אַליין אין וואַלד, דערצו אָן געווער. איך האָב אָנגעכאַפּט קיוואָוויטשן פאַר די קליידער, אים געבעטן וואַרטן, איך וועל גיין נאָך אַ מאָל זוכן די ביקסן. ביינאַכט איז אָנגעפאַלן אַ שניי, ס'איז געוואָרן ליכטיקער. לסוף איז מיר געלונגען צו אַנטדעקן דעם באַהאַל־טענעם אוצר, איך האָב די ביקסן געפונען. ביידע, איך און יקותיאל, האָבן ווי קליינע קינדער געוויינט פאַר פרייד. מיר זענען שנעל אַריבער דאָס אָזירינער בריקל. דאָ האָבן אונדז דייטשן באַמערקט און באַשאָסן. אונדז איז קוים געלונגען צו אַנטלויפן.

ווען מיר זענען געקומען אויפן פּלאַץ, ווו מיר האָבן זיך געדאַרפט טרעפן מיט קעסלערן, האָבן מיר אים ניט געטראָפן. אויך חיים דאַנישעווסקי איז ניט געווען. מיר האָבן אין וואַלד געטראָפן עלקע פּישקין, איטשע־בערל שימאַנאָוויטש און אנד. צוזאַמען האָבן מיר זיך געלאָזט גיין אין דער ריכטונג פון רוביזשעוויטש. צוליב דעם אָנגעפאַלענעם שניי, האָבן מיר געבלאָנדזשעט. מיר זענען געבליבן שטיין אין וואַלד,

נישט ווייסנדיק ווו וווהין צו גיין. פאַרטאָג האָבן מיר געהערט העגער קרייען, האָבן מיר פאַרשטאַנען, אַז מיר זענען נאָענט פון אַ דאָרף. איך מיט איטשע־בערלען האָבן זיך געלאָזט צום דאָרף. מיך האָט מען געשיקט פאָרויס, ווייל איך בין געווען שרעקלעך אויסגעדאַרט, אין צעריסענע קליידער, אַרומגעוויקלט די פיס מיט שמאַטעס. מיין אויסזען האָט דערוועקט רחמנות ביי די פויערים.

אין דאָרף האָב איך זיך דערוווסט וועגן דער שחיטה אין דוואָרעץ, אויך ווו מיר געפינען זיך. מיר האָבן אין דאָרף באַקומען אַ ביסל שפייז, דערנאָך זיך פאַרשטעקט אין וואַלד, ביז ס׳איז געוואָרן פינצטער. ביינאַכט האָבן מיר זיך געלאָזט אין דער ריכטונג פון רוביזשעוויטש. ניט ווייט פון קארעלעץ, האָב איך באַקומען הויכע היץ. מיר זענען געווען געצוווּנגען צו בלייבן עטלעכע טעג אין אַ כוטאָר. מיר זענען געווען אַ גרופּע פון פינף מאַן. די קריסטן האָבן אונדז גוט באַהאַנדלט, געגעבן עסן און באַזאָרגט מיט ערטער צום שלאָפן. צווישן זיי איז געווען איין קריסטין, וועלכע האָט גערעדט יידיש און זי האָט באַדויערט אונדזער גורל.

נאָך עטלעכע טעג, בין איך געזונט געוואָרן, און מיר זענען אַוועק קיין רוביזשעוויטש. דאָ האָבן מיר געטראָפן נאָך רוביזשעוויטשער, וועלכע האָבן זיך געראַטעוועט פון דער שחיטה אין דוואָרעצער לאַגער.

אונטערגאַנג פון אַ יידישער קהילה

שייקע אַשעראָוויטש ז״ל בני־ברק

1

נאָכן אַריינמאַרש פון דער רויטער אַרמיי קיין רוביזשעוויטש, אין סעפּטעמבער 1939, איז מיין עלטסטער ברודער מאיר אשעראָוויטש באַשטימט געוואָרן דורך דער נייער מאַכט אַלס קאָמענדאַנט פון שטעטל און לייבל סלאָבאָדקין — זיין געהילף. שפּעטער, ווען ס׳איז אויסגעוויילט געוואָרן אַ „סעל־סאָוויעט” (דאָרפישער ראַט), האָט מען מאירן דערווייטערט פון זיין אַמט, באַשולדיקט אים אַלס „בורזשוי”, אַפילו אים אַרעסטירט אויף אַ געוויסער צייט. נאָכן באַפרייען אים, איז ער מיט דער משפחה אַוועק קיין באַראַנאָוויטש.

מיטן אויסברוך פון דייטשיש־סאָוויעטישן קריג דעם 22־טן יוני 1941, איז באַראַנאָוויטש געוואָרן באָמבאַרדירט און מאיר מיט זיין פאַמיליע האָבן זיך אומגעקערט קיין רוביזשעוויטש. ווען די דייטשן זענען אַריין אין אונדזער שטעטל, האָבן מאיר און זיין הויזגעזינד ווידער זיך געלאָזט קיין באַראַנאָוויטש — און דאָרט אומגעקומען מיט אַ גרופּע יידן, וועלכע האָבן באַשלאָסן צו פאַרלאָזן דאָס געטאָ און אַוועק אין וואַלד. אין דער נאַכט ווען זיי האָבן באַדאַרפט אַרויסגיין פון געטאָ, האָבן זיי די דייטשע רוצחים געכאַפּט און דערהרגעט.

די דייטשן האָבן ביסלעכוויז אָנגעהויבן איינשטעלן זייער הערשאַפט אין רובי־

זשעוויטש. אַ געוויסן טאָג האָבן צען דייטשן זיך אַריינגעשטעלט אין מיין וווינונג און געמאָלדן, אַז זיי וועלן זיך דאָ אויפהאַלטן אַ שטיקל צייט. זייער אונטעראָפיציר, אַן עלטערער דייטש, האָט זיך געוועגדעט קיין מינסק און געבעטן פאַפּירן פאַר מיר און מאָטל קאָסעווער, ווי פאַר „נויטווענדיקע יידן", כדי מיר זאָלן ניט זיין אויסגעשטעלט אויף די אַלע צרות ווי אַנדערע. אויך די איינקוואַטירטע דייטשן האָבן זיך צו אונדז גוט באַצויגן, געגעבן די קינדער נאַשוואַרג און עסן. אין די אָוונטן איז דער עלטערער דייטש געזעסן מיט אונדז און זיך אויסגעטענהט, באַדויערט די לאַגע פון די יידן, געשאָלטן די מלחמה און... מיט התלהבות געלייענט די רעדעס פונעם „פירער", געלויבט און געגלויבט היטלערן.

די ערשטע וואָכן זינט די דייטשן זענען אַריין אין שטעטל, איז געווען ניט שלעכט. די פּאָליציי האָט ניט גערויבט און געשלאָגן און אין אונדזערע הערצער האָט זיך פאַרגנבעט אַ האָפענונג: אפשר וועט מען אַזוי איבערלעבן די קריג?

2

אין געטאָ האָב איך געוווינט אין איצקע פריידע־יענטעס דירה. שבועות 1942, ווען מיר האָבן זיך אומגעקערט פון דער צוואַנגס־אַרבעט, זענען אויפן מאַרק געשטאַנען אויסגעשטעלט אונדזערע פרויען און קינדער — דערשראָקענע און צעטומלטע. די אָרטיקע קריסטן האָבן געלאַכט און געחוזקט פון די אומגליקלעכע יידן, זייער אַן אַקאָרדיאָן האָט אויסגעשפּילט פריילעכע לידער. אַ צעשראָקענער הונט, אויף וועמענס קאָפּ און רוקן עס זענען געווען צוגעבונדן אַ פּאָר תפילין, איז געלאָפן הין־און־צוריק. אַ קריסט איז צו מיר צוגעקומען און האַלב־ערנסט, האַלב־שפּאַסיק געפרעגט, אָנווייזנדיק אויפן הונט: „נו, ווו איז אייער גאָט?!" איך האָב געשוויגן. וואָס איז געווען צו ענטפערן?

עס האָט זיך אָנגעהויבן דער גירוש קיין איוועניץ. דער אַקאָרדיאָן האָט געשפּילט, די דייטשן זענען געריטן אויף פערד און געפאָדערט פון די מיט פעק באַלאָדענע און דערשלאָגענע יידן מיטהאַלטן דעם שנעלן טעמפּאָ פון מאַרש. ווער עס האָט דאָס ניט געקענט באַווייזן, איז דערשאָסן געוואָרן אויפן אָרט. אַזוי זענען דעמאָלט אומגעקומען, צווישן אַנדערע: נח זבילעוויטש, כיענע קאַלמאַנאָוויטש, גרשון מאַניכעס, ראַשקע צאָפּין פון קאַמיען, יעקב רייכלין (ביילקע דינעס אַ זון). מען האָט אונדז געטריבן צופוס 25 קילאָמעטער. דער וועג איז געווען פאַרזייט מיט די טויטע קערפּערס און מיט פאַרשידענע זאַכן, פון וועלכע מ'האָט זיך באַפרייט אַליין, כדי דאָס גיין זאָל זיין גרינגער.

אין איוועניץ האָט מען אונדז אַריינגעטריבן אין קאָשאַרן — און באַלד אַוועקגענומען די קינדער. די רוצחים האָבן פאַרזיכערט, אַז די קינדער ביז 10 יאָר וועלן זיי אָפּשיקן מיט פורן, דערווייל זאָל מען זיי לאָזן אין די קאָשאַרן. אַ סך עלטערן האָבן שוין ניט געגלייבט די מערדערס און פּרובירט נעמען מיט זיך אַ טייל קינדער. חיים שימאָנאָוויטש פון נאַליבאָק האָט זיין איין־יאָריק קינד אַריינגעלייגט אין רוקזאַק — און דאָס עופלע האָט ניט געוויינט, אַפילו ווען אַ דייטש האָט מיט אַ שטעקן געקלאַפּט אינעם רוקזאַק, כדי זיך איבערצייגן צי דאָרט זענען פאַראַן בלויז זאַכן... אויך פייגע גוריאָן האָט געראַטעוועט אירע צוויי מיידעלעך.

מיין רעיה איז אַלט געווען 10 יאָר און לילי — 7 יאָר. האָבן ביידע זיך געשטעלט אויף די שפּיץ פינגער, כדי אויסזען העכער. ס'האָט אָפּגעגליקט — און מען האָט זיי אַדורכגעלאָזט. אכזריותדיק איז אָבער געווען דער גורל צו יענע מאַמעס, וועלכע האָבן געהאַט זויגלינגען און גאָר פּיצלעך קינדער. די דייטשע וואַנדאַלן און זייערע העלפערס האָבן מיט רציחה און ברוטאַלקייט געריסן די קינדער פון די מאַמעס הענט, געטויט זיי אויפן אָרט מיטן צעקלאַפּן די קעפּלעך אין וואַנט... און די זון האָט געשיינט, קיין דונערן און בליצן האָבן זיך ניט אַראָפּ געלאָזט פון לויטערן הימל צו באַשטראָפן די מערדערס, די מיט בלוט באַפלעקטע און מיט קינדערישע מוחלעך באַשפּריצטע וואַנט איז ניט איינגעפאַלן...

3

מיר ווערן ווייטער געטריבן אין מאַרש, לאָזנדיק הינטער זיך טויטע קינדער אין דרויסן און לעבעדיקע — אין די קאָשאַרן, ניט וויסנדיק וואָס זיי און אונדז דערוואַרט. ביז נאַליבאָק האָבן די קינדער אַלץ געטאָן, כדי מיטלויפן און מיטהאַלטן מיט די דערוואַקסענע. אַ פּאָליציאַנט האָט אַרויפגעזעצט אויף אַ וואָגן מיין לילין. האָט דאָס דערזען אַ דייטש און זי אַראָפּ געטריבן. איבער אַ שעה צייט איז דאָס קינד געלאָפן, ביז זי האָט אונדז דעריאָגט.

אין נאַליבאָק האָט מען אונדז פאַרשפּאַרט אין אַ שטאַל. די פּאָליציאַנטן פון דער אָרטיקער קריסטלעכער באַפעלקערונג האָבן אונדז פאַרקויפט וואַסער פאַר געלט. ווען אַן עלטערער דייטשער זעלנער האָט דאָס דערזען, האָט ער אָנגעשריען אויף די פּאָליציאַנטן און באַפוילן אַרויסלאָזן פון שטאַל, כדי פריי און אומגעשטערט צו לעשן דעם דורשט.

מען טרייבט שוין ווידער... דאָס מאָל — קיין דוואָרעץ, דורך לובטש און נאָוואָ־גרודעק. אין דוואָרעצער לאַגער איז די ענגשאַפט אומגעהויער גרויס, די אַרבעט — אַ שווערע, און עסן — אַ מינימום שבמינימום. אונדזער גליק איז געווען, וואָס מייןביילען איז געלונגען אָפּט זיך אַרויס צו גנבענען פון לאַגער אין די אַרומיקע דערפער, נייען דאָרט פאַר די פּויערים און דערפאַר באַקומען אַ ביסל פּראָדוקטן.

מאָנטיק, דעם 28טן דעצעמבער 1942, ווען איך בין פאַרטאָג אַרויס אויפן הויף, האָב איך געזען ווי דער לאַגער איז אַרומגערינגלט מיט באַוואָפנטע דייטשן. ניט אַנדערש — ס'איז געקומען דער סוף. אויפן פּלאַץ איז געשטאַנען דער לאַגער־עלטסטער, אַן אינזשיניער, געסטאַפּאָווצעס און דער יודענראַט. עטלעכע יונגעלייט, צווישן זיי די רוביזשעוויטשער בחורים: איסר בעקמאַן (אלי דעם קצבס זון), משה פונט, ניומע, מלכה בנימין־יעקבס אַ זון, האָבן צוגערופן דעם פאָרזיצער פון יודענראַט, נאָוויק, און געבעטן, אַז די ראַט־מיטגלידער און ער זאָלן זיך אָפּרוקן פון די דייטשן, ווייל זיי ווילן אויף זיי וואַרפן אַ גראַנאַט און אין דער בהלה זאָלן די יידן קענען אַנטלויפן. נאָוויק האָט געבעטן די בחורים גאָרניט טאָן, אפשר וועט נאָך געלונגען אָפּצושרייען די גזירה, עס איז דאָ אַ האָפענונג אָפּצושטויסן די שחיטה. ווען עס איז געפאַלן דער באַפעל איינצושטייגן אין די אויטאָס, זענען נאָוויק מיט זיין טאָכטער, מיט אויפגעהויבענע קעפּ, די ערשטע אַריין אין אויטאָ...

4

אָבער ניט אַלעמען האָט זיך געוואָלט גיין אויף אַ זיכערן טויט. האָבן די דייטשן גענומען וואַרפן די יידן אין די אויטאָס, אונטערטרייבן זיי און שלאָגן מיט די ביקסן־קאָלבעס, נאַהייקעס, שטעקנס, רעוואָלווערן. אין דעם מאָמענט האָבן עטלעכע יידישע בחורים זיך אַ וואָרף געטאָן אויף די דייטשן, בעת אַנדערע האָבן פּרובירט זיך דורכרייסן דורך דער פּאַרצוימונג. אַ סך אַ סך אונדזערע זענען דעמאָלט געפאַלן, צווישן זיי — איסר (אלי קצבס זון) און משה פּונט. אַנדערע צוויי פון די קעמפערס, איטשע בערקאָוויטש און שמעון שוסטער, איז געלונגען צו באַהאַלטן זיך אין בונקער, ווו אויך איך און מיין משפּחה האָבן זיך געפונען.

די דייטשן האָבן זיך געלאָזט פון שטוב צו שטוב איבערן דוואָרעצער לאַגער און ווו זיי האָבן געפונען אויסבאַהאַלטענע יידן, האָט מען זיי אויפגעלאָדנט אויף די אויטאָס, אַרויס געפירט פונעם לאַגער און דערשאָסן. אַ סך זענען פרייוויליק אַוועק צו דער שחיטה, כדי זיך באַפרייען פון די אומגעהויערע ליידן, שרעק און אומזיכערקייט — אויסער הונגער און קראַנקייטן. באַזונדער האָבן עס געטאָן די, וועלכע זענען אַליין געבליבן פון אַ פאַרצוויגטער משפּחה.

אין אונדזער בונקער האָט זיך מיט אַמאָל צעוויינט אַ קינד. עס האָט געדראָט אַ געפאַר, אַז די דייטשן וועלן צוליב דעם אַנטדעקן די באַהעלטעניש און אַלע וועלן אומקומען. די פאַרצווייפלטע מוטער האָט שוין מסכים געווען מען זאָל דאָס קינד דערשטיקן, נאָר קיינער האָט ניט געוואָלט אויספירן דעם גזר־דין... צו אַלעמענס פאַרלייכטערונג, איז דאָס קינד שטיל געוואָרן — און אונדזער טויט־שרעק האָט זיך דערווייל געענדיקט. נאָכן זיין פאַרשטעקט אינעם בונקער אין משך פון גאַנצע צוויי מעת־לעת, אָן עסן און אָן אַ טראָפּן וואַסער, האָט ווער אויסגעשריען, אַז דער לאַגער ברענט. ווירקלעך, אַ געדיכטער רויך און הויכע פלאַמען האָבן באַשטעטיקט די ידיעה. אין ליכט פון דער שריפה האָבן מיר אויך געזען, אַז די פאַרצוימונג ווערט שוין ניט געהיטן. האָב איך מיט ביילען און די קינדער זיך אַרויס געריסן דורך די שטעכלדראָטן אויף דער פריי און זיך געלאָזט לויפן אין דער ריכטונג פון וואַלד.

5

דאָס איז געווען דעם 31טן דעצעמבער 1942. אין יענער נאַכט האָבן מיליאָנען מענטשן אויף דער וועלט געהויבן די גלעזער און געווונטשן זיך אַ גוט יאָר — בעת מיר, האַלב נאַקעטע, פאַרשטאַרטע פון קעלט, אויסגעהונגערטע און דערשעפטע, האָבן מיט די לעצטע כוחות זיך דערשלעפּט אויפן שניי ביזן דאָרף אַזיראַן, 15 קילאָמעטער פון דוואָרעץ. ניט ווייט פונעם דאָרף זענען אויף פערד אונדז אַנטקעגן געקומען צוויי רייטערס און מיט אָנגעצילטע רעוואָלווערן אָנגעהויבן פאַרשן ווער מיר זענען, פון וואַנען מיר קומען. דערוויסנדיק זיך אַז מיר זענען יידן, האָט איינער פון די רייטערס, דער באַוווסטער פאַרטיזאַנער־קאָמאַנדיר גראַזני, געפרעגט אונדז מיט מיטלייד: „איר קומט פון דער ,בויניע׳?” (שעכטהויז). איך האָב אים געבעטן, ער זאָל אונדז מיטנעמען אין וואַלד, האָט ער געענטפערט, אַז פאַמיליעס מיט קינדער קען ער ניט נעמען. אין זיין אָטריאַד זענען דאָ אַ סך יידן „געראָיען” (העלדן), אָבער אָן קינדער. ער האָט

אונדז געהייסן גיין אין נאָענטסטן דאָרף און זאָגן אין זיין נאָמען, מען זאָל אונדז געבן עסן און לאָזן אַ שטיקל צייט זיך אָפּרוען.

2 ביינאַכט זענען מיר צוגעקומען צו אַ פויערישער כאַטע אויפן וועג, אָנגעקלאַפּט אין טיר — אָבער קיינער האָט ניט געוואָלט עפענען. האָב איך אריינגעשריען צום פויער, אַז גראָזני האָט אונדז געשיקט — און די טיר האָט זיך ברייט צעעפנט. עטלעכע שעה זענען מיר דאָרט געשלאָפן, זיך אָפּגערוט, אָפּגעגעסן. בייטאָג האָט דער פויער אויף אַ מאַפּע אונדז געוויזן דעם וועג קיין מיר, נאָר דורך זייטיקע וועגן און שטעגן. מיט אַמאָל הערן מיט קלאַפּן אין טיר — און אויף דער שוועל באַווייזט זיך יוסף קאָסעווער און בעט אַ שטיקל ברויט. דערזעענדיק מיך, האָט ער פון פרייד און גערירטקייט שטאַרק זיך פונאַנדערגעוויינט. קומענדיק עטוואָס צו זיך, האָט ער אונדז דערציילט, אַז ניט ווייט פון דאַנען זענען אויסבאַהאַלטן עטלעכע יידן פון לאַגער און זיי ווייסן דעם וועג קיין מיר.

מיר האָבן האַרציק באַדאַנקט דעם פויער און זיך געלאָזט ווייטער אויף נע־ונד.

נישט האָבנדיק קיין געווער און אויך קיין באַשטימטן אַדרעס ווו צו גיין, האָבן מיר באַשלאָסן זיך אומצוקערן קיין רוביזשעוויטש, ווו די געגנט איז גוט באַקאַנט און מיר קענען אויך אַ סך קריסטן, וואָס אפשר וועלן זיי העלפן. מיר האָבן ניט געוווּסט, אַז אין יענער צייט זענען אין רוביזשעוויטש נישט געווען קיין דייטשן און קיין אָרטיקע פּאָליציאַנטן.

6

ווען מען האָט צום דריטן מאָל צונויפגעטריבן די רוביזשעוויטשער יידן פון געטאָ, כדי זיי אָפּשיקן אויף אומקום, זענען אַ צען יידן אַנטלאָפן אין וואַלד: יאָשע פישקין מיט זיין פאָטער שעפסל, יידל גאַרמיזע, לייבל סלאָבאָדקין, יעקב שוסטער און אַנדערע. אין וואַלד זענען זיי צוגעשטאַנען צו אַ פּאַרטיזאַנער־אָטריאַד, וועלכער האָט פּלאַנירט אָנצופאַלן אויפן דייטשן גאַרניזאָן און פּאָליציייאישן פּאָסטערונעק אין רוביזשעוויטש. דעם איבערפאַל האָבן אַדורכגעפירט צוויי גרופּן: א. נ. פון טשאַפּאַיעוו און א. נ. פון סטאַלין, צוזאַמען אַ 500 מאַן, צווישן וועלכע ס'האָבן זיך אויך געפונען רוביזשעוויטשער יידן. די פּאַרטיזאַנער האָבן אַרומגערינגלט דאָס שטעטל פון צוויי זייטן און בראש פון ביידע גרופּעס זענען געשטאַנען אונדזערע בחורים: פישקין און ל. סלאָבאָדקין. זיי איז געלונגען צו כאַפּן אַ 40 פּאָליציאַנטן, מיט זייער קאָמענדאַנט זשיכער. די שלאַכט איבערן שטעטל האָט געדויערט ביז פּאַרטאָג. דערנאָך האָבן די פּאַרטיזאַנער צונויפגעטריבן די פּאָליציאַנטן אויפן מאַרק און פאַר די אויגן פון דער באַפעלקערונג — זיי דערשאָסן. די קריסטן האָבן צווישן די נקמה־נעמערס דערקענט אונדזערע רוביזשעוויטשער יידישע בחורים און די ידיעה וועגן דעם האָט זיך בליץ־שנעל פאַרשפּרייט אין דער גאַנצער געגנט.

פיל פון די קריסטן איז לגמרי ניט געפעלן געוואָרן וואָס יידן באַזיצן געווער און ווייסן אויך ווי אַזוי און קעגן וועמען עס אָנצווענדן, באַזונדערס קעגן די, וואָס האָבן יידן אָנגעטאָן צרות. האָבן אַ טייל פויערים און רוביזשעוויטשער קריסטן זיך אויס־

געחשבונט, אַז ס'איז ניט כדאי צו ריזיקירן, מיטאַרבעטן מיט די דייטשן, וועלכע זענען אַזוי ריקזיכטלאָז אין אויסראָטן די יידן.

פון יענעם פּאַרטיזאַנישן איבערפאַל ביז דער באַפרייאונג, איז רוביזשעוויטש געווען פריי פון דייטשן און אָרטיקע פּאָליציאַנטן. אין דער געגנט איז אונדזער שטעטל אָנגערופן געוואָרן אין יענער תקופה „די צווייטע מאָסקווע". אמת, בייטאָג האָבן זיך דאָרט יאָ באַוויזן דייטשן, נאָר אין אַ גרעסערער צאָל און שטאַרק באַוואָפנט. אָבער אין די נעכט איז פון זיי קיין שפּור ניט געבליבן, אויס מורא פאַר די פּאַרטיזאַנער.

7

דעם וועג פון דוואָרעץ קיין מיר און פון דאָרט קיין רוביזשעוויטש האָבן מיר אַדורכגעמאַכט אין קליינע גרופּעס, כדי לייכטער זיך אויסבאַהאַלטן און מאַרשירן. בייטאָג איז מען געווען פאַרשטעקט אין וואַלד און געגאַנגען איז מען נאָר אין די נעכט. אין דאָרף רודניע, 3 קילאָמעטער פון רוביזשעוויטש, האָבן מיר זיך דערוווּסט, אַז די לעצטע איז באַפרייט פון דייטשן. מיר זענען 3 טעג געווען ביי אַ פּויער, לייטיש זיך אַרומגעוואַשן, אויסגערוט, געגעסן צו דער זעט און געלעבט אָן פּחד. אויפן פערטן טאָג זענען מיר אָנגעקומען קיין רוביזשעוויטש, ווו מיר האָבן זיך אויסבאַהאַלטן 2 חדשים.

איין מאָל, אין אַ פראָסטיקן באַגינען, האָבן מיר דערהערט אַ שטאַרקע שיסעריי. כ'בין אַרויס אין דרויסן און דערזען ווי עס קומען אָן זעלנער, אין ווייסע כאַלאַטן, פון דריי ריכטונגען: איוועניצער, ראַקאָווער און סטויפּצער גאַסן. אַנטלויפן איז שוין ניט געווען מעגלעך, אויך צווישן די קריסטן איז געוואָרן אַ גרויסע בהלה, ווייל אויך זיי האָט מען געכאַפּט אויף צוואַנגס־אַרבעט קיין דייטשלאַנד. בלית־ברירה האָב איך גענומען ביילען מיט די קינדער און מיר זענען אַלע געשטאַנען אין גאַס. די דייטשן האָבן געמיינט אוודאי אַז מיר זענען קריסטן און אונדז ניט געטשעפּעט. איצט האָבן מיר דורך גערטנער און אונטערוועגן זיך געלאָזט אין דער ריכטונג פון קוידאַנאָוו, אַדורך דעם ברידער־קבר און אָפּגעלאָפן אַ 5 קילאָמעטער ביזן דאָרף פּאַפּקי. דאָ האָבן מיר ווידער דערזען מיליטער־לייט אין ווייסע כאַלאַטן. „זיכער דייטשן" — איז אונדז דורכגעלאָפן אין געדאַנק. ס'איז שוין אָבער געווען שפּעט צו אַנטלויפן, ווייל אויך זיי האָבן אונדז באַמערקט — און מיר דערהערן אַ באַפעל אויף... רוסיש: „פּאָדכאַדי!" („דערנעענטערן זיך"). ערשט פון דער נאָענט האָבן מיר דערזען אויף זייערע היטלען רויטע שטערנס און פאַרשטאַנען, אַז דאָס זענען סאָוויעטישע פּאַרטיזאַנער.

זיי האָבן אונדז אַריינגעפירט אין אַ שטוב און אָנגעהויבן פאָרשן. „וויפל אונדזעריקע האָסטו אומגעבראַכט"?! ס'האָט מיר אַזש אַ ברי געטאָן פון אַזאַ פראַגע און מיט ביטערניש און פאַרצווייפלונג האָב איך פונאַנדערגעריסן דאָס העמד און אויסגעשריען: „וואָס ווילט איר, טאָוואַרישטשי, אונדז הרגענען? — נו, שיסט!" זייער עלטסטער האָט נאָך אַ מינוט שווייגן און שפּאַנונג זיך אָנגערופן:

— איר קאָנט גיין, אָבער ניט קיין רוביזשעוויטש. דאָרט זענען די דייטשן. איך האָב זיך איראָניש פאַר אים פאַרנייגט און באַדאַנקט...

אין דאָרף האָט געלעבט אונדזערס אַ באַקאַנטע קריסטין, וועגן וועלכער מ׳האָט דערציילט, אַז זי האָט מיט אַ צייט צוריק צוגענומען אַן אַרבעטער, אַ טאַטער. מיר זענען אַוועק צו דער פויערטע זי בעטן אונדז לאָזן איבערנעכטיקן און אפשר אויך — אויסבאַהאַלטן אַ שטיקל צייט. האָט זי געפרעגט איר אַרבעטער, צי ער איז ניט קעגן דעם — נאָר יענער האָט גאָרנישט געענטפערט, געכאַפּט זיין קאָזשוך און שנעל אַרויס פון שטוב. אַזאַ אויפירונג איז מיר געוואָרן פאַרדעכטיקט, כ׳בין געווען זיכער, אַז ר׳איז אַוועק צו די דייטשן אונדז פאַרמסרן. אויף מיין פראַגע צו דער קריסטין, צי ער וועט אונדז ניט אויסגעבן, האָט זי אונדז פאַרזיכערט, אַז ס׳איז נישטאָ וואָס מורא צו האָבן*. זי האָט אונדז פאַרבעטן צום טיש, דערלאַנגט עסן. פּלוצים לויפט אַריין אַ דערשראָקענע איר טאָכטער און רופט אויס: „דייטשן זענען געקומען אין דאָרף!" ניט וועלנדיק שטעלן אין געפאַר די גאַסטפריינטלעכע בעל־הביתטע, זענען מיר שנעל אַוועק פון שטוב און דורכן פעלד זיך געלאָזן צום וואַלד. די דייטשן האָבן אונדז באַמערקט, נאָר פויערים האָבן זיי געזאָגט, אַז מיר זענען פון אַ דערבייאיקן דאָרף — און מיר זענען אומגעשטערט אַוועק ווייטער, אין וואַלד, וווּ מ׳איז אַ האַלבע נאַכט געשטאַנען אין קעלט און אין שרעק.

ס׳האָט אָבער ניט געהאַט קיין זין אַזוי צו שטיין אין וואַלד און מיר באַשליסן זיך לאָזן אין דער ריכטונג פון סטויפּץ, אפשר זענען דאָרט נישטאָ קיין דייטשן. דער שניי איז אויסערגעוויינלעך טיף און כדי אויסטרעטן פאַר די קינדער אַ וועג, גיי איך פאָרויס. נאָכן אָפּגיין עטלעכע קילאָמעטער, דערפילן מיר, אַז מיט אונדזערע שוואַכע כוחות האָט ניט קיין זין צו וואַנדערן אין אַן אומבאַקאַנטער ריכטונג און אומזיכערן ציל. דעריבער באַשליסן מיר זיך אומצוקערן קיין רוביזשעוויטש — און זאָל זיין וואָס ס׳וועט זיין!

8

אַרום 3 ביינאַכט האָבן מיר זיך דערשלעפּט צום דאָרף סימקאָוויטש און אָנגעקלאַפּט אין דער כאַטע פון ווינצוש קאַטערינשטשיק, וועלכער האָט געשמט פאַר אַ זייער שלעכטן פויער. דערהערנדיק מיין נאָמען, האָט ער גראָד ברייט געעפנט די טיר, אונדז אַריינגעלאָזט, געהייסן דער ווייב איינהייצן דעם אויוון און צוגרייטן עסן. דערזעענדיק מיינע באָרוועסע פיס, האָט ער מיר געגעבן אַ פאָר וואָלענקעס מיט קאַלאָשן און ריינע, טרוקענע שמאַטעס אַרומצוּוויקלען די שוין האַלב פאַרפרוירענע פיס. אַז ס׳איז געוואָרן טאָג, האָט ער אונדז געהייסן זיך אויסבאַהאַלטן אין דערבייאיקן

* נאָך דער באַפרייאונג האָב איך זיך געטראָפן מיט דעם „טאָטער" — און ס׳האָט זיך אַרויסגעוויזן, אַז דאָס איז געווען אַ מינסקער ייד, אַ מוהל, וועלכער האָט זיך איינגעשאַפן פאַפּירן אַלס טאָטער און זיך אָנגעדונגען אַלס אַרבעטער ביי דער אַלמנה. אויף מיין פראַגע פאַר וואָס ער האָט דעמאָלט ניט געענטפערט דער פויערטע מכוח אונדזער בלייבן ביי איר, האָט ער דערקלערט, אַז דערזעענדיק אַ יידישע משפחה אין איר נויט און יאוש, האָט אים אַזוי פאַרקלעמט ביים האַרץ, אַז ער איז ניט געווען בכוח דאָס מויל צו עפענען, אַ וואָרט אַרויסריידן. ער איז אַוועק אין שטאַל, געוויינט ווי אַ קליין קינד און דערביי זיך אויסגעטענהט מיטן רבונו־של־עולם...



האיכר אמיל פוקה (עומד הראשון מימין), שמשפחתו נרצחה על־ידי הגרמנים בגלל עזרתו ליהודים.
דער פויער עמיל פּאָקא (שטייט דער ערשטער רעכטס), וועמענס משפּחה איז דערמאָרדעט געוואָרן דורך די דייטשן פאַר זיין העלפן ראַטעווען יידן (דאָס בילד — פון יאָר 1923).

„אָסיץ" (ווו מען טרוקנט פלאַקס) ביזן אָוונט און דערנאָך קומען צוריק צו אים. ער האָט ניט פאַרגעסן מיטצוגעבן צידה לדרך.

אין „אָסיץ" זענען מיר אָפּגעזעסן 2 טעג. אויפן דריטן טאָג האָט דער פויער אונדז צו וויסן געגעבן, אַז די דייטשן זענען אַוועק און אַז מיר קענען זיך אומקערן קיין רוביזשעוויטש. אָבער פאַרן פאַרלאָזן דאָס שטעטל, האָבן די רוצחים געכאַפּט דריי יידישע מיידלעך — צוויי שוועסטערס, זרחס קינדער און אַ טאָכטער פון איידל גראיער — און זיי דערהרגעט. זיי האָבן זיך אויסבאַהאַלטן אין דער חורבה פון דער מיל אויף דער קוידאַנאָווער גאַס. מיט זיי האָט זיך געפינען יונה פּישקין, וועמען ס'איז געלונגען אין דער לעצטער מינוט צו אַנטלויפן. אויסגעגעבן האָט זיי אַ רוביזשעוויטשער קריסט. (יונה פּישקין איז געפאַלן אַלס סאָלדאַט פון דער רויטער אַרמיי, אין וועלכער ער איז מאָביליזירט געוואָרן נאָך דער באַפרייונג).

הערנדיק אַזעלכע געשיכטעס, האָט זיך נאָך אַלץ ניט געוואָלט אומקערן קיין רוביזשעוויטש. האָבן מיר געוואַנדערט פון אָרט צו אָרט אין משך פון עטלעכע חדשים, ביז דער זיך דערנענטערנדיקער פרילינג האָט צעטרייעט דעם שניי, אין

דרויסן איז געוואָרן וואַרעמער און די הערצער — אָפּטימיסטישער. מיר זענען אַוועק קיין סלאָבאָדע. אָרטיקע אײַנוווינער האָבן פֿאַר אונדז און פֿאַר לייזשע גוריאָן אויסגעגראָבן אַ בונקער, ווּ מיר זענען געווען אויסבאַהאַלטן אַ ביסל חדשים. די סלאָבאָדער פּויערים האָבן זיך גוט באַצויגן צו ייִדן, פֿאַרזאָרגט זיי מיט באַהעלטענישן און עסן, ריזיקירנדיק מיט זייער לעבן, ווײַל זיי האָבן געוווּסט וואָס זיי דראָט, אין פֿאַל די דײַטשן אַנטדעקן די ייִדן און זייערע רעטערס.

9

אַ געוויסן טאָג האָבן רוסישע פּאַרטיזאַנער אונדז אַנטדעקט אין בונקער און אויפֿגעפּאָדערט תּיכּף אים צו פֿאַרלאָזן, אַ ניט וועלן זיי אונדז שיסן. איז מען אַוועק אין פּאָדזשערנער וואַלד, ווּ מיר האָבן געטראָפֿן עטלעכע משפּחות פֿון רוביזשעוויטש. עס איז שוין געווען זומער — נאָר אַ רעגנדיקער, די ערד איז תּמיד געווען נאַס און מיר זענען כּסדר געלעגן אין פֿײַכטקייט. קיין פֿײַער האָט מען ניט געטאָרט אָנצינדן, ווײַל דער רויך וואָלט פֿאַראַטן די באַהעלטעניש. דאָרט זענען מיר געווען באַהאַלטן עטלעכע וואָכן, ביזן שניט פֿון יאָר 1943.

אין יענע טעג האָט זיך געפֿילט אַ פֿאַרשטאַרקטע באַוועגונג פֿון דײַטשן מיליטער. מיר האָבן פֿאַרשטאַנען, אַז זיי טרעטן צוריק און אַז די קלעפּ וועלכע זיי כאַפּן אויפֿן רוסישן פֿראָנט, זענען שטאַרקע. אַ געוויסן טאָג האָבן אין וואַלד, בײַ אונדזער באַהעלטעניש, באַוויזן זיך אויף פֿערד די פּאַרטיזאַנער בעלסקי און ווענבורג, פֿאָר־לייגנדיק, אַז מיר זאָלן איבערגיין אין דער נאַליבאָקער פּושטשע, ווּ מען פֿילט זיך אַ סך זיכערער. מיר אָבער האָבן ניט באַוויזן צו דערפֿילן זייער עצה און אויך אונדזער שטרעבונג, ווײַל די דײַטשן האָבן גראָד אָנגעהויבן אַדורכפֿירן אַ גרויסע אָבלאַווע אין דער פּושטשע און דערהרגעט אַ סך פּאַרטיזאַנער. צווישן די געפֿאַלענע — אברהם און חיים־איסר בעלקין, לייבל סלאָבאָדקין און יעקבֿ גראַיערס אַ זון. אַפֿילו צו אונדזערע אויערן האָט זיך דערטראָגן די אַרטילערישע באַשיסונג פֿון דער פּושטשע.

פּויערים זענען געקומען אין וואַלד אונדז וואָרענען, אַז די דײַטשן גרייטן זיך אַרומרינגלען דעם וואַלד, ווײַל זיי ווילן אָפּרייניקן דעם וועג פֿון זייער צוריקטריט, פֿון פּאַרטיזאַנער און אומזיכערע עלעמענטן. זענען מיר אין בהלה אַוועק פֿון וואַלד און זיך באַהאַלטן אין די טאַנאָוער בלאָטעס, ווּ מ'איז אָפּגעלעגן עטלעכע טעג. אָבער צומאָרגנס נאָך אונדזער אָנקומען אין דער זומפּיקער געגנט, איז זי געוואָרן באַשטעלט און באַשאָסן פֿון דײַטשן. מיר האָבן זיך גוט פֿאַרשטעקט הינטער קוסטעס, בעת דער גאַנצער קערפּער איז געלעגן אין וואַסער. מדריך געווען די דײַטשן האָט דער פּאָדזשערנער קריסט מינקעוויטש, וועלכער האָט זיי מיט אַ כּיוון געפֿירט אין דער ריכטונג פֿון די בלאָטעס, כּדי זיי אָפּציִען וואָס ווײַטער פֿון וואַלד, מיינענדיק, אַז מיר זענען דאָרט באַהאַלטן, ווײַל ער האָט ניט געוווּסט, אַז מיט אַ טאָג פֿריִער זענען מיר אַוועק צו די זומפּן. צוליב דעם גרויסן שלאַקס־רעגן, האָבן די דײַטשן פֿאַרדעקט זייערע קעפּ מיט די קאַפּישאָנען פֿון די מאַנטלען און ניט דערזען ווי ממש פֿאַר זייערע אויגן ליגן אויסבאַהאַלטענע ייִדן. פֿון גרויס שרעק און איבערלעבונגען, איז מײַן בײַלע דעמאָלט קראַנק געוואָרן.

נאָך יענער אָבלאַווע, האָבן מיר זיך צעטיילט אויף באַזונדערע משפּחות, געוואַנדערט פון דאָרף צו דאָרף, פון פייער צו פייער — ביז דער באַפרייונג.

10

ווען די רויטע אַרמיי איז אַריין קיין רוביזשעוויטש, זענען מיר אַרויס פון די באַהעלטענישן און זיך צוריק געקערט אַ היים, וועלכע האָט מיט זיך פאָרגעשטעלט איין גרויסע חורבה און פאַרוויסטונג. די יידישע הייזער — צענומען אויף הייצונג, און פון די הונדערטער יידישע משפחות — קיין זכר...

נאָר די הייזער, וועלכע די קריסטן האָבן פאַרכאַפּט נאָכן אויסזידלען די יידן — זענען געבליבן גאַנץ. דער נייער „סעל־סאָוויעט" (דאָרפס־ראַט) האָט מיך מיט מיין משפחה אַריינגעזעצט אין דער דירה פון עלקע מינעס. די רוסן האָבן אַרעסטירט עטלעכע קריסטן וועלכע האָבן מיטגעאַרבעט מיט די דייטשן, זיי אַוועק געפירט קיין מינסק. זייער גורל איז מיר אומבאַקאַנט.

אין רוביזשעוויטש האָבן מיר אויפגעגראָבן אַ סך קברים אויף פאַרשידענע פּלעצער, גערטנער און הייף, ווו די רוצחים האָבן דערהרגעט די אַנטדעקטע יידן און אויפן אָרט זיי קובר געווען. מיר האָבן עקסהומירט די קערפּערס און זייער געביין געבראַכט צו קבר ישראל. אַ טייל קדושים האָבן מיר דערקענט לויט די בגדים. די צוויי טעכטער פון חיים־לייזער בערעזאָוויטש, האָבן מיר דערקענט לויט זייערע פּנימער, אַזוי גוט האָבן זיי אויסגעזען לאַנגע חדשים נאָכן טויט...

קיין אַרבעט האָט ניט געפעלט. איך האָב זיך אומגעקערט אויף מיין פריערדיקן אַמט — לייטער פון קאָאָפּעראַטיוון געשעפט. נאָר געוווּסט האָב איך, אַז רוביזשעוויטש קען ניט מער זיין מיין היים. שטענדיק און אומעטום האָב איך געזען די פאַרפייניקטע און דערמאָרדעטע יידן. יעדן פאַרבייגייענדיקן קריסט האָב איך געקוקט אויף זיינע הענט און געטראַכט, אַז זיי זענען אַוודאי באַפלעקט מיטן בלוט פון אונדזערע קדושים. איך האָב זיך געפילט שרעקלעך פרעמד און פאַראיינזאַמט אין רוביזשעוויטש, דאָרט ווו מיין יידישע קהילה האָט אויפגעהערט עקזיסטירן...

אין הערבסט 1945 האָב איך אויסגענוצט מיינע רעכט אויף רעפּאַטריאַציע אַלס געוועזענער פּוילישער בירגער. מיר פאָרן איבער קיין פּוילן, פון דאָרט — קיין דייטשלאַנד, ווו ס'איז געשטאָרבן מיין פרוי ביילע, נאָך די אַלע שוידערלעכע איבערלעבונגען אין די מלחמה־יאָרן.


אין סעפּטעמבער 1949 בין איך מיט מיין יונגסטער טאָכטער לילי אָנגעקומען קיין ישראל. נאָך 8 יאָר וואַנדערונגען, טויט־שרעק, פּיין און ליידן, פון לעבן אויסערן געזעץ, ווי אַ געיאָגטע חיה — זענען מיר ענדלעך געקומען צו זיך אַ היים, אין דער יידישער מדינה. מיין עלטערע טאָכטער רעיה מיט איר מאַן, זענען אַוועק אין די פאַראייניקטע שטאַטן.

איבערגעלעבט דעם גיהנום

פייגע קושעל־סעגאַלאָוויטש / עכו

ווען די מלחמה איז אויסגעבראָכן, בין איך געווען אין ווילנע, צו גאַסט ביי מיין שוועסטער חנה־ליבע. באַלד ווי די דייטשן זענען אַריין, האָבן זיי גענומען כאַפּן יידן אויף צוואַנגס־אַרבעט, פאַרבאָטן צו גיין אויף די טראָטואַרן, באַפוילן אָנצוטאָן געלע לאַטעס. זיי פלעגן אויך גיין איבער די שטובן כאַפּן יידן צו דער אַרבעט. אַזוי זענען אַדורך אין שרעק און אין פיין 7 וואָכן.

אַ מאָל, שטייענדיק אין דער ריי נאָך ברויט, האָב איך זיך צונויפגערעדט מיט אַ פרוי פון איוויע, וועלכע האָט באַשלאָסן זיך צוריק צו קערן אין איר שטאָט — און מסכים געווען מיך מיטצונעמען. מיר האָבן געקריגן אַ דערלויבעניש אויף אַרויס־צופאָרן. כ'האָב ניט געהאַט קיין געלט, האָב איך דעם יידישן בעל־עגלה באַצאָלט מיט מיין האַנט־זייגערל. חנה־ליבע האָט אויך געוואָלט פאָרן, נאָר זי האָט געשוואַנגערט און זיך געפילט שלעכט. זי איז געבליבן אין ווילנע און אומגעקומען צוזאַמען מיט אירע צוויי קינדער אין אַ בונקער אין ווילנער געטאָ.



בפינה למעלה, מימין (מסומן בחץ) — קבר־אחים שבו נרצחו ונקברו יהודי רוביז'ביץ', נאליבוק, דרוונה והסביבה ב־1942. במרכז התמונה — מפקדת בית"ר ברוביז'ביץ', בשנת 1936.

אין ווינקל אויבן, רעכטס — דער ברידער־קבר פון די רוביזשעוויטשער, נאַליבאָקער, דערעוונער יידן און אומגעגנט, אומגעבראַכט אין 1942. אין פאָדערשטן פּלאַן: אָנפירונג פון בית"ר (1936).

פון איוויע בין איך צופוס געגאַנגען אַ היים. עס איז שוין געווען שפּעט אין אָוונט. עס האָט גענומען רעגענען, איך בין צוגעקומען צו אַ קרייץ־וועג. די געגנט איז מיר געווען אומבאַקאַנט. ניט געוואָלט ווײַטער פרעגן דעם וועג. כ׳בין צוגעגאַנגען צו אַ וואַלד. עס איז געווען פינצטער, איך האָב געפילט, אַז איך בלאָנדזשע. עס איז מיר געווען אַזוי ביטער אויפן האַרצן, אַז איך האָב אויסגעבראָכן מיט אַ געוויין. ווי גאָט האָט דערהערט מיין געוויין, איז אָנגעקומען אַן אַלטיטשקע קריסטין, וועלכע האָט מיך באַרויִקט, געגעבן צו טרינקען און געוויזן דעם וועג.

שפּעט ביינאַכט בין איך אָנגעקומען אין דאָרף ניקאָלאַיעווע. איך בין געגאַנגען אין גאַס, ניט וויסנדיק, ווו איך וועל קענען איבערנעכטיקן. האָב איך דערזען אַ ייִנגל מיט אַן אָנגעגייטער געלער לאַטע. ווייזט זיך אַרויס, אַז אין דעם דאָרף האָט געוווינט אַ יידישע משפּחה, האָב איך ביי זיי גענעכטיקט. צו מאָרגנס בין איך אַוועק קיין לובטש.

אין לובטש איז שוין געווען אַ געטאָ. איך האָב דאָרט אויסגעפונען העניען, די שוועסטער פון אַלטער דעם קצבֿס (לונגען), ביי וועלכער כ׳האָב גענעכטיקט. צופעליק האָט זי זיך דערוווּסט, אַז אַ באַקאַנטער קריסט פאָרט צומאָרגנס קיין נאַליבאָק. ער האָט מסכּים געווען מיך מיטצונעמען, נאָר געהייסן קומען פאַרטאָג, כּדי קיינער זאָל מיך ניט זען. איך האָב געהאַט מיט זיך אַ פּאָר שטיקלעך זייף, האָב איך אים דאָס געגעבן פאַרן פאָרן.

קיין נאַליבאָק בין איך אָנגעקומען מיטאָג צייט. די יידן זענען אַרומגעגאַנגען צעשראָקענע, צעבראָכענע און פאַריאושטע. איך האָב דאָרט גענעכטיקט ביי ביילען (לייזשע תמרהס שוועסטער), און זונטיק פרי בין איך אַוועק צופוס קיין דערעווּנע — און פון דאָרט אָנגעקומען אַ היים. דערזעענדיק מיך, איז די שמחה אין שטוב געווען זייער גרויס, ווייל מען האָט שוין ניט געגלויבט, אַז מען וועט זיך נאָך זען. פון דעמאָלט אָן האָב איך זיך געפונען מיט מיינע עלטערן צוזאַמען, און צוזאַמען מיט זיי דורכגעמאַכט דעם גאַנצן גיהנום, צוזאַמען זיך געראַטעוועט, און ענדלעך מיט דער גאַנצער משפּחה אָנגעקומען קיין ישראל — צו זיך אַ היים.

צו מאָרגנס נאָך דער מלחמה

זאק משה / נחלים, פּתח־תּקוה

געענדיקט האָט זיך די מלחמה מיט אַ זיג איבער אונדזערע ביטערסטע שונאים — די נאַציס, אָבער פאַר אונדז יידן איז דאָס אַ קליינע טרייסט. אונדזערע משפּחות זענען פאַרניכטעט, אונדזער היים איז מער נישטאָ... איך קוק אויפן אָרט, ווו ס׳איז געשטאַנען אונדזער שטוב, וועלכע די קריסטן האָבן לויט אַ דייטשן באַפעל צענומען און גענוצט פאַר זייערטוועגן. נישטאָ מער קיין היים און קיין משפּחה. איך גיי אויף דער ראַקאָווער גאַס, צום הויז פון מיין פעטער. יאָ, דאָס הויז שטייט, מ׳האָט עס ניט צענומען. איך גיי אַריין, דאָרט לעבט אַ קריסטלעכע משפּחה. אָט שטייט אונדזער ברוינע קאַנאַפּע, אויף

וועלכער איך האָב אַלס קינד זיך געשפּילט; אָט איז דער טיש, אַרום וועלכן עס איז שבת און יום־טוב געזעסן די גאַנצע משפּחה; אויף דער וואַנט הענגט אונדזער אַלטיטשקער זייגער און זיין טיק־טאַק דערוועקט אין מיר אַזוי פּיל זכרונות. טרערן שטעלן זיך אין די אויגן — און איך פאַרלאָז שנעל די שטוב, כדי די קריסטן זאָלן נישט זען מיינע טרערן.

אין שטעטל זענען פאַרבליבן נאָר עטלעכע יידישע משפּחות, אָבער מען זעט זיי נישט. אויך זיי פילן דאָס זעלבע וואָס איך. איך טרעף אין גאַס אַ סך קריסטן. אַ טייל לאָזן אַראָפּ זייערע אויגן, זיי שעמען זיך קוקן אויף מיר. אַנדערע קוקן מיט פאַרוווּנ־דערונג, ווי זיי וואָלטן זאָגן „וואָס, דו לעבסט נאָך?" און איך קוק אויף זייערע הענט און טראַכט: וועלכע פון זיי זענען פאַרפלעקט מיט אונדזער בלוט? כ'קען עס מער נישט איבערטראָגן, ווי איך וואָלט געגאַנגען אויף אַ בית־הקברות — און איך באַשליס אַנטלויפן פון דאַנען, אַוועק אין אַ גרויסער שטאָט, אין וועלכער כ'וועל פאַרשלונגען ווערן אין איר טומל. אפשר וועט אָפּגעטעמפּט ווערן מיין ווייטאָג און די טרויעריקע געדאַנקען וועלן נישט תמיד דריקן אויף מיין געמיט. און אָט אַזוי ווער איך פאַרשלעפּט מיטן שטראָם פון יידן פּליטי־החרב — קיין לאָדזש, דער צענטער פון ביסל געראַטעוועטע פּוילישע יידן.

דאָ הער איך ריידן נאָר וועגן עלייה, שטויס זיך אָן אויף שליחים פון ארץ־ישראל — און אין דער פינצטערניש אין וועלכער מיר האָבן דעמאָלט געלעבט, האָט אויפגעלויכטן אַ שטראַל: יידיש לאַנד. איך בין תמיד ווייט געווען פון פאַרטייען, פּאָליטיק און אידעאָלאָגיעס, אָבער איצט איז מיך באַפאַלן איין הייסער באַגער: עולה זיין — און וואָס פריער! מיט דער הילף פון בית"ר האָב איך אין פעברואַר 1947 פאַרלאָזט פּוילן, אין דער ריכטונג פון טשעכאָסלאָוואַקיי. פון פּראַג איז מען אַוועק אין פראַנצויזישן פּאָרט מאַרסיי און אין מערץ 1947 זענען מיר אַרויף אויף אַ לאַסט־שיף, וועלכער מ'האָט אַ נאָמען געגעבן „טעאָדאָר הערצל". די באַדינגונגען אויף דער שיף זענען געווען שרעק־לעכע. צו דער מוראדיקער ענגשאַפט, איז ניט געווען גענוג וואַסער און עסן. שוואַנגערע פרויען, אַלטע לייט און קינדער, ווי אויך די קראַנקע — האָבן שטאַרק געליטן. דער צעשטורעמטער ים האָט אין משך פון די צוויי וואָכן רייזע אויפן וואַסער נאָך פאַר־גרעסערט אונדזערע ליידן. ביז אַ געוויסן טאָג מיר האָבן ענדלעך דערזען די ברעגעס פון ארץ־ישראל. ווער איז אימשטאַנד צו באַשרייבן די געפילן און איבערלעבונגען פון יענעם מאָמענט?

ניט לאַנג אָבער האָט געדויערט די פרייד. דער ענגלישער פלאָט האָט אונדז אַנטדעקט, גענומען נאָכיאָגן און ווען זייערע זעלנער האָבן פּרובירט זיך אַרויפבאַקומען אויף אונדזער שיף, האָבן מיר מיט שטעקנס, פלעשער און וואָס ס'איז געקומען אונטער די הענט — זיי באַוואָרפן און געוואָלט פאַרטרייבן. זיי האָבן אָבער געוואָרפן טרערן־באָמבעס — און אונדזער ווידערשטאַנד האָט אויפגעהערט. בעת די קראַנקע און שוואַנגערע פרויען האָבן די ענגלענדער אַוועק געפירט אין אַ לאַגער אין עתלית, זענען מיר פאַרטריבן געוואָרן קיין קפריסין (ציפּערן). אין אַפּריל 1947 האָבן מיר ווידער זיך געפונען הינטער שטעכלדראָטן, אין לאַגער־רעזשים. די מלחמה האָט זיך טאַקע געענדיקט — אָבער נאָך ניט פאַר אונדז, יידן... דאָס האָט אויף אונדז פאַטאַל

געווירקט. מיר זענען געוואָרן מאָראַליש צעבראָכן, אַפּאַטיש, פאַרלוירן דעם צוטרוי צו דער מענטשהייט.

מיר פירן ווידער אונדזער לעבן אין לייוונטענע צעלטן, אין שווערע באַדינגונגען. אויב מיר האָבן ניט געליטן קיין הונגער, איז עס נאָר אַ דאַנק דער טעטיקייט פון „דזשאָינט״.

די טעג און נעכט אין לאַגער זענען געווען מאָנאָטאָנע, גראָע, ענלעכע איינע צו די אַנדערע, אָן אַ האָפענונג שנעל באַפרייט צו ווערן פון דאָנען און אָנקומען אין אייגענעם לאַנד — ביז דער נאַכט פון 29־טן נאָוועמבער 1947, ווען אין אונ״אָ איז געפאַלן דער היסטאָרישער באַשלוס אויפצושטעלן אַ יידישע מדינה אין דער צעטיילטער ארץ־ישראל.

איך גיי אַרויס אין דרויסן — רעדלעך מענטשן שטייען און דיסקוטירן מיט ברען און מיט פרייד: „היינט ווערט באַשטימט דער גורל פון ארץ־ישראל, במילא — אויך אונדזער גורל״... מיט אַ פאַרכאַפּטן אָטעם הערן מיר אין ראַדיאָ דעם פאַרלויף פון דער דעבאַטע אין אונ״אָ, די אָפּשטימונג — און מיט אַמאָל ברעכט אויס ספּאָנטאַן די גרויסע שמחה און באַגייסטערונג, אויסגעמישט מיט טרערן פון גערירטקייט און טיפער איבער־לעבונג. דער עולם צעקושט זיך, מען טאַנצט און מען יובלט פאַר פרייד. דער לאַגער ברויזט און שטורעמט. אין יענעם מאָמענט האָבן מיר פאַרגעסן אַלע אונדזערע צרות. טרערן גיסן זיך פון מיינע אויגן — טרערן פון פרייד און איבערלעבונג. איך פיל, אַז סוף־כל־סוף איז געקומען די גאולה...

אין מדינת ישראל בין איך אָנגעקומען אין דעצעמבער 1949.

מיר זענען געבליבן אין שטעטל...

יעקב חורגין / רמת־גן

די ערשטע ידיעה וועגן אויסברוך פון קריג צווישן דייטשלאַנד און רוסלאַנד, האָב איך באַקומען פון מיין פרוי רחל, ווען איך האָב זיך אומגעקערט פונעם קאָאָפּעראַטיוו, וווּ כ׳האָב איינגעקויפט פּראָדוקטן. מיר זענען געווען זייער איבערראַשט, ניט געוווּסט וואָס צו טאָן.

אין זעלבן טאָג האָט דער סאָלטיס באַפוילן מיר און נאָך 12 מענטשן, אַז מיר זאָלן היטן די טעלעגראַפישע סלופּן אויף אַ שטרעקע פון עטלעכע קילאָמעטער, ביז הניעצקע. אין די פרימאָרגן־שעהן איז אַן עסקאַדרע דייטשע עראָפּלאַנען אַדורכגעפלויגן איבער אונדז, אַראָפּגעלאָזט זיך גאָר נידעריק און באַשאָסן פון מאַשין־געווער.

מיט גרויס שרעק האָב איך זיך צוריק געקערט אַ היים.

צו מאָרגנס זענען הונדערטער יידן אַדורכגעגאַנגען דורך אונדזער שטעטל, אַנטלויפנדיק קיין רוסלאַנד. זיי האָבן אונדז איבערגעגעבן שרעקלעכע ידיעות וועגן דער לאַגע פון די יידן אין די אָקופּירטע געגנטן. ניט געקוקט אויף די גרויל־דערציילונגען פון די פּליטים און דאָס בעטן זיך פון מיין פרוי, אַז מיר זאָלן זיך איינפּאַקן און לויפן קיין רוסלאַנד, האָב איך צוליב די קליינע קינדער באַשלאָסן צו בלייבן אין שטעטל.

איך האָב ניט געגלויבט, אַז די דייטשן הרגענען סתם יידן. איך האָב געמיינט, אַז נאָר די קאָמוניסטן שיסן זיי.

כאַטש רוביזשעוויטש האָט שוין אָפיציעל געהערט צו דייטשלאַנד און די רוסישע אַרמיי איז געהאַט אַנטלאָפן, איז במשך עטלעכע וואָכן ניט געווען קיין שום מאַכט אין שטעטל. עס האָט געהערשט כאַאָס. די פויערים האָבן אָנגעהויבן ראַבירן יידישע הייזער. מיר האָבן זיך פאַרשפאַרט אין די היימען און מורא געהאַט אַרויסצוגיין אין גאַס.

דעם 8טן יולי האָט אָנגעהויבן אַדורכמאַרשירן די דייטשע אַרמיי. דערנאָך האָבן די דייטשן געשאַפן אַ פּאָליציי פון דער אָרטיקער קריסטלעכער באַפעלקערונג.

אין עטלעכע טעג אַרום האָט מען מיך מיט אַ גרופּע פון 30 יידן מאָביליזירט, כדי קובר זיין די געפאַלענע רוסישע סאָלדאַטן אין ליכאַטשער וואַלד. אין דער זעלבער צייט האָט די פּאָליציי אָרגאַניזירט יידישע גרופּן און אָנגעהויבן צו שיקן זיי אויף צוואַנגס־אַרבעט אין פאַרשידענע פּלעצער.

איך בין אַריינגעפאַלן אין אַ גרופּע, וועלכע האָט געדאַרפט בויען אַ בריק אין סלאָבאָדע. דער אָנפירער פון מיין גרופּע איז געווען פּארכימאָוויטש.

אַזוי האָט זיך געפירט דאָס לעבן אין שטעטל — מיט פחד און זאָרג, ניט וויסנדיק וואָס דער מאָרגן וועט ברענגען.

אין דער זעלבער צייט איז געשאַפן געוואָרן אַ יודענראַט, וועלכער איז באַשטאַנען פון: לאָטע אייזנבוד, סאַלאָמיטש, איצקע גוריאָן און וועלוול שימאָנאָוויטש.

דעם ערשטן דעצעמבער 1941, איז געשאַפן געוואָרן דאָס געטאָ אין שטעטל. אַזוי ווי מיין שטוב איז ניט אַריין אין שטח פון געטאָ (איך האָב זיך דערוווּסט וועגן דעם מיט אַ פּאָר טעג פריער), האָב איך ביינאַכט גענומען מיינע זאַכן און זיך אַריינגעגנבעט אין חייקינס שטוב.

אין געטאָ איז ביי ליוטע סעגאַלאָוויטש אָרגאַניזירט געוואָרן אַן אַרטעל (קאָאָפּעראַ־טיוו) פון פאַכמענער. מיך האָט מען אָנגענומען אַלס אַרבעטער אין אַרטעל.

די ענגשאַפט אין געטאָ און די שרעקלעכע סאַניטאַרע באַדינגונגען וועלכע האָבן דאָרט געהערשט, האָבן געבראַכט דערצו, אַז יעדן טאָג זענען פיל מענטשן אויסגעשטאָרבן פון פאַרשידענע קראַנקייטן.

פון צייט צו צייט פלעגט מען אַרויסשיקן יידן אין די לאַגערן. ווען איך בין שוין געשטאַנען צוזאַמען מיט נאָך 300 יידן צום אַרויסשיקן קיין דוואָרעץ, איז מיר אין דער לעצטער מינוט געלונגען זיך אַרויסצוגנבענען פון דער גרופּע און בלייבן אין געטאָ. אָבער ניט לאַנג האָב איך זיך געקענט אַרויסדרייען — און אַ געוויסן טאָג, בין איך געשטאַנען מיט מיין משפחה צווישן אַ גרופּע פון 160 מאַן, וואַרטנדיק אָפּצומאַרשירן קיין איוועניץ.

יעדער האָט געמעגט זיך מיטנעמען, וואָס ער האָט געקענט טראָגן. אַזוי אָנגעלאָדן מיט פּעקלעך, האָבן מיר אַדורכגעמאַכט דעם מאַרש צופוס פון רוביזשעוויטש קיין איוועניץ. אויפן וועג האָבן מיר געמוזט איבערלאָזן אַ טייל פּעקלעך, ניט האָבנדיק קיין כוח מער צו שלעפּן, אַפילו די פיס. מיר האָבן מאַרשירט צו 5 אין אַ ריי. ווער עס האָט פאַרלאָזן די ריי, אָדער איז שוואַך געוואָרן — האָט מען דערשאָסן אויפן וועג. פיל

מענטשן זענען אַזוי אומגעקומען. מיט די לעצטע כוחות בין איך מיט מיין משפּחה ענדלעך אָנגעקומען קיין איוועניץ.

דאָ זענען מיר געווען 2 וואָכן. שרעק און הונגער האָבן מיר געהאַט גענוג אין די פּאָר וואָכן. אַלץ וואָס מיר האָבן געהאַט אויף זיך, האָט מען באַדאַרפט אויספאַרקויפן, כדי צו שטילן דעם הונגער.

עס איז אַרויסגעגעבן געוואָרן אַ באַפעל, אַז אַלע דאַרפן זיין גרייט צום מאַרשירן קיין דוואָרעץ. שטייענדיק שוין גרייט צום אָפּמאַרש, האָבן די דייטשן דורכגעפירט אַ סעלעקציע. קליינע קינדער ביז 10 יאָר האָט מען צוגענומען פון די עלטערן. די וועלכע האָבן געדאַרפט אָפּמאַרשירן, האָט מען קאָנצענטרירט אין די איוועניצער קאַזאַרמעס. מיט גרויס מי איז מיר געלונגען אַריינצונעמען צוריק מיין קלענסטן זון בנימין, וועלכער איז שוין געשטאַנען אויף דער צווייטער זייט, צוזאַמען מיט אַלע קליינע קינדער.

דאָך האָבן מיר זיך געמוזט צעשיידן מיט מיין געטרייען זון. גלייך צו מאָרגנס, ווען מען האָט אונדז אַרויסגעטריבן פון די קאַזאַרמעס און מיר האָבן אָנגעהויבן מאַרשירן אויפן וועג קיין דוואָרעץ, האָט מען מיט כוח אַרויסגענומען מיין בנימינקען פון די רייען. עס האָט ניט געהאָלפן קיין בעטן און מיין פרויס געוויין. לויפנדיק נאָך אים, האָב איך באַקומען שטאַרקע קלעפּ איבערן קאָפּ מיט אַ נאַהייקע. אַ צעטומלטער פון די קלעפּ און באַגאָסענער מיט בלוט, האָב איך נאָך געהערט פון דערווייטנס דאָס געוויין און געשריי פון מיין זון: „מאַמע, ראַטעווע מיך! אך וויל ניט בלייבן אַליין. איך וויל ניט שטאַרבן!"

2 טעג האָבן מיר מאַרשירט. אויפן דריטן טאָג, זענען מיר אָנגעקומען צעבראָכענע קיין דוואָרעץ.

ווי גליקלעך זענען מיר געווען, ווען אין אַ קורצער צייט שפּעטער האָבן מיר באַקומען אַ פריילעכע בשורה, אַז בנימינקען איז געלונגען זיך אַריינצובאַקומען אין צווייטן עשעלאָן, אַז ער געפינט זיך אין נאָוואָגרודקער געטאָ. איך האָב אַלץ אויספאַרקויפט און פאַרן געלט באַצאָלט אַ גוי ער זאָל אים ברענגען צו אונדז קיין דוואָרעץ. ניט געקוקט אויפן שוידערלעכן מצב אין וועלכן מיר האָבן זיך געפונען אין דוואָרעץ, האָב איך זיך געפילט גליקלעך דעם טאָג, ווען בנימינקע האָט זיך ווידער פאַראייניקט מיט אונדז. דעם טאָג ווען איך האָב ווידער דערזען מיין זון, וועל איך קיין מאָל ניט פאַרגעסן.

ענדע דעצעמבער 1942, ווען מען האָט גענומען ליקווידירן דעם לאַגער, האָב איך מיט מיין משפּחה און דבורה, שמואל דעם קצבס און איטשע בערקאָוויטש, זיך אויסבאַהאַלטן אין אַ קעמערל. מיר האָבן געהערט די געשרייען און די שיסעריי. אַ דייטש איז אַריין אין שטוב און געשריגן: „מאָזעס, אַרויס!" ער האָט געשאָסן אין דער לופט, אָבער ניט געזוכט.

ווען עס איז געוואָרן פינצטער, זענען מיר אַריין אין ליוטע סעגאַלאָוויטשעס בונקער. 2 טעג שפּעטער, ווען דוואָרעץ האָט גענומען ברענען, זענען מיר זיך צעלאָפן אויסער די דראָטן און דערביי פאַרלוירן איינער דעם צווייטן. ערשט מיט עטלעכע וואָכן שפּעטער, האָב איך געפונען מיין ווייב און קינדער אין רוביזשעוויטש. זיי האָבן געוואַנדערט אין אַן אומבאַקאַנטער געגנט. ניט ווייט פון ניעמאַן, האָט זיי אַ קריסט אַריינגענומען צו זיך אין שטוב אָנצוואַרעמען. זיין פרוי, דערזעענדיק מיין רחלהן מיט די צוויי קינדער, האָט

זיך פונאַנדערגעווײנט פון רחמנות. דער קריסט האָט זיי איבערגעפירט איבערן ניעמאַן, געגעבן דעם אַדרעס פון זיין שוועסטער אין אַ צווייטן דאָרף, וועלכע האָט זיי געהאַלטן עטלעכע טעג.

בעת מײַן וואַנדערן, האָב איך אָנגעטראָפן עטלעכע רוביזשעוויטשער ייִדן. מיר האָבן עטלעכע וואָכן זיך געהאַלטן צוזאַמען. מיט דער הילף פון פויערים, וועלכע האָבן אונדז געגעבן עסן, זענען מיר דערגאַנגען קיין רוביזשעוויטש. קיין פּאָליציי איז שוין מער ניט געווען אין שטעטל און די דייטשן פלעגן זיך מער ניט ווייזן, צוליבן פּחד פאַר די פּאַרטיזאַנער. מיר האָבן זיך אַרומגעדרייט וואָכנלאַנג איבער די כוטאָרן.

אין אַ געוויסן טאָג האָבן די דייטשן געמאַכט אַן אָבלאַווע. מיר זענען פון צעלי־סעוויטש אַנטלאָפן אין וואַלד אַריין און אָנגעטראָפן אויף פּאַרטיזאַנער. אָבער זיי האָבן אונדז פאַרטריבן. מיר האָבן זיך נאָכגעשלעפּט נאָך זיי 7 קילאָמעטער, ביז שפּאַקי. דאָרט האָט אונדז אַ באַקאַנטער קריסט אויסבאַהאַלטן אין אַ גרוב פון קאַרטאָפל. עטלעכע טעג פריער האָבן די דייטשן אויסגעהרגעט אין שפּאַקי 14 קריסטן, פאַר מיטאַרבעטן מיט די פּאַרטיזאַנער. דאָך פלעגן די פויערים אונדז געבן עסן און לאָזן איבערנעכטיקן.

אַזוי האָבן מיר זיך געמאַטערט, וואַנדערנדיק איבער די דערפער, ביז יוני 1944, ווען די רוסן האָבן באַפרייט די געגנט. דאַן האָבן מיר זיך צוריק געקערט קיין רוביזשעוויטש.

כמעט אַלע ייִדישע הייזער זענען געווען אויפגעריסן און צעשטערט. די קריסטן האָבן אַלץ פאַרנוצט אַלס ברען־מאַטעריאַל. נאָר געציילטע ייִדישע הייזער, אין וועלכע עס האָבן געוווינט קריסטן, זענען געבליבן גאַנץ.

אין גרשון דעם שוסטערס שטוב, ווו עס האָט געוווינט מיין שוועגערין שאַשקע, האָבן מיר געפונען פאַרשטעקט אונטערן דאַך אַ טאָגבוך, וואָס איר טאָכטער שרה האָט געפירט.

16 חדשים שפּעטער זענען מיר דורך פּוילן און דייטשלאַנד, אָנגעקומען אין 1949 צו זיך אַ היים, אין מדינת ישראל.

דריי יסורים־וועגן

נחמן בערמאַן, תל־אביב

מיט די דאָזיקע שורות וויל איך אַרויסשעפּן עטלעכע טראָפּנס פון דעם ים יסורים פונעם לעצטן וועג, וועלכן די אַלע אומגעקומענע האָבן אַדורכגעמאַכט און איך האָב צוזאַמען מיט זיי געוויטיקט ביז די לעצטע מינוטן. זאָלן די פאַרשריבענע בלעטער דינען אַלס מצבה פאַר די נישט פאַרדעקטע בלוט פון אַלע קדושים; פון דער יונג־צאַרטער שוועסטער מיינער טייבעלע; און פון דער נאָענטסטער נשמה, וועמענס איבערגעגעבנקייט און ליבע איך האָב געפילט ביז איר לעצטן אָטעם — מיין מוטער חיה.

דער ערשטער וועג

דעם 22סטן יוני 1941, איז די ערשטע דייטשע באָמבע געפאַלן אויף אונדזער שטוב אין באַראַנאָוויטש.

איך, מיין מוטער און יינגע שוועסטערל, זענען געלעגן אין גאָרטן, וואָס נאָכן שטוב און זיך געטוליעט צו דער פייכטער ערד. דער ערשטער געדאַנק וואָס איז געקומען נאָכן אויפהייבן דעם קאָפּ פון גראָז, איז געווען — גראַן.

וואָס גיכער קומען אין גראַן, זיך פאַרייניקן מיט דער משפּחה און אפשר געפונען שוץ אויף די פעלדער און וועלדער — די באַוווּסטע פּוילישע וועלדער, וואָס ציען זיך אויף הונדערטער קילאָמעטערס אין אַלע ריכטונגען.

צו מאָרגנס, נאָך פאַר זון־אויפגאַנג, ווען מיר זענען שוין געווען אויפן וועג צו מזרח, איז די מערבדיקע זייט פון האָריזאָנט געווען באַלויכטן מיט רויטע פלאַמען, וועלכע האָבן אויבן, אין הימל, זיך פאַרייניקט מיט שוואַרץ־פיאָלעטע וואָלקנס. באַראַנאָוויטש, געבויט כמעט נאָר פון האָלץ, האָט געברענט גיך, לייכט און הויך. פון צייט־צו־צייט פלעג איך זיך אומקערן און כאַפּן אַ קוק אויפן פייער. ס׳האָבן געברענט די קינדער־יאָרן... די היימען, שולן, חדרים און ישיבות. איך האָב געזען אין פייער דור־דורותדיקע מי, פראַצע און האָפענונג; דור־דורותדיקע פרייד, שמחות און טרערן.

באַראַנאָוויטש האָט געברענט, נאָך איידער די היטלעריסטישע שטיוול האָבן געטראָטן אויף איר ערד. זיי האָבן איר געצונדן פון דער הייך. נאָך דעם זענען געקומען די באַטשוועקטע שטיוול און ס׳האָט זיך אָנגעהויבן דאָס גרויסע פייער און טויט פון אַלע יידישע שטעט און שטעטלעך אין פּוילן.

מיט גרויס מי און אַ סך געלט האָב איך געפּועלט ביי אַ פּויער, ער זאָל מיט זיין פערד־און־וואָגן פירן מיין מוטער און שוועסטערל. מיטן שאָסיי זענען געלאָפן אויף מזרח טיילן פון דער אָפּטרעטנדיקער סאָוויעטישער אַרמיי. לענגאויס די וועגן זענען געווען אויסגעמישט זעלנער און ציווילע באַפעלקערונג, אַלע האָבן זיך באַוועגט אין איין ריכטונג.

מיט צוויי־דריי טעג פריער, האָבן די אַלע מענטשן זיך פאַרנומען מיט זייער טאָג־טעגלעכן לעבן. פּלוצלונג — ווי אַ גרויסע ערד־ציטערניש, אַלץ האָט אויפגערודערט און צעשטערט. מ׳איז געלאָפן מיט פּאַניק און שרעק; אַ געפיל פון אונדערוואַרטע און שוידערלעכע טעג, האָט אַלעמען באַהערשט.

דערהערנדיק פון ווייטן אַ גערויש און אויפרייסן, האָב איך אַראָפּ געכאַפּט די מוטער און שוועסטערל פון וואָגן. מיר האָבן זיך אַוועקגעלייגט אָן אַ זייט פון וועג, אין אַ קאַנאַווע. צוויי דייטשע עראָפּלאַנען זענען פאַרבייגעפלויגן, וואַרפנדיק באָמבעס לענגויס דעם שאָסיי.

צוריקקערנדיק זיך צום פויער, האָבן מיר געזען ווי ער שטייט לעבן טויטן פערד. אויפן אָרט פון וואָגן איז געווען אַ בערגל צונויפגעמישטע האָלץ און שטרוי, נאָר איין ראָד האָט אַרויסגעשטעקט פון אויבן און פּאַמעלעך זיך געדרייט הין־און־קריק אויפן אייזערנעם אַקס.

די פרייד פון ראַטעווען זיך פון דעם נאָר־וואָס זיכערן טויט, איז איצט געווען אויסגעמישט מיט דער שרעק פאַרן אומבאַוווסטן, שוידערלעכן מאָרגן.

דער צווייטער וועג

צוויי שליאַכן האָבן דורכגעקרייצט דעם פּאָלוואַרק גראַן. איינע — פון סטויפּץ צו איוועניץ, דער צווייטער — פון רוביזשעוויטש צו דערעוונע און מיר.

האַרט ביי גראַן האָט דורכגעשניטן דעם וואַלד אַ גלייך אויסגעהאַקטע ליניע, וועלכע האָט זיך געצויגן אין דער טיף פון די פּוילישע וועלדער. דער דאָזיקער שמאָלער שטרייף האָט אַמאָל, נאָך פאַר דער ערשטער וועלט־קריג, געדינט אַלס גרענעץ פון צוויי גרויסע רוסישע גובערניעס: ווילנער און מינסקער. דערפאַר האָט דאָס אָרט געהייסן „גראַן” (אויף רוסיש — גרענעץ).

ביי דעם דרייסיקסטן קילאָמעטער אויפן וועג פון סטויפּץ צו איוועניץ, האָט פון ביידע זייטן שליאַך זיך אָנגעהויבן דער יידישער גוטבאַזיץ גראַן.

צענדליקער קילאָמעטערס וואַלד. הויכע, שלאַנקע סאָסנע־ביימער, צאַרטע, ווייסע בעריאָזעס, ברייט־פאַרצווייגטע, טונקל־גרינע יאָדלעס און רוישיק־זילבערנע אָסיניעס. אַרום די וועלדער, אויף קילאָמעטערס לאַנג, האָבן זיך געצויגן פעלדער, מיט ברייטע, זיך וויגנדיקע מיעזשעס תבואה, ווייס־ראָזע, בליִענדע גריקע, בונטע קאָניוטשינע־בלומען, גערטנער, סעדער און טייכן.

צוויי יידישע פאַמיליעס, באַוווסטע וואַלד־סוחרים, געבונדענע מיט ענגע פאַמיליע־פעדים, וועלכע האָבן געצויגן זייער יחוס פון באַוווסטע רבנים און צדיקים, זענען געקומען אַהער אָנהייב פון איצטיקן יאָרהונדערט און אָפּגעקויפט די הונדערטער העקטאַרן וואַלד און פעלדער.

הירש גאָלדבערג און שלמה גורוויץ מיט זייערע פאַמיליעס, האָבן געבויט פאַר זיך הייזער פון די ביימער פון אייגענעם וואַלד. זיי האָבן אויסגעוואָרצלט און אָפּגערייניקט גרויסע שטחים, אויף וועלכע זיי האָבן נאָך דעם געאַקערט, געזייט און געשניטן.

האַרט ביים וועג, וואָס האָט געפירט צו רוביזשעוויטש, האָט מען אויסגעבויט צוויי

סמאָלאַרניע־אויוונס, וועלכע האָבן אַ קיילעכיקן יאָר פֿאַבריצירט האָלץ־קוילן, סמאָלע און טערפּענטין, וועלכע מ׳האָט עקספּאָרטירט קיין אויסלאַנד.

צענדליקער פּויערים פֿון דער געגנט האָבן געהאַט באַשעפֿטיקונג אין גוטבאַזיץ. ווינטער פֿלעגט די שטילקייט פֿון פֿאַרגליווערט־פֿאַרשנייטן וואַלד צעשטערן דער אָפּקלאַנג פֿון די זעגן און העק. פֿרילינג, זומער און האַרבסט, פֿלעגן די מענטשן, אומקערנדיק זיך פֿון באַאַרבעטן די פֿעלדער, באַגלייטן די זון־אונטערגאַנג מיט פֿאַרבענקטע, פּויערישע לידער.

אין דער אוראַלטער געגנט, מיט אירע פֿאַרשלאָפֿענע וועלדער אַרום, די שמאָלע פּויערישע מעזשעס, מיט פֿאַרוואָרפֿענע כוטאָרס און דערפֿער אַרום — האָט דער גוט־באַזיץ גראַן אַרייַנגעבראַכט לעבן און באַשעפֿטיקונג.

די הייזער אין גראַן האָט מען געבויט הויך, ברייט און באַקוועם. גרויסע צימערן, מיט הויכע ליכטיקע פֿענצטער, האָבן אַרויסגעקוקט אין סאָסנע־וואַלד, וועלכער האָט אַרומגערינגלט די הייזער, שטאַלן און לאַנגע שייערן.

די פֿענצטער און גאַניקעס זענען פֿון דרויסן באַפּוצט געווען מיט העל־געמאָלענע האָלץ־שניצערייען. צופֿאָרנדיק צו גראַן, האָבן זיי פֿון ווייטן געלויכטן צווישן די סאָסנע־ביימער, גלייך זיי וואָלטן גאַסטפֿריינדלעך פֿאַרבעטן צו זיך.

אין די ברייטע, געראַמע צימערן, פֿלעגט מען אָפֿט אויפֿנעמען געסט. גרויסע שררה־לייט פֿלעגן קומען אין די וועלדער אויף יאַגד. וואַלד־סוחרים זענען געקומען אייַנהאַנדלען האָלץ. אין די האַרבסטן פֿלעגט מען דאָ גרייטן די שניט־פֿייערונגען. צוזאַמען מיט די לעצטע תּבֿואה־גאַרן, פֿלעגן די פּויערים ברענגען פֿון די פֿעלדער געזאַנג, טענץ און געפֿלאָכטענע קרענץ פֿון גאָלדענע זאַנגען.

אין די יום־טובֿים, אָדער ימים־נוראָים, ווען די משפּחה פֿלעגט קומען צוריק פֿון באַראַנאָוויטש קיין גראַן, פֿלעגן נאָך צוקומען פֿיל קרובֿים און באַקאַנטע. אַלע גרויסע צימערן פֿלעגן זיך פֿאַרפֿולן מיט טומל, גערעדערייַ און געלעכטער.

יעדן פֿרימאָרגן פֿלעגט מען זיך צוזאַמענקומען אין געראַמען סאַלאָן צו דאַווענען מיט מנין. די ייִדישע מיט בענקשאַפֿט פֿולע תּפֿילה־ניגונים, פֿלעגן פֿאַרפֿולן די צימערן און זיך צוזאַמענגיסן מיטן ווינט און גערויש פֿון האַרבסטיקן וואַלד אין דרויסן.

מייַן פֿאָטער הלל האָט פֿאַרנומען ווichטיקע אַמטן און פֿלעגט די מערהייט צייַט פֿון יאָר זיך געפֿונען אין די גרויסע רוסישע שטעט. אין די יום־טובֿים פֿלעגט ער זיך אומקערן אין גראַן און ליב געהאַט צו דאַווענען פֿאַרן עמוד. די הויכע, ליכטיקע פֿענצטער פֿלעגן אַ לייכטן ציטער טאָן פֿון זייַן שטאַרקער, קלינגעדיקער שטים, בעתן אויסזינגען די באַוווּסטע ניגונים. דער זיידע הירש גאָלדבערג, איבערגעדעקט מיטן לאַנגן, געלבלעכן טלית, פֿלעגט אויסזען העכער און ברייטער ווי אַלעמאָל, יום־טובֿדיקייט און דערהויבנקייט פֿלעגט שפּראָצן פֿון זייַן געשטאַלט אין די חגים און שבתים, פֿולע מיט ייִדישקייט, פֿרייד און משפּחה.

אויסערלעך האָט זיך געדאַכט, אַז אַלץ זעט אויס ווי אין די אַמאָליקע יאָרן. אינערלעך, זענען אָבער פֿאַר די לעצטע עטלעכע יאָר פֿאָרגעקומען טראַגישע ענדערונגען אין אונדזער פֿאַמיליע. דער פֿאָטער איז געשטאָרבן אין עלטער פֿון איין־און־דרייַסיק יאָר; נאָך אים איז געשטאָרבן די באָבע איטקע גאָלדבערג; און אַ יאָר שפּעטער — דער

זיידע הירש גאָלדבערג. פיר יאָר כסדרדיקער טרויער האָבן מוראדיק דערשיטערט אונדזער משפּחה און די ווונדן און טרויער האָבן זיך ניט פאַרהיילט ביזן אַלגעמיינעם אומקום.

אין סעפּטעמבער 1939, איז אויך פאָרגעקומען אַן אַלגעמיינע ענדערונג אין גוטבאַזיץ גראַן.

די סאָוויעטישע אַרמיי איז אַריין אין גראַן און אומגעגנט. די קאַרגע צוויי יאָר, ביז דעם איבערפאַל פון די דייטשן אין יוני 1941, האָבן אַלע באַוויזן זיך צוצופּאַסן צו דער נייער אָרדענונג. די נייע מאַכט, האָט פון איר זייט זיך באַמיט צו געבן אַלעמען עקזיסטענץ־מעגלעכקייטן, לויט איר סיסטעם.

די גראַניער יידן, נישט געקוקט אויף דעם וואָס זיי זענען געוועזן גוטבאַזיצער, האָט זיי, פיזיש, קיינער ניט געטשעפּעט. מן־הסתמא איז עס געשען אַ דאַנק דעם, וואָס זיי האָבן אַלע מאָל זיך באַמיט צו אַנטוויקלען גוטע, פריינדלעכע באַציונגען מיט הויכע שררה־לייט, אַזוי אויך מיטן פּשוטסטן אַרבעטער און פּויער פון דער אומגעגנט.

✶

פאַריאָגטע און מידע, האָבן מיר איצט זיך אומגעקערט קיין גראַן. אַרויסגייענדיק פון דערעוונער וועג, האָבן מיר צווישן די סאָסנעס דערזען אונדזערע הייזער.

קומענדיק אין גראַן, האָבן מיר געטראָפן דעם פעטער שלמה גורוויץ און פאַמיליע, און דער מוטערס יינגערע שוועסטער לאה (געפינט זיך איצט אין לאַנד).

אַ טויט־שטימונג האָט אַלעמען באַהערשט, ווען מיר האָבן דערזען דעם ערשטן האַקנקרייץ אויף די אָרעמס פון די טונקל־גרויע מונדירן פון דער דייטשער אַרמיי וועלכע האָט גענומען שטראָמען אויף די זאַמדיקע וועגן אַרום גראַן.

עס האָבן זיך דערטראָגן ידיעות פון אַרומיקע שטעטלעך וועגן טויט־אַקציעס, וועלכע זענען אויסגעפירט געוואָרן אויף יידן.

בלאָנדזשעדיקע און צעשראָקענע האָבן זיך באַוויזן יידן פון קוידאַנאָוו. זיי האָבן אַפילו מורא געהאַט צו דערציילן און ריידן וועגן די גרוילן, פון וועלכע זיי האָבן באַוויזן זיך צו ראַטעווען. אויף דעם איוועניצער מאַרק־פּלאַץ האָט מען צונויפגעזאַמלט דריי הונדערט פופציק יידן און יעדן צענטן אַרויסגעפירט אין נאָענטן וועלדל, באַפעלן אויסגראָבן פאַר זיך אַ קבר און אויפן אָרט זיי דערשאָסן.

פון ערשטן טאָג האָבן די יידן פון גראַן, צוזאַמען מיט די דערעוונער, געמוזט באַדינען די דייטשע אַרמיי מיט אַלערליי צוואַנגס־אַרבעטן. נאָך דעם האָבן זיי אָרגאַניזירט אָרטיקע פּאָליציי, וועלכע האָט פאַרפאָלגט די יידן מיט אומגעצלעכע ורערנידעריקנדיקע אַרבעטן, קאָנטריבוציעס און רויבערייען. די דייטשן, מיט דער הילף פון דער דאָרטיקער פּאָליציי, האָבן פון טאָג צו טאָג אַלץ מער פאַרצויגן די שטריק אַרום דעם האַלדז.

עס איז שטרענג פאַרבאָטן געוואָרן וועלכע ס'איז פאַרבינדונג פון איין שטעטל מיטן צווייטן. דאָס זעלבע — מיט דער קריסטלעכער באַפעלקערונג אַרום. נאָר צופעליקע און אָפּגעריסענע ידיעות פלעגן דערגיין פון איין ישוב צום צווייטן.

יעדן טאָג פלעגן קומען נייע גזירות און פאָדערונגען פון דעם בינטל היטלעריסטן,

וועלכע זענען איינגעשטאַנען אין איוועניץ. די אָרטיקע פּאָליציי האָט פלייסיק אויסגעפירט די באַפעלן. דערביי האָבן זיך ביי זיי צעשפּילט די ווילדעסטע אינסטינקטן. איין פּאָליציסט פלעגט זיך פאַרמעסטן מיטן צווייטן איז אוממענטשלעכקייט און אכזריותדיקייט.

נאָך דעם ווי אַלע זענען שוין געווען אויסגעמאַטערט, דערשלאָגן; נאָך דעם ווי מען האָט אַלץ צוגענומען; נאָך דעם ווי מען האָט אַרומגעבראָכן די צווייגן — איז געקומען די גזירה אַרויסצורייסן מיטן וואָרצל...

אין יאַנואַר 1942, איז פון איוועניץ געקומען אַן אָפּטיילונג דייטשן און באַפוילן די דערעוונער און גראַניער יידן, צו זיין גרייט אויף מאָרגן צו פאַרלאָזן די היימען און אַרויסגעטריבן צו ווערן אין רוביזשעוויטשער געטאָ. זיי האָבן דערלויבט מיטנעמען זאַכן, נאָר וויפל יעדער איינער איז בכוח צו טראָגן.

פון באַגינען, זענען די גראַניער דריי יידישע פאַמיליעס, אַרומגערינגלט מיט פּאָליציסטן, געשטאַנען גרייט מיט די פּעקלעך אויפן רוביזשעוויטשער וועג און געוואַרט אויפן אָנקום פון די דערעוונער יידן.

אַנטקעגן זענען געבליבן פאַרלאָזענע היימען, וועלכע מען האָט געבויט, און אין וועלכע מען איז אַזוי פיל יאָרן פון פרייד און טרויער דורכגעגאַנגען.

די אָקטאָבער־זון האָט ווי אַלע מאָל אַריינגעלויכטן אין די הויכע פענצטער־שויבן, וועלכע האָבן אָפּגעגלאַנצט מיט שוידערלעכער פוסטקייט און טרויער.

מיט אויפגעריסענע אויגן האָבן אַלע זיך געזעגנט מיטן אַרום, וויסנדיק, אַז מען זעט דאָס אַלץ צום לעצטן מאָל. יעדער בוים, יעדער צווייג, יעדער גראָז און סטעזשקע איז דאָ געווען באַקאַנט און אייגנס.

פלוצלונג איז אַלץ געוואָרן ווייט, אָפּגעריסן און פרעמד.

אין די פאַרמיטאָג־שעהן האָבן זיך באַוויזן די ערשטע פוסגייער און וועגענער מיט דערעוונער יידן. רייטער־פּאָליציי מיט אָנגעצילטע ביקסן און רימענס אין די הענט האָבן געזידלט, געשריען און געיאָגט. זייערע געשרייען האָבן נאָך ווילדער און חיהשער אָפּגעהילכט אין דער אייביקער רויִקייט פון אור־אַלטן וואַלד.

שטיל, דערשראָקן, מיט בלאַסע פּנימער און פאַרוויינטע אויגן, האָבן זיך לאַנגזאַם געצויגן אויפן זאַמדיקן, שטויביקן וועג, די דערעוונער יידן — אַ שטעטעלע יידן, אָפּגעזונדערט און פאַרוואָרפן אין דער טיף פון די פּוילישע וועלדער; יידן, וואָס האָבן פון דור־דורות, ווי אין אַ בינשטאָק, געבויט זייער טאָג־טעגלעכן לעבן; געווען פאַרבונדן מיט ציוניסטישע אָרגאַניזאַציעס, געפאָרן אויף הכשרה, געגרייט זיך עולה צו זיין — און עולה געווען קיין ארץ־ישראל; געשיקט די קינדער לערנען אין חדרים, ישיבות, גימנאַזיעס אין די גרעסערע שטעט; געפירט אַ קולטורעלן לעבן — מיט צייטונגען, ביבליאָטעקן, דראַמקרייזן און נאָך.

מיט עקשנותדיקייט און ליבשאַפט האָבן זיי געשמידט נאָך אַ רינג צו דער דור־דורותדיקער יידישער קייט. אָבער איצט — עטלעכע הונדערט אומבאַהאָלפענע, איינזאַמע מענער, פרויען, אַלטע לייט און קינדער, אָפּגעריסן פון אַרום, פון דער וועלט, אַרומגע־רינגלט מיט באַוואָפנטע, שוואַרץ־מונדירטע פּאָליציאַנטן, האָבן זיי זיך באַוועגט אין דער ריכטונג פון רוביזשעוויטשער געטאָ. מיט אַ מוראדיק־דערדריקנדער שטילקייט און משונה־הייליקער רויִקייט האָבן זיי דורכגעמאַכט דעם וועג צום אומבאַוווסטן מאָרגן.

צווישן דעם הייפל יידן, האָבן זיך אויך געפונען מיינע נאָענטסטע און טייערסטע: די באָבע עלקע בערמאַן, מיין פאָטערס מוטער, מיט צוויי טעכטער — די עלטערע איטקע, מיט איר מאַן, דער לערער יצחק אַבילעוויטש און זייער איין־יאָריק יינגעלע ברוך; די יינגערע טאָכטער חייה. זיי אַלע זענען אומגעקומען אין רוביזשעוויטשער און דוואָרעצער געטאָס. צווישן זיי איז אויך געווען מיין פאָטערס ברודער, אברהם בערמאַן (איצט אין לאַנד).

אויפן וועג זענען מיר פאַרביי כוטאָרס און דערפער. באָרוועסע, האַלב־נאַקעטע פויערישע קינדער האָבן דערשטוינטע געפּרוווט אונדז נאָכצולויפן. די קריסטן זענען ווי פאַרשטיינערטע געבליבן אויפן אָרט — ווער אין פענצטער, ווערן הינטערן פלויט, ווערביים שייער און אין מיטן הויף. עפּעס האָבן זייערע מוחות ניט געקענט באַנעמען וואָס קומט דאָ פאָר. זייערע געדאַנקען, דורכגעווייקטע מיט ווינט־פעלד־און־וואַלד, האָבן בשום אופן ניט געקענט פאַרשטיין און זיך דערטראַכטן צום גרויל און שוידער, וועלכע זייערע אויגן זעען. זייערע הענט, פאַרהאָרעוועטע פון אַקערן, זייען און שניידן, זענען פאַרגליווערט געוואָרן אין דער לופטן, אינמיטן ניט פאַרענדיקטן קרייץ, וועלכן זיי האָבן צוליב שרעק און חרפה געוואָלט אָפּצלמען אויפן שטערן...

דאָס טרויעריקסטע, וואָס מיר איז פאַרבליבן פון יענעם וועג, איז דווקא — די טאָג־ליכט.

מיט אַ קאַלטער, גרויזאַמער גלייכגילטיקייט, ווי קיין זאַך וואָלט געשען, האָט דער טאָג געלויכטן ווי אַלע מאָל. שאַרף ביז ווייטאָג, האָט די ליכט געשניטן דעם אַרום און אויפגעדעקט פאַר אַלץ און אַלעמען אונדזער איינזאַמע אומבאַהאָלפנקייט.

אין די פאַרנאַכט־שעהן האָבן מיר זיך דערנענטערט צו רוביזשעוויטש. ווי דער טאָג, אַזוי אויך דער אָוונט, איז געווען ווי אַלע מאָל. ווי אויף צו להכעיס, איז אַלץ אויף זיין שטענדיקן פּלאַץ געשטאַנען...

אונטערן בריקל, אין דעם גלאַנציקן אָוונט־טייכל, האָט זיך אָפּגעשפּיגלט די הויכע ראָד פון דער וואַסער־מיל.

העכער, באַרג־אַרויף, האָבן אַנטקעגן רויטן הימל זיך געשוואַרצט די שפּיצן דעכער פון רוביזשעוויטשער געטאָ. אונטער איינעם פון זיי האָט געדאַרפט זיין, פאַר מיר און מיינע טייערסטע, די צייטווייליקע סטאַציע פאַר דעם לעצטן וועג...

דער לעצטער וועג

דווקא אין די יידישע אָנדענק־טעג און יום־טובים, פלעגן די היטלעריסטישע בעסטיעס דורכפירן אַקציעס און עקזעקוציעס פאַר דעם ביסל געפּלאָגטע יידן אין רוביזשעוויטשער געטאָ.

פאַר שבועות 1942, האָט מען דעם גרעסטן טייל יידן פון געטאָ רוביזשעוויטש, אַרויסגעפירט אין דוואָרעץ, און אַ טייל — אין נאָוואָגרודעק.

מיין מוטער חייה, מיין שוועסטער טייבעלע און איך זענען געווען צווישן די, וועלכע מען האָט געיאָגט אין געטאָ נאָוואָגרודעק.

דער וועג פון רוביזשעוויטש ביז נאָוואָגרודעק האָט זיך געצויגן צווישן וועלדער

און פעלדער, טייכן, בערגלעך און טאָלן. דער פרילינג האָט שוין באַוויזן צו באַצירן דעם אַרום מיט זאַפטיקע גרינס, בונטע בלומען און מידע, נעפלדיק־בלויע האָריזאָנטן.

די דייטשע רייטערס האָבן אָן אויפהער, טאָג־און־נאַכט, געיאָגט און געטריבן דאָס בינטל יידן. די צערייצטע פערד האָבן מיט זייערע אייזערנע פּאָדקאָוועס געשטויבט און פאַרנעפּלט דעם זוניקן אַרום. מיט לאַנגע, רימענע בייטשן האָט מען פון אויבן, פון די זאָטלען, געקנאַלט, געשמיסן און אַרויסגעיאָגט פון דער מחשבה יעדן פּרווו צו זען און טראַכטן. דער איינציקער געדאַנק איז געווען צו גיין, לויפן, זיין פון די ערשטע. ווייל דאָרט, צווישן די לעצטע, ווער עס שטייט־אָפּ, צי שפּאַרט זיך אָן אַ דער־שעפּטער, אָן כוחות, לעבן אַ שטיין, אָדער ביימל, באַקומט ער דעם טויט אויף דעם זאַמדיקן וועג.

פלוצלינג פלעגט מען אונדז אָפּהאַלטן אויפן וועג, אין מיטן אַ פעלד — און געבן רו אַ קורצע צייט. פאַר די עטלעכע מינוטן האָט מען געדאַרפט באַווייזן איבערצובייסן, אָדער אַ טרונק געבן, ווער וואָס עס האָט געהאַט, אויך דערליידיקן מענטשלעכע באַדערפענישן — אויפן וועג, פאַר אַלעמען אין די אויגן.

מיין מוטער האָט איר בילדונג געענדיקט מיט אַ מלוכהשער אויסצייכענונג אין מינסק, נאָך פאַרן ערשטן וועלט־קריג. ווען די דייטשן זענען אַריין, איז זי געווען אין אָנהייב פון אירע פערציקער יאָרן. שיין, אינטעליגענט, געזונט, גוט געבויט. אַלע האָבן באַוווּנדערט איר שטאָלץ און רעאַלן אַרט לעבן און דענקען. נאָך אַלס יונגע פרוי האָט זי פאַרלוירן איר מאַן. מיין פאָטער איז געשטאָרבן אין זיינע בליענדע יאָרן. קורץ נאָך דעם — איר מוטער און פאָטער. דער פאַמיליע־שטורעם האָט זי אויסערלעך ניט געבראָכן. זי איז געבליבן די מוטער פאַר די איבערגעבליבענע צוויי קינדער און דער ראש המשפחה.

...איך מיט דעם שוועסטערל זענען איצט געגאַנגען ביי אירע הענט. די מוטער פלעגט אונדז פון צייט־צו־צייט דריקן צו זיך, ווי זי וואָלט וועלן זיך איבערצייגן, אַז מיר לעבן, און אויך זי — צווישן אונדז.

אין דעם לעצטן יאָר האָבן די היטלעריסטישע רוצחים באַוויזן, פּלאַנירט און סיסטעמאַטיש צו פאַרטעמפּן, דערדריקן און צעברעכן יעדן שטאָלץ און ווירדע ביי די צעזייטע בינטלעך יידן אין די שטעט, שטעטלעך און ישובים. עס איז געבליבן נאָר דער איינציקער ווילן צו אָטעמען, באַוועגן זיך און לעבן. אויב אין די גרעסערע שטעט זענען יאָ געווען פּרוּוון פון אָרגאַניזירטן ווידערשטאַנד, איז דאָס צו די קלענערע ישובים נאָך ניט דערגאַנגען. דאָ האָט יעדער איינער מיט פאַרביסנקייט און יאוש געזוכט דעם וועג צו ראַטעווען זיך. פּשוט — איבערלעבן, און מיט דעם לעבן בלייבן — שטעלן דעם ווידערשטאַנד.

שפּעטער האָבן זיך גענומען אָרגאַניזירן פּאַרטיזאַנער־גרופּן, אין וועלכע עס האָבן זיך באַטייליקט פיל יידישע מענער און פרויען. עס זענען אויך אָרגאַניזירט געוואָרן יידישע אָטריאַדן, וועלכע האָבן געראַטעוועט הונדערטער יידן פון די אַרומיקע געטאָס.

דאָס טרויעריקסטע וואָס מיר איז פאַרבליבן פון דעם וועג, איז — דער אומשולדיקער, ווייטאָגלעך־פאַרוווּנדערטער אויסדרוק פון מיין שוועסטערלס פּנים. פאַר אירע זעכצן בליענדע פרילינגען, האָט זי נאָך ניט באַוויזן צו זען זינד, טויט און געוואַלד. אירע

צאַרטע יונגע אויגן, זענען איצט פול געווען מיט גלאַנציקע טוי־טרערן. די נאָך ניט אויפגעבליטע בלום, ווי נאָך מיליאָנען ווי זי, איז אַוועק געריסן געוואָרן אין אָנפאַנג פון איר בליען.

זי האָט מיטגענומען אין קבר דאָס בילד פון אַ וועלט, וועלכע איז פול מיט דערנידע־יקונגען, רימענע בייטשן, חיהשע זידלערייען, סאַדיסטישע פייַנען און דער הייסער ברען פון אַ בלייענע קויל...

אין חודש אָב 1942, אין דער אַלגעמיינער גרויסער שחיטה פון נאָוואָגרודעקער געטאָ, צוזאַמען מיט טויזנטער יידן פון נאָוואָגרודעק און אומגעגנט, זענען אומגעקומען מיין מוטער און שוועסטערל. לעבן זיי צוזאַמען איז אויך אומגעקומען שולמית, די זעכצן־יאָריקע יינגסטע טאָכטער פון מיין פעטער שלמה גורוויץ. ער מיט זיין פרוי זענען אומגעקומען אין רוביזשעוויטשער געטאָ. זייער זון יעקב איז געפאַלן אין פאַרטיזאַנקע. די עלטערע צוויי טעכטער, זינע און פאַניע, געפינען זיך אין ישראל. אין געטאָ נאָוואָגרודעק זענען אויך אומגעקומען מיינע קוזינעס ניוטע און פעסיע קיוואָוויץ.

✶

פון נאָוואָגרודעקער געטאָ זענען מיר אַנטלאָפן אין אַ פינצטערן האַרבסטיקן אָוונט. אַרויס פון געטאָ זענען מיר מיטן פולן באַוווסטזיין, אַז אין יעדן מאָמענט קענען מיר געכאַפּט ווערן. ס'איז אויך געווען קלאָר וואָס אונדז דערוואַרט, אין פאַל ווען מען כאַפּט וועמען. דאָס איז געווען אין אַ צייט, ווען די היטלעריסטן האָבן געפייערט דעם כמעט פולן נצחון פון אומברענגען דאָס פוילישע יידנטום, אָבער גלייכצייטיק האָבן אין זייערע געדאַנקען זיך שוין גענומען פאַרגנבענען ספיקות וועגן אַ מיליטערישן זיג. מיר אָבער, אָפּגעריסענע פון דער אויסערלעכער וועלט, אַרומגעצוימטע און פאַרפייניקטע, האָבן פון דעם אַלעמען ניט געוווּסט.

דער ערשטער געדאַנק, אַרויסלויפנדיק פון געטאָ איז געווען — גראָז. מיר האָבן איצט ניט געטראַכט וועגן גראָז מיט איר בונטער גרינקייט און אירע מיט זון פאַרגאָסענע ביימער און פעלדער. אונדז האָבן איצט געצויגן אַהין די גראַנער שאָטנס, די געדיכטע צווייגן און טונקעלע ווינקלען...

אין דרויסן איז געשטאַנען אָנפאַנג ווינטער. אין די פרימאָרגנס — קאַלט־טרוקענע פרעסטלעך. אונדז האָבן געשראָקן די אייגענע טריט, וועלכע האָבן זיך שאַרף אָפּגע־סטעמפלט אויף די ווייס־פאַרפראָרענע טוי־גראָזן.

איך בין אַנטלאָפן פון געטאָ, צוזאַמען מיט מיין פאָטערס ברודער אברהם און דער מוטערס יינגסטע שוועסטער לאה. מיט אונדז זענען אויך אַרויס נאָך ניין יידן. אָפּגעריסענע צווייגעלעך פון נאָר־וואָס אויסגעשאָכטענעם געטאָ — פאַרביטערטע, געיאָגטע און איינזאַמע. יעדער איינער — אַן איבערגעבליבן רעשטל פון פאַרצווייגטע משפחות. יעדער פון אונדז האָט נאָר־וואָס געזען טויזנטער טויטן פאַר זיינע אויגן, יעדער מיט זיינע טעמפּע ווונדן, וועלכע האָבן נאָך ניט באַוויזן צו דערגיין צום באַוווסטזיין און פאַרשטאַנד.

מיר זענען געגאַנגען נאָר אין די נעכט. בייטאָג האָט מען געזוכט שוץ אין די

וועלדער, אין גריבער, איבערגעדעקטע מיט צווייגן, צווישן געדיכט פאַרוואָקסענע ערטער, וואָס אונדז האָט זיך געדוכט, אַז קיין מענטשלעכער פוס און אויג דערגייט ניט אַהין.

ניט אַלעמאָל איז דער וועג געווען באַקאַנט. מיר זענען פאַרביי שלאָפנדיקע דערפער און כוטאָרס, מיט וואָיענדיקע, צעררייצטע הינט. פון יעדן ווינקל האָט געלויערט פרעמדקייט, שרעק און פיינדשאַפט. מיר זענען געווען אומבאַוואָפנט און אומבאַשיצט און קיין מאָל ניט געוווסט וואָס דער מאָרגן וועט ברענגען.

צו גראַן האָבן מיר זיך דערנענטערט אין אַ פינצטערער נאַכט. עס האָט אָן אויפהער געגעצט אַ דינער, האַרבסטיקער רעגן, וועלכער האָט צוגעגעבן דעם וואַלד אַ שטילן גערויש.

זאַלבעדריט, איך, לאה און אברהם, האָבן מיר לאַנגע שעהן אָבסערווירט פון צווישן די ביימער די הייזער, וואָס זענען מיט עטלעכע יאָרן פריער אונדזערע היימען געווען. איצט האָבן מיר ניט קיין אַנונג וואָס דאָ קומט פאָר, ווער געפינט זיך אין די הײַזער, ווער נוצט זיך מיטן פאָלוואַרק. פון ווייטן האָבן מיר נאָר געהערט די באַקאַנטע קלאַנגען, ווי אַ סקריפּ פון אַ טיר, אַ קלאַפּ מיט אַן עמער און אַ ווייטן אָפּקלאַנג פון טריט.

עטלעכע פאַלן זענען מיט אונדז געשען אין יענער נאַכט:

שטייענדיק הינטער איינעם פון די שטאַלן און האָפנדיק צו דערהערן אַ באַקאַנטע, מענטשלעכע שטים, איז פלוצלינג פון דער פינצטערניש אַרויסגעלאָפן אַ גרויסער הונט און מיט פרייד אונדז באַפאַלן, געשפרונגען און געקרייזט אַרום אונדז מיט יענער פולער פרייד, וואָס נאָר אַ הונט קען זי אויסדריקן. דאָס איז געווען דער אַלטער וואָלף־הונט, וואָס האָט זיך געהאָדעוועט אין גראַן און איצט אונדז דערקאָנט, נאָך עטלעכע יאָר אָפּוועזנהייט. דווקא די גרויסע וואָלפישע חיה, וועלכע פלעגט אין די אַמאָליקע יאָרן ניט צולאָזן נאָענט קיין אומבאַקאַנטן, האָט אונדז איצט דערמאָנט, אַז מיר זענען נאָך מענטשן...

ווי פאַרזיכטיק און שטיל מיר האָבן זיך דערנענטערט צו די געביידעס, ווייזט אויס, אַז מיר האָבן פאָרט צעשטערט די אַלגעמיינע שטילקייט און אויסגעגעבן אונדזערע טריט.

אין יענער נאַכט, האָבן אין דער געביידע, הינטער וועלכער מיר זענען געשטאַנען, זיך געפונען נאָך עטלעכע גראַנער, וועלכע האָבן זיך געראַטעוועט פון די געטאָס: דער קוזין יעקב גורוויץ, וועלכער איז מיט עטלעכע חדשים פריער אַוועק פון נאָוואָגרודקער געטאָ (נאָך דעם אומגעקומען אַלס פּאַרטיזאַנער); פאַניע גורוויץ, וועלכע האָט זיך געראַטעוועט פון רוביזשעוויטשער געטאָ (איצט אין ישראל); די מומע פעשע, געראַ־טעוועט זיך פון רוביזשעוויטשער געטאָ, נאָך דעם געשטאָרבן אין דער פּאַרטיזאַנקע און שׂרה קאַנטאָר, וועלכע האָט מיט אירע ברידער געהאַט לעבן גראַן ערד און ווירטשאַפט, זיך געראַטעוועט פון רוביזשעוויטשער געטאָ (איצט אין אַמעריקע).

זיי פלעגן אַלע קומען אין די טונקעלע נעכט, כדי קריגן שפּייז ביי די איצטיקע גראַנער איינוווינער — די קריסטלעכע פאַמיליע שאַלקעוויטש, אַ מוטער מיט דריי זין, וועלכע האָבן געוווינט אין אונדזער הויז. די פאַמיליע שאַלקעוויטש האָט יאָרן־לאַנג געאַרבעט אין אונדזער גוטבאַזיץ גראַן און טיילווייז געפירט די ווירטשאַפט. אַלזאָ, אין יענער נאַכט, האָבן זיך געפונען אין שטאַל, צו וועלכער מיר האָבן זיך דערנענטערט,

די עטלעכע גערַאטעוועטע גראנער יידן. דערהערנדיק אונדזערע טריט, זענען זיי געווען זיכער, אַז מען האָט זיי נאָכגעפּאָלגט און איצט קומט מען נאָך זיי. אין צווישן צייט איז צו זיי אַרויס די אַלטע קריסטין מיט די שפּייז. מיר האָבן זי אָפּגעהאַלטן — און דאַן איז פאָרגעקומען די אַלגעמיינע באַגעגעניש...

אַ געמיש פון איבעררַאשונג, פרייד און טרערן, האָבן אַלעמען געשטיקט אין דער טונקעלער שטאַל. מיר פלעגן אָנרירן איינער דעם צווייטן ווי צום איבערצייגן זיך, אַז אַלץ איז אויף דער וואָר. קליינע, נישטיקע טראָפּנס פרייד פון דער באַגעגעניש, זענען פאַרטרונקען געוואָרן אין ים פון טרויער, נאָך דעם סך־הכל וואָס מיר, די עטלעכע איבערגעבליבענע האָבן געמאַכט.

אין אַ צייט שפּעטער, האָב איך געטראָפן אין וואַלד מיין איצטיקע פרוי, מאַניע, אַ געראַטעוועטע פון מינסקער געטאָ, אַליין געבאָרן אין וואַרשע.

אונדזערע צוויי קינדער, דעם זון הלל און די טאָכטער שרה, האָבן מיר געבראַכט פון ווילנע, אין אונדזער אייביקער היים ישראל.

אין די דריי קורצע קאַפּיטלען, האָב איך אָנגערירט און באַלויכטן נאָר עטלעכע טראָפּנס פון ים יסורים, פון דעם שוידערלעכן וועג, אויף וועלכן אַלע זענען אומגעקומען, און וועלכן מיר, געציילטע — זענען אַדורך...

מיר האָבן געשטעלט אַ ווידערשטאַנד

יחיאל סעגאלאָוויטש / עכו

דער ווינטער 1941, איז געווען זייער אַ קאַלטער. נישט געווען מיט וואָס צו באַהייצן די וווינונגען. אַמערגסטן האָבן געליטן די יידן פון די אַרומיקע שטעטלעך, איבערהויפּט די הונדערט פופציק, וועלכע האָבן געוווינט אין בית־המדרש.

אברהם קאָרן ז״ל און איך נעמען אַ שליטן און לאָזן זיך פון שטוב צו שטוב. קוים צונויפגעקליבן אַ ביסל האָלץ און ברויט. נישט אַלע גיבן, מען דאַרף אַ סך איינטענהן, איבערצייגן, וועגן העלפן די פאַרפרוירענע און הונגעריקע מענטשן.

אויפן שול־הויף איז געשטאַנען נח זבילעוויטשעס שטוב. קיינער האָט דאָרט נישט געוווינט, זי איז געווען האַלב איינגעפאַלן. מיר האָבן אונטערגעזעגט די קראָקוועס, כדי דער דאַך זאָל זיך איינברעכן. צומאָרגנס איז געווען אַ שטאַרקער ווינט, איז דער דאַך איינגעפאַלן. מען האָט גלייך צעשלעפּט דאָס האָלץ. אין די הייזער און אין בית־המדרש האָט מען איינגעהייצט די אויוונס, אַ ביסל זיך דערוואַרעמט. דער פּאָליציי־קאָמענדאַנט איז געקומען מיט דראָונגען: „ווער האָט אונדז דערלויבט פאַנאַנדערצו־נעמען די שטוב?“ אַז דער יודענראַט האָט אים באַצאָלט, האָט ער זיך באַרויִקט.

צוזעענדיק די פאַרצווייפלטע לאַגע פון די פרירנדיקע יידן, האָב איך זיי געראַטן צו צעברעכן די שטענדערס, דעם בעלעמער און אַלץ אין דער שול, וואָס קען נאָר ברענען. ווען ס׳איז דערגאַנגען צו דער פּאָדלאָגע, איז געוואָרן אַ גערוואַלד פון די

פֿרומע ייִדן, וועלכע האָבן געטענהט, אַז מען טאָר נישט ברענען על פּי הלכה... פֿאַרשטייט זיך, אַז מען האָט זיי נישט געהערט און נישט געלאָזט פּיצלעך קינדער און קראַנקע פֿאַרפֿראָרן ווערן פֿון קעלט.

עטלעכע טעג שפּעטער — אַ צווייטע געשיכטע: פֿיר ייִדן און צוויי פֿרויען האָבן זיך געראַטעוועט פֿון דער קוידאַנאָווער שחיטה און געקומען צו אונדז אין געטאָ. די פּאָליציי האָט זיך דערפֿון דערוווּסט און אויפֿגעפּאָדערט דעם יודענראַט זיי אַרויסגעבן. איינער אַ רב פֿון די אַרומיקע שטעטלעך, וועלכער איז געווען אין יודענראַט, האָט געפּסקנט, אַז לויט דער הלכה, דאַרף מען אַרויסגעבן די ייִדן, כּדי נישט אומ־ברענגען אַלע איינוווינער פֿון געטאָ. ער האָט געברענגט אַ ראיה פֿון שבע בן בכרי. כאָטש כ׳בין דעמאָלט געווען יונג, האָב איך אויפֿגעהויבן מיין שטים קעגן דעם און געטענהט, אַז שבע בן בכרי איז געווען אַ מורד במלכות, בעת די זעקס ייִדן זענען אומשולדיק, פֿאַר געלט קען מען זיי אויסקויפֿן. אַזוי איז טאַקע געווען. דער קאָמענדאַנט האָט באַקומען כאַבאַר — און ס׳איז געוואָרן שטיל. ביינאַכט פֿלעגן זיי נעכטיקן אין באָד און בייטאָג גיין אין בית־המדרש. צוויי מאָל אין וואָך פֿלעגט פֿייגל פּלאָטניק און אברהם קאָרין זאַמלען פֿאַר זיי פּראָדוקטן אין געטאָ און אַזוי זיי אויסגעהאַלטן ביז דער שחיטה. צוויי פֿון זיי האָבן זיך געראַטעוועט און געווען מיט מיר אין די וועלדער.

ערב שבועות 1941, האָט די עס־עס אָפּגעקליבן אַלע געזונטע, יונגע בחורים און זיי געשיקט צופֿוס קיין דוואָרעץ. נאָר די קליינע קינדער האָט מען אַרויפֿגעזעצט אויף די פֿורן. די וועלכע זענען אָפּגעשטאַנען, זענען דערשאָסן געוואָרן. אַזוי האָבן זיי דערמאָרדעט אַכצן ייִדן.

כ׳ סיון 1941, זענען די פֿאַרבליבענע ייִדן אין געטאָ דערמאָרדעט געוואָרן — און רוביזשעוויטש איז געוואָרן „יודענריין“...

כאָטש דער חלף איז שוין געלעגן אויפֿן האַלדז, האָבן אַ טייל פֿאַרמעגלעכע ייִדן נאָך אַלץ זיך איינגערעדט, אַז פֿאַר געלט וועט זיי געלונגען זיך צו ראַטעווען. איך דערמאָן זיך אַזאַ פֿאַל:

עטלעכע וואָכן פֿאַר דער ליקווידאַציע פֿון געטאָ, איז געשטאָרבן די מוטער פֿון ראובן פּאָרט, האַניע. מען האָט געדאַרפֿט ברעטער צו מאַכן דעם קבר. ביי איינעם פֿון די בעלי־בתים איז געווען אַ גרויסע צאָל ברעטער. ער האָט אָבער נישט געוואָלט געבן, און צו קויפֿן — האָבן מיר נישט געהאַט קיין געלט. האָב איך מיט ראובן פּאָרט, אָן אַ דערלויבעניש, גענומען עטלעכע ברעטער. דער סוף איז געווען, אַז די ברעטער האָבן די קריסטן דערנאָך צוגענומען, און דער בעל־הבית איז פֿון הונגער געשטאָרבן אין דוואָרעץ...

אין דוואָרעצער לאַגער

עס ציט זיך אַ לאַנגע קאָלאָנע ייִדן. פֿאָרויס און פֿון די זייטן, רייטן עס־עס, פֿון הינטן — ווייסרוסישע פּאָליציי. מען היט, אַז קיינער זאָל נישט אַנטלויפֿן. ווער עס שטייט אָפּ, שיסט מען און דעם טויטן קערפּער לאָזט מען אויפֿן וועג.

מיר קומען צום ניעמאַן. בעתן אָפּטרעטן, האָבן די רוסן פֿאַרברענט די בריק. איצט איז פֿאַראַן נאָר אַ נידעריקע פּאָנטאָן־בריק. ווען מיר גייען אויף אים אַרויף, זעצט זי

זיך נאָך טיפֿער, מיר זינקען אין וואַסער. די דייטשן פֿאָרן אויף שיפֿלעך פֿון ביידע זייטן פֿון פּאָנטאָן. ווער עס פֿאַלט אַרונטער — דערשיסן זיי.

אין נאָוועיעלנע פּאַקט מען אונדז אָן אויף די לאַסט־וואַגאָנען פֿון דער שמאָל־באַן. ס'איז אַזוי ענג, אַז מיר מוזן שטיין און קענען זיך נישט באַוועגן. עס פֿעלט לופֿט צום אָטעמען.

האַלב טויטע קומען מיר אָן קיין דוואָרעץ. מען האָט אונדז איינגעטיילט אין 30 אַרבעט־בריגאַדעס, מיט אַ פּאָליאַק אַלס עלטסטער אויף יעדער בריגאַדע. אויך דאָ איז זייער ענג. פֿון הונגער און שמוץ זענען אונדז באַפֿאַלן לייז און ווערים, עס האָבן זיך פֿאַרשפּרייט קראַנקייטן. עסן האָט מען געגעבן 120 גראַם ברויט אַ טאָג און אַ ביסל זופּ. ווער עס האָט געהאַט עפּעס אויסצובייטן, האָט זיך אַוועקגעגנבעט פֿון דער אַרבעט און דערפֿאַר געקויפֿט ביי די פּויערים אין דאָרף אַ ביסל פּראָדוקטן. פֿיל זענען געשטאָרבן פֿון הונגער, קראַנקייטן און קעלט. ס'איז נישט מעגלעך געווען זיי צו העלפֿן.

אַמאָל האָט דער פּוילישער בריגאַדיר גענומען שלאָגן אַ סטאָליער פֿון טורעץ. האָט יענער געכאַפּט זיין האַמער און געשפּאָלטן דעם פּאָליאַק דעם קאָפּ. דער אינזשיניער, אַדאַם אָסיפּאָוויטש, אַ פֿאָלקס־דייטש, וועלכער האָט זיך דעקלאַרירט אַלס יודן־פֿריינד און געשלעפּט געלט פֿון יודענראַט, האָט באַפֿוילן שיסן דעם טורעצער ייד. דאָס איז געווען דער ערשטער קרבן אין לאַגער — און מיר האָבן פֿאַרשטאַנען, וואָס אונדז דערוואַרט.

דערווייל זענען צו אונדז דערגאַנגען קלאַנגען וועגן יידישע פּאַרטיזאַנער, וועלכע געפֿינען זיך אין דער געגנט. מיר האָבן גענומען טראַכטן: גיין ווי שאָף צו דער עקדה, אָדער שטעלן אַ ווידערשטאַנד?

מיר אָרגאַניזירן אַ גרופּע יונגעלייט, געוועזענע זעלנער, און באַשליסן צו זוכן אַ קאָנטאַקט מיט די פּאַרטיזאַנער.

דער יודענראַט דערוויסט זיך דערפֿון, מען רופֿט אונדז צום דוואָרעצער רב, אַ זקן פֿון 75 יאָר. דאָרט זיצט אויך דער יודענראַט. דער רב הייבט אָן:

— אין לאַגער זענען פֿאַראַן 2500 יידן. מען האַלט זיי אַ דאַנק די 900 אַרבעטספֿעיִקע יידן. אויב מיר צעלויפֿן זיך פֿון לאַגער, וועט מען די פֿאַרבליבענע אומברענגען...

מיר טענהן, אַז דעם לאַגער וועט מען סיי ווי אומברענגען. ס'איז נאָר אַ פֿראַגע פֿון צייט. דער רב וויינט זיך פֿונאַנדער ווי אַ קינד. ער בעט זיך:

— זעט קינדער, דערנענטערט נישט דעם ביטערן סוף.

דאָ הייבט זיך אויף דער פֿאָרזיצער פֿון יודענראַט, יידל נאָוויק, איינער פֿון די אָנשטענדיקסטע יידן, און זאָגט:

— זיי זענען גערעכט. אין אַזאַ לאַגע, קענען מיר נישט בלייבן זיצן מיט פֿאַרלייגטע הענט.

מען באַשליסט זיך איינצושאַפֿן געווער — און ווען די דייטשן וועלן קומען ליקווידירן דעם לאַגער, וועט מען שטעלן אַ ווידערשטאַנד. אפֿשר וועט געלונגען אַ געוויסער צאָל זיך ראַטעווען. אויך דער אַלטיטשקער רב איז מסכּים און איז גוזר, אַז די רייכע יידן, וועלכע האָבן נאָך גאָלד אָדער סחורות, זאָלן עס גלייך ברענגען צו אים. מען באַשליסט זיך צו פֿאַרשטענדיקן מיט באַקאַנטע קריסטן וועגן קויפֿן געווער.

אָנהייב דעצעמבער 1942. פון פראָנט דערטראָגן זיך גוטע ידיעות. מאָסקווע איז באַפרייט. דער דייטש טרעט אָפּ אונטער די קלעפּ פון די רוסן. אונדזער לאַגע האָט זיך אָבער נישט פאַרבעסערט. אַלע לאַגערן און געטאָס אין דער געגנט — זענען שוין פאַרניכטעט, נאָר דוואָרעץ עקזיסטירט נאָך. אָבער ביז ווען? די פאַרטיזאַנער אַרום דוואָרעץ שטאַרקן זיך. די מורא פאַר זיי איז געפאַלן אויך אויף אונדזער דייטש־פוילישן אינזשיניער און זיין פּאָליציי. ביינאַכט שלאָפט ער אין אַ בונקער. פון 8 אָוונט ביז 5 אין דער פרי, טאָר קיינער נישט, אַפילו די קריסטן, אויסערן געטאָ, אַרויס פון זייערע הייזער, אָדער אָנצינדן ליכט. מען האָט געשמועסט, אַז אַ יידיש מיידל, וועלכע האָט געאַרבעט ביים אינזשיניער, האָט זיך אַרויסגעכאַפּט, אַז די יידן וועלן זיך איצט נישט לאָזן שעכטן און וועלן שטעלן אַ ווידערשטאַנד.

דער אינזשיניער לאָזט אַרויס אַ קלאַנג, אַז מען גייט אונדז איבערפירן אין אַ צווייטן לאַגער „טשאַרנע בלאָטאָ" („שוואַרצע בלאָטעס"). ער דערלויבט אַפילו די קריסטן פון דער געגנט קומען צום טויער פון לאַגער, כדי אויסבייטן פּראָדוקטן אויף אונדזערע זאַכן. מיט דעם וויל ער אָפּשוואַכן אונדזערע חשדים און וואַכזאַמקייט...

אין אַ געוויסער נאַכט האָט ער אַרעסטירט ראובן פּאָרט ז"ל און דעם שרייבער פון די שורות, אונטערן חשד, אַז זיי זענען די אָרגאַניזירער פון ווידערשטאַנד און האָבן באַציונגען מיט פּאַרטיזאַנער. מען האָט זיי מערדערלעך צעשלאָגן און געפּייניקט זיי זאָלן דערציילן, וואָס זיי ווייסן וועגן דעם. האַלב־טויטע האָט מען זיי אָפּגעלאָזט. ווי מיר זענען געבליבן לעבן — פאַרשטיי איך נישט ביז היינט.

די ליקווידאַציע פון לאַגער

כ' טבת 28.12.1942, אַ זייגער 7 פרי, נעם איך דעם טלית און גיי דאַווענען. איינגעוויקלט אין טלית, שטייט ביים עמוד חיים פּינטשוק, פרומקע־דעם־חזנס מאַן, און זאָגט מיט אַ האַרץ־רייסנדע שטים סליחות (זייער מיידעלע, 2 יאָר אַלט, איז אומגעקומען מיט די 600 קינדער אין איוועניעץ. דאָ האָט זי געבוירן אַ צווייט קינד). איך דאַוון. טרערן שטיקן מיך. פּלוצלינג דערזע איך דורכן פענצטער אַן אויטאָ, אין וועלכן עס זיצן דייטשן מיט אויטאָמאַטן. מיר דערהערן אַ געשריי: „יידן, דער לאַגער איז אַרומגערינגלט". איך נעם שנעל אַראָפּ די תפילין פון קאָפּ, אָבער איך טו זיי צוריק אָן און ענדיק דאַווענען. אַלץ איינס שטייט דער טויט פאַר מיינע אויגן...

איך גיי צוריק צו מיין וווינונג, ווו דער פאָטער האָט אויפגעבויט אַ קליינעם בונקער. מיין ברודער אברהם ז"ל זאָגט מיר: „יחיאל, נעם צונויף די מענטשן מיט די ביקסן, מיר וועלן פּרוּוון זיך דורכרייסן דורך די דראָטן".

די דייטשן האָבן געעפנט אַ שטאַרק פייער — און דער רוב בחורים, וועלכע האָבן זיך געוואָרפן אויפן צוים, זענען אומגעקומען.

מיר טרעטן צוריק. דער אינזשיניער פּרוּווט איינטענהן מיטן יודענראַט, אַז מען גייט אונדז בלויז איבערפירן אין אַ צווייטן לאַגער, אַז מיר דאַרפן נישט מורא האָבן.

בנימין רודיצקי (מלכה בנימין־יעקבס זון), און נאָך אַ פּאָר רוביזשעוויטשער, לויפן מיט גראַנאַטן צום טויער, ווו עס שטייען די עס־עס. בעתן לויפן, שרייען זיי:

„גייט נישט אין די אויטאָס, מען פירט אייך שיסן". אויך זיי ווערן דערשאָסן פון די דייטשן, באַווייזן נישט צולויפן צום טויער.

די יידן האָבן נישט געגלייבט אין דער געשיכטע פון נייעם לאַגער, אָבער זיי זענען שוין געווען אַזוי מיד און צעבראָכן פון די יסורים, אַז זיי האָבן געוואָלט וואָס שנעלער איבערקומען — און געהאָרכזאַמע געקראָכן אין די אויטאָס. איך וועל קיינמאָל נישט פאַרגעסן, ווי ישראל עווענציק גייט מיט זיין פרוי און וויינט: „יחיאלקע, דאָס איז אונדזער לעצטער וועג..." איך האָב געפּרוווט אָפּהאַלטן לייבל רייכלסאָן: „וואָס איילסטו זיך? וואַרט, אפשר וועט געלונגען זיך צו באַהאַלטן?". ער האָט אָבער אַ מאַך געטאָן מיט דער האַנט: „מיר וועלן סיי ווי נישט איבערלעבן"...

מיר קערן זיך צוריק צו אונדזער שטוב, אָבער מיר געפינען נישט דאָרט קיינעם. איך און מיין ברודער אברהם טראַכטן, וווּ זיך צו באַהאַלטן, ביז עס וועט ווערן פינצטער. אפשר וועט מען דעמאָלט קענען אַרויס פון לאַגער? דערווייל זעען מיר, ווי דייטשן גייען פון שטוב צו שטוב און זוכן באַהאַלטענע יידן. זיי דערנענטערן זיך צו אונדזער שטוב. אויפן הויף איז דאָ אַ ברונעם. מיר באַשליסן צו באַהאַלטן זיך אין אים. מיר לויפן צו — און הערן פון דאָרט אַ קול, אויף יידיש: „האָט רחמנות, גייט אַוועק. נישטאָ דאָ מער קיין אָרט". שפּעטער האָבן די רוצחים אַריינגעוואָרפן צוויי גראַנאַטן אין ברונעם און אַלעמען דאָרט אומגעבראַכט.

מיר לויפן אַריין אין שטוב. אין אַ פינצטער קעמערל ליגן עטלעכע זעק מעל. דער ברודער טוט אויף זיך אָן אַ ליידיקן זאַק און לייגט זיך נעבן די פולע זעק. איך שטופּ זיך אַריין אין קאָטוך אונטערן אויוון. דאָרט זיצט אַ הון. איך האַלט זי פאָרויס, זי זאָל מיך פאַרשטעלן. די רוצחים גייען אַריין אין צימער און שרייען: „מאָזעס, אַרויס!". שיסן עטלעכע מאָל און טראָגן זיך אָפּ.

איך הער, ווי דער ברודער פרעגט: „יחיאל, דו לעבסט?" מיר באַשליסן גיין אין בונקער, וועלכן אונדזער פאָטער האָט אויסגעבויט. אַ בונקער, אויסגערעכנט אויף 45 מאַן, האָבן זיך דאָרט אָנגעקליבן אַ 150 נפשות. מיט גרויס מי איז מיר געלונגען זיך אַריינצושטופּן, ממש אויף די מענטשנס קעפּ.

דער אַריינגאַנג אין בונקער איז געווען פון בוידעם, דורך אַ דאָפּלטער וואַנט. דאָס האָט אונדז געראַטעוועט, ווייל די רוצחים האָבן נישט געפונען דעם אַריינגאַנג.

דער טאַטע איז געשטאַנען אויף אַ לייטער, מיט אַ ביקס אין האַנט. די נאַכט איז צוגעפאַלן. די דייטשן האָבן אויפגעהערט צו זוכן די באַהאַלטענע יידן. אַ טייל זענען אַרויס כאַפּן דעם אָטעם. איך מיט לייזער גוריון קריכן אויך אַרויס, לייגן זיך אויף די נאַרעס און שלאָפן גלייך איין. ווען ס'איז געוואָרן ליכטיק, גייען מיר ווידער אין בונקער. די רוצחים גייען איבער די הייזער און זוכן יידן, זיי וואַרפן גראַנאַטן. די לעבן־געבליבענע טרייבט מען אין די אויטאָס, אָדער מען שיסט אויפן מאַרק. מיר הערן ווי זיי קומען אַריין אין אונדזער שטוב, זוכן און — גייען אַוועק. מיר הערן ווי זיי גייען אַרום אויפן בוידעם און זוכן.

אַ דוואָרעצער פרוי מיט אַ פיצל קינד האָט גענומען שרייען: „לאָזט מיך אַרויס, איך קען מער נישט אויסהאַלטן. איך וויל גיין צום טויט". מען האָט זי קוים איינ־געשטילט.



ניצולי השואה בגרמניה, ב־1947, בדרכם לישראל.
די שארית־הפליטה אין 1947 — אויפן וועג קיין ארץ־ישראל.

מיין פרוי שיינדל פילט זיך נישט גוט. זעצן זיך — קען מען נישט צוליב דער ענגשאַפט. איך שטופּ זיך צו צו איר, איך פיל, אַז איך טרעט אויף עפּעס. מיט מי בייג איך זיך איין, טאַפּ אָן 2 פלעשער, איינע מיט האָניק, די צווייטע מיט שפּירט. דאָס האָבן קענטיק די דוואָרעצער יידן מיטגענומען אין בונקער. שוין דעם צווייטן טאָג, אַז מיר האָבן גאָרנישט געהאַט אין מויל. איך פרעג מיין ווייב „ווילסט אַ לעק האָניק?" זי קוקט מיך אָן אַ דערשטוינטע און פרעגט: „רעדסט פון שלאָף?" איך האָב איר געגעבן אַ ביסל, אויך אַ ביסעלע ספּירט — און זי האָט זיך דערקוויקט. די פלעשער זענען געגאַנגען פון האַנט צו האַנט. די מענטשן האָבן אויפגעלעבט, געוואָרן מונטערער, אויפגעהערט קרעכצן. ס'איז געוואָרן שטיל.

ענדלעך האָבן מיר דערלעבט די נאַכט. מיין פאָטער און איך שטייען אויפן לייטער, דורך די שפּאַרעס זעען מיר רויטע שטראַלן. איך גיי אַרויף אויפן בוידעם זען וואָס דאָס באַדייט. איך זע, אַז די מייצעטער גאַס, אָנהייבנדיק פון מנחם שימאַנסקיס הויז, ברענט. אין שימאַנסקיס קעלער זענען געווען גראַנאַטן, וועלכע מיר האָבן אָנגעגרייט. אַהין זענען אָפּגעטראָטן עטלעכע בחורים, וועלכע זענען געבליבן לעבן, נאָכן פּרווו אַדורכצורייסן די צוים. ווען די מערדער האָבן זיי אַנטדעקט אין קעלער, האָבן זיי געשטעלט אַ ווידערשטאַנד, געוואָרפן אויף די עס־עס גראַנאַטן. פון די אויפרייסן האָט זיך אָנגעצונדן די שטוב. אַזוי האָט דערציילט יוסף צאַן (אַליין אַ לאָדזשער, לעבט איצט אין פּאַריז), וועמען ס'איז געלונגען צו ראַטעווען זיך פון דער ברענענדיקער שטוב. מיט אים האָט זיך געראַטעוועט יוסף דוואָרעצער, וועלכער איז שפּעטער געפאַלן אַלס פּאַרטיזאַן.

ביסלעכווייז שטילט זיך איין דאָס פייער, עס ווערט שטאַרק פינצטער. נאָר דער פּראָזשעקטאָר באַלייכט פון צייט צו צייט דעם לאַגער. אַרום איז שטיל, מען זעט נישט קיין לעבעדיקן מענטשן. איך, מיין ברודער ירחמיאל און מרדכי קאָשצעוויטש, פויזן צו צום צוים. נישטאָ קיין עס־עס, נאָר פון ווייטנס דרייט זיך אַרום אַ האַלב־פאַרפראָרענער זעלנער, וועלכער קוקט נישט אין אונדזער זייט. מיר הייבן אויף די דראָטן, מאַכן זיך אַ וועג מען זאָל קענען אַדורכגיין. איך גיי אַרויף אויפן בוידעם און זאָג די מענטשן, אַז מען קען זיך ראַטעווען. ס'איז געוואָרן אַ מהומה, אַ שטורעניש, ביז דער לייטער האָט זיך איינגעבראָכן. מען האָט געשלעפּט איינער דעם צווייטן ביי די הענט. אויך ביי די דראָטן איז געווען אַ שטופּעניש. מענטשן פאַרטשעפּען זיך אין די שטעכל־דראָטן. מען פאַלט, מען שטופּט זיך. אָבער גאָט האָט געהאָלפן, אַלע זענען אַדורך און זיך צעלאָפן אין קליינע גרופּן.

מיר לאָזן זיך קיין רוביזשעוויטש, 150 קילאָמעטער פון דאַנען. אָפּגעלאָפן עטלעכע קילאָמעטער, שטעלן מיר זיך אָפּ צו באַטראַכטן אַ פּלאַן. איך קוק זיך אַרום, איך זע נישט די פרוי ברוידע מיט איר ייִנגעלע, וועלכע האָבן זיך אויסבאַהאַלטן מיט אונדז. נישט איינמאָל האָט זי זיך געטיילט מיט אונדז מיטן לעצטן ביסן. איך לויף צוריק אין לאַגער, געפין זי מיט איר ייִנגעלע שטיין אויפן בוידעם פאַרצווייפלטע און וויינען. דער לייטער איז צעבראָכן, זי קען נישט אַראָפּ. איך העלף זיי אַרונטערגיין, נעם איר קינד אין מיינע הענט און מיר לאָזן זיך לויפן פון לאַגער. (די פרוי ברוידע איז שפּעטער פאַרפראָרן געוואָרן פון קעלט). ווען איך קום צוריק, געפין איך שוין נישט מיין פרוי און משפּחה. איך לויף אַ צעחושטער, ביז איך האָב אין אַ וועלדל זיי אָפּגעפונען, און מיט זיי אויך יצחק בערקאָוויטש (איצט אין ישראל). אויך זיי האָבן מיך געזוכט.

יצחק בערקאָוויטש ווייסט דעם וועג, ער פירט אונדז ביזן דאָרף אָזשיראַן. דאָרט טרעפן מיר בנימין רייכלסאָן און מרדכי קאָשצעוויטש (ער איז שפּעטער דערמאָרדעט געוואָרן דורך זיינע רוסישע חברים־פּאַרטיזאַנער). מיר זענען געווען 36 נפשות. מיר צעטיילן זיך אויף קליינע גרופּן און לאָזן זיך אין דער ריכטונג פון רוביזשעוויטש. דער וועג אַהין דויערט 7 טעג. בייטאָג פּלעגן מיר זיך אויסבאַהאַלטן, גיין נאָר ביינאַכט. דאָרט האָבן מיר געוואַנדערט אין די וועלדער. אַ טייל קריסטן האָבן אונדז געהאָלפן מיט פּראָדוקטן — ביז די רוסן האָבן באַפרייט אונדזער געגענט.

בלייבן אין שטעטל האָבן מיר נישט געוואָלט. אַלץ איז געווען דורכגעזאַפּט מיט ייִדיש בלוט. אַלץ איז דאָ צו אונדז פרעמד. האָבן מיר באַשלאָסן פאָרן אַ היים — קיין ארץ־ישראל...

אויסערן געטאָ און אין דער פּאַרטיזאַנקע

ד"ר פישל האָראָוויץ / תל־אביב

אין מאַי 1940, בין איך אַנטלאָפן פון דער באָמבאַרדירטער און אָקופּירטער וואַרשע אויף דער רוסישער זאַנע און אָנגעקומען קיין רוביזשעוויטש. דאָ האָט די סאָוויעטישע מאַכט מיך באַשטימט אַלס דירעקטאָר פון שטאָטישן שפּיטאָל. מיט מיר זענען געקומען קיין רוביזשעוויטש מיין פרוי בראָניע ז"ל און מיין שוואָגער הלל קלאָצמאַן פון וואַרשע. מיט אַ קנאַפּ יאָר שפּעטער, דעם 22סטן יוני 1941, ווען ס'איז אויסגעבראָכן די דייטש־רוסישע מלחמה, האָבן די נאַציס מיך דערגרייכט צום צווייטן מאָל.

אָן דער געלער לאַטע...

די אָקופּאַציע־מאַכט אין רוביזשעוויטש איז גראָד נישט באַשטאַנען פון דייטשן, נאָר פון אַ פּאָליציי־פּאָסטערונעק בראש פון וועלכן ס'איז געשטאַנען דער קאָמענדאַנט זשיכער. די פּאָליציאַנטן זענען געווען פּוילישע און ווייסרוסישע יוגנטלעכע.

אינעם געשאַפענעם געטאָ איז די לאַגע געווען אַ פאַרהעלטניסמעסיק בעסערע ווי



ד"ר הורביץ (במרכז), ביום השחרור ומשפחת סלונימסקי (מאיבייה), שהודות לו ניצלה ביער.
ד"ר פישל האָראָוויץ (אין צענטער), אין טאָג פון באַפרייונג און די משפחה סלאָנימסקי (פון איוויע), וואָס אַ דאַנק אים איז זי ניצול געוואָרן אין וואַלד.

אין אַנדערע ערטער אין דער סביבה, ווייל יידן האָבן געקענט זיך אַרויסגנבענען אין די אַרומיקע דערפער און ביי די פויערים קויפן אָדער אויסטוישן פאַר געלט און זאַכן פאַרשידענע פּראָדוקטן פאַרן אייגענעם געברויך. מיטן קאָמענדאַנט זשיכער בין איך געווען אין גוטע באַציִונגען. איך בין געווען לייטער פון דער אַמבולאַטאָריום (פּאָ־ליקליניק), וועלכע האָט באַדינט די קריסטלעכע באַפעלקערונג פון רוביזשעוויטש און אומגעגנט. דערפאַר האָב איך געווינט אויסערן געטאָ, אין אברהם בעלקינס הויז. מיט מיר האָבן אויסערן געטאָ אויך זיך געפונען זיין ברודער חיים־איסר, אַ צאָן־דאָקטאָר פון איוועניץ און זיינע צוויי זין. איך בין געווען באַפרייט פון טראָגן די געלע לאַטע און געקענט פריי זיך באַוועגן.

אין שפּיטאָל האָט געאַרבעט אַ סאָוויעטישער דאָקטאָר, אַ קריגס־געפאַנגענער. געווען פאַרוווּנדעט אין האַנט. אין געטאָ גופא האָט געווינט נאָך אַ יידישער דאָקטאָר פון וואַרשע, אַ פּליט, מיט זיין פרוי און קינדער. (2 טעג נאָך דער שחיטה איז אים געלונגען אַרויסצוקריגן זיך פון זיין באַהעלטעניש, איבערגעטאָן אַלס פּרוי. די פּאָליציי האָט אים דערקענט און אַזוי לאַנג געפּייניקט, ביז ער האָט אויסגעזאָגט ווו עס באַהאַלטן זיך אויס זיין פרוי און קינדער. מ׳האָט זיי אַוועקגעפירט אויפן בית־עלמין און אַלעמען דערשאָסן).

די טיפוס־עפּידעמיע

ווינטער 1941, איז אין געטאָ אויסגעבראָכן אַן עפּידעמיע פון טיפוס. פאַרשטייט זיך, אַז די פּאָליציי האָט נישט געטאָרט וויסן דערפון, ווייל זיי וואָלטן גלייך דערציילט וועגן דעם די דייטשן, וועלכע וואָלטן דערשאָסן די קראַנקע, באַזאַמען מיט געזונטע. מיר, די צוויי יידישע דאָקטוירים, האָבן אַלץ געטאָן, כדי אַנטקעגנצווירקן דער מגיפה. אָבער מיר האָבן נישט געהאַט קיין קאַמפער, קאָפעִין און אַנדערע מעדיקאַמענטן, כדי העלפן די אומגליקלעכע. דאָך האָבן מיר געשאַפן אין געהיים אַ שפּיטאָל און דאָ איינ־געאָרדנט די שווער קראַנקע. וועגן דעם שפּיטאָל האָבן געוווּסט נאָר דער יודענראַט און דער מעדיציניִשער פּערסאָנאַל. צוליבן מאַנגל אין דעזינפעקציע־מיטלען, האָט מען מיט שוועבל גערייניקט די דירות.

די ענגשאַפט, שמוץ, הונגער און לייז האָבן נאָר פאַרשטאַרקט די עפּידעמיע. ווען איך בין אַ צוויי וואָכן פאַר פסח געקומען אַ היים פון געטאָ, האָב איך דערפילט אַ שטאַרקן שטאָך אין פוס — און נאָכן אַראָפּבייגן זיך, אַנטדעקט אַ פעטע לויז...

— אָט איז מיין טיפוס — האָב איך האַלב־ערנסט האַלב־אין־שפּאַס געזאָגט צו מיין פרוי.

מיט 10 טעג שפּעטער האָב איך באַקומען שטאַרקע קאָפּ־ווייטיק און הויכע היץ. איך האָב אָבער געמוזט האַלטן בסוד מיין קראַנקייט. מיך האָט באַזוכט דער רוסישער דאָקטאָר. הגם ער האָט געהאַט אַ באַפעל אַלע טיפוס־קראַנקע איבערפירן צו זיך אין שפּיטאָל, האָב ער קיינעמען נישט דערציילט וועגן מיין אומגליק און מיך געלאָזן ביי מיר אין שטוב.

אַ געוויסע נאַכט האָב איך זיך אויפגעוועקט פון שלאָף און זייער שלעכט זיך געפילט. הענט און פיס זענען געווען אייז־קאַלט. כ׳האָב דערפילט דעם אָנקומענדיקן

טויט און געבעטן מיין פרוי, זי זאָל אַריינרופן אונדזער שכנה, די קריסטלעכע אַקושערין באַראַנסקאַ. ווען זי איז געקומען, האָב איך זי פאַרשווירן ביי אַלע אירע הייליקע, אַז נאָך מיין טויט, זאָל זי זען אויסבאַהאַלטן מיין פרוי און קינד, וועלכעס זי דאַרף געבוירן, זיי ראַטעווען פון די נאַצישע נעגל. דערווייל זענען אויך אָנגעקומען דער קריסטלעכער פעלדשער זאַגאַוואַלסקי און דער יידישער דאָקטאָר פון געטאָ, וועמען מיין פרוי האָט אַלאַרמירט. זיי האָבן מיר געגעבן אַן איינשלעפערונג־מיטל און ווען כ׳האָב צונויפגענומען זיך אויפגעוועקט, האָב איך זיך דערפילט ווי אַ ניי־געבוירענער, ממש ווי נאָך אַ תחיית־המתים. נאָך דעם ווי כ׳בין געקומען צו זיך, דערפילט זיך שטאַרקער, זענען מיר באַוווּסט געוואָרן די אַלע צרות וועלכע אונדזערע יידן האָבן געהאַט אויסצושטיין אין געטאָ, באַזונדערס אין דער צווייטער סדר־נאַכט.

חורבן פון געטאָ רוביזשעוויטש

דער פרילינג פון יאָר 1942 האָט זיך געשטעלט זייער אַ שיינער. אין פעלד און אין וואַלד אַרום רוביזשעוויטש האָט אַלץ געבליט און געגרינט, געלאָקט און גערופן צום לעבן. אָבער די טרויעריקע געשעענישן וואָס איינע האָט געיאָגט די אַנדערע און די פינצטערע ידיעות, וואָס איינע איז געווען ערגער פון דער צווייטער, האָבן פאַר־טונקלט דעם ליכטיקן האָריזאָנט און שווערער געמאַכט דאָס געמיט.

אַלע יונגע און אַרבעטס־פעיִקע יידן פון געטאָ האָט מען שוין געהאַט אַרויסגעפירט קיין דוואָרעץ. אין געטאָ זענען געבליבן נאָר די אַלטע, קראַנקע און אינוואַלידן. ווער עס האָט געהאַט גענוג כוח, איניציאַטיוו און אַ ביסל געלט, האָט די קליינע קינדער איינגעאָרדנט ביי קריסטן און אַליין זיך געלאָזט אויף אַ ביטערן און אומזיכערן נע־ונד.

מיר קלינגען נאָך היינט אין די אויערן די ממש נבואהשע ווערטער פון מיין פריינד פּאָסטבריוו, אויך אַ פּליט פון וואַרשע, וועלכער האָט ביי מיר געלאָזן זיין 6־יאָריק טעכטערל, דאַנקאַ:

— כ׳לאָז ביי דיר מיין קינד, ווייל איך בין זיכער, אַז דו וועסט בלייבן לעבן... (דאָס מיידעלע האָט טאַקע זיך אָפּגעראַטעוועט און געפינט זיך היינט אין ישראל. פאַר מיר איז נאָך אַלץ אַ רעטעניש, פון וואַנען האָט זיך צו אים גענומען דער אָפּטימיזם און זיכערקייט אין יענע שווערע צייטן).

פון צייט צו צייט פלעג איך באַזוכן דאָס געטאָ און אַלע מאָל זענען די הייזער געוואָרן מערער אויסגעליידיקט פון די איינוווינער, און אינעווייניק, אין די שטובן ווי נאָך אַ פּאָגראָם: צעוואָרפענע זאַכן, פעדערן אין דער לופט און אויף דער פּאָדלאָגע, פּאָטאָגראַפיעס, וואָס האָבן זיך געוואַלגערט פאַריתומטע, ווי שטומע עדות פון פאַר־גאַנגענע דורות. אויף די פּוסטע געסלעך האָבן אַמאָל זיך באַוויזן עלטערע יידן, וואָס האָבן געפּרעפּלט אַ תפילה און געזוכט אין זיי אַ טרייסט.

בעת אַזעלכע באַזוכן אין געטאָ, האָט מיך תמיד באַגלייט דער אַלטער אייזנבוד מיט זיין שטאָק אין האַנט. שטענדיק זיך געהאַלטן ווירדיק און מוטיק און גערעדט מיט הומאָר. אויך דער אַלטער רב, הגם ער האָט געגלייבט און איז גרייט געווען צו גיין אויף קידוש השם, האָט כסדר געטענהט, אַז מען דאַרף זוכן וועגן ווי אַזוי זיך

צו ראַטעווען. ער האָט געלייגט אַ סך האָפענונגען אויף זיין קרוב, דער דענטיסט בעלקין, וועמען די דייטשן האָבן איבערגעפירט קיין איוועניץ, ער זאָל זיי היילן די ציין.

אייזנבודן און זיין משפחה האָט דער אָרטיקער גלח פאָרגעלייגט אַ באַהעלטעניש און שוץ — אָבער ער האָט דעם פאָרשלאָג אָפּגעוואָרפן, נישט געוואָלט פאַרלאָזן די עדה יידן.

מיין לאַגע איז געווען זייער קאָמפּליצירט. מיין פרוי בראָניע איז געווען אין אַנדערע אומשטענדן און געוואַרט אויפן געבורט, איז דעריבער שווער געווען צו פאַרלאָזן דאָס אָרט, הגם איך האָב געהאַט זייער קאָנקרעטע פאָרשלאָגן וועגן הילף:

1) גיין אין דער פאַרטיזאַנקע, מיט וועלכער כ׳האָב געהאַט אַ פאַרבינדונג דורך אַ קריסט פון מיקוליץ;

2) מיינע קריסטלעכע פאַציענטן האָבן מיר צוגעזאָגט אַ זיכער באַהעלטעניש.

דערווייל האָב איך באַשלאָסן אַוועקשיקן מיין פרוי אין איוועניצער שפּיטאָל, צום ווייסרוסישן דאָקטאָר, וועלכער האָט מיר צוגעזאָגט זי אויסצובאַהאַלטן ביז נאָכן געבורט. זי האָט פאַרשטאַנען, אַז אין איר לאַגע וועט זי נאָר באַשווערן מיר און איר ברודער חילעק — און זיך אָנגעכאַפּט אין דעם געדאַנק. אָנהייב יוני האָט זי מיין באַקאַנטער קריסט איבערגעפירט קיין איוועניץ. איך האָב זי באַגלייט אַ שטיק וועג און מיר האָבן זיך געזעגנט מיט טרערן אין די אויגן און אַ שווער האַרץ.

אין יענע טעג האָבן זיך פאַרשטאַרקט די שמועות וועגן דער זיך דערנענטערנדיקער קאַטאַסטראָפע. מען האָט געוווּסט, אַז אין איוועניץ איז פאַראַן אי די געסטאַפּאָ, אי די א. ג. איינזאַץ־טרופּן, וועלכע פירן אַדורך מאַסן־ליקווידאַציעס פון יידישע ישובים. דעם 10טן יוני האָבן פויערים געבראַכט די ידיעה, אַז נאָענט פון סימקעוויטשער וואַלד ווערן צוגעגרייט ריזיקע גריבער. אָבער יידן האָבן זיך געטרייסט, אַז דאָס זענען אָקאָפּעס קעגן פאַרטיזאַנער, פון דעסטוועגן האָט מען געזוכט אַלערליי וועגן זיך צו ראַטעווען. מען האָט זיך איינגעאָרדנט באַהעלטענישן אויף בוידעמער, קעלערס, אין קאַמערס, שטאַלן און שייערס. אַנדערע האָבן געהאַלטן, אַז אין אַזאַ קריטישער צייט איז אַמזיכערסטן צו געפינען זיך אין שפּיטאָל. האָט מען מיט געלט געזוכט פּראָטעקציע ביים רוסישן דאָקטאָר, אַז ער זאָל אָננעמען צו זיך אין שפּיטאָל.

אין דער נאַכט פון 12טן יוני, איז דאָס געטאָ געוואָרן אַרומגערינגלט פון דער ווייסרוסישער פּאָליציי — און קיינער איז שוין נישט איינגעשלאָפן, פאַרשטייענדיק, אַז דאָס איז דער אָנהייב פון ליקווידירן דאָס געטאָ. איך און מיין שוואָגער חילעק און די צוויי ברידער בעלקין, האָבן אַ גאַנצע נאַכט זיך געגרייט אין וועג אַריין. מיין פּלאַן איז געווען צו פאָרן אין דער פרי אין איינעם פון די דערפער, אונטער׳ן אויסרייד צו שטעלן אַלעמען פּאָקן — און דאָרט איבערוואַרטן דעם שרעקלעכן טאָג.

אַרום 8 פרי איז געקומען דער פעלדשער זאַגאַוואַלסקי און דערציילט, אַז ער האָט מיט גרויסע שוועריקייטן קוים זיך דורכגעריסן דורך די פּאָליציי־קאָרדאָנען און וואַכן. איך האָב אים געבעטן גיין אין געטאָ און ברענגען ידיעות, וואָס דאָרט קומט פאָר. עס האָט זיך נאָך אַלץ נישט געוואָלט גלייבן, אַז מען גרייט זיך אומצוברענגען אַ גאַנצן ישוב. מיט אַמאָל דערזע איך, ווי די בעלקינס נעמען זייערע פּעקלעך און לאָזן זיך צום געטאָ מיטן מאָטיוו, אַז מען פירט די יינגערע צו אַרבעט — און זיי זענען גרייט

מיטצוגיין... דערנאָך האָב איך געשיקט מיין הויז־ווירטין יאַנאָוואַ עפּעס זיך דערוויסן, ווייל אויף איר איז זיך געווען מערער צו פאַרלאָזן ווי אויף דעם פעלדשער. זי איז באַלד צוריקגעקומען מיט דער נייעס, אַז אין געטאָ איז אוממעגלעך אַריין צו קומען, ווייל פּאָליציי האָט עס אַרומגעשטעלט פון אַלע זייטן. דערביי האָט זי מיר דערציילט, אַז זי איז בייגעווען בעתן געשפּרעך צווישן די ברידער בעלקין און דעם פּאָליציי־קאָמענדאַנט זשיכער, וועלכע האָבן אים געפרעגט:

— פּאַניע קאָמענדאַנטשיע, טשי מאַמי זאַבראַטש זע סאָבאָן זשעטשי?״ (הער קאָמענדאַנט, צי מיר דאַרפן מיט זיך מיטנעמען זאַכן?).

אויף דעם איז געקומען אַן ענטפער: — „אידיאָטשי, דאָ גראָבו ניע בענדאָן וואַם פּאָטשעבנע זשעטשי...״ (אידיאָטן, אין קבר אַריין וועט איר נישט נייטיק קיין זאַכן...).

דערהערנדיק די ידיעות, האָב איך און מיין שוואָגער שנעל זיך אָפּגעטראָגן צו אונדזער באַקאַנטער קריסטין, באַראַנסקאַ, וועלכע איז גראָד נישט געווען אין דער היים. איר מאַן איז געוואָרן בלייך און דערשראָקן, דערזעענדיק אונדז ביידע. קיין סך צייט איז נישט געווען צו פאַרלירן. איך האָב געכאַפּט מיין מאַנטל און די טעקע מיט דער ערשטער מעדיצינישער הילף, שנעל אַריבערגעשפּרונגען דעם פּאַרקאַן און זיך געלאָזט לויפן. מיין שוואָגער, וועלכער האָט זיך פאַרהאַלטן ביים אויסטוישן אייניקע זאַכן אויף צידה לדרך, האָט ניט באַוויזן נאָכצוטאָן מיין ביישפּיל און זיך באַהאַלטן אין קלאָזעט אויפן הויף, צו וועלכן עס האָט זיך גראָד דערנענטערט די פּאָליציי.

איך בין דורכגעלאָפן די בריק ביי דער וואַסער־מיל פון ליאָטע סעגאַלאָוויטש און זיך פאַרשטעקט אין אַ ריוו, אינעם קליינעם וועלדל און באַשלאָסן דאָרט איבער־וואַרטן ביז ביינאַכט. דערנאָך האָב איך דערהערט פון דער ווייטנס אַ שטאַרקע שיסעריי און פאַרשטאַנען, אַז עס האָט זיך דאָרט אָנגעהויבן די שחיטה... מיין האַרץ האָט געבלוטיקט פון יסורים און שרעק, הגם אַרום מיר איז די לאַנדשאַפט און וועטער געווען אַזוי שיין און שלווהדיק.

מיט אַמאָל דערהער איך טריט. צוויי פּויערים האָבן זיך אָפּגעשטעלט ניט ווייט פון מיין באַהעלטעניש און זיך געאַמפּערט וועגן אופן פון פאַרטיילן צווישן זיך דאָס נאָר־וואָס צוגערויבטע יידישע פאַרמעגן...

אין וואַלד, צו די פּאַרטיזאַנער

ווי נאָר ס'האָבן זיך באַוויזן די ערשטע שטערן אויפן הימל, בין איך אַוועק פון מיין באַהעלטעניש אין דער ריכטונג פון מיקוליץ און פאַרבייגייענדיק לעבן שפּיטאָל, האָב איך אָנגעקלאַפּט אין פענצטער פון דעם רוסישן דאָקטאָרס וווינונג. ער איז באַלד צו מיר אַרויס און כ'האָב דערשפּירט, אַז ר'איז שיכור ווי לוט. ער האָט דערציילט וועגן דער גרויסער שחיטה און צוגעגעבן, אַז אויך מיין פרוי איז דערשאָסן געוואָרן אין איוועניץ. (שפּעטער האָט זיך אַרויסגעוויזן, אַז די ידיעה איז נישט געווען קיין ריכטיקע. ערשט מיט אַ צייט שפּעטער, ווען זשיכער האָט זיך דערוווסט, אַז איך בין אין דער פּאַרטיזאַנקע, האָט ער זי אויסגעליפערט די דייטשן אַלס נקמה־אַקט קעגן מיר). דערשלאָגן פון דער דאָזיקער שרעקלעכער ידיעה, האָב איך זיך געלאָזט אין וועג

אַריין, נאָך מיקוליץ, וווּ כ׳האָב ביי אַ באַקאַנטן פויער געטראָפן מיין שוואָגער. איך האָב אים איבערגעגעבן די איוב־בשורות — אוןביידע האָבן מיר זיך צעוויינט.

ביז 4 פאַרטאָג זענען מיר געלעגן אין דער סטאָדאָלע. מיטן ערשטן פרימאָרגן־שטראַל האָט דער פויער אונדז צוגעפירט צום וואַלד, געגעבן דערקלערונגען ווי אַזוי דאָרט אָנצינדן אַ פייער און אויסזוכן וואַסער און ביים געזעגענען זיך, געזאָגט:

— איר פאַנגט איצט אָן אַ נײַ לעבן. איך וועל אייך ניט פאַרלאָזן...

כ׳האָב אים געגעבן אַ בריוו צו דער באַראַנסקאַ, ווייל כ׳האָב געוואָלט וויסן מערער פרטים פון מיין פרוי.

אויפן דריטן טאָג פון אונדזער זיין אין וואַלד, האָבן מיר אָנגעטראָפן אויף אַ גרופּע פּאַרטיזאַנער און צווישן זיי — אונדזערע באַקאַנטע לייב סלאָבאָדקין און יוסף פּישקין. נאָר בעצם זענען מיינע קאָנטאַקטן מיט די פּאַרטיזאַנער געווען אַ סך פריער, און וועגן דעם — עטלעכע ווערטער:

אין ווינטער 1941/42, ווען כ׳האָב נאָך געאַרבעט אין רוביזשעוויטש אַלס דאָקטאָר, אין דער אַמבולאַטאָריע, פלעגן מיך באַזוכן שליחים פון די פּאַרטיזאַנער און באַקומען ביי מיר פאַרשידענע מעדיקאַמענטן און באַנדאַזשן פאַר זייערע גרופּן. די דאָזיקע שליחים פלעגן מיר געבן אָנצוהערן, אַז זייערע באַזעס געפינען זיך ניט ווייט פון רוביזשעוויטש און אַז די אַקטיווע קעמפערס מיטן נאַציזם זענען מענטשן פון פאַרשידענע נאַציאָנאַליטעטן. ניט איין מאָל האָט מען מיך געפרעגט, אויף וואָס וואַרט איך... כ׳האָב אָבער אויסגעמיטן צו געבן זיי אַ קלאָרן ענטפער, צוליב דער לאַגע פון מיין פרוי.

אין יענער צייט האָט זיך געשטאַרקט דער פערמענט צווישן דער יידישער יוגנט אין געטאָ, וועלכע האָט פאַרשטאַנען דעם זין פון דער דייטשער אויסראָטונגס־פּאָליטיק און זיי האָבן קיין אַנדערן אויסוועג ניט געזען, ווי נאָר ווידערשטאַנד אויסער דעם געטאָ. אָבער ווי קען מען עפּעס פאַרלאָזן טאַטע־מאַמע, אַן אַלטן זיידן, אַ יונגע פרוי, צי אַ פּיצל קינד? דאָך האָבן זיך געפונען אַ 25 יונגעלייט, וועלכע האָבן באַשלאָסן אָרגאַניזירטערהייט צו פאַרלאָזן פרילינג דאָס געטאָ און אַרויס אין וואַלד. אַ גאַנצן ווינטער האָט מען געקויפט ביי די פויערים געווער, אָדער עס געגנבעט ביי די דייטשן — און אין חודש אַפּריל 1942 זענען זיי אַוועק אין מיקוליצער וואַלד, וווּ מען האָט קודם אָנגעהויבן זיך לערנען צו באַגיין מיט דער ביקס און רעוואָלווער. בעת די איבונגען, איז צוליב אומפאָרזיכטיקייט און אומגעניטקייט דערשאָסן געוואָרן דער אָנפירער פון דער גרופּע. דער דאָזיקער פאַל, ווי אויך דער דרוק מצד דעם יודענראַט, אַז אויב די דייטשן וועלן זיך דערוויסן וועגן רוביזשעוויטשער יידישע פּאַרטיזאַנער, וועט מען אומברענגען דאָס גאַנצע געטאָ — האָט באַוויגן די יונגעלייט אויפצוגעבן זייער פּלאַן וועגן אַ פּאַרטיזאַנער־אָטריאַד און אַלע האָבן זיך אומגעקערט אין געטאָ. בלויז דריי פון זיי זענען געבליבן אין וואַלד: לייב סלאָבאָדקין, יוסף פּישקין און זיין פאָטער שעפּסיל ז״ל, וועלכע האָבן דערנאָך זיך אָנגעשלאָסן אין דער פּאַרטיזאַנער־גרופּע, אָנגעפירט פון סאָוויעטישן קאַפּיטאַן יאַצענקאָ. אים האָבן זיי פאַרטרויט דעם סוד, אַז זיי האָבן באַהאַלטן אַ מאַשין־געווער ניט ווייט פון רוביזשעוויטש. דער קאָמאַנדיר האָט זיך זייער דערפרייט און צוזאַמען מיט די דריי יידן און נאָך עטלעכע

פאַרטיזאַנער אַוועק אויסגראָבן דעם אוצר. אויפן וועג זענען זיי אַריין צו זייער פאַרבינדלער, דעם מיקוליצער פויער, וועגן וועלכן כ׳האָב שוין פריער דערמאָנט — און ער האָט אונדז צוזאַמענגעטראָפן אין וואַלד. יאַצענקאָ האָט מיר געזאָגט:

— דו ביסט אַ דאָקטאָר און גאָר אינגיכן וועט מען דיך דאַרפן, ווייל מיר גרייטן זיך צו אַטאַקירן די דייטשן. עס וועלן אוודאי זיין צווישן אונדז פאַרוווּנדעטע — און דו וועסט אונדז קענען אַ סך העלפן.

ער האָט אַפילו מיר צוגעזאָגט אַרויסנעמען מיין פרוי פון איוועניצער שפּיטאָל און זי איינאָרדענען אין אַ דאָרף. יאַצענקאָ האָט אויפן אָרט באַפוילן צו געבן געווער מיר און מיין שוואָגער — און מיר זענען אַוועק אין דער נאַליבאָקער פּושטשע, געוואָרן פאַרטיזאַנער.

אין אַ חודש אַרום האָב איך זוכה געווען נקמה צו נעמען אין די פאַרהאַסטע דייטשן, נעמענדיק אָנטייל אינעם איבערפאַל פון אונדזער אָטריאַד אויף דער רוביזשעוויטשער פּאָליציי. אין טאָג פון דער באַפרייונג, האָב איך זיך געפונען אין איוויע.

מסיפורי הפרטיזנים שלנו

(מתוך „ספר הפרטיזנים היהודים" כרך א׳, בהוצאת ספרית פועלים, הוצאת הקיבוץ הארצי השומר הצעיר — מרחביה, בסיוע „יד ושם". מערכת הספר: מ. גפן, ח. גרוסמן, ס. חולבסקי, י. סגל, א. קובנר, ר. קורצ׳אק. הופיע בישראל, 1958).

באזור רוביז׳ביץ׳

רוביז׳ביץ׳ — עיירה נידחת על הגבול הפולני־רוסי לפני 1939, בין סטולפצי ואיבניץ. בעיירה זו הקימו הגרמנים את הגיטו שבועיים לאחר פלישתם, וריכזו בו כ־200 משפחות יהודיות. לאחר זמן העבירו הגרמנים לעיירה זו את היהודים מארבע עיירות סמוכות: קמן, דרבנה, וולמה ונאליבוקי, ביחד 2400 נפש. עם אירגון המחנה בדבורץ, העבירו הגרמנים את הצעירים ובעלי המקצוע מרוביז׳ביץ׳ למחנה. יחידים צעירים ברחו מדבורץ חזרה לרוביז׳ביץ׳ וחיו בהסתר בגיטו. ביניהם היו יוסף פישקין ולייב סלובודקין.

